STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04169

BYUROKRATYE IN AMERIKANER YUNYONS

M. Rubin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. רובין

ביוראָקראַטיע אין אַמעריקאַנער יוניאָנס

מיט א פאָררעדע
פון יצחק אייזיק הורוויטש.

הויפט פערקויף:
ליטעראַרישער פארלאַג
439 גרענד סטריט
ניו־יאָרק.

Copyright by
M. RUBIN
1923

אינהאלט:

זייט

1) פאררעדע פון יצחק אייזיק הורוויטש — — — — — I—IV
2) אינהאלט־פארצייכניס — — — — — — — — — — 3

ערשטער טייל:

3) איינלייטונג — — — — — — — — — — — — — 7
4) די אויפפאסונג פון יוניאניזם ביי די אמעריקאנער פירער 17
5) קאלעקטיווע אפמאכונגען און ארביטראציעס אלס שטענ־דיגע אינסטיטוציעס אין די אמעריקאנער יוניאנס — 42
6) די טאקטיק און באציהונגען צו די קאפיטאליסטען מצד די פירער פון די אמעריקאנער יוניאנס — — — — 65
7) שטרייט־פראגען צווישען אמעריקאנער יוניאן־פירער און די ארבייט־געבער — — — — — — — — — — 84
8) די מעטאדען פון קלאסען־קאמף אין די אמעריקאנער יוניאנס — — — — — — — — — — — — — 98

צווייטער טייל:

9) דער געבוי פון די אמעריקאנער יוניאנס און די יוריס־דיקציע קאמפען — — — — — — — — — — — — 119
10) די ערציהונג פון די ארבייטער אין די אמעריקאנער יוניאנס 141
11) די פרייהייטס־באשרענקונגען פון ווארט און שריפט אין די יוניאנס — — — — — — — — — — — — 158
12) די שטעלונג פון די יוניאן־פירער צו דעמאקראטיע — 173
13) די באציהונגען פון די פירער צו די ארבייטער און זייער ראלע אין די יוניאנס — — — — — — — — — 188

דריטער טייל:

14) מאשין פאליטיק און קארופציע אין די אמעריקאנער יוניאנס — — — — — — — — — — — — — 201
15) פארפאלגונגס־פאליטיק און דער טעראר אין די יוניאנס 221
16) די יניקה פון דער קליקע־הערשאפט אין די אמעריקאנער יוניאנס — — — — — — — — — — — — — 237
17) די אנטשטייאונג פון אפאזיציעס און זייער ווירקונג אויף די אמעריקאנער יוניאנס — — — — — — — — — 248
18) שלוס ווארט — — — — — — — — — — — — — 260

פאָררעדע.

איך באטראכט מיין פריינט רוביז'ס בוך פאר א פארטזעצונג פון מיינע אייגענע „שטרייטפראגען פון סאציאליזם". מיט א רייי־כען מאטעריאל פון פאקטען, וועלכע ער האט פלייסיג געזאמעלט גאנצע צעהן יאהר, סיי פון זיין אייגענער ערפארונג אלס א טעטי־גער יוניאן־מאן, סיי פון דער ארבייטער פרעסע, ווייזט ער, ווי עס האט זיך אין דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג אויסגעבילדעט א באזונדערער קלאס — א יוניאן־ביוראקראטיע, וואס איהר גע־פינט ניט אין קיין ארטאדאקסישער (קאוטסקיאנישער אדער קא־מוניסטישער) איינטיילונג פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט אין קלאסען. דאס איז א קלאס מיט זיינע אייגענע קלאסען־אינ־טערעסען.

עס איז גאנץ מעגליך, אז ביי די מערסטע פון דעם דאזיגען קלאס פעהלט אן אייגענער קלאסען־באוואוסטזיין, פונקט אזוי ווי ביי דער מעהרצאהל פון דעם אמעריקאנער פראלעטאריאט בכלל פעהלט א פראלעטארישער קלאסען־באוואוסטזיין. עס זיינען אבער פאראן פירערס פון דעם נייעם קלאס מיט א גאנץ קלאהר אויס־געפרעגטען ביוראקראטישען קלאסען־באוואוסטזיין. איך קען דאס אילוסטרירען מיט א פאקט, וואס איז, ווי ווייט איך ווייס, קיינ־מאל ניט פארעפענטליכט געווארען.

אין אנהויב 1914, ביי א קאנפערענץ פון אמעריקאנער יוניאן־לידערס, וואס דזשאן דייטש האט צונויפגערופען אין דער צייט פון דעם קאמפף פון קלאוק אפערייטארס לאקאל איינס געגען די קליקע וואס האט דעמאלט געהערשט אין דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, האט זיך דער פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערישאן אף לעיבאר געווענדעט צו די בעאמטע

פון דער אינטערנײשאַנאַל בזו הלשון: „א י ה ר זײט די יוניאָן!“ און אַז ז י י זײנען די יוניאָן, איז זײן עצה געװען, זײ זאָלען ניט פאָלגען די רעפערענדום אָפּשטימונג פון די מיטגלידער פון דער יוניאָן, װעלכע האָבען זיך מיט אַ מאַיאָריטעט פון מעהר װי צװײ דריטעל אױסגעשפּראָכען געגען זײ. קען נאָך דער קלאַסען־באַ־װאוסטזײן פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע אױסגעדריקט װערען בולט׳ער?

איך מוז אָבער דאָ באַמערקען, אַז דער מחבר מאַכט אַ טעות פאַרבינדענדיג די יוניאָן־ביוראָקראַטיע מיט אַ באַשטימטער פאָרמע פון יוניאָניזם — דעם „קראַפט־יוניאָניזם“, אָדער מיט אַ באַשטימ־טער פּאָליטישער ריכטונג — די „רעכטע“.

דער מחבר װײזט אָן גאַנץ ריכטיג, אַז אײנער פון די ערגסטע בײשפּילען פון אַ יוניאָן־ביוראָקראַטיע איז די הערשענדע קליקע פון דער יונײטעד מײן װאָירקערס, אָבער דאָס איז ניט קײן אָרגאַני־זאַציע פון פאַך־אַרבײטער, נאָר דוקא אַן אינדוסטריעלע יוניאָן. און װאָס איז שײך „רעװאָלוציאָנערקײט“, איז דאָס אַפּנים אױך ניט קײן סגולה געגען ביוראָקראַטיע. די אַמאַלגאַמײטעד קלאָ־דהינג װאָירקערס איז אָרגאַניזירט געװאָרען דורך אַ רעװאָלט גע־גען דער קאָנסערװאַטיװער יונײטעד גאַרמענט װאָירקערס, זי שטעהט נאָך עד היום מחוץ למחנה פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָװ לײבאָר. אָבער די פאַקטען װאָס דער מחבר ציטירט באַװײזען, אַז עס איז פאַראַן בײ איהר די אײגענע ביוראָקראַטיע װי אין די כשר׳ע „לאָיאַלע“ יוניאָנס. און װאָס איז שײך די „לינקע“ פּרעסע און איהרע באַציהונגען צו דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע, טו איז עס װידער אַ טעות, װען דער מחבר מאַכט אַ חלוק צװישען איהר און דער רעכטער פּרעסע, — אין דער פּראַקטיקע האַנדעלט זיך נאָר װעגען דעם, מיט װ ע ל כ ע ר יוניאָן די „רעכטע“ אָדער די „לינקע“ צײטונג איז גוט־פרײנט. „סאַפּיענטי סאַט“, װי מ׳זאָגט אױף לאַטײן, װאָס דער טײטש דערפון איז: װער עס פאַר־שטעהט אַן עסק, װעט זיך אַלײן אָנשטױסען.

די װאָרצלען פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע ליגען טיפער —

אין דעם גאנצען געבוי פון דעם אמעריקאנער עפענטליכען לעבען. אין דער פאליטיק, אין די „בענעפיט סאסייעטים" (פאראיינע פאר געגענזייטיגע הילף), אין ווויסענשאפטליכע פאראיינען, — אומעטום, אין יעדער קהל'שער אינסטיטוציע געפינט איהר דיזעלביגע ביוראקראטיע. און אמעריקע איז ניט קיין אויסנאם. פראפעסאר מיכעלעס וויזט אין זיין בארימטען בוך איבער די פאליטישע פארטייען, אז די סאציאליסטישע פארטייען פון אלע אייראפעאישע לענדער זיינען אויפגעבויט אויף דעמזעלביגען פלאן, און ער קומט צו דעם פעסימיסטישען שלום, אז א דעמאקראטיע איז א חלום, אז זי דעגענערירט אומעטום אין אן אליגארכיע. און אין דעם נייעם בוך פון דעם געוועזענעם פאלקס־קאמיסאר פון יוסטיץ פון דער סאוויעטישער רעפובליק „סטוטשקא" איבער „די לעהרע פון שטאאט און פון דער קאנסטיטוציע פון דער סאוויעטישער רעפובליק," וואס איז אפגעדרוקט געווארען אין מאסקווע, אין א רעגירונגס־דרוקעריי געפינען מיר אן אפטיילונג פון א קאפיטעל אונטער דער קעפעל: „ביוראקראטיזם און די סאוויעטישע רעגירונג".*) אט וואס ער זאגט וועגען דער „סאוויעטישער ביוראקראטיע":

„דעם ביוראקראטיזם האבען מיר געקראגען בירושה פון דעם פריהערדיגען צאר צוזאמען מיט זיינע אינסטיטוציעס. און מיר האבען איהם ניט אפגעשאפט, נאר פארקערט אין פילע פרטים האבען מיר איהם ערגער געמאכט." (ז. 239).

דער קאמפף געגען די אליגארכיע און פאר אן אמת'ע דעמאקראטיע האט זיך אנגעהויבען אין אמעריקע אויף דעם פאליטישען געביט און אנגעפירט איהם האבען ביז אהער דוקא די „קליינבירגערליכע ליבעראלען". זיי האבען דאס איינגעפירט דעם געהיימען באלאט, דעם רעפערענדום, דעם ריקאל, די דירעקטע פריימערים (וואהלען אויף אויסצוקלייבען קאנדידאטען פאר די הויפטוואהל). כדי צו ברעכען די מאנאפאליע פון דער מאשין אדער דער פרעסע, האט מען דורכגעפירט א געזעץ אין א סטעיט, אז די רעגירונג איז מחויב צו דרוקען א קורצע פרינציפען־ערקלערונג פון יעדערען קאנדידאט. אפילו די שאפ־סטיואררדס און די „סאוויעטען" אין די

פאבריקעם האבען שוין געהאט זייער פראטאטיפ אין דעם אמערי־קאנער „טאון־מיטינג“ און אין עהנליכע פאליטישע אינסטיטוציעס אין אנדערע לענדער.

ס'מעג טאקע זיין ריכטיג, ווי דער מחבר דענקט, — און אויף דערויף זיינען פאראן ביישפילען — אז דורך דירעקטע אקציאן אויף דעם אינדוסטריעלען פעלד קען מען אמאל גיכער קומען צו א רע־זולטאט, איידער אויף דעם געוועהנליכען פאליטישען וועג. אבער, ווי ער ווייזט אונז, זיינען דאך דערוויילע די דעמאקראטישע עלע־מענטען א סך מאכטלאזער אויף דעם אינדוסטריעלען ווי אויף דעם פאליטישען פעלד. כדי זיי זאלען קענען קומען צום ווארט אין זייער קאמפף פאר אינדוסטריעלע דעמאקראטיע, וועלען זיי קודם מוזען דורכמאכען דעמזעלבינען וועג ווי די אמעריקאנער רעפאר־מערס אין זייער קאמפף פאר פאליטישע דעמאקראטיע.

יצחק אייזיק הורוויטש.

א י י נ ל י י ט ו נ ג.

זינט דער עקאנאמישער קאמף איז ארויס פון די פרימיטיווע פאזען פון מיטעלאלטער, מיט די צאלרייכע שקלאפען אויפשטאנדען און פויערים רעוואלטען פון א צופעליגען כאראקטער, מיט וועלכע פיעל בלעטער פון דער געשיכטע זיינען פארשריבען, האט ער שטר־פענווייז אנגענומען די באשטימטע פארמע פון דער ט ר י י ד י ו נ י א ן באוועגונג.

די דאזיגע באשטענדיגע ארבייטער־ארגאניזאציעס, וועלכע זיינען ענטשטאנען אין פראנקרייך אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע פון 1789, און אין ענגלאנד אנפאנג פון 18טען יארהונדערט, און האבען שפעטער ארומגענומען כמעט גאנץ איירפא, און זיינען אויך אריבערגעשפרונגען איבער'ן אקעאן אין דער נייער וועלט, האבען גלייך אנגעצייכענט א נייעם עטאפ אין עקאנאמישען קאמף מיט'ן יונגען, נאך דאמאלט וויניג אנטוויקעלטען קאפיטאליזם.

די הויפט אויפגאבע וואס די יוניאן באוועגונג האט זיך גע־שטעלט ביי איהר סאמען אנפאנג אלס באשטענדיגע ארבייטער ארגאניזאציע, איז געווען צו פארהיטען, אז דער צושטאנד פון די ארבייטער מאסען זאל ניט ווערען נאך ערגער, און ווי ווייט מעגליך צו פארבעסערען וואס ווייטער אלץ מעהר די ארבייטס־באדינגונ־גען, אום צו פארזיכערען אן אנשטענדיג לעבען פאר דעם ארבייטער קלאס.

די קאמפס־מיטלען און וועגען, וואס די טרייד יוניאנס האבען אנגעפאנגען צו באנוצען זיינען געווען צווייפאכיגע. פון איין זייט פארשידענע „פרידענס" מעטאדען, ווי למשל, קאלעקטיווע אפמא־כען, ארביטראציאנס קאמיטעטן, און אנדערע מאשינערי צו שליכ־טען צווייסטיגקייטען פון די ארבייטער און באלעבאטים. פון דער

צווייטער זייט דעם ארגאניזירטען סטרייק אלס דירעקטע וואפע געגען די עקספּלואטאציאן דורך קאפיטאל.

וויפיעל די אקאדעמיקער, צווישען וועלכע עס געפינען זיך פון גאנץ קליינע מיטעלמעסיגקייטען, ביז אזעלכע גרויסע געניאלע דענקער, ווי אנאטאל פראנס זאלען ניט אויס מידיגקייט... אונטערשאצען דעם דאזיגען קאמף־מיטעל, איז דער סטרייק דאך דאס הויפט־געווער, וואס האט זיך אנטוויקעלט דורך ערפארונג פון לעבען, סאי ביים ארבייטער אין פאבריק, און סאי ביי די קוילען גרעבער אין שאכט, און ביי שטיין האקערס אין טונעל, אלס דער בעסטער פאנצער אין קאמף פאר זיין מענשליכען עקזיסטענץ. ווי אומערפאלגרייך דיזער מיטעל פון סטרייק, וואס איז אין די מאדערנע צייטען אריינגעדרונגען אין אלע ווינקעלאך פון דער געזעלשאפט, פונ׳ם גאסען־קערער ביז אין די פאלאצען פון די קעניגע, זאל מאנכעסמאל זיך ניט אויסלאזען, האט ער דאך א שעצבארען ווערט, מיט דעם וואס ער ערציהט דעם ארבייטער וואס ווייטער אלץ מעהר פאר א העכערען, מוטיגען קעמפער, פון זיין זאנסט אומבאהאלפענער לאגע פון אן אונטערווארפענעם קנעכט צום קאפיטאליזם, פאר א פרייע געזעלשאפט אנשטאט לוין־שקלאפעריי.

אויסער אט דעם עקאנאמישען קאמפף־מיטעל — דעם סטרייק האט די ארבייטער באוועגונג אויך אנגענומען דעם אנדערען קאמפף־מיטעל: די פאליטישע אקציאן, אין דער פארמע פון פעטיציעס, פראטעסטען און דעמאנסטראציעס. דאס איז א לאנגער קאמפף געגען די רעגירונגען פאר ליבעראלע ארבייט־געזעצען; פארבאט פון קינדער ארבייטען, שוץ פארזיכערונגען פאר די ארבייטער, און, הויפטזאכליך, די לעגאליזירונג פון דאס ארגאניזאציאנס־רעכט פון די ארבייטער, ווארום ביז ווייט אין 19טען יארהונדערט זיינען די ארבייטער ארגאניזאציעס געווען פארעכנט אלס א קאנספיראציע און קרימינעלער פערברעכען געגען דער געזעלשאפט.

אבער אין לויף פון דער צייט האט דער קאפיטאליזם אנגעפאנגען צו שפרייזען מיט ריזען טריט אויפ׳ן וועג פון פראגרעס, מיט די וואונדערבארע ערפינדונגען אין טעכנישער אנטוויקלונג, פון דער דאמף מאשין ביז דעם „כשוף“ פון עלעקטריציטעט, און האט דורך דעם רעוואלוציאניזירט דאס גאנצע ווירטשאפטליכע

לעבען, און אוועקמאַכענדיג די ווייטקייט און אָפּגעזונדערטקייט פון פעלקער און נאַציאָנען, האָט ער אַריינגעפירט די „פרייע" גאַווי־גאַציע און טראַנספּאָרט, באַשאַפענדיג דעם אינטערנאַציאָנאַלען מאַרק פון וועלט־האַנדעל. דער דאָזיגער וואונדערבאַרער אויפ־שוואונג פונ׳ם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּאַ און ספּעציעל אין אַמעריקאַ—האָט נאַטירליך געמוזט האָבען זיין ווירקונג אויף די עקאָנאָמישע כחות־פאַרהעלטנישען צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל. דער קאַפּיטאַליזם וואָס האָט אַרויסגעשטופּט די געבונדענע ווירט־שאַפט, אַריינטרייבענדיג די גרעסטע מערהייט פון בעלי מלאכות אין האַנטווערקער אין די אינדוסטריעלע פאַבריקען, האָט באַשאַפען ביי די קאַפּיטאַליסטען וואָס ווייטער אַלץ אַ גרעסערען אַפּעטיט צו עקספּלואַטירען און פּראָפיטירען, און ער האָט מיט דעם צוועק זיך אָנגעפאַנגען צו פאַראייניגען אין אַסאָסיאַציעס און אין „טראַסטס", כדי אַרויסצושטעלען אַ שטאַרקע און סאָלידע קראַפט געגען דעם אָרגאַניזירטען כח פון דער אַרבייטער־באַוועגונג.

די יוניאָן באַוועגונג, וועלכע שטעהט אומעטום, אין אַלע לענ־דער האַרט לעבען די פאָרטשריטליכע עלעמענטען פון סאָציאַליזם, האָט פון איהר זייט, פאַרנאַנדערגעוויקעלט אַ ברייטערען ראַדיקאַ־לען פּראָגראַם, וואָס באַנוגענט זיך שוין מעהר ניט מיט די מיני־מאַל־טעגליכע פאָרבעסערונגען: (וועלכע זי האָט יעדענפאַלס ניט אַרויסגעלאָזען פון אויג) ווי קלענערע אַרבייטס־שטונדען און גרעס־סערע פאַרדינסטען, נאָר זי האָט אויפגעצייכענט אויף איהר פאָן פאַרשידענע לאָזונגען פון אַ גאַנץ אַנדער סאָציאַל־עקאָנאָמישען כאַראַקטער, וועלכע גרייפען אָן דעם פונדאַמענט פון היינטיגען קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם. דאָס זיינען: „נאַציאָנאַליזירונג" און אינדוסטריעלע זעלבסט־קאָנטראָל פון די אַרבייטער אין ענגלאַנד, די סאָציאַליזירונג פון די אינדוסטריעס אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, און אין איטאַליען, ניט רעדענדיג שוין וועגען די סאָציאַלע אומ־וועלצונג פון קאַפּיטאַליזם, און ענדגילטיגע אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין רוסלאַנד. די נייע־סטע שטרעבונגען פון די אַרבייטער באַצוועקען אויך איבערצו־בויען די פאַך־יוניאָנס אויף אינדוסטריעלע יסודות, וואָס זאָל זיי מאַכען מעהר צוגעפּאַסט אַלס קאַמפף־אָרגאַניזאַציעס צו דער אינ־

דוסטריעלער אנטוויקלונג פון 20טען יאָרהונדערט. **די אידעען פון** „סינדיקאַליזם“, „אינדוסטריאַליזם“, „שאָפּ סטיוארד־באַוועגונג“ (וואָס מיינט ניט אנדערש ווי סאָוועטיזם אויף אן ענגלישען פאַ־סאָן), זיינען סימנים, אז די אַרבייטער זיינען אַרויף אויף דעם רעַ־וואָלוציאָנערען וועג, וואָס מאַכט זיי ראָוי דורכצופירען די היסטאָ־רישע מיסיאָן פון עקאָנאָמישער גלייכקייט און אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע אלס די באַפרייאונג פון דער מענשהייט.

אָבער צו האָט אויך די אמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג מיטגעמאַכט די דאָזיגע אנטוויקלונג אויפ'ן וועג פון פאָרווערטס־מאַרש צוזאַמען מיט'ן אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט? צו האָבען די אמעריקאַנער יוניאָנס זיך צוגעפּאַסט צו די „אייזערנע“ געזע־צען, פון „דינאַמיקס“ פון אמעריקאַנישען קאַפּיטאַליזם מיט דער גי־גאַנטישער קראַפט פון די „טראַסטס“? צו שפּילען די פירער פון דער אמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג כאָטש אזא גענוג־מעסיגע פּראָגרעסיווע ראָלע ווי די אַרבייטער־פירערשאַפט אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און איטאַליען? אויף די דאָזיגע פראַגען טאַקע וויל איך פּרובירען געבען אן ענטפער, און מאַכען א פּאַרזוך צו באַווייזען מיט פאַקטען גענומען פון לעבען, אז די פירערשאַפט אין די אמעריקאַנער יוניאָנס איז גאָר דער היפּוך דערפון. פאָר־קערט, זיי האָבען די יוניאָן באַוועגונג אין אמעריקא געבראַכט צו אזא טרויעריגער שטופּע פון רעגרעס, אז זי איז געבליבען הינטער־שטעליג אויף הונדערט יאָהר פון דער אָרגאַניזירטער אַרבייטער־שאַפט אין אייראָפּא. נאָכמעהר, זיי האָבען די יוניאָנס אזוי שטאַרק אריינגעקלאַמערט אין די פאַרגליווערענד־אָפּגעלעבטע פאָרמען פון פאַך יוניאָניזם, אז זי פאַרקריפּעלט און שטערט יעדען פאָרשריט פון אַרבייטער־קאַמפּף אויפ'ן וועג צו זיין ענדגילטיגער באַפרייאונג פון לוין־שקלאַפעריי.

צום באַדויערן איז אָבער ביז איצט, צי אויס מוטלאָזיגקייט, אָדער אויס אייגען־נוץ אין גאַנצן פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען די דאָ־זיגע וויכטיגע אַרבייט פון א קריטישער באַלייכטונג פון דער יוניאָן־באַוועגונג אין אמעריקא. מיט אויסנאַם פון די אויסגעצייכענטע, קריטישע, אָבער דאָך פאַרבייגעהענדע אַרטיקלען וואָס ערשיינען

אין די צייטונגען און זשורנאַלען פון דר. י. א. הורוויטש. וועגען די אוטאָקראַטישע פירונגען און רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון די אמעריקאַנער יוניאָנס, און אויסער דער קריטיק פון די „לינקע“ פּאַרטייען און א. וו. וו. („איי דאַבּעליו דאַבּעליו“*) איז נאָך כמעט נישט בערירט געוואָרען דיזער וויכטיגער פּראָלעטאַרישער צד פון עקאָנאָמישען לעבען, וואָס כאַפּט ארום לויט דר. הורוויטש'ס זעהר פּאָרזיכטיגע ציפערן ביי 37 פּראָצענט**) פון דער געזעלשאַפט. יאָ, די לעצטע יאָהרען זיינען אפילו ערשינען עטליכע ביכער אויף דעם געביט, ווי למשל: „די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג“, ארויסגעגעבען פון די „פּאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען“ פון ה. בורגין; א בוך וועגען „דעם נייעם יוניאָניזם“ פון י. מ. בודיש און דזש. סאול (אין ענגליש), און א בראָשורע פון דר. י. לעווין איבער „טרייד יוניאָניזם“, ארויסגעגעבען פון „ארבייטער רינג“. אָבער די דאָזיגע ביכער זיינען ווידער אמאָל נישט מעהר ווי אַלגעמיינע אָפּהאַנדלונגען וועגען דער אנטוויקלונג פון דער אידישער און אַלגעמיינער יוניאָן־באַוועגונג אין אמעריקא. אמת, אחוץ דיזע ביכער ווערט פיעל געשריבען און גערעדט איבער די דאָזיגע פאַקטען, אָבער בלויז פון אן איינזייטיגען כאַראַקטער. מען הערט נישט מעהר ווי באַוואונדערונגען און לויבגעזאַנגען צו די גוטע, שעהנע און הערליכע זייטען פון דער מעכטיגער, איינפלוסרייכער יוניאָן־באַוועגונג פון די פּאַראייניגטע שטאַטען ביז קענעדע וואָס שטעהט אונטער דער השפעה פון'ם גרויסען פאַרבאַנד, „די אמעריקאַן פעדעריישאַן אָף לייבאָר“. און דאָס איז אַלץ. אָהן צווייפעל קאָנען מיר נישט פאַרמאַכען די אויגען אויף דעם פאַקט, אַז די באַשטעהנדיגע אָרגאַניזאַציאָנס־מאַכט פון דער אמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג האָט ניט קוקענדיג אויף אַלע איהרע פעלערען און דורכפאַלען, דאָך מעהר־ווייניגער ערלאַבט פאַר די ארבייטער א פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט, סיי אין מאַטעריעלען און

*) דאָס איז דער פאַרקירצטער נאָמען פון די „אינדאָסטריאַל וואָרקערס אָף די וואָרלד“ (אינדוסטריעלע ארבייטער פון די וועלט).

**) דר. הורוויטש, אין זיין בוך, „שטרייט פראַגען פון סאָציאַליזם“ צווייטער טייל, זייט 228.

סיי אין גייסטיגען זינען. אבער טאקע דארום, ווייל די יוניאן באוועגונג האט פאר זיך אזא קאלאסאלע אויפגאבע, ניט נאר מאמענטאן צו פארבעסערען די לעבענס־באדינגונגען פון די ארבייטענדע מאסען, נאר אויך אויסצוהאמערן דעם פרייהייטס־מאדעל פון דער צוקונפטיגער אינדוסטריעלער דעמאקראטיע, וואלט עס געווען זעהר אומגעזונט פאר איהר וויטערדיגער אנטוויקלונג זיך בלויז צו באגנוגענען מיט לויב־געזאנגען, דורכלאזענדיג דאס היילענדע מיטעל פון קריטיק. דאריבער רעכענענדיג זיך מיט דעם פאקט, אז אט דאס ליידיג איבערגעלאזענע פעלד איז נויטווענדיג צו באארבייטען, צוליב דעם איינפאכען צוועק פון געשיכטליכער אינפארמאציע פאר'ן קומענדען פארשער, האב איך, באנוצענדיג מיין ערפארונג מיט גרויסע אנשטריינגונגען זיך גענומען ארויסצוגעבען דאס פאלגענדע בוך. מיין צוועק איז צו ווארפען א ליכט אויך אויף די שאטען־זייט פון דער אינדוסטריעלער מאשין־הערשאפט, וואס האט זיך אנטוויקעלט אין די אמעריקאנער יוניאנס, וועלכע פארפינסטערט די בעסטע עלעמענטען פון דער ארבייטער באוועגונג, און טהיילט בכלל אפ דעם פראגרעס פון אמעריקאנער פראלעטאריאט. איך פרעטענדיר נישט, אז דאס פארליגענדע ווערק אנטהאלט אלע פאקטען און אינפארמאציע וואס זאלען געבען א פאלשטענדיג בילד פון די דאזיגע אנגעלעגענהייטען. דאך, די פאקטען וואס איך האב זיך באמיהט צו באארבייטען, וועלען גענוג זיין צו געבען אן אלגעמיינע אילוסטראציע, ווי די אינדוסטריעלע ביוראקראטיע, וועלכע האט אוזורפירט די מאכט און אויבערהערשאפט איבער דעם לעבען פון דער אמעריקאנער ארבייטערשאפט, און פאראט זיינע אינטערעסען אין קאמפף געגען קאפיטאל.

איהר וועט פארשטעהן, ווערטער לעזער, אז די אויפגאבע וואס איך (ניט חלילה קיין אקאדעמיקער ביי פאך...) האב אויף זיך גענומען, איז נישט געווען קיין לייכטע. די מאטעריאלען איז נישט געווען אזוי גרינג צוזאמענצוקלייבען ווי מען שטעלט זיך געוועהנליך פאר, ווייל פון די אפיציעלע יוניאנס האב איך נאטירליך גאר נישט געקענט ערווארטען, קיין גאסטפריינדליכע הילף אודאי און אודאי נישט. איך האב דאריבער געמוזט פארברויכען פיל צייט אליין צונויפצוקלייבען פאקטען און פאסירונגען פון דער אל־

געמיינער אזוי גוט ווי פון דער יוניאָן־פּרעסע, וועלכע זיינען צו־וואָרפען אין פארשידענע ביבליאָטעקען. דאָס איז אָבער א צו קאָמפּליצירטער, אומערשעפּליכער מאַטעריאל, אז מ'זאָל קענען גאַ־ראַנטירען פאַר א פאָלשטענדיג־פערענדיגטע ארבייט. די הילף פון א צוזאַמענגעקליבען ווערק איבער דעם דאָזיגען ענין מיט וועלכען מען זאָל זיך קענען באַנוצען, ווי אויף אַנדערע ליטעראַרישע געביטען איז דאָ אויסגעשלאָסען. דאָך האָב איך דיזע ארבייט געטאָן מיט צופרידענקייט, וויסענדיג אז דאָס בוך, וואָס איך לייג פאָר פאַר דער עפענטליכקייט, טראָגט א גאַנץ אנדער כאַראַקטער ווי די ביז איצטיגע לויב־לידער, וואָס ווערען געזונגען פון אָפיציע־לען באַאמטעטום אין דער גאַנצער יוניאָן־פּרעסע.

ווי דער לעזער וועט מערקען, איז מיין ארבייט א קריטישער אנאַליז פון דער יוניאָן־באַוועגונג, ווי זי דריקט זיך אויס אין ווירקליכען לעבען, ניט אָבער ווי מאַנכע ווינשען עס און שטעלען זיך פאָר אין דער טעאָריע. די פאקטען וואָס ווערען געבראַכט אין דעם בוך זיינען גענומען פון לעבען, און אוועקגעשטעלט אזוי, אז דער לעזער, ספּעציעל דער אַרבייטער, זאָל זיך קאָנען מאַכען אן אמת'ן באַגריף, צו וועלכער שטופע — אין מאַנכע הינזיכטען אומגלויבליכער — די אַרבייטער באַוועגונג איז דערגאַנגען.

איך גלויב אז קיין שאַדען (ווי מאַנכע שרעקען זיך) וועט פון דיזע באַלייכטונגען זיכער נישט ארויסקומען, ווייל קיין גרעסערען שאָדען פאר דער ארבייטער־זאַך, ווי דער אולטראַ־ראַעקציאָנערער יוניאָניזם פון אמעריקא, קען שוין נישט זיין. אין געגענטייל, וואָס שווערער דער אמת לאָזט זיך פארנעמען, אלץ בעסערע רע־זולטאַטען קומען דערפון ארויס.

איך וויל האָפען, אז מיין אַרבייט, וואָס האָט דעם צוועק ארויסצוברענגען די ריכטיגע פאקטען, כדי צו אילוסטרירען דעם אמת'ן צושטאַנד פון דער אַרבייטער־באַוועגונג וועט העלפען ברענ־גען פילע נוצען פאַר די אַרבייטער זאַך; וועט העלפען ברייננגען די דערוואַכונג פון די מאַסען אליין, כדי זיי זאָלען איינמאָל פאַר אלעמאָל ענדיגען דאָס סיסטעם פון זייער יוניאָן־פּאַרוואַלטונג אזוי, אז זיי זאָלען מיט זייער זעלבסט־רעגירענדער פאָלקס־הערשאַפט

אין אַט דעם קלאַסישען לאַנד פון קאַפּיטאַליזם, וואו עס ברויזט אַזאַ אומאויפהערליכער קאַמפף צווישען ארבייט און קאַפּיטאַל, — דערנעהענטערן די צייט פון עקאָנאָמישער גלייכקייט אין אינדוס־טריעלער דעמאָקראַטיע, אלס די ענדליכע באַפרייאונג פון דער מענשהייט.

מ. רובין.

ערשטער טייל

ערשטער קאפּיטעל

די אויפפאַסונג פון יוניאַניזם ביי די אמעריקאנער פירער.

„פיור ענד סימפּעל טרייד יוניאַניזם“, „קרעפט יוניאַנס“ און „קאַנטראקט סיסטעם“ — אַט דאָס זיינען די דריי הויפּט פּרינציפּען אויף וועלכע די גאַנצע פילאָזאָפיע פון דער אמעריקאנער אַרבייטער־באַוועגונג איז באַגרינדעט. אין אַט די דאָזיגע דריי פּונקטען ליגט די קווינט־עסענץ פון דער יוניאַניסטישער טעאָריע, וועלכע די פירער פון דער אמעריקאנער יוניאַן־באַוועגונג פּרידיגען שוין צענדליגער יאָהרען פאַר די ארבייטער, פאָדערנדיג אז זיי זאָלען זיך אָפּפּערען אין אומערמידליך שווערען קאַמף מיט'ן קאַפּיטאַל, אום די דריי פּונקטען דורכצופירען אין לעבען. דער אינהאַלט פון די דאָזיגע דריי הויפּט־פּונקטען איז אין קורצען ווי פאָלגט:

„פיור ענד סימפּעל טרייד יוניאַניזם“ איז דער טייטש, אַז די יוניאַנס זאָלען זיך בלויז אָפּגעבען מיט'ן עקאָנאָמישען קאַמף, און זאָלען זיך נישט מישען אין „פּאָליטיק“, וועלכע די פירער באַטראַכטען אלס א פּריוואַט זאַך. דאָס הייסט, די יוניאַנס זאָלען זיך נישט באַטייליגען אין קיין פּאַרלאַמענטארישע טעטיגקייט, אדער זיך שטעלען אַנדערע אויפגאַבען פאַר פּאָליטישע צוועקען. צי די פירער אליין האַלטען זיך ביי דער טעאָריע אין דער פּראַקטיקע, דאָס וועלען מיר ווייטער זעהן.

„קרעפט יוניאַניזם“ מיינט, אַז די ארבייטער פון יעדען פאַך זאָלען זיך אָרגאַניזירען אין באַזונדערע לאָקאַל־יוניאַנס (אָרטיגע פּאַראַיין). זיי מעגען אָבער זיין שוואַך פאַרבונדען מיט די אנדערע לאָקאַל־יוניאַנס פון דערזעלבער אינדוסטריע אין פעדעראַטיווע צענטראַל־פאַרבאַנדען, ווי למשל: אין „דזשאַינט“ אדער „דיסטריקט קאָנסולס“ א. ז. וו.

„קאנטראקט סיסטעם" ווידער מיינט; אז יעדער לאקאל יוניאן פון די פארשידענע צווייגען פון פאך אין איין און דער־זעלבער אינדוסטריע זאל יעדע פאר זיך זיין פארבונדען מיט די פאבריקאנטען דורך א „קאלעקטיוו אגרימענט" (געמיינשאפט־ליכען אפמאך), און אז די „סטאנדארטס" און ארבייטס־באדינגונ־גען, וואסביידע צדדים: די ארבייטער און באלעבאטים מאכען אפ צווישען זיך זאלען הערשען אין פאך אויף א באשטימטע צייט, און דאס מוז היילינ אפגעהיט ווערען פון דער יוניאן.

אויסער די מיטלען און מעטאדען פון זייער טאקטיק אין די „ביי לאאס" (נעבען געזעצען) פון זייער יוניאן־קאנסטיטוציע, זיי־נען די דאזיגע דריי הויפט פונקטען, וועלכע זיינען פון גרונד אויס פאלש, און אין געגענזאץ צו די אינטערעסען פון די ארבייטער. די דריי זיילען אויף וועלכע דער אמעריקאנער יוניאניזם איז בא־זירט.

די אויפפאסונג פון די יוניאן־פארשטעהער וועגען דעם עקא־נאמישען קלאסען־קאמף איז: אויב דיזע פונקטען אין וועלכע ס'איז פארקערפערט זייער מאקסימאלע פראגראם, וועט דורכגעפירט און אפגעהיט ווערען אין לעבען, איז עס די ערשטע און די לעצטע גאראנטיע, אז דער ארבייטער וועט געניסען פון אזא „ליווינג וויידזש" (לעבענס פארדינסט), וואס וועט זיין גענוג באלוינונג, און פארגיטיגונג פאר זיין ארבייט. ער, דער ארבייטער הייסט עס, וועט דאן דערגרייכען צו דעם מאקסימאלען „סטענדארד אף לי־ווינג" (לעבענס שטאנד) צו וועלכען ער איז בארעכטיגט אין דער היינטיגער באשטעהענדער ארדענונג פון קאפיטאליסטישער „קא־אפעראציאן" (ווי די פירער ליבען עס אזוי היפאקריטיש צו פרא־זיאלאגירען).

אט דאס איז אין קורצע שטריכען דער אנאליז פון די גרונד־געדאנקען פון דער יוניאניסטישער פילאזאפיע ביי דיווארט־פירער און טעארעטיקער פון אמעריקאנער פראלעטאריאט. אבער, ווי אזוי מאניפעסטירט זיך דיזער יוניאניזם אין ווירקליכען לעבען פון די ארבייטער ארגאניזאציעס? וואסערע נוצען און גוטע רעזולטאטען האבען די ארבייטענדע מאסען, ווען זיי קעמפען שוין צענדליגע יאהרען אום דאס דאזיגע יוניאניסטישע פראגראם דורכצופירען

אין לעבען? זיינען אָט דיזע „טעזיסען“ באמת יענע אידעאַלען, וועלכע קענען באַגייסטערען די מאסען און ערציהען זיי צו א סאָלידארישען קאמף וואָס זאָל מאכען אימשטאַנד צו עראָבערען א שעהנערע און בעסערע מענשליכע עקזיסטענץ?

לאָמיר זעהען. ווען איהר טוט א קוק אין די קאָנסטיטוציעס פון די אַמעריקאנער יוניאָנס, פון וועלכע די מערסטע האָבען כמעט איין אינהאַלט, מיט אויסנאם פון מאַנכע אידישע יוניאָנס, מיט זייער כלומרשט־סאָציאַליסטישע „פּריעמבעלס“ (פּרינציפּען ערקלע־רונגען), קענט איהר גלייך באַמערקען די שעדליכע טענדענצען פון דער ביוראָקראַטישער צענטראַליזאַציע און רעאַקציאָנערע אידעען, וואָס זיינען אין זיי פארקערפּערט. איהר קענט למשל לעזען פּאַ־ראַגראַפען און תקנות, וואָס פארבאָטען די לאָקאַל־יוניאָנס צו רופען סטרייקס אָהן דעם הכשר פון די צענטראַל קערפּערשאַפטען, גע־נעראַל עקזעקוטיוועס, אדער פּרעזידענטען.*) עס זיינען פאראַן זאָגאר יוניאָנס, וואו סטרייקס אלס א מיטעל פון קלאַסען־קאמף זיינען אויסגעשלאָסען פון זייער יוניאָניסטישער טאַקטיק, יוניאָנס וואו עס ווערען בלויז אָנגעווענדעט די „פרידליכע“ מעטאָדען פון

*) אין דער קאָנסטיטוציע פון דער „אינטערנעישיאָנאַל יוניאָן אָף סיגאר מייקערס“ (סיגאר מאַכער יוניאָן) קענט איהר געפינען דעם פאָל־גענדען פּונקט: „קיין לאָקאל יוניאָן קען ניט ערקלערען קיין סטרייק אָהן דעם הכשר פון אינטערנאַציאָנאַלען פּרעזידענט. ביי א סטרייק וואָס נעמט ארום מעהר ווי 25 סיגאר מאכער פאָדערט זיך איידער דער סטרייק ווערט ארויסגערופען די הסכמה פון דער אינטערנאציאָנאַלע עקזעקוטי־ווע“. סעקציע 74, פון דער קאָנסטיטוציע פון די „בוט און שו וואָר־קערס יוניאָן“ (שיך־ארבייטער יוניאָן) לויטעט: „די אינטערנאציאָנאַלע וועט געבען פינאַנציעלע שטיצע נאָר צו אזעלכע סטרייקס, וועלכע האָבען געהאט דעם הכשר פון דער גענעראל עקזעקוטיווע אדער איהרע בעאמטע איידער דער סטרייק איז אַרויסגערופען געוואָרען“.

אפילו ביי „די יונייטעד מיין וואָרקערס אָף אַמעריקאַ“ (יוניאָן פון מינען גרעבער), וועלכע ווערט שוין באטראכט אלס א „פּראָגרעסיווע“ יוניאָן זיינען געפאַסט געוואָרען אזעלכע תקנות אין דער קאָנסטיטוציע, אַז צווישען דער צייט פון איין קאָנווענציע ביז דער צווייטער, וואָס ווערט געהאלטען יעהרליך, — שרייבט י. מ. בודיש אין דער „נייער פּאָסט“ פון 18טען נאָוועמבער 1914, — איז אין אלע פראגען ווי סטרייקס,

„קאלעקטיווע בארגעניגג“ (געמיינשאפטליכע פארהאנדלונגען.) אין די דאזיגע יוניאנס האבען אויך נאר א דעה דורכצופירען די פונקציעס פון שליסען קאלעקטיווע אפמאכען מיט די ארבייט־געבער וכדומה, נאר די גענעראל באאמטע פון די אינטערנאציאנאלע עקזעקוטיוועס.*) וואס איז שייך סימפאטיע־סטרייקס, איז לא דאי וואס איהר קענט קיינע אנדייטונגען אויף דעם אין די קאנסטיטוציעס ניט געפינען, נאר אין דער צייט ווען אזוינס קומט פאר אין פראקטישען לעבען פון עקאנאמישען קאמף, ווען די ארבייטער שטעהן אין סטרייק געגען זייערע באדריקער, טרעטען דאן די פירער ארויס און ארבייטען דאגעגען, אז די ברידער ארבייטער פון אנדערע יוניאנס — פון דערזעלבער אינדוסטריע, זאלען חלילה זיך נישט אנשליסען אז קיין סימפאטיע סטרייק, אום סאלידאריש צו געבען א שטארקערען ווידערשטאנד געגען דעם אנגריף פון די קאפיטאליסטישע אונטערנעמער. זיי צושטערען די מעגליכקייט, אז דער ארבייטער־קאמף זאל זיך קרוינען מיט ערפאלג, וואס האט זיך שוין צענדליגע מאל געטראפען, און וואס פאסירט נאך ביז׳ן היינטיגען טאג.**) אויב איהר דענקט אבער, אז די דאזיגע קאנ־

און אנדערע אזעלכע אנגעלעגענהייטען, איז דער פרעזידענט דער אליין־הערשער“. אין דער קאנסטיטוציע פון די „אינטערנײשיאנאל לוידיס גארמענט ווארקער יוניאן“ (יוניאן פון פרויען־מאנטעל מאכער) ווידער לויטעט סעקציע 3, ארטיקעל 10, ווי פאלגט: „די גענעראל עקזעקוטיווע זאל האבען דאס רעכט גוט צו הייסען אדער צו פארווארפען דעם פארלאנג וועגען א סטרייק פון א לאקאל יוניאן“. סעקציע 4, פונ׳ם זעלבען ארטיקעל לויטעט נאך דייטליכער; „א סטרייק וואס בארירט צוויי דריטעל פון אלע ארבייטער אין אירגענד וועלכען שטאט, מוז איבערגעגעבען ווערען צו דער גענעראל עקזעקוטיווע פון דער „אינטערנײשיאנאל“, וועלכע האט די פאלמאכט אין אזעלכע אנגעלעגענהייטען“.

**) אין די „נייע פאסט“ פון 23טען אקטאבער 1914, שרייבט י. מ. בודיש: „דער גאנצער קאנטראל איבער די ארטיגע יוניאנס, די מאכט צו שליסען קאלעקטיווע אגרימענטס, (פראטאקאלען) צאהלען סטרייק און אנדערע „בענעפיטס“ (שטיצע), געהט אריבער צו די אינטערנאציאנאלע באאמטע פון דער „טיפאגראפיקאל יוניאן אף נארד אמעריקא“.

**) אין „טאג“ פון 7טען סעפטעמבער 1916, ווערט געמאלדען, „אז אין סטרייק ביי דער אינטערבארא“ (שטאטישע באהן־קאמפאניע) וואס איז ארויסגעקומען, ווייל די קאמפאניע האט זיך אנטזאגט מבטל צו מא־

סטיטוציאָנעלע געזעצע פון „פעדעראַליזם“ (ווי מאַנכע ווילען איינריידען) זיינען געמאכט געווארען צוליב דעם צוועק, אַז סטרייקס זאָלען פאַרזיכטיג ארויסגערופען און סיסטעמאַטיש אָנגעפירט ווערען פאַר דעם וואוילזיין פון די ארבייטער, אויב איהר מיינט אזוי, מאַכט איהר א גרויסען טעות. די דאָזיגע געזעצען פון „ביוראָקראַטישער צענטראַליזאַציע“ זיינען, ווי די ערפאַרונג צייגט, בלויז אַ פּראָדוקט פון דער באַגרענעצטער, רעאַקציאָנערער אויפפאַסונג, וואָס די פירער האָבען וועגען דעם סאָלידאַריטעט געפיהל פון די מאַסען. ווי אזוי די פירער, פון די גרעסטע ביז די קלענסטע, פארשטעהען די סאָלידאַריטעט פון די ארבייטער אלס א וויכטיגער מיטעל אין קאַמף געגען קאַפּיטאַל, און ווי אַזוי זיי זוכען זיי אנטקעגען צו קומען מיט ברידערליכע הילף אום צו פאַרלייכטערען זייערע נויטען און גרינגער צו מאַכען דעם קלאַסען־קאַמף געגען דער עקספּלואַטאַציע פון קאַפּיטאַליזם, דאָס צייגען קלאָר און דייטליך די ערקלערונגען, וואָס פּרעזידענט גאָמפּערס און זיינע קאָלעגען האָבען געמאכט אין דער קריטישער צייט, ווען די אייזענבאַן ארבייטער זיינען אין פעברואַר 1920 ארויס אין דעם אזוי גענאַנטען „אוטלאָ“ (אומגעזעצליכען) סטרייק פאַר א לוין־העכערונג אום צו קאָנען נאָכקומען דעם דאַמאָלסדיגען יקרות אויף אלע לעבענסנויטווענדיגקייטען. גאָמפּערס שרייבט, „אַז איצט איז די צייט, ווען אלע יוניאָן־לייט מוזען שטעהן טריי און אויספאָלגען די באַפעלען פון זייערע אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס (פירער), דאָס איז דער איינציגער וועג צו דערשלאָגען זיך צו בעסערע באַדינגונגען. ס'איז איצט נישט די צייט צו שאָקלען די שיף, ווייל דורך דעם וועלען מיר בלויז העלפען פון איין זייט די רעאַקציאָנערען.

כען די אינדיווידועלע „אגרימענטס“ פון איהרע ארבייטער, ווי די יוניאָן האָט עס פאַרלאנגט, וועט דער סטרייק פון די נויאָרקער „ריווליווי בראָדערהוד“ (ברידערשאפט פון די אייזענבאהן ארבייטער) אויב ער זאָל אויסברעכען ניט זיין קיין סימפּאַטיע־סטרייק. — אזוי האָבען ערקלערט די פירער ביי א יוניאָן מיטינג, — נאָר עס וועט זיין א סטרייק צוליב אייגענע סכסוכים, וואָס זיי האָבען מיט זייערע אייגענע בעלי־בתים פאַר נישט האלטען דעם אָפּמאַך וואָס איז פון די קאָמפּאַני אונטערגעשריבען געווארען“.

פון דער אנדערער זייט די ראַדיקאַלען, וועלכע האָבען אַן אַלגע־מיינע אויפגאַבע צו צושטערען די יוניאָן־באַוועגונג, פון אמערי־קאַ".*) אַז די פירער מיינען וואָס זיי רעדען און שרייבען, דאָס באַווייזען זייערע האַנדלונגען, און די ראָלע וואָס זיי שפּילען ביי יעדער געלעגענהייט, ווען די אַרבייטער גרייטען זיך צו ערקלערען אַ סטרייק צו זייערע בעלי־בתים. אימער און אייביג קענט איהר מערקען זייער פייגהאַפטע שטעלונג, ווען זיי ראַטען די אַרבייטער זיך צו פאַרלאָזען אויפ'ן יושר פון „גוטע מענשען" און אויף די פאַרשפּרעכונגען פון די אַרבייט־געבער. זאָגאַר דאַן, נאָך אַלע קאָמפּראָמיס־פאָרשלאַגען מצד פון די פירער צו פאַרמיידען אַ סטרייק, — ווען די אַרבייטער זיינען שוין פאַרזאַמעלט אין די „האָלס" (זאַלען) זוכען די פירער מיט אָבשרעקונגס־מיטלען און פאַרדרייעניסען פון פאַקטען צו צוברעכען דעם מוט פון די אַר־בייטער, און אויף אַזאַ אופן צו קריפּלען דעם סטרייק ביים סאַמע אָנפאַנג אָן.**) אויב די פירער ווערען דורך דעם דרוק פון די

---

*) נאָך אַן אויסצוג, גענומען פון דער „פרייע ארבייטער שטימע" פון 17טען אפריל, 1920.

**) די „צייט" פון 31טען אוגוסט 1920, שרייבט: „ווען די אר־בייטער זיינען געקומען צו א מיטינג צו שטימען פאר א סטרייק, געגען דער קאָמפּאַניע פון שטאָטישע באַנען, (די „בי. אַר. טי") פאר בעסערע לעבענס־באַדינגונגען, האָט א פירער, מיט דער הילף פון די איבעריגע פירער געשריען פון דער פּלאַטפאָרמע: „האָט געדולד! וואַרט! מעיאר הילען פון נויארק קאָן אונז נאָך העלפען! און אויב מיר ווילען גיהן קעגען איהם, קאָן ער אונז מיט זיין פּאָליציי שאַדען". ווען די מאסע האָט דאָס דערהערט, האָט זיך אויפגעהויבען א געשריי; אויב אַזוי געהט צום טייוועל מיט דער קאָמפּאַניע צוזאַמען. איהר האָט געגנוג געלט און קאָנט וואַרטען, אָבער מיר קאָנען ניט. די פירער האָבען אָבער געשריען דאָס זייעריגע: „איהר מוזט פאָלגען אייערע פירער, און אָפּ־וואַרטען מיט'ן סטרייק כאָטש נאָך צוויי וואָכען; אויב ניט וועט אייך די אָרגאַניזאַציע ניט העלפען". נאָך א ביישפּיל: ווען דער „געזעצ־לאָזער" סטרייק פון די אייזענבאַן־ארבייטער אין 1920 איז אונטערדריקט געוואָרען דורך דער רעגירונג, באַן־מאַגנאַטען און יוניאָן־פירער — האָ־בען די „פונקען" פון 29טען יולי 1920, געשריבען: — די ארבייטער זיינען ווידער אומצופרידען מיט דער קלעגליכער לוין־העכערונג, עס זיינען מיט דעם אומצופרידען אפילו די פּרעזידענטען פון די פיער

ארבייטער און דורך די דרינגענדע סיטואציע, שוין יא געצוואונגען ארויסצוגעבען דעם זעלטענעם הכשר זייערען צו א „כשר'ן“ סטרייק, דאן „קוקען זיי אוים די אויגען“ זיך אנצוכאפען אן די קלענסטע געלעגענהייט אום דעם סטרייק צוריק צו רופען. אויב אזא געלעגענהייט מאכט זיך זיי ביי דער האנט, איז — איינס, צוויי, און דער סטרייק איז אויפגעלייזט.*) פונדעסטוועגען, איז עס די יוניאן־ביוראקראטיע, וואס פארפאסט די יוניאן־קאנסטיטוציעס, אויף וועלכען פונדאמענט די גאנצע יוניאן באוועגונג פון אמעריקא איז געבויט. אט דער דאזיגער קאנסערוואטיווער קוק און רעאקציאנערע שטעלונג וועלכע זיי (די פירער) נעמען אין אלע סאציאל־עקאנאמישע פראגען פון ארבייטער־קאמף, שפיגעלט זיך אויך אפ אין די פאך־צייטונגען, און אין זייער גאנצער ליטעראטור. די העכסטע געדאנקען, וועלכע בעהערשען די מוחות פון די לייטענדע גייסטער פון דער אמעריקאנער ארבייטער בעוועגונג, און וועלכע די דאזיגע יוניאן טעארעטיקער פרעדיגען פאר די ארבייטער זיינען: ווי אזוי צו קריגען עטליכע סענט געהעכערט אויף די פארדינסטען פון די ארבייטענדע שקלאפען. צו די דאזיגע מציאה זיינען אבער נאר בארעכטיגט די „סקילד ווארקערס“ (קוואליפיצירטע ארבייטער), ווייל נאר זיי, און ניט די פראסטע הארפאשניקעס, האבען דאס גליק צו זיין „ארגאניזאציאנס־פעהיג“, ד. ה. אריינגענומען צו ווערען אין די ארגאניזירטע רייהען פון די „אריסטאקראטיע“, אין דעם פארבאנד פון דער „אמעריקאן פעדערישאן אף לייבאר“ (אמעריקאנער פעדעראציע פון ארבייט). די באהויפ־

גרויסע ברודערשאפטען. און די פראגע איז, וואס וועלען זיי טאן? נאטירליך רעדט מען אז די ארבייטער רייסען זיך ווידער צו א סטרייק. ס'איז אבער זיכער, אז אויף וויפיל עס איז אפהענגיג פון די פירער, וועט צו קיין סטרייק נישט קומען, ווייל לויט פרעזידענט ליע'ס (גענעראל וואודס א פריינד) ערקלערונגען, לויגט זיך דאס נישט“.

*) אין דער „צייט“ פון 2טען יאנואר 1920, געפינען מיר: אז די „בראדערהוד אף מיינטענערס ענד וועים“ (ברודערשאפט פון די אייזענבאן וועג ארבייטער) האט זאפארט צוריקגערופען דעם סטרייק פאר לוין־העכערונג, ווייל פרעזידענט ווילסאן פון די פאראייניגטע שטאטען האט פארשפראכען צו באשטימען א „סקייל באארד“ (לוין־קאמיטעס).

טונגען וואָס מען הערט מאַנכעס מאָל אין די לעצטע צייטען, אַז די יוניאָן־באַוועגונג אין אמעריקא איז שוין צוגעקומען צו אַזא אנט־וויקלונגס־שטופע, אַז די פירער מאַכען שוין מעהר ניט קיין אויס־נאַם צווישען קוואַליפיצירטע און פּראָסטע אַרבייטער, און זוכען זיי אַלעמען צו יוניאָניזירען אונטער'ן פאָן פון דער „אַמעריקאַן פעדע־ריישאָן אָף לייבאָר", איז בלויז אַ פרומער וואונש. אַלס באַוויז אַז דאָס איז פאַלש, קען אונז דינען דער פאַקט, וואָס ביז איצט זיינען נאָך פאַראַנען מיליאָנען נישט אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין אַמעריקא, און נישט נאָר מען זוכט זיי ניט צו אָרגאַניזירען, נאָר מען שטרעקט זיי ניט אויס אפילו קיין פריינדליכע האַנט, און די פירער וואַרפען זיך פון זיי גאַנץ אָפען אָפּ, ניט נאָר פאַרקלאַפּען־דיג די טויערען פון אמעריקא, זאָנדערען אויך די טירען פון די יוניאָנס*).

---

*) ה. קאהן אין די „פונקען" פון 20טען יולי 1920, ברענגט אָן אנטערעסאַנטען אויסצוג פון א רעדע וועגען דיזע אנגעלעגענהייט, ווי פאָלגט: „ביים פאַרהער איבער דעם ביל" (געזעץ־פּראָיעקט) וועגען גע־זונדהייט־פאַרזיכערונג פאַר די ארבייטער אין שטאַט נויארק, האָט דער גענעראל אָרגאַניזאַטאָר פון דער „אמעריקאַן פעדערייזשאָן אָף לייבאָר" געזאָגט: „די יוניאָנס האָבען שוין זייער אייגענע צופרידענשטעלענדע פאַרזיכערונגס־סיסטעמען. די אַרבייטערשאַפט איז געגען „קלאַסען גע־זעצגעבונג אפילו פון איהרטוועגען גופא". ווען די לייטע געברויכען דאָס וואָרט ארבייטערשאַפט — שרייבט ה. קאהן ווייטער, טוען זיי עס מיט א תנאי, אַז זיי מיינען דערמיט נישט די אבסטראַקציע וואָס ווערט געוועהנליך אויסגעדריקט אין דעם דאָזיגען וואָרט, נאָר די קאָנקרעטע מיטגלידערשאַפט וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין די פאַך־יוניאָנס. זיי זיי־נען געגען קלאַסענגעזעצען פון זייערטוועגען, אויב די געזעצען העלפען ארויס אין דערזעלבער צייט די מאַסען, און באַזונדערס, אויב די הילף איז צום שאַדען פון זייערע יוניאָנס, ווייל די פאַך־יוניאָנס קאָנען זייער שטעטעל אליין באַשטעהן. וועגען דעם אַלעם האָט זיך דייטליכער אויס־געדריקט א פאָרשטעהערין פון זעהר א גרויסער יוניאָן, וועלכע שליסט איבעריגענס איין כמעט אַלע ארבייטער פון דער אינדוסטריע. זי האָט גערעדט צו גונסטען פון דעם פּראָיעקט. אָט וואָס זי זאָגט: „נישט ווייל די אָרגאַניזירטע אַרבייטער נויטיגען זיך אין דיזען פּראָיעקט, נאָר איך בין דאַפיר, ווייל ער איז לעבענסנויטווענדיג פאַר די נישט אָרגאַניזירטע אַרבייטער. ווארום אנטקעגען די פערטהאלבען מיליאָן, — האָט די

פונקט ווי אויפ'ן פּאָליטישען פּעלד מיט זייער „פּיור ענד סימפּעל"־שתדלנות־פּאָליטיק פון „באַשטראָפען די פיינד און באַלוינען די פריינד", וואס האָט די מעכטיגע ווירקונג... נידערצושטימען עטליכע געגנער, און צו ערוועהלען עטליכע „ארבייטער פריינד", פון די זעלבע קאַפּיטאַליסטישע פּארטייען, וועלכע די יוניאָן פירער ווערט ניט פאר'מיאוס'ט ווידערצוהאָלען יאָר איין יאָר אויס יעדען ערב קאַפּיטאַליסטישען וואַל־קאַמף, אזוי איז אויך אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט דער לאָזונג „אין קאַמף" געגען קאַפּיטאַל ביי די טעאָרעטיקער, ווי א גאָמפּערס, פרענק מאָריסאָן, און אנדערע: „אַן ערליכער טאָג ארבייט פאר אַן אנשטענדיגען טאָג געהאַלט".

„אין ערגסטען ווי אין בעסטען פאַל — ערקלערט גאָמפּערס*) — איז דער איינציגער מיטעל פון אינדוסטריעלען פרידען צו פאַרהיטען די אומאונטערבראָכענקייט פון דער פּראָדוקציאָן ביז דער העכסט מעגליכער „עפישענסי", (ווירקזאמקייט), אנצוערקענען דאָס רעכט פון יוניאָנס אויף די „קאָלעקטיוו באַרגעינינג". דאָס איז דער ציוויליזירטער מעטאָד פון אויסגלייכען זיך, אנשטאט די רעוואָלוציאָנערע גוואַלטטאטען, און אויפגעהעצטע, אומגעזעצליכע סטרייקס, וועלכע ברענגען מיט זיך אימער צערשטערונג און טיראַניי. ווען עס הערשט א גייסט פון „קאָאָפּעראַציע" צווישען די ארבייטער און ארבייטסגעבער, קען מען בעסער דערגרייכען די פולע פּראָדוקטיוויטעט אין דער אינדוסטריע. נאָך מעהר, דאָס קען מען נאָך לייכטער דערגרייכען דורך די „קאָאָפּעראַציאָן", צווישען די קאַפּיטאַנען פון די אינדוסטריעס, און די פאָרשטעהער פון די פאַר־יוניאָנס, וועלכע שטעהען אימער פאר אָרדענונג, דיסציפּלין און פּראָדוקטיוויטעט און האַלטען, אַז די איינפירונג פון „קאָלעקטיוו באַר־

פּראָגרעסיווע פאָרשטעהערין דעם אמת געזאָגט — פון אָרגאַניזירטע ארבייטער, דאַרפט איהר וויסען, זיינען נאָך פאַראַן אין די פאַראייניגטע שטאַטען אַן ערך פון דרייסיג מיליאָן ניט אָרגאַניזירטע". וואָס איז שייך די אָרגאַניזירונג פון פרויען אין דער „אמעריקאן פעדערײשאָן אָף ליבאָר" איז דאָס ביי די פירער טריף ווי ביי א כשר'ן אידען חזיר. דאָס איז געגען די מאָראַלישקייט פון ווייבליכען געשלעכט, וואָס קען אונטערגראָבען דעם פונדאַמענט פון דער ציוויליזאציע".

*) „אמעריקאן פעדערײשאָניסט" — יולי נומער, 1920.

גענינג" צווישען די יוניאָנס און די קאַפּיטאַליסטען, איז דער איינ־ציגער און ערשטער טריט פאַר די אַנטוויקלונג פון אונזער אינ־דוסטריעלע מאַשינערי פון סאָציאַלע דינסט".

אָט דאָס איז דער גרונד־געדאַנק, די קווינט עסענץ פון דער אידיאָלאָגיע פון קלאַסען־קאַמף, אויף וועלכער די פירער בילדען די גאַנצע יוניאָן־טעטיגקייט, דורכפירענדיג אַלע זייערע פּראַקטישע האַנדלונגען פאַר דעם דאָזיגען ענד־ציל...

אָבער מיט דער דאָזיגער פילאָזאָפיע שעפּט זיך ניט אויס זיי־ער סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע גייסט־רייכקייט. די פירער האָבען נאָך א „פּראָגראַם מינימום", אַזוי צו זאָגען. דאָס איז זייער „לאָבי פּאָליטיק" אין די קולואַרען פון די געזעצגעבענדע קערפּער־שאַפטען, ביי די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. דאָרט ווערען דאָס אויסגעאַרבייט און אָפּגעהיט די אויפגאַבען פון „פּיור ענד סימפּעל טרייד יוניאָניזם". אָט דיזע „לאָבי פּאָליטיק" ווערט באַטריבען כדי אויסצו'חנפה'נען מאַנכע ליבעראַלע געזעצען פאַר די אַרביי־טער, ווי למשל: די אַנטי־אימיגראַציאָנס געזעצען, אויף וועלכע פּרעזידענט גאָמפּערס און זיינע קאָלעגען לעגען איין וועלטען דורכ־צופירען, אום צו פאַרהיטען די קאָנקורענץ אויפ'ן אַרבייטער־מאַרק, און אום לייכטער צו קענען די היגע יוניאָן לייט „אַסימי־לירען און אַמעריקאַניזירען*) אָדער אויסוווירקען אָפּצושאַפען די „אינדזשאַנקשאַנס" (געריכטליכע באַפעלען) געגען די געזעצליך־„לאָיאַלע" (טרייע) יוניאָנס, פון דער „אַמעריקאַן פעדערייש אָף לייבאָר". אַלס באַווייז, אַז די פירער באַגנוגענען זיך ניט בלויז מיט'ן ריידען פאַר די פאַרקלאַפּונג פון די טויערען פון אַמעריקא געגען די אימיגראַנטען פון יענער זייט ים, איז פאַר אונז גענוג

---

*) אָט וואָס גאָמפּערס שרייבט אין זיין אָפיציעלען אָרגאַן, דעם „אַמעריקאַן פעדעריישאָניסט" פון יולי 1920, מכח דאָס פּראָבלעם: „די אימיגראַציע זאָל רעגולירט ווערען אויף די צוויי הויפּט־פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען, נעמליך: אַז דער שטראָם פון אימיגראַציע טאָר אין קיין צייט ניט איבערגעהן די גרעניצען פון דער נאַציאָנאַלער מעגליכקייט צו קענען אסימילירען און אַמעריקאַניזירען די אויסלענדער וואָס קומען אַריבער אויף אונזער ברעג".

דער אַלט־באַקאַנטער פֿאַקט פֿון זייער שעדליכער טעטיגקייט, שוין יאָרען לאַנג אויף דעם פֿעלד פֿון שאָוויניסטישער, ענגהערציגער אַנטי־אימיגראַציאָנס קאַמפּאַניע, וואָס זיי באַטרייבען אין אַלע קאַמערען פֿון דער רעגירונג*). ווען דיזע „אַרבייטער פֿאָרשטעהער" באַמיהען זיך אין די „לאָבּיס", אַז די רעגירונג זאָל אָפּשאַפֿען די „אינדזשאַנקשאַנס", פֿאַרגעסען זיי אין דער זעלבער צייט קיין מאָל ניט צו באַטאָנען, אַז וואָס אַנבּאַלאַנגט די „אינדעפּענדענט" (זעלבּסטשטענדיגע) יוניאָנס, וואָס שטעהען אויסער דער אָפֿיציעלער יוניאָן באַוועגונג, פֿאַרלאַנגען זיי חלילה ניט, אַז מען זאָל אָפּשאַפֿען די „אינדזשאַנקשאַנס" אויך געגען זיי. אין געגענטייל, זיי העלפֿען נאָך צו, אַז די רעגירונג זאָל שאַפֿען שטרענגערע געזעצען, „וואָס זאָלען אין גאַנצען פֿאַרניכטען די דאָזיגע „פֿאַרברעכערישע און רעבעל־אָרגאַניזאַציעס" — ווי ליע, דער פּרעזידענט פֿון דער אייזענבאַהן ברודערשאַפֿט האָט זיך אויסגעדריקט. — מען געהט אַזוי ווייט אין קאַמף געגען די „פֿאַרברעכערישע" און זאָגאַר געגען „כשר'ע" אויב נאָר ווידערשפּענסטיגע יוניאָנס, וואָס שטימען ניט איין אינגאַנצען מיט דער הערשענדער טאַקטיק פֿון די אויבּערהערשער, אַז די יוניאָן־ביוראָקראַטיע ווענדט אָן אפֿילו מסירה'לאַך צו אונטערגראָבען זייער עקזיסטענץ.**) אָט דאָס זיינען די פּראַקטישע

*) אין דער „צייט" פֿון 25טען אָקטאָבער 1920, קאָנט איהר געפֿינען פֿאָלגענדען נאָטיץ: „ס. גאָמפּערס, פּרעזידענט פֿון די א. פֿ. אָף ל. האַלט אין פֿאַרפֿערטיגען מאַטעריאַל פֿאַר א מעמאָראַנדום, וואָס ער וועט צושטעלען צו דער נעקסטער סעסיע פֿונ'ם קאָנגרעס (פֿון די פֿאַראייניגטע שטאַטען) פֿאָדערענדיג, אַז דער פּאַרלאַמענט זאָל פֿאַרמאַכען די טויערען פֿון אַמעריקאַ פֿאַר אימיגראַנטען אויף די קומענדע פֿיער יאָהר צייט. צווישען אַנדערע אורזאַכען, אויפֿ'ן גרונד פֿון וועלכע די „פֿעדעריישאָן" וועט פֿאָדערען פֿון קאָנגרעס שטרענגע געזעצען געגען דאָס אריינלאָזען פֿון אימיגראַנטען, וועט אויך אָנגעגעבען ווערען דאָס, וואָס א פֿרייע אימיגראַציע פֿון אויסלענדישע ארבייטער וועט דאָ פֿארשטארקען דעם איינפֿלוס פֿון ראַדיקאַלע אַגיטאַטאָרס".

**) דער „פֿאָרווערטס" פֿון 24טען יולי, 1917, שרייבּט: „אין דער צייט ווען עס האָט זיך געגרינדעט א „וואָרקערס קאָנסול" (אַרבּייטער ראַט), וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פֿון פֿאַרשידענע יוניאָנס, און

מעטאָדען און וועגען דורכצופיהרען זייער יוניאָניסטישע פּראָגראם אין לעבען פון די אַרבייטער. וואָס אנבעלאַנגט די נייע אידעען פון „אינדוסטריעלען יוניאָניזם“, גענעראַלע סטרייקס, סימפּאַטיע סטרייקס, אָדער דירעקטע „אַקציאָן“, אפילו אין דער לייכסטער פאָרמע, וואָס זאָלען בלויז אויסדריקען די איניציאַטיווע און אַקטיוויטעט פון די ארבייטער זעלבסט; אָט דיזע אידעען, וואָס זיינען שוין היינט די גרונדלאַגע פון מאָדערנעם יוניאָניזם, און אַרבייטער קאמף כמעט אין דער גאנצער וועלט, זיינען זיי ניט נאָר פרעמד צו די פאַרשטעהער פון אמעריקאנער פּראָלעטאריאט, נאָר די יוניאָן־ביוראָקראטיע ווייזט צוריק יעדע אידעע פון דיזען סאָרט אַלס א צושטערענדער פּלאַנץ, וואָס איז אריבערגעבראכט געוואָרען פון פרעמדע, „ראַדיקאַלע אגיטאַטאָרען“, וועלכע גראָבען אונטער מיט דעם די יסודות פון דער ציוויליזאציע, וואָס מען דאַרף באַקעמפען מיט אַלע אונטערדריקונגס מיטלען פון געזעץ און אָרדנונג, און די געוואַלטטהאַטען וואָס זיינען פּראַקטיצירט געוואָרען פון דעם געוועזענעם אַרבייטער מיניסטער ווילסאָן מיט זיינע אגולנע אַרויסשיקונגען פון הונדערטע מענשען אויס דעם לאַנד אַלס

וואָס האָט געהאַט די אויפגאבע צו ווירקען, אַז ס'זאָל קומען פרידען אַזוי שנעל ווי מעגליך, און אכטונג געבען, אַז ווערענד די מלחמה געהט אָן זאָל דער אַרבייטער פּאַרטיידיגט ווערען אַלס אַרבייטער, מען זאָל ניט פאַרלענגערען זיינע שטונדען, מען זאָל ניט פאַרקלענערען זיינע פאַרדינסטען, ניט אונטערדריקען זיינע צייטונגען און מיינונגס־פרייהייט, א. ז. וו. איז געאָמפּערס מיט זיינע קאָלעגען אַרוים מיט א שענדליכען בלבול, „אַז דער „קאָנסול“ באַשטעהט פון דייטשע שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרס, און אַז ער זוכט צו שטערען די אמעריקאנער רעגירונג אין די מלחמה געגען דייטשלאַנד“. דאָס איז געטאָן געוואָרען דערפאַר, ווייל מאנכע פירער פונ'ם „קאָנסול“ האָבען געוואגט צו זיין געגען דעם „בורגפרידען“ פון גאָמפּערס, וועלכער האָט איינפאַך איבערגעליפערט די אַרבייטער־באַוועגונג צו די קאַפּיטאַליסטען אין די מלחמה־צייט, ניט האָבענדיג קיין מוט און שכל צו שווייגען, נאָר האָט נאָך העכער געליאַרעמט וועגען הורא־פּאַטריאָטיזם, ווי די ערגסטע שאָוויניסטען פון סאָציאַל־פּאַטריאָטישען לאַגער.

„פּרעמדע ראַדיקאַלען", זיינען באַגלייט געוואָרען מיט שטילשוויי־גענדער הסכמה, ריכטיגער געזאָגט, מיט אויפהעצונג מצד פון דער „אַמעריקאַן פעדערישאַן אָף לייבאָר", וואו דער געוועזענער מי־ניסטער פון אַרבייט, ווילסאָן איז נאָך אַלץ אַן ערענהאָפּטער מיט־גליד.

זעהט איהר, די אידעע פון „סיוויק פעדערישאָן", וואָס איז אין גרונד גענומען, אַ קינד פון גרויס־קאַפּיטאַל, וואו גאָמפּערס, אַקאָנער און אַנדערע יוניאָן פירער פּלפּול'ען ביי איין טיש מיט אַ בעלמאָנט, טעפט, דיופּאָנט און אַנדערע ריטער פון קאַפּיטאַליזם וועגען „דעם אייביגען פרידען און האַרמאָניע" צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט, — אָט די דאָזיגע בורזשואַזע אידעע איז ביי די פּי־רער פיעל וויכטיגער ווי אויספּרובירען די מעכטיגע כחות פון אַמע־ריקאַנער פּראָלעטאַריאַט אויפן גראַדליניגען וועג פון גענעראַל און סימפּאַטיע־סטרייק, כדי צוריקצושלאָגען די שרעקליכע אַטאַקעס, וואָס ווערען געמאַכט פון די גערים און געריםאָנס, די יונקערס פון גרויס קאַפּיטאַל. אָבער די דאָזיגע מעטאָדען פון קלאַסען־קאַמף שטימען דאָך ניט מיט'ן שטילען גאָמפּערסיזם. עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס די יוניאָן באַוועגונג פון אַמעריקאַ געפינט זיך נאָך צענדליגע יאָרען פון מיהזאַמער אָרגאַניזירונג און נאָך פי־לע בלוטיגע קאַמפּען מצד פון די אַרבייטער־מאַסען, אימער נאָך ביים טויטען פונקט פון רעגרעס אין פאַרגלייך מיט דער אַרביי־טער־באַוועגונג אין אייראָפּאַ.

די שטענדיגע קלאָג־לידער וועגען דעם פאַרשאַלטענעם צויבער־קרייז פון „אַ טריט פאָראויס און דריי צוריק", וואָס איהר לעזט גאַנץ אָפט אין די יוניאָן־פּרעסע פון די יוניאָן שרייבער, גיט דעם בעסטען אויסדרוק פון אָט דעם ווירקליכען צושטאַנד, אין וועלכע די אַמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג, די אַלגעמיינע אַזוי גוט ווי די אידישע, געפינט זיך אַלע יאָרען פון איהר עקזיסטענץ.

ניט נאָר אין די געוויינליכע צייטען, נאָר זאָגאַר נאָך אַ פּער־יאָד פון „פּראָספּעריטי" (הצלחה), ווי אין די מלחמה־יאָהרען פון 1914—1918, ווען די יוניאָנס האָבען — אַ דאַנק דעם מאַנגעל אין אַרבייטער — זיך שטאַרק באַפעסטיגט, קענען זיי ניט אָנהאַל־טען זייער פּאָזיציע, און פאַנגען באַלד אָן צו געהן באַרג אַראָפּ, ניט

זייענדיג אימשטאנד ארויסצואווייזען דעם מינדעסטען ווידער־שטאנד געגען דעם אנגריף פון קאפיטאל און גיבען צוריק דאס, וואס די יוניאן באוועגונג האט שוין לאנג ערא‍בערט, און די פירער קאנען ניט מעהר ווי באווייגען זייער ביטערען שיקזאל...*) וואלטען די פירער, וואס פארנעמען זיך אויף קרומע וועגען, פון איינבעטען זיך צו די פארטייען פון גרויס און קליין קאפיטאל, אז זיי זאלען ארייגשרייבען „ליבעראלע“ פונקטען אין זייערע פלאטפארמען פאר די ארימע ארבייטער, (וועלכע די קאפיטאליסטען פארשפרעכען זיי גאנץ גערן פ א ר יעדען וואהל־קאמף), כדי צו פארהיטען דעם פיל פארשריענעם „סטענדארד אף ליווינג“, וואלטען זיי אנשטאט דיזע שתדלנות־פאליטיק, בעסער אנגעפירט מוטיג און ווירדיג דעם קלאסען קאמף, זיך שטיצענדיג אויף די כחות פון די מאסען, דא־מאלט וואלטען זיי זיכער פארשפארט יאהר נאך יאהר אנצופאנ־גען אויף דאס ניי דעם קאמף פאר די אנערקענונג פון דער יוניאן און פאר דאס רעכט פון ארגאניזאציאן.

אבער וואס פאר א שטעלונג נעמען די קאפיטאליסטען צו אט דער „עק־פאליטיק“ פון די יוניאן־פירער? געוויס, זיינען די קא־פיטאליסטען ניט אזעלכע נאאיווע „ליבעראלען“, ווי די פארעטע־רישע יוניאן־ביוראקראטיע זוכט צו מאכען דעם איינדרוק פאר די ארבייטענדע מאסען, ווען זיי דארפען ארויסנארען די שטימען און זיי אוועקשענקען צו די קאפיטאליסטישע פארטייען, א זאך וואס

---

*) אין „פארווערטס“ פון 26טען סעפטעמבער 1920 קלאגט א שרייבער: „מיט דער ארבייטער־באוועגונג פון אמעריקא קומט פאר פונקט דאס אומגעקערטע, ווי מיט דער ארבייטער־באוועגונג איבער דער גאנצער וועלט. ווערענד אומעטום האט דער ארויסרוף וואס גרויס־קאפיטאל האט גע־מאכט צו די ארבייטער גלייך נאך דער מלחמה געווירקט, אז די יוניאנס זאלען ווערען אגרעסיוו, מעהר אנגרייפענד, מעהר רעוואלוציאנער, סיי אין זייערע פאדערונגען און סיי אין זייערע מעטאדען, האט עס אין אמעריקא געווירקט פונקט פארקערט. דא פיהלט זיך, ווי די יוניאנס וואלטען ווערען איינגעהאלטענער, וואקעלדיג, נאך מעהר איינגעהאלטען און וואקעלדיג ווי זיי זיינען געוועזן פריהער. די חיגע יוניאנס האבען גאר אנגעפאנגען צו געהן אויף צוריק.“

זיי טוען דאָס ביי יעדען וואַהלקאַמף ביז'ן היינטיגען טאָג*) איידער זיי (די קאַפּיטאַליסטען) גהען דורכפירען די פּוסטעסטע פאַר־שפּרעכונגען צו די יוניאָן־פירער פון מאַכען „ליבעראַלע“ געזעצען און „אַנערקענען“ די יוניאָנס, אָרגאַניזירען זיי זיך פריהער אין ענ־גערע, מעכטיגע טראַסטס און באַשליסען בעסער פאַראייניגטער־הייט צו געבען שטאַרקערע קלעפּ צו דער אָרגאַניזירטער אַרבייטער־שאַפט, און דוקא פון דער „כשר'ער“ „אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָף לייבאָר**).

*) אין „טאָג“ פון 1טען סעפּטעמבער 1920, לעזען מיר: „גאָמפּערס' „נאָן פּאַרטיזען ליעג“ (אומפּאַרטייאישע ליגע) האָט נאָך א לאַנגען נאָכ־זוכען אויסגעפונען, אַז, קאַקס דער קאַנדידאַט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פאַר פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, איז די פּאַסענדע פּערזאָן, וועלכע גאָמפּערס מיט זיין „ליעג“ רעקאָמאַנדירען צו די אַרביי־טער, אַז זיי זאָלען פאַר איהם אָפּגעבען די שטימען דעם 7טען נאָוועמ־בער 1920.“

דער „פאָרווערטס“ פון 8טען סעפּטעמבער 1918 שרייבט: „דער אַר־ביימער פירער פ. ברוידי און אַנדערע האָבען זעהר ענערגיש געאַרבייט מיט זייער „אַרבייטער ליעג“ אַז הילען, וואָס איז געלאָפען פאַר מעיאָר פון נויאָרק, פון די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, זאָל ערוועהלט ווערען.“

**) דער „טאָג“ פון 21טען אויגוסט 1920, שרייבט: „כדי צו באַ־פעסטיגען די פּאַרטיידיגונגס־ליניעס, און זיין פאַרבערייט צו באַגעגענען די שטאָל און אייזען יוניאָנס, וועלכע האָבען געוואָלט אַרויפצווינגען דעם „יוניאָן שאָפּ“, האָבען פאַרטרעטער פון זיבעצען פון די גרעסטע שטאָל פאַבריקאַנטען זיך פאַרזאַמעלט אין האָטעל טריימאַר און געבילדעט אַ נייע, גרויסע אַסאָסיאַציע פון אייזען פאַבריקאַנטען. די דאָזיגע אַקציע — האָט פּרעזידענט העריס פון דער נייער אַסאָסיאַציע ערקלערט — איז, כדי צו פאַרטיידיגען זיך געגען יעדע מעגליכע אַטאַקע פון דער „אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָף לייבאָר.“

נאָך א ביישפּיל געפינען מיר אין דער „צייט“ פון 13טען יאַנואַר 1920, וואו עס ווערט געמעלדעט: „אַז אַן אָפענער קאַמף צו צוברעכען די יוניאָנס איז נעכטען ערקלערט געוואָרען אויף א קאָנפערענץ אין שי־קאַגאָ פון בעלי־בתים פון 22טען שטאַטען. די „בערען“ פון דער פאַב־

אז די באשלוסען צו פארניכטען די ארגאניזירטע ארבייטער־שאפט פון אמעריקא ווערען ביי די קאפיטאליסטען ניט פארוואנדעלט בלויז אין פאפירענע רעזאלוציעס, נאר אז זיי פירען טאקע דורך זייערע באשלוסען אין לעבען, קענען ציינען די ברוטאלע מערדערייען, וואס זיי זיינען אימער באגאנגען און באגעהן היינט צו טאג אום די ארבייטער צו אונטערווארפען אונטער זייער הפקר'־דיגע עקספלואטאציע פון לויז־שקלאפעריי אין דעם בלוטבאד אין לודלאוו, קאלאראדא, וואס די באדינער פון ראקעפעלער האבען גע־מאכט אין סטרייק פון 1914 און די מערדערייען פון וועסט־ווירדזשיניא זיינען די בעסטע ביישפילען דערפון.*) און דאך, נאך די דאזיגע טרויעריגע ערפאהרונגען, א דאנק די זאגענאנטע „פריד־ליכע"... מעטאדען, און צוריקגעהאלטענע מיטלען, וואס ברענגט קיינעם קיין נוצען ניט, האבען די יוניאן פירער נאך אלץ קיין מוט ניט זיך צו פארמעסטען מיט די מעכטיגע כחות פון אמעריקאנער פראלעטאריאט אויף דעם אפענעם פעלד פון קלאסען־קאמף, באנו־צענדיג די מאדערנע מיטלען פון קאלעקטיווער, דירעקטער אקציאן געגען די קאפיטאליסטען, אום איין מאל פאר אלע מאל אויסצו־קעמפען די געזעלשאפטליכע פאזיציע פון ארבייטער קלאס. אנ־שטאט צו זיין בראוו דער אוואנגארד, און געהן, ווי זייער בארוף איז, פאראויס, געהען זיי נאר ווי פייגלינגען, מיט געבויגענע קעפ

ריקאנטען־וועלט האבען אונטער שעהן קלינגענדע פראזען וועגען „אמע־ריקאניזם", באשלאסען צו צוברעכען די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פון אמעריקא. אין דער רעזאלוציע ווערט געזאגט: „אז אלע געזעץ־געהארכ־זאמע בירגער און איינוואוינער האבען א רעכט צו ארבייטען ווען זיי ווילען, פאר וועמען זיי ווילען, און אויף וועלכע באדינגונגען עס שטימען איין דער ארבייטער און דער ארבייטגעבער, און קיין זייטיגער טאר זיך ניט אריינמישען. און מיר ערקלערען דאס אונזער באשלוס איז צו שטי־צען דיזען אמעריקאנישען פלאן דורך אויפהאלטען דעם „אפענעם שאפ."

*) דער „פארווערטס" פון 29טען אויגוסט 1920, שרייבט: „דער מערדער פון גרויס קאפיטאל וואס בושעוועט אין וועסט ווירדזשיניא, וואו א הייפעל קוילען־באראנען פארניכטעט די קאנסטיטוציע, צוברעכט די דעמאקראטיע, צוטרעט די געזעצען און שטעלט ארויף איהר „אייזערנעם

און ווענדען זיך מיט קלאַגעס צו דער רעגירונג געגען די עולות פון די קאַפּיטאַליסטען. ד. ה. זיי אין זייער דומהייט, אָדער אויס בייזוויליגען שפּאַס, פאַרקלאַגען „דעם טייוועל ביי דער שוויגער“ און עס לאָזט זיך ווי אימער אויס א בוידעם.*) אָבער אַפּצוזאַגען

קנאַפּעל“ אויף אַלע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכטען און בירגליכע פּריוויהייטען. וועגען דעם איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע שטיל, אָבער ווען די מינען־אַרבייטער זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען, און די קאָמפּאַני האָט זיי דערפאַר פון דער אַרבייט אָפּגעזאָגט, האָבען די אַרבייטער זייערע הייזער געמוזט פאַרלאָזען און האָבען אין ערגעץ ניט געקענט באַקומען קיין שפּייז צו קויפען, ווייל אלעס באלאנגט דאָרטען צו די קאָמפּאַניע, אַלעס איז זייער איגענטום: די מינען, די וועלדער, די הייזער, וואו די מינען־אַרבייטער וואוינען, די שולעס, די קירכעס וואו די מינען גרעבער פאַמיליעס געהען גאָט בעטען, די שפּייז קראָמען, אלעס, אלעס באַלאַנגט צו דיזעלבע קוילען־באראנען, און ווען די מינען אַרבייטער זיינען אין דערביאיגע וועלדער אוועק, ביידלאך אויסגעשטעלט, און אויפ'ן גראָז אין ווילדען וואלד געזאָלט לעבען, האָט מען זיי אויך פון דאָרטען געיאָגט. און ווען עטליכע בראווע, מוטיגע איינוואוינער פון ארום די מינען געגענד האָבען פּראָטעסטירט, זיינען זיי אין א נאַכט פון א גאַנצער באַנדע בויאנעס מיט פּאָליציי בלעכלאך אויף די ברוסטען, און שטאָלענע רעוואָלווערען אין די הענט, באַפאַלען געוואָרען און עס איז געוועזן מאָרד. און... זיי שוויגען שוין.“

*) אין זעלבען „פאָרווערטס“ פון 29טען אויגוסט 1920, געפינען מיר: „אַז גאָמפּערס האָט אין נאָמען פון די יוניאָנס אַריינגעבראַכט א קלאַגע געגען „גאָווערנאָר“ (גובערנאַטאָר) פון וועסט ווירדזשיניא צום סענאַט אין וואַשינגטאָן, וואו עס ווערט דערמאָנט די אונטערזוכונג, וואָס דער סענאַט האָט שוין געמאַכט אין וועסט ווירדזשיניא אין די יאָהרען 1912 און 1913. דאן האָט זיך אויך געהאַנדעלט וועגען פּאָגראָמען און פּלינדערייען, וואָס פּאָליציי און באַנדיטען געדונגען פון די קאָמפּאַניע האָבען געמאכט אויף די מינען אַרבייטער. וועסט ווירדזשיניא איז אַלזאָ פון לאנג א שוואַרצער פלעק אויף אמעריקא. איז אָבער די פראגע, וואָס וועט זיין דער רעזולטאַט פון דעם? וואָס וועט שוין זיין ווען אפילו די איצטיגע „לייבאָר באָאַרד“ (אַרבייטס קאָמיטע) פון סענאַט

זיך פון זייער אפּאָרטוניסטישען פאַר־יוניאָניזם, אדער צו ענדער־רען זייער שעדליך פּחדי׳נישע טאַקטיק, אין עקאָנאָמישען קאַמף געגען קאַפּיטאַל — דאָס ניט, דאָס וואָלט דאָך געהייסען אָפּטרע־טען פון זייער ריינעם „פּיור ענד סימפּל טרייד יוניאָניזם“ פון וועלכען דער גאָמפּערסיזם איז אין געגענזאַץ צו די „נייטס אָף לייבאָר“ (ריטער פון ארבייט) אנטשטאַנען זינט דעם יאָהר 1886. און דאָס, זעהט איהר, קאָן ניט פּאַסירען, ווארום דאָס וואָלט מיי־נען צו ענדערען די אָרגאַנישע גרונד־יסודות פון דער גאַנצער אַמע־ריקאַנער יוניאָן־באַוועגונג, וועלכע איז באַהערשט פון דער ביוראָ־קראַטיע, אלס א נייעם, אויפגעקומענעם קלאַס פון פּראָפעסיאָנאַלען, וואָס שטעהן ווי א וואַנט צווישען די ארבייטער און זייערע בעל־הבתים שוין פאַר די לעצטע צענדליגע יאָהרען. דאָס וואָלט דאָך אויך מיינען, אז זיי דאַרפען זיך אָפּזאָגען צו שפּילען די בכבודיגע ראָלע פון וועלט־באַפרייער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמעדיע פון דער ארבייטער קאָמיסיע פון דער „נאַציאָנען ליגע“ און אויפ־געבען דעם הייליגען קאַמף געגען ראַדיקאַליזם, וואָס איז א פליכט פאַר יעדען „ציוויליזירטען ארדנונגס פעהיגען ארבייטער פירער“, און וואָס גיט זיי אזא גרויסען אנזעהן אין די רעגירונגס קרייזען, וואו זיי טאַנצען אימער נאָך דער פּאָליטישער פייפעל.*) אָבער

וועט ברענגען א באַריכט וואָס וועט אלע קלאָגען באַשטעטיגען? וועט דען ניט זיין דאָסזעלבע, ווי עס איז געווען ביי דער דערמאָנטער אונטערזו־כונג פון יאָהר 1912 און 1913?“

*) אָט וואָס ה. ראָגאָף שרייבט אין זיין געדריקטער שטימונג אין „פאָרווערטס“ פון 19טען אויגוסט 1920, וועגען די פּאָליטיק פון גאָמ־פּערס און זיינע קאָלעגען: „די אַמעריקאַנער אַרבייטער זיינען גלייכ־גילטיג צו דער איצטיגער וועלט־דראַמא דערפאַר, וואָס די פירער זייערע טאַנצען אויפ׳ן שטריק פון די צוויי קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. גאָמ־פּערס האַנדעלט ניט ווי ער דענקט, אָדער ווי ער פיהלט, נאָר ווי עס פאָ־דערט די פּאָליטיק פון דער ווילסאָן־אַדמיניסטראַציע וועלכע ער שטיצט. און האַטשינסאָן, דער פירער פון די טישלער אַרבייטער, וועלכער איז גראָדע א רעפּובליקאַנישער לאַקיי, האַנדעלט ניט ווי ער דענקט, נאָר ווי עס פאָדערט די פּאָליטיק פון דער רעפּובליקאַנישער מאַשין. און אַזוי ווי

ניט קוקענדיג אויף די טראַדיציאָנעלע רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון שטילען, געהאַרכזאַמען גאָמפּערסיזם, וואָס די באַאַמטע פירען אַן אין סאָציאַל־עקאָנאָמישען לעבען אין נאָמען פון אַמעריקאַנער אַרבייטערשאַפט, האָט דאָך די נייע צייט פון רעוואָלוציאָנערער ערוואַכונג פון אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט נאָך די קאַטאַסטראָפאַלע איבערקערענישען, וואָס זיינען געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער וועלט־מלחמה פון 1914־18, דאָך דורכגעבראָכען דאָס אייז אויך אין דער אַרבייטער־באַוועגונג פון אַמעריקא. דער געוואַלטיגער סאָציאַלער אומרו פון די אייראָפּעאישע אַרבייטער־מאַסען — שוין ניט ריידענדיג פון דעם מעכטיגען, לאַנג דויערענדען אָפּקלאַנג, וואָס די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן פון רוסישען אַרבייטער־פאָלק האָט געהאַט אויף די אַרבייטער פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, האָט געווירקט אויך אויף די פאַרפירטע אומבאַהאָלפענע אַרבייטער־שקלאַפען פון די פאַראייניגטע שטאַטען. די ווירקונג איז געווען אַזוי אומגעהייער מעכטיג, אַז סהאָט אַריינגעבראַכט אין די רייען פון די היגע אַרבייטער אַ גראַנדיעזע מאַסען־אַקטיוויטעט, ווי נאָך קיין מאָל ניט בעפאָר.

די פּאָליטיק פון די צוויי גרויסע פּאַרטייען איז די פּאָליטיק פון דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, פאַרשטעהט זיך, אַז אַ גאָמפּערס און האַטשינסאַן קאָנען ניט אַרויסטרעטען מיט אַ מאַניפעסט, ווי עס האָבען געטאָן די ענגלישע אַרבייטער. אַ מאַניפעסט וואָס זאָל קלאָר מאַכען פאַר דער אַמעריקאַנער רעגירונג, אַז די אַרבייטער מאַסען ווילען ניט באַצאָלען דעם פּרייז פון בלוט און גוטס, כדי געוויסע קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען זאָלען ניט ליידען, אָדער זאָלען געווינען אין סאָוועט רוסלאַנד. אָט אין אַזאַ מאָמענט, ווי דער איצטיגער פילט זיך די טרויעריגע לאַגע אין וועלכע די אַמעריקאַנער אַרבייטער געפינען זיך, אין אַזאַ מאָמענט פיהלט מען די גייסטיגע טראַגעדיע, וועלכע איז פאַראורזאַכט געוואָרען פון דער פירערשאַפט פון דער אַמעריקאַנער באַוועגונג; אין אַזאַ מאָמענט, ווי דיזער קען מען בעגרייפען און מיטפיהלען מיט מענשען וואָס פאַרלירען די געדולד מיט דער „אַמעריקאַן פעדערייזשאָן אָף לייבאָר“ און פאַנגען אָן צו זוכען נייע וועגען און נייע מיטלען, ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען די אַרבייטער פון דער מאָראַלער אומבאַהאָלפענקייט.“

פונקט ווי די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציאן איז געהאל־
פען געווארען דורך די אמאליגע אמת'ע רעפובליקאנער פון אמע־
ריקא, אזוי ווידערהאלט זיך די געשיכטע איצט, נאר אין א פאר־
קערטער ריכטונג: די אייראפייאישע רעוואלוציאנערע קראפט פון
רוסישען באלשעוויזם, פון די איטאליענישע ארבייטער אויפשטאנ־
דען, פון די פראנצויזישע און דייטשע אומרוהען און דאס ברומען
פון דער „לייבאר פארטיי“ אין ענגלאנד, דאס אלץ האט געהאלפען
צו זעצען אין באוועגונג אויך די פאטענציאלע ענערגיע פון אמע־
ריקאנער פראלעטאריאט. די בעסטע סימנים דאפון זיינען געווען:
די מאסאווע ארויסטרעטונגען און ספאנטאנע סטרייקס, וואס זיי־
נען כמעט ענליך געווען צו רעוואלטען אין די שליסעל־אינדוסטריעס
פון לאנד, ווי פון די אייזענבאהן ארבייטער, שטאל־פראלעטאריער,
קוילען און מינען גרעבער, פארט ארבייטער א. ז. וו., א. ז. וו.
אין די יאהרען 1918, 1919 און 1920, וואס האבען ווי א מבול
פארפלייצט גאנץ אמעריקא. די סטרייק־כוואליע איז געווען אזוי
ריזיג אין קראפט, אז זי האט אזש צובראכען די „הונדערט פרא־
צענטיגע“ דיסציפלין, וואס די יוניאן ביוראקראטיע האט איינגע־
פלאנצט מיט אלע מיטלען אין די מאסען, און האט די ביוראקראטיע
אליין געצוואונגען נאכגיביגער צו ווערען. זי, די ביוראקראטיע האט
ניט געקאנט זיך שטעלען אין וועג פון דער דאזיגער מעכטיגער,
גיגאנטישער פראטעסט־באוועגונג, וואס האט ארומגענומען כמעט
די גאנצע ארגאניזירטע אמעריקאנישע ארבייטערשאפט, טראץ דעם
וואס די פירער האבען פרובירט אלע מיטלען צו צושטערען דיזע
גרויסע אקציאן פון די מאסען, און געזוכט אויף שריט און טריט
צו הינדערן דעם ארבייטער קאמף געגען קאפיטאל.*) דאך האבען

די „פרייע ארבייטער שטימע“ פון 17טען אפריל 1920, ברענגט אן
אויסצוג, פון אן ערקלערונג פון די פירער, אין באצוג צו דעם אייזענ־
באהן סטרייק, וואס לעזט זיך ווי פאלגט: „דער סטרייק איז גערופען
געווארען פון א נייער ארגאניזאציאן וועמעס אויפגאבע עס איז צו צו־
ברעכען די „בראדערהוד אף ריילראוד טריינמען און סוויטשמענס יו־
ניאן“ (אייזענבאהן ברידערשאפטען). די נייע ארגאניזאציאן איז דורכ־
געדרונגען פון דעם געדאנק פון „איין גרויסער יוניאן“ פאר אלע איי־

זיי זיך געמוזט בויגען פאר'ן ווילען פון פאָלק, מאַכענדיג אין פילע פאַלען קאָמפּראָמיסען צו די גערעכטע פאַרלאַנגען פון די אַרבייטער.

פאַראויסזעהענדיג, ווי ביטרע פּאָליטישענס, די געפאַר, אַז דורך דער וואַקסענדער אומצופרידענהייט פון די מאַסען, זאָלען זיי ניט אַרויסגעשליידערט ווערען פון די אַרבייטער רייהען, זיינען זיי פאַרלאָפען דעם וועג און אויפגענומען דעם פּאָפּולערען, ליבעראַלען לאָזונג פון דער ענגלישער „לייבאָר פּאַרטי“: „די נאַציאָנאַליזאַציע פון די אייזענבאַנען מיט די „אויסבעסערונגען“ נאָך דעם באַקאַנטען „פּלאַם—פּלאַן“. דאָס מיינט איבערצוגעבען די אייזענבאַנען אונטער דעם געמיינשאַפטליכען קאָנטראָל פון די באַן־מאַגנאַטען, אַרבייטער און רעגירונג, אַ זאַך, וואָס זיי האָבען, איבעריגענס, קיין מאָל אין ערענסט ניט געמיינט דורכצופירען אין לעבען. אַז דאָס איז בלויז געווען אַ קונציגע מאַניעווּרע אויף לינקס מצד פון די פירער, אום צו ראַטעווען זייער פּרעסטיזש, און אָפּצושוואַכען די אומצופרידענהייט וואָס האָט זיך גענומען בילדען און ענטוויקלען גענען זייער הערשאַפט,*) דאָס צייגט דער פאַקט, וואָס פאַר אַ

זענבאַהן אַרבייטער. אָבער די געזעצען פון אונזערע אָרגאַניזאַציאָנען לייגען אַרויף שטראָפען אויף אַלע מיטגלידער, וועלכע זיינען פאַרוויקעלט אין אומגעזעצליכע סטרייקס און די שטראָפען וועלען דורכגעפירט ווערען, דערווייל בעמיהען זיך די פירער, — לעזען מיר ווייטער — צו צוברעכען דעם סטרייק, און פאָדערען אויף אַלע גוטע יוניאָן־לייט צו פאַרנעמען די פּלעצער פון די סטרייקענדע יוניאָן מיטגלידער“.

*) אָט וואָס מיר לעזען וועגען דער אָפענער געגנערשאַפט וואָס פאַנגט זיך אָן אַנטוויקלען איבערהאַלב פון דער א. פ. אָף ל. געגען דער טאַקטיק פון גאָמפּערסיזם — אין די נויארק „קאָל“ פון 5טען אָקטאָבער 1920: „די באַאַמטע פון דער „אמעריקאַן פעדערײשאָן אָף לייבאָר“, וועלכע האָבען צו טאָן מיט די שונאים פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין דער נאַציאָנאַלער „סיוויק פעדערײשאָן“, זיינען אין אַלגעמיין פאַרדאַמט געוואָרען פון די דעלעגאַטען, פון די אינטערנאַציאָנאַלע מאַשינעסטען אַסאָסיאַציע אויף דער קאָנווענציע אין ראָטשעסטער. די קאָנווענציע האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס פאַרבאָט זייערע אַ פאַרשטעהער צו שטימען אויף דעם צוזאַמענפאָר פון דער א. פ. אָף ל. פאַר

שטעלונג זיי האבען גענומען צו דיזע פראגע נאך דער מלחמה.
ווען דער „קאנגרעס“ האט אין יאהר 1920 באשלאסען צוריק אומ־
צוקערען די באנען צו די פריוואטע אונטערנעמער, פון וועמען זיי
זיינען אין דער מלחמה צייט אוועקגענומען געווארען און געשטעלט
געווארען אונטער דער רעגירונגס קאנטראלע, האבען גאמפערס און
זיינע מיטהעלפער, נאכ׳ן גאנצען טאראראם מכח „נאציאנאליזא־
ציע“ זיך גענומען, ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי פאר די אלטע
„לאבי פאליטיק“, כדי אויסצו׳פועל׳ן, אז די רעגירונג זאל אנהאל־
טען די אייזענבאנען כאטש נאך אויף א יאהר אין איהר רשות,
מיט׳ן תירוץ, אז דאס זוכט מען צו פארהיטען, אז דער יקרות זאל
ניט גרעסער ווערען, ווייל די באן־מאגנאטען קלייבען זיך צו העכע־
רען די פראכט־פרייזען, און דאס וועט זיכער צווינגען די באן־אר־
בייטער צו א נייעם „אומגעזעצליכען“ סטרייק. (דאס איינציגע
פאר וואס זיי זארגען אימער...) ווען זייער בקשה איז ניט געהערט
געווארען, און דער „קאנגרעס“ האט דאך באשלאסען איבערצוגע־
בען די אייזענבאנען צו די פריהעריגע קאפיטאליסטישע אונטערנע־
מער, האט דאס נאטירליך געטריבען די ארבייטער צו פארלאנגען
זייער נאך פריהער צוגעזאגטע לוין העכערונג, און צוליב דעם זיינען
זיי טאקע ארויס אין אן „אומגעזעצליכען“ סטרייק, דערפאר וואס

א פירער, ווי א גאמפערס און אנדערע וואס באלאנגען צו די „סיוויק
פעדערישאן“, וועלכע איז פון די דעלעגאטען כאראקטעריזירט געווארען
אלס א סטרייק־ברעכער ארגאניזאציע, און דינערין פון גרויס קאפיטאל“.
נאך א פאקט געגען דער דאזיגער פירערשאפט, לעזען מיר אין דער „צייט“
פון 4טען אקטאבער 1920, „די מישיגען „סטייט פעדערישאן אף לייב־
באר“ (שטאטליכע פעדעראציע פון ארבייט) האט אנגענומען ביי איהר
יעהרליכע קאנווענציע אן אמענדעמענט צו איהר קאנסטיטוציע, פאר־
ווערענדיג די באאמטע פון דער פעדעראציע צו שטיצען די פאליטיק
פון די אלטע „קאפיטאליסטישע פארטייען“. אויך געפינען מיר וויטער
א נאטיץ, אז די „דזשורנימען טיילארס יוניאן“ (שניידער יוניאן)
לאקאל 390, אלס ענטפער אויף דער ערקלערונג פון סעמועל גאמפערס
און מעטיו וואל, פרעזידענט און וויצע פרעזידענט פון דער א. פ. אף ל.
אז די אמעריקאנער ארבייטער זיינען געגען שטיצען סאוועט רוסלאנד,

זייער פארלאנג איז ניט נאכגעגעבען געווארען. דאך, ניט קוקענדיג אויף די גערעכטיגקייט פון די פאדערונגען פון די ארבייטער, וועלכע זיינען נאך אלע צוזאגען און האפנונגען אפגענארט געווארען, האט דאס אלץ נישט אפגעהאלטען די יוניאן־ביוראקראטיע, צוזאמען מיט די באן־קאמפאניעס און מיט דער רעגירונג צו באקעמפען מיט אלע מיטלען פון ארגאניזירטע סטרייק ברעכעריי, ביז געפענגניש, אריינגערעכענט די ארבייטער און צוברעכען זייער סטרייק, וואס איז אויסגעבראכען געווארען אהן דעם הכשר פון די אינטערנאציאנאלע בעאמטע. דאסזעלבע האט אויך פאסירט מיט די מינען ארבייטער א. ז. וו. מעהר נאך, ווען די מינען ארבייטער זיינען אין נאוועמבער פון יאהר 1919 ארויס שוין אין א „כשר'ען“ סטרייק, איז גלייך ווי די רעגירונג האט ארויסגענומען אן „אינדזשאנקשאן“ געגען די פירער, און געסטראשעט זיי צו האלטען פאראנטווארטליך פאר'ן סטרייק, האבען די בעאמטע, אנשטאט צו שטעהן אויפ'ן פאסטען און פארטיידיגען די גערעכטע פאדערונגען פון די ארבייטער, אויסנוצענדיג די קאמפסלוסטיגקייט וואס האט זיך צו יענער צייט אזוי גלענצענד מאניפעסטירט צווישען די ארבייטער מאסען, און מיט א קאלעקטיווער אקציאן צווינגען די מינען־לארדען נאכצוגעבען די גערעכטע פארלאנגען און אויף אזא אופן דינען די אינטערעסען פון ארבייטער קלאס, האבען זיי, ווי איבערגעשראקענע האזען, גלייך צוריקגערופען דעם סטרייק און איהם אינגאנצען פאראליזירט. אבער כדי צו רעכטפערטיגען זייער פייגהאפטע, פארעטערישע האנדלונג, וואס האט געמאכט זעהר א שלעכטען איינדרוק אויף דער ארבייטער וועלט, האט פרעזידענט לואיס פון דער קוילען־גרעבער יוניאן, נאך א קאנפערענץ מיט די לייטענדע גייסטער פון דער יוניאן־באוועגונג, ארויסגעגעבען א לאנגע ערקלערונג, וואו צווישען אנדערעס ווערט ערקלערט: „אז זיי האבען זיך געקאנט אנטקעגענשטעלען אין קאמף געגען די פריוואטע קאפיטאליסטען, אבער אום ארויסצוטרעטען קעגען דער רעגירונג, זיינען זיי קודם כל אמעריקאנער פאטריאטען און קאנען

האט זי (די שניידער יוניאן) אנגענומען ביי איהר א מיטינג א רעזאלוציע אויסדריקענדיג א פולען צוטרויען צו דער רעגירונג פון ראטען־רוסלאנד“.

אזוינס ניט טון, און בפרט נאך ווען עס וואלט יעדענפאלס געווען א ריזיקע אויפצונעמען א קאמף מיט דער גאנצער רעגירונגס־מאַשין פון שטאַט.״ א חוץ דעם האָבען זיי אין יענער ערקלערונג פאר איין וועג אן עצה געגעבען די מינען־ארבייטער צוריקצוגעהן צו דער ארבייט און זיך צו פאַרלאזען אויף די ענטשיידונג פון די „סקייל באארד״, וואס די רעגירונג האט באשטימט. אבער ווען די קוילען־גרעבער זיינען געבליבען אומצופרידען מיט דער ענטשיידונג פון דעם לוין־קאמיטעט, וואס האט צוגע׳פסק׳ענט א 14 פראצענטיגע לוין־העכערונג, און ניט נאר זיך ניט אומגעקערט צו דער ארבייט, נאר נאך מעהר קוילען־גרעבער, — ווי דער „פאָרווערטס״*) האט געמאלדען זיינען ארוים אין סטרייק אין פיעלע שטאטען: ווי אין אילינאיז, אינדיאנא, קענזאס און אנדערשוואו, איז דער פרעזידענט זייערער לואיס, ארוים מיט אן אטאקע געגען די ארבייטער, „וואס לאזען זיך אויפהעצען פון ראדיקאלען צו אומגעזעצליכע סטרייקס, געגען וועלכע מען וועט זיכער נעמען א שטעלונג״. און דאס נאך דעם אלעם, ווען עס מאכט זיך א דרינגענדע לאגע, שלעפט די יוניאן ביוראקראטיע ארוים פון דעם פארוואַסערטען רעזערוו די „אישו״ פון „נאציאנאליזאציע״, כדי צו שיטען זאמד אין די אויגען פון די ארבייטער, און זיי באנוצען דערביי א נייע שפראך פון „פראגרעסיזם״, ביז זיי שלעפערען ווידער איין די מאסען מיט׳ן סם פון אפגעלעבטען, רעאקציאנערען גאמפערסיזם, און די מאסען ווערען נאכהער אויף א געוויסע צייט רוהיג און פארשטומט.

אלזא, פון די פאקטען, וואס איך האב דא געבראכט, איז קלאר צו זעהן, אז דער צענטראלער אקס אויף וואס עס דרעהט זיך די גאנצע „פילאזאפיע״ פון דער פאליטישער עקאנאמיע, ווי זי ווערט אויפגעפאסט ביי די לייטענדע גייסטער פון דער אמעריקאנער יוניאן־באוועגונג, באשטעהט פון די פאלגענדע צוויי הויפט פרינציפען: ערשטענס, אום אויפצוהאלטען ניט נאר „פרידען און הארמאניע״ צווישען קאפיטאל און ארבייט, נאר אויך אום ארויסצוברענגען די „אומאונטערבראכענע פראדוקטיוויטעט פון די אינדוס־

*) „פארווערטס״, 31טען יולי 1920.

טריעס ביז דער העכסטער עפּישענסי“ איז נויטיג אַנצואווענדען אַלע שטילע מיטלען פון קאָלעקטיווען אָפּמאַך, אלס שטענדיגע אינסטיטוציע דורך „אַרביטריישאַן“ (בוררים־געריכט) „מידיאיישאַן“ (פּאַרמיטלונג) און אנדערע פרידליכע מאַשינעריעס, וואָס דאַרפען אויסגלייכען די רייבונגען צווישען די אַרבייטער און בעלי־בתים אין די ראַמען פון „קאָלעקטיוו באַרגעינינג“, אויסמיידענדיג ווי ווייט מעגליך די סטרייקס און סכסוכים מיט די קאַפּיטאַליסטען. צווייטענס, צו באַנוצען — ווי זיי טוען דאָס פאַר די לעצטע צענדליגע יאָהרען*) — — די שתדלנ'ישע „עק פּאָליטיק“ אויפ'ן פּאָליטישען פעלד, שפּילענדיג „ברוגז“ מיט די פיינד, און חנפה'נענדיג די „פריינד“ צווישען די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, כדי אַרויסצוקריגען ביי זיי די לעבליכע, שוין כמעט איבעראַל דורכגעפירטע רעפאָרמען פון באַגרענעצטער קינדער־אַרבייט, אַרבייטער־פאַרזיכערונגס־געזעצען, וכדומה. זיי וואַרפען דערביי לגמרי אָפּ דעם מינדעסטען געדאַנק פון אינדוסטריעלער אַקציאָן פאַר פּאָליטישע צוועקען, וואָס פּאַסען זיך ניט אַריין אין די ראַמען פון דער טראַדיציאָנעלער, קאָנסערוואַטיווער יוניאָן־באַוועגונג פון אַמעריקא.

דער דאָזיגער יוניאָניזם האָט אויך ענטוויקעלט זיין שעדליכע טאַקטיק פון האַרמאָנישער, געגענזייטיגער מיטאַרבייטערשאַפט מיט די קאַפּיטאַליסטען, אויפ'ן פונדאַמענט פון הייליגע „קאָלעקטיווע אַגרימענטס“ און „פּראָטאָקאָלען“. וועגען דעם אין נעקסטען קאַפּיטעל.

*) אזוי ווייט צוריק ווי אין יולי נומער „צוקונפט“ פון יאָהר 1909, לעזען מיר, אז די פירער, זייענדיג פארצווייפעלט צוליב דעם שטילשטאַנד אין דער ארביטער באוועגונג, „איז ביי זיי נאָך געבליבען די איינציגע האָפנונג אז די פּאָליטישע פארטייען וועלען אנעמען זייערע פאָדערונגען פאר ליבעראלע ארביטער געזעצען, מיט וועלכע זיי האָבען זיך אויך דאן אָפּגענארט קריגענדיג פון זיי א גאנץ אנדערע באהאנדלונג ווי זיי האָבען געוואונשען“.

צווייטער קאַפּיטעל.

קאָלעקטיווע אָפּמאַכונגען און ארביטראַציע אַלס שטענדיגע אינסטיטוציעס אין די אַמעריקאַנער יוניאָנס.

די קאָלעקטיווע אָפּמאַכונגען האָבען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער אנערקענט און אָנגענומען אין לויף פון זייער געשיכטליכער ענטוויקלונג אלס אַ מיטעל אין קאַמף געגען קאַפּיטאַליזם דאַמאלסט, ווען זיי האָבען מיט דעם כח פון זייער אָרגאַניזאַציע אָפּגעשאַפען דעם אינדיווידועלען „קאָנטראַקט“ (אָפּמאַך) צווישען דעם הילפלאָזען אומאָרגאַניזירטען לוין־שקלאַף און זיין קאַפּיטאַליסטישען האַר. די דאָזיגע „קאָלעקטיווע אַגרימענטס“ זיינען אבער פון די פירער ניט איבערגענומען געוואָרען אלס אַן אויסגאַנג און פועל יוצא פון סטרייקס, ווי למשל אַ פרידענס־טראַקטאַט נאָך אַ מלחמה צווישען צוויי שטרייטענדע צדדים — נאָר זיי האָבען דעם קאָלעקטיווען אָפּמאַך פאַרוואַנדעלט אין אַ שטענדיגע אינסטיטוציע, וואָס זאָל פונקציאָנירען אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר, וואו לאַיערס, יוניאָן־באַאמטע, און סתם רעפאָרמערס, זאָלען דורך אַ גאַנצער מאַשינעריע, וואָס ווערט עטאַבלירט און איינגעשטעלט פאַר „אַרביטראַציע“, „מידיאַציע“ א. ד. גל. זיין פאַרנומען אויסצוגלייכען די טאָג־טעגליכע רייבונגען און סכסוכים צווישען די אַרבייטער און בעליבתים. זייענדיג באַזעלט מיט די „הייליגע אידעאַלען“ פון „אינדוסטריעלען פרידען און קאָאָפּעראַציע צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט“, איז ביי די יוניאָן־פירער אָנגענומען געוואָרען אַ צווייטער „אייזערנער געזעץ“ פון היסטאָרישען מאַטריאַליזם... אויסצומיידען און ניט צו דערלאָזען צו קיין סטרייקס. די וויכטיגסטע אויפגאַבע פאַר די פירערס (פאַר זייערע קלאַסען אינטערעסען נאַטירליך)

און זייער יוניאָן־טעטיגקייט איז צו פאַרשפּרייטען אַ נעץ פון „קאַלעקטיווע אַגרימענטס“ און „פּראָטאָקאָלען“, וועלכע יעדע פאַד־יוניאָן מאַכט אָפּ מיט די בעלי־בתים באַזונדער און וואָס ווערען אונטערגעשריבען אויף פאַרשידענע דאַטומס און ענדיגען זיך אין פאַרשידענע צייטען פון יאָהר. אָט די דאָזיגע אָפּמאַכונגען פאַרפאָלגען דעם דאָפּעלטען צוועק: פון איין זייט צוצובינדען די אַרבייטער־מאַסען צום אָפּמאַך, אַז זיי זאָלען ניט קענען אַרויסטרעטען אינאיינעם מיט די אַרבייטער פון אַן אַנדער צווייג פון דעם זעלבען פאַך אפילו אין אַן אַלגעמיינעם סטרייק, אום ווירקזאַמער ווידערצושטעהן אין קאַמף מיט די בעלי־בתים. פון דער אַנדער זייט — אָפּצוטויטען דערמיט די קאַמפּסלוסטיגקייט פון די אַרבייטער און איינברעכען זיי אין דער „הונדערט פּראָצענטיגער יוניאָן דיסציפּלין“, וואָס די פירער זוכען איינצופלאַנצען אין די מאַסען, אום זיי זאָלען אויספאָלגען אָהן ווייטערדיגע קשיות די פונקטען פון די „אַגרימענטס“*).

אָננעמענדיג דיזע קאָלעקטיווע אָפּמאַכונגען אַרט ניט די פירער אויף וואָסערע פאָרמען זיי זיינען באַזירט: „צי די „אַגרימענטס“ ווערען עטאַבלירט אין דער פאָרמע פון אַן „אַרביטראַציע“־מאַשינעריע, אָדער דורך אַ „מאַשינעריע“ פון „קאָנסולאַציע“, אָדער גאָר פון „פּראָטאָקאָל“**) (די „מאָדערנע“ אָפּמאַכונגען פון

---

*) דר. הורוויטש אין „טאָג“ פון 12טען יוני 1916, שרייבט: „אַז די אַרבייטער זאָלען פאָלגען דעם „אַגרימענט“, דאַרף מען האָבען דיסציפּלין, דאָס הייסט פּאַקטיש, אַז די יוניאָן לייט זאָלען פאָלגען ווען די באַאַמטע הייסען, און דערצו איז געזינטער אַז די אַרבייטער זאָלען האָבען וואָס וויניגער צו זאָגען, און די באַאַמטע — וואָס מעהר מאַכט אין זייערע הענט, דאָס איז די אָנשויאונג ניט פון גאָמפּערס׳ן אליין, נאָר פון גאָר אַ סך אַרבייטער פירער אין דער אַלגעמיינער יוניאָן באַוועגונג“.

**) אַלס „ערפינדונג“ פון ל. ד. בראַנדייס, איז דער „פּראָטאָקאָל“ עטאַבלירט געוואָרען דעם 2טען סעפּטעמבער 1910, נאָך דעם סטרייק צווישען די „קלאָוקמאַכער יוניאָן“ און די בעליבתים, וואָס האָט עקזיסטירט מיט געוויסע ענדערונגען ביז׳ן „לאָקאוט“ פון יאָהר 1916.

די אידישע יוניאַנס) — אַבי נאַר זיי זאָלען דינען אַלס „קאָלעקטיווער אינסטרומענט" אויפצוהאַלטען „האַרמאָנישע" באַציהונגען צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל, אויף דעם פונדאַמענט פון אייביגען אינדוסטריעלען „פרידען".

די יוניאָן־ביוראָקראַטיע, וואָס געהט אַרויס פון׳ם פינסטערען שטאַנדפּונקט, אַז די יוניאָנס קאָנען ניט אויפגעהאַלטען ווערען דורך די אייגענע כחות פון די אַרבייטער, אויף וועלכע מען קאָן זיך וויינינג וואָס פאַרלאָזען, גיבען אויף מיט אַ לייכטען האַרצען זאָגאַר דאָס רעכט פון סטרייק, — די איינציגע ווירקזאַמע וואָפע פון די אַרבייטער אין קאַמף געגען עקספּלואַטאַציע — אַבי נאַר דער „קאָלעקטיווער אינסטרומענט" פון „פּראָטאָקאָל" זאָל, צוזאַמען מיט׳ן „פרידען און האַרמאָניע" אויפהאַלטען די יוניאָן. דאָס ווערט געטאָן איינפאַך דורך דעם, וואָס די בעלי־בתים פאַרפּליכטען זיך אַלס שותפים צו העלפען איינמאָנען די בייטראַגען פון די יוניאָן לייט אַלס גאַראַנטיע, אַז די קאַסע פון דער „אָרגאַניזיישאָן" (קאַראַבקע) זאָל אימערצו זיין פול*) ווען די פירער וועלכע האַלטען זיך ביים רעאַקציאָנערען גערעאַנק, אַז דער „פּראָטאָקאָל" אָדער

*) אין די „פרייע ארבייטער שטימע" פון 29טען נאָוועמבער 1914, שרייבט דר. הורוויטש: „די קלאסען־אינטערעסען פון די פירער אלס באַצאָהלטע באאמטע פאָדערען אז די יוניאָן זאָל זיך ניט רייסען מיט דער אסאָסיאציע פון די בעליבתים, ווייל די אסאָסיאציע העלפט איינמאָנען די בייטראגען פון די ארבייטער, און ווען מען זאָל חלילה איינרייסען מיט די בעלי־בתים איז א סכנה, אז אין די קאַסע וועט ניט קלעקען פאר אלע באַצאָהלטע באאמטע. דאָס איז ניט מיין אייגענע אויסטייטשונג, דאָס האָט מען פאר מיר גאַנץ קלאָר און נאַיוו אויסגערעדט. ווען עס קומט א קאָמיטע פון א פאבריק, וואָס האָט ניט געקראָגען איהרע רעכט פון דעם באַאַמטען פון די פאבריקאנטען אסאָסיאציע, דארף מען זאָגען מיט אן ערענסטע מינע, אז מען וועט געהן צו דער באָארד אָף גריוועַנסעס (בוררים געריכט) און מען וועט זיך באַמיען צו טאָן וואָס מען קען. מיין געהילף שפּילט די ראָלע ווי א גוטער אקטיאָר, איך האָב לײדער ניט קיין „ערפארונג אלס יוניאָניסט" און ווען איך האָב א פּאָר קאָמיטעס געזאָגט דעם אמת, איז ביי דער „מאַשין" געווארען א גאַנצע

קאָלעקטיווער „אַגרימענט“ איז דער איינציגער מעטאָד צו פאַר־בעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די ארבייטער — ווי עס לויטעט א רעזאָלוציאָן, אַנגענומען אויף דער קאָנווענציע פון דער „אינטער־ניישאַנאַל ליידיעס גארמענט וואָרקער יוניאָן“ אין קליוולאַנד אין יאָהר 1914.*) דאָס כאַראַקטעריזירט דעם געדאַנקענגאַנג פון כמעט אַלע יוניאָן פירער אין די אַמעריקאַנער יוניאָנס. ווען די דאָזיגע ארבייטער פאַרשטעהער ווערען געצוואונגען דורכ'ן דרוק פון די מאַסען צו ערקלערען א סטרייק, קענט איהר גלייך מערקען וואָס פאַר א פאַרעטערישע טאַקטיק זיי פאַנגען אָן צו אַנטוויקלען אום די סטרייקער פון זייער דירעקטען ציל אָראָפּצופירען: אַנשטאַט זיך אריינצוואַרפען אין קאַמף מיט ערליכער איבערגעבענקייט און באַגייסטערען די ארבייטער אַלס אַוואַנגאַרד און קלאָר מאַכען די פאָדערונגען און צוועקען פון סטרייק, כדי צו זיכערען די מעגליכ־קייט פון ערפאָלג; אַנשטאַט די דאָזיגע פליכט אַלס וועגווייזער, קומען זיי גאָר גלייך ארויס, באַלד נאָך דער ערקלערונג פון סטרייק וואָס האָט זיך נאָך רעכט ניט אָנגעפאַנגען מיט דעם פאַרפירערשען געשריי: „ארביטריישאָן“, „מיר סטרייקען פאַר די פּרינציפּען פון ארביטראַציע און זיינען גערען זיך צו פאַרלאָזען אויפ'ן יושר פון „אומפּאַרטייאישע“ מענשען וועמעס ענטשיידונג וועט פאַר אונז זיין בינדענד.**) פאַרשטעהט זיך, ווען יעדער סטרייק, וועלכער

טרעוואָגע. און איך מוז צוגעבען אַז לאָנדאָן און די „מאַשין“ זיינען גערעכט: אויב זייער טאַקטיק איז „יוניאָניזם“ איז מיין טאַקטיק שעד־ליך פאַר דעם סאָרט יוניאָניזם“.

*) „פרייע אַרבייטער שטימע“, 27טען יוני 1914.

**) אין „טאָג“ פון 27טען יולי 1916, געפינט איהר די פאָלגענדע מעלדונג; די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט ארויסגעגעבען אַן ערקלערונג, וואו זי פאַרזיכערט, אַז זי איז שטענדיג געשטאַנען פאַר אַן אומפּאַר־טייאישע קערפּערשאַפט, וועלכע זאָל האָבען די מאַכט צו שליכטען אַלע כסכוכים און קריוודעס. די פירער ערקלערען ווייטער אַז די יוניאָן פילט זיך געבונדען ווייטער צו סטרייקען פאַר ארביטראַציע, און דער־מאָנט דאָס „פּובליקום“ אַז די ארבייטער קעמפען פאַר דעם עלעמענטאַרען פּרינציפּ, פאַר וועלכען עס שטעהט די גאַנצע עפענטליכע מיינונג, און אַז

ווערט פארוואנדעלט פון די פירער אין דעמאנסטראטיווע ארויס־טרעטונגען פאר'ן בורזשואזנעם „ליבעראלען" פרינציפּ פון ארביט־ראציע, וואו די פאָדערונגען פון די ארבייטער פאר העכערע שכירות, קלענערע שטונדען, זיכערקייט פון פלאץ, מענשענווירדיגע באהאנד־לונג א. ז. וו. ווערען איבערגעלאָזען אויסגעווירקט צו ווערען פון „גוטע מענשען", „פון דער עפענטליכער מיינונג", פון „פּובּליקום", איז שוין דער סטרייק מיט דעם אליין האלב פארשפּילט.

וואָס פאר א גערעכטיגקייט די ארבייטער קאָנען ערוואַרטען צו קריגען ביי די „אומפּאַרטייאישע" מענשען פון דער בור־זשואזער „עפענטליכער מיינונג", וואָס ווערט אויסגעארבייט אין דער קאפּיטאַליסטישער פּרעסע, קענט איהר זיך שוין אליין פאר־שטעלען. אין אלגעמיין איז עס לעכערליך איינצורייִדען זיך און יענעם, אז ס'גיבען איבערהויפּט „אומפּאַרטייאישע" מענשען ביים שליכטען די גענענזעצליכע עקאָנאָמישע פראגען פון ארבייט און קאפּיטאל. עס איז אָבער מעהר ווי פאַרעטעריש, אז פירער פון יוניאָנס זאָלען זוכען איינצוואוויגען די ארבייטער אין דיזען אב־סורדען געדאנק פון „אומפּארטייאישקייט" אין די קאָנפליקטען צווישען די ארבייטער און זייערע בעלי־בתים, ווייל וועלכער מענש עס ווערט אויסגעקליבען צו שליכטען די געגענזעצליכע פּראָבלעמען פוןביידע שטרייטענדע צדדים פון קאפּיטאל און ארבייט, מוז גע־וויס זיין גענייגט צו איינעם אָדער צום אנדערען צד. אין די מערס־טע פאלען, וואו דער בורר ווערט אימער אויסגעקליבען פון דעם פּראָפעסיאָנעלען קלאַס, האט די ערפארונג געציינט, אז דער „אומ־

נאָר אַרביטראַציע קען ארויספירען פון דער איצטיגער טראגישער לאגע".

נאָך א ביישפּיל: ביים סטרייק אין דער שטאָטישער באן־קאָמפּאַניע „בי. אר. טי." וואָס האָט אויסגעבראָכען אין יאָהר 1920 און איז אלט געוועזען עטליכע טעג, שרייבט די „צייט" פון 3טען סעפּטעמבער 1920: „די פירער האָבען געהאַט עטליכע באראטונגען מיט מעיאר היילען פון נויארק וועגען א נייעם ארביטראציאָנס־פּאָרשלאג, וואָס דער מעיאר, זאָל ארייננבריינגען צום ריכטער מייער, דעם פארשטעהער פון דער קאָמפּאַניע. דער פאָרשלאג זאָל זיין, אַז אַלע פראגען וועגען אַרבייטס־באדינגונגען זאָ־לען איבערגעגעבען ווערען צו אַן ארביטראַציאָנס קאָמיטעט".

פּאַרטייאישער" בורר מיט זעלטענע אויסנאַמען נייגט זיך אלע מאָל אויף דעם צד פון די קאַפּיטאַליסטען. דען נאָר א באַשעפעניש פון שטערן מאַרס, וואָס זאָל אַראָפּפאַלען פון הימעל און ניט וויסען אין וואָס פאר א וועלטעל מיר לעבען דאָ, וואָלט פיליכט געקאָנט זיין דער „אומפּאַרטייאישער" מלאך אין קאַמף צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל. ווי ווייט די אַרבייטער קענען זיך פאַרלאָזען אויף די „אומפּאַרטייאישקייט" אין פּראַקטישען לעבען, צייגען די פילע פאַלען פון די ענטשיידונגען, וואָס זיינען געווען אַן אבסאָלוטער פאַרראַט צו די אינטערעסען פון די אַרבייטער*). פונדעסטוועגען

---

*) אין ניו־יאָרק „קאָל" פון 31טען אויגוסט 1920, לעזען מיר די פאָלגענדע כאַראַקטעריסטישע מעלדונג: „ביי דער קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען צווישען די „עקספּרעס" קאָמפּאַניעס און דער „אינטערנעשיאָנאַל בראָדערהוד אָף טימסטערס" (יוניאָן פון פורמאַנעס) האָט דער בורר, אלפרעד בארנעט, אויסהערענדיג דעם פאַרלאַנג פון דעם יוניאָן פאָרשטעהער מ. קעשער, אַז די אַרבייטער פאָדערען א לוין העכערונג — אַרויסגעגעבען זיין מיינונג; „אַז ווען די קאָמפּאַניעס זאָלען דאַרפען העכערען די פאַרדינסטען פון זייערע אַרבייטער וועלען זיי רואינירט ווערען און באַנקראָטירען".

וועגען נאָך א ביישפּיל פון „אומפּאַרטייאישקייט" שרייבט די „גערעכטיגקייט" פון 6טען אויגוסט, 1920, פאָלגענדעס: „דער „דעפּאַרטמענט אָף לייבאָר" (אַרבייטס אבטיילונג) פון דער רעגירונג האָט פאָרגעשלאָגען, אַז די פראַגע פון שכירות פאַר די סטרייקענדע רעגירונגס אַרבייטער זאָל איבערגעגעבען ווערען צו אַן „אומפּאַרטייאישען" קאָמיטעט, וואָס זאָל באַשטעהן פון דריי מענשען: איינער פון די אַרבייטער, איינער פון דער רעגירונג און דער אומפּאַרטייאישער פאָרזיצענדער זאָל זיין איינער פון די ריכטער פון דעם דיסטריקט פון הויכען געריכט".

פאָלגענדען אינטערעסאַנטען ביישפּיל לעזען מיר אין דער „גערעכטיגקייט" פון 1טען אַפּריל 1921: „די מינען אַרבייטער (מיט דער צושטימונג פון די פירער) אין אלאבאמא שטאַאַט האָבען, נאָכדעם ווי זיי האָבען אָפּגעסטרייקט מאָנאַטען לאַנג איינגעשטימט איבערצוגעבען דעם גאַנצען סכסוך צו אַרביטראַציע, פון וועלכע דער „גאָווערנאָר" קילבי איז געווען דער בורר. נאָך אַן „אונטערזוכונג" האָט דיזער „אומפּאַר־

באנוצען זיך די פירער אימער מיט דיזע מיטעל פון אר־ביטראציע, וואס דאס האט די דעמאראליזירענדע ווירקונג אויף די גאנצע סיטואציע פון סטרייק און אינ'ם לעבען פון די יוניאנס. די ארבייטער ווערען פון דיזער שעדליכער טאקטיק מטושטש און צו־מישט. זיי ווערען ענטמוטיגט פון די פירער מיט זייערע רעדעס וואס זיינען פול מיט „ארביטראציאנס"־דיפלאמאטיע, אזוי אז זיי ווייסען ניט פארוואס זיי קעמפען און ליידען. די סטרייק פאר־זאמלונגען ווערען כאאטיש און טומעלדיג, אהן אן אינטערעסט און פוסט. קורץ, די באגייסטערונג פארשווינדט און די סטרייקס ווע־רען ענדליך פארראטען. די בעלי בתים ווידער ווערען פון דיזער וואקעלדיגער שטעלונג פון די פירער וואס אמאל דרייסטער און חוצפה'דיגער. קריגענדיג איין פארשלאג פאר ארביטראציע נאכ'ן צווייטען, פיהלען זיי, אז א גוטע העלפט פון זייער ציל איז שוין דערגרייכט. און זיי מאכען דערפאר איין געשייטערע ערקלערונג נאך דער צווייטער „אז זיי ווילען ניט, דאס פרעמדע, ניט געבע־טענע מענשען, וואס זיינען אומבאקאנט מיט די אינערליכע פאר־אנגעלעגענהייטען, זאלען זיך אריינמישען אין זייערע געשעפטען אונטער דעם שעהנעם נאמען „ארביטראציע" א. ז. וו." דיזע ער־קלערונגען האבען ווידער אמאל א פאטאלע ווירקונג אויף די מא־סען, וועלכע די פירער נוצען אויס, קריגענדיג א פרישע געלעגענ־הייט ארויסצוקומען ווידער אמאל און נאך אמאל פאר די „עפענט־ליכטקייט פון פובליקום", נארענדיג די ארבייטער, אז דאס איז א „סטראטעגישער" צוג געגען די בעלי־בתים זיי צו צווינגען, אז זיי זאלען איינגעהן אויף ארביטראציע — די איינציגע זאך פאר וואס די ארבייטער סטרייקען מיט גוטע נוצען. די דאזיגע טאקטיק

„דער סטרייק טיואישער" בורר ארויסגעגעבען פאלגענדע ענטשיידונג איז געווען אן אומגערעכטער, די סטרייקער מוזען זיך אומקערען צו דער ארבייט אויף די אלטע באדינגונגען, די סטרייקברעכער מוזען בלייבען אויף זייערע פלעצער. די קאמפאניע איז ניט מחויב צו אנערקענען די יוניאן א. ז. וו. און ארום און ארום זיינען די קוילען מאגנאטען געווען גערעכט, און האבען געהאנדעלט אזוי, אז מען דארף גאר בעסער ניט".

ווערט פון די פירער באנוצט מיט אזא סיסטעמאטישער פלאנמעסיגקייט, און אזוי לאנג, ביז וואנענט די סטרייקער ווערען אויסגעמאטערט, מוטלאז און אפגעשוואכט, און ווערען אזוי אפאטיש צום סטרייק און צו אלעמען ארום זיך, אז זיי זיינען קאפאבעל אנצונעמען וועלכע עס איז פשרה, אבי נאר אז ענד זאל שוין נעמען צו זייערע הונגער־ליידען, ערנידערונגען און פיין. די בעלי־בתים, וויסענדיג אין וועלכען צושטאנד און אונטער וועלכע אומשטענדען דער סטרייק געפינט זיך, קומען דאן ענדליך ארויס מיט דער „גרויסמוטיגקייט“, און וויליגען איין אנצונעמען דעם „אפער“ פון ארביטראציע, וואס די פירער באטען זיי שוין צום וויפילטען מאל אן אין נאמען פון די ארבייטער, כדי צו ענדיגען דעם סטרייק. עס פארשטעהט זיך, אז אלע אריגינעלע פאדערונגען פון די ארבייטער ווערען דאן מאדיפיצירט און ארום געהובלעוועט אזוי, אז די וויכטיגסטע פונקטען ווערען גאר אין גאנצען ניט אויפגענומען צום דיסקוטירען. נאטירליך, ניט אלע מאל געלינגט די פירער ארויסצודרייען זיך פון זייער פאראנטווארטליכקייט פאר דעם פאראט פון די ארבייטער־פאדערונגען. עס פאסירט, אז ווען די סטרייקענדע מאסען, זייענדיג אויסגעמאטערט און באזיגט, פילענדיג אבער אינסטינקטיוו אז זיי זיינען פאראטען געווארען, ווען די פאלשע פירער לייגען פאר דעם פארטיגען אפמאך וואס זיי האבען „אויסגעשוויצט“ ביי די געהיימע זיצונגען פון די דיפלאמאטישע פארהאנדלונגען מיט די ארבייט־געבער, און בעטען אז דאס „פאלק“ זאל זיי גיבען זיין „צושטימונג“, אט דאמאלסט טרעטען די מאסען ארויס אין א רעוואלט, צוריקווארפענדיג דעם גאנצען אפמאך אין פנים, פון זייערע אויף טויט צושראקענע פארפירער, מיט אזא שטורם אז די פאליציי מוז זיך אריינמישען צו מאכען ארדנונג...*)

*) אין „טאג“ פון 27טען יולי 1916, לעזען מיר די פאלגענדע נייעס: „אונטער דעם דרוק פון די אויפגערעגטע סטרייקענדע קלאוקמאכער, וועלכע האבען רעוואלטירט געגען נייעם אפמאך וואס איז אויסגעארבייט געווארען אויף די קאנפערענצען צווישען די יוניאן פירער און די בעליבתים, איז דער אפמאך צוריקגערופען געווארען. דאס איז גע־

און דאָס איז די שטעלונג, וועלכע די פירער נעמען אָן אין א צייט פון א סטרייק, אין אַ מאָמענט, ווען די ארבייטער־מאסע שטעהן אויפ'ן קאמפס־פּלאַץ פּנים על פּנים מיט זייערע שונאים, פארזאמעלט אויף די מיטינגען, אלע אין איינעם, וואו זיי האָבען נאר א געלעגענהייט צו רעאגירען אויף די געשעהענישען פון טאָג מיט דער מעכטיגער קראַפט פון סאָלידאריטעט און אחדות. אַט יענע מאכט פון דער קאמפּאַקטער מאסע, וואָס ניט קוקענדיג אויף אלע מאניפּולאַציעס פון די פירער און בעלי־בתים, איבט דאָך אויס איהר געוויכטיגען דרוק געגען אלע האנדלונגען וואָס זיינען געגען זייערע אינטערעסען. און צווינגען די פירער צו האנדלען אזוי, אז ס'זאָלען זיין מעהר וויניגער צום גונסטען און פאר'ן וואוילזיין פון די סטרייקער. דאָך אפילו אין אזא פאַל, נאָכדעם ווי דער סטרייק איז געענדיגט און די רעוואָלוציאָנערע שטימונג איז אויסגעוועפּט, און פרידען טרעט אריין אין די נאָרמאלע ראַמען פון דער אינדוסטריע, ווען די ארבייטער זיינען שוין אין די פאבריקען, וואו עס קומט זיי אויס אריבערצוטראָגען אלע טאָג די צרות פון די בעלי־בתים, קאָן מען זעהן וואָסערע „גוטע" רעזולטאַטען דער זאָגענאַנטער קאָלעקטיווער אָפּמאַך שוין „ראַטיפיצירט" ביים פאָלק, ברענגט ארויס פאר די ארבייטער אין דער פּראַקטיקע. ספּעציעל צייגען זיך גלייך ארויס די שעדליכע רעזולטאַטען פאר די ארבייטער פון אַט דעם געפערליכען פונקט פון ניט קענען סטרייקען, א פונקט וואָס געפינט זיך כמעט אין אלע קאָלעקטיווע „אגרימענטס" צווישען די יוניאָנס און די בעלי־בתים*). דער

ווען א רעוואָלוציע אין פולען זין פון וואָרט. גרויסע מאַסען אומצופרידענע סטרייקער האָבען א גאנצען טאָג געשטורעמט די סטרייק מיטינגען, און האָבען געמאכט אָן אָפענעם אויפשטאַנד געגען זייערע פירער. עס האָבען אויך ניט געפעלט אומרוהען און געשלעגען, וואו פּאָליציי האָט געשפּאָלטען קעפּ און עטליכע סטרייקער פארבלוטיגט. דער רעזולטאַט פון טומעל איז געווען, אז דער נייער אָפּמאַך איז פארוואָרפען געוואָרען, און דער סטרייק געהט ווייטער אָן פונקט אזוי ווי אין ערשטען טאָג".

*) דער 17טער פונקט אין „פּראָטאָקאָל" צווישען דער „קלאָוקמאכער

פונקט פון ניט קענען סטרייקען וואָס ווערט דער יסוד פון קאָלעק־טיווען אַגרימענט — ווערט נאָכגעגעבען פון די פירער דערפאַר, ווייל דערמיט וואָס די בעלי־בתים העלפען קלייבען די בייטראַגען פון די יוניאַן־לייט, ווי אויבען אָנגעוויזען, גאַראַנטירען זיי אויך אין אַפּמאַך, אַז זיי אַנערקענען די יוניאַן און זייער שאַפּ אלס אַ „יוניאַן שאַפּ". דאָס הייסט, די אַרבייטס־געבער וויליגען איין אויפצונעמען געמיינשאַפטליך מיט די יוניאַן בעאַמטע אַלע קלאָ־גען צווישען די אַרבייטער און די בעלי־בתים, און פאַרשפּרעכען זיך אויסצוגלייכען פרידליך, מיט אָדער אָהן די הילף פון אַרביט־טראַציאָנס קאָמיטעט. דער צווייטער פונקט, „יוניאַן פאַבריק"

יוניאָן„ און די בעליבתים־אסאָסיאציע, ווי איהר קענט געפינען אין רעפּאָרט ארויסגעגעבען פון דער יוניאָן אין יאָהר 1916, זייט 60, לויי־טעט: „בײדע פּארטייען צו דיזען „פּראָטאָקאָל" (אָפּמאַך) שטימען איין; אין פאַל פון וועלכען ניט איז סכסוך צווישען די אסס׳ן און דער יוניאָן, אָדער צווישען וועלכע ניט איז מיטגלידער פון דער אסס׳ן און מיט־גלידער פון דער יוניאָן, זאָלען קיינע סטרייקס אדער לאקאוטס ניט ער־קלערט ווערען ביז וואנען די פראגע, צוליעב וועלכע דער סכסוך איז ארויסגעקומען וועט ניט פאָרגעלעגט ווערען פאר דעם קאָמיטעט פון ארביטראציע, און בלויז דער קאָמיטעט זאָל ארויסגעבען זיין ענטשיי־דונג". ווייטער, דער 7טער און 8טען פונקט פון „אגרימענט", צווישען די „אמאלגעמייטעד קלאָדינג וואָרקערס" (יוניאָן פון מענער שניידער) און די בעליבתים, ווי איהר קענט לעזען אין די „ווארהייט" פון 22טען יולי 1915, לויטעט: „בײדע צדדים שטימען איין, צו באַשאַפען א קאָ־מיטעט פון „אימידיאייט עקשאָן" (באלדיגע אקציאָן) וואָס זאָל באשטעהן פון 3 פערזאָנען פון בײדע צדדים, מיט אן אומפּארטייאישער פערזאָן. דיזער באַאַמטער זאָל שליכטען אלע סכסוכים, זיינע באשלוסען זאָלען זיין בינדעד, און קיין סטרייקס פאר דער צייט פון פארהאנדלונגען און בעפאָר די פארהאנדלונגען זאָלען ניט טאָרען זיין. פראגען וואָס רירען אָן די גאנצע אינדוסטריע זאָל איבערגעהן צו א קאָמיטעט פון א „קאנסול אָן מידיאייטאָרס" (פרידענס ראַט) וועלכער זאָל באשטעהן פון א גלייכע צאָל צו דריי פון יעדען צד, מיט די מיטווירקונג פון דריי פערזאָנען פון פובליקום".

וואָס איז איינפאך געוואָרען א געטשקע, ספּעציעל ביי דער ביור־ראָקראַטיע פון די אידישע יוניאָנס מיינט, אַז דער בעל־הבית ביים אננעמען ארבייטער „מוז“ געבען א פאָרצוג דעם יוניאָן־מאַן איבער דעם ניט יוניאָן־מאַן. איך האָב געשטעלט דעם מוז אין „גענזענע פיסלאך“ דערפאר, ווייל נאָך די פונקטען פון די „אַגרימענטס“ קענען די בעלי־בתים אימער געפינען אַן אויסרייד ארומצוגעהן דעם „געזעץ“, אַז זיי קריגען ניט גענוג „געניטע“ אַרבייטער אינ׳ם „ברען פון סיזאָן“ און מוזען דארום ארויפנעמען ניט קיין יוניאָן־לייט*) א. ז. וו. קורץ, דיזער פונקט פון „יוניאָן פאַבריק“ וואָס ווערט מיט אנדערע ווערטער אָנגערופען פון די מאַסען, די „קאַראַבקע“ פון די יוניאָן פירער, פאַרשקלאַפט די אַרבייטער מיט׳ן קערפער צו די קאַפיטאַליסטען און מיט׳ן גייסט און נשמה צו דער ביוראָקראַטיע פון דער יוניאָן. דערפאַר וואָס די בעלי־בתים זאָגען צו די פירער, אַז זיי ווילען האַלטען דיזען פונקט פון אַפמאַך, און זיך ניט ארויס־דרעהען מיט זייערע אויסטייטשונגען, און ניט ארויפלאָזען אַרביי־טער אָהן א גוט שטעהענד יוניאָן ביכעל (און דאָס איז דער עיקר,) גיבען די פירער אויף דעם וויכטיגען קאַמף־מיטעל דעם סטרייק מיט דער גרעסטער צופרידענהייט. דיזע פאָדערונגען פון יוניאָן־אנערקענונג און אנדערע עגליכע פערלאנגען פאַר וועלכע די אמע־ריקאנער יוניאָן פירער פירען אַן אַן אייביגען קאַמף, האַבען זייער אורשפּרונג נאָך פון אָנפאַנג פון אכצענטען יאָרהונדערט, ווען יו־ניאָנס זיינען נאָך פארעכענט געווען פאַר קרימינאלע קאָנספּירי־

---

*) פונקט 14 פון זעלביגען אָפּמאך, פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן און בעליבתים, ארויסגענומען פון רעפּאָרט פון יאָהר 1916, זאָגט: „יעדער פאבריקאנט זאָל אָנהאַלטען א יוניאָן „שאָפּ“ (פאבריק). א „יוניאָן שאָפּ“ מיינט א פאבריק וואו ביים אָנשטעלען ארבייטער קריגען די יוניאָן־לייט דעם פאָרצוג. עס ווערט פאַרשטאַנען, אז וואו עס איז פאַראַן אן אונטערשיד אין געניטקייט צווישען די ארבייטער וואָס זיינען באַשעפטיגט אין פאַך, זאָל דער פאבריקאנט האָבען די פרייהייט אויסצו־קלייבען צווישען איין יוניאָן־מאַן און דעם צווייטען, און ער זאָל ניט זיין געצוואונגען צו נעמען פון א באַשטימטער ליסט, אדער אויסצופאָלגען אין דעם פּרט וועלכען עס איז אנדערען באַפעל“.

רענדע אָרגאַניזאַציעס. צו יענער צייט, פאַרשטעהט זיך, זיינען אַזעלכע פאָדערונגען ווי „קאָלעקטיווע באַרגעינינג" (געמיינשאַפטליכע פאַרהאַנדלונגען) און אַנערקענונג פון יוניאָנס געווען געגען די אינדיווידואַליסטישע טעאָריע פון דער בורזשואַזיע, וואָס זאָגט, אַז קיינער טאָר ניט שטערען די פּערזענליכע „פרייהייט" פון די אַרבייטער ווי, און אויף וואָסערע באַדינגונגען, ער באַשליסט זיך צו אַרבייטען און האָבען נאָך געהאַט אַ ראַציאָנאַלען זינען. אָבער אין איצטיגען יאָרהונדערט, ווען די אַרבייטער באַוועגונג איז געוואָרען די ערשטע „גרויסמאַכט" איבער דער גאַנצער וועלט קעגען דעם אַלץ פאַרשלינגענדען מאָנאָפּאָל פון קאַפּיטאַליזם; איצט זאָל נאָך זיין נויטיג צו פאַרשווענדען אַזוי פיעל כחות פון די אַרבייטער פאַר די געפעליגקייט צו ווערען „אַנערקענט" פון די קאַפּיטאַליסטען, דאָס האָט גאָר קיין שכל'דיגען זינען, עס איז ניט מעהר ווי אַ „קלאַסענבאַוואוסטעס" קונצשטיק פון די אמעריקאַנער יוניאָן „קליקעס" (ווי דזשעק לאָנדאָן באַטיטעלט זיי אַזוי פּאַסיג) אַריבערצוּוואַרפען אַ בריק צו די בעלי־בתים איבער די קעפּ פון די אַרבייטער, כדי לייכטער צו באַפעסטיגען דעם אינדוסטריעלען ביוראָקראַטיזם אין די יוניאָנס, וואָס היטען דערפאַר אָפּ די אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליסטען, און דערפאַר ענטזאָגען זיך די לעצטע ניט זיי צו העלפען דערין *).

אַ חוץ דעם ווערען די מאַסען, דערפאַר וואָס מען האָט זיי

---

*) דר. הורוויטש, אין דער „צייט" פון 5טען סעפּטעמבער 1920, כאַראַקטעריזירט אויסגעצייכענט דעם פּונקט פון „יוניאָן שאָפּ" אויף'ן פאָלגענדען אופן: „די בעליבתים הייבען באַלד אָן איינצוזעהן, אז עס לוינט זיך פאַר זיי פריוויליג נאָכצוגעבען דער אַדמיניסטראַציע פון דער יוניאָן אין דעם פּונקט, ווען אַן אַרבייטער קומט אויף אַ פּלאַץ, שיקט איהם דער בעלהבית צו דער יוניאָן, ער זאָל אַרויסנעמען אַ ביכעל. ער צאָלט איין די בייטראַגע און ווייטער מעג דער אַרבייטסגעבער מיט איהם טאָן וואָס ער וויל, היות ווי די עקזיסטענץ פון דער יוניאָן איז אָפּהענגיג פון די בייטראַגען און די בייטראַגען זיינען אַריינגעקומען דורך די לאַסקע פון די בעליבתים, קענען די יוניאָן באַאַמטע, פאַרשטעהט זיך ניט קריגען זיך מיט זייערע פאַרזאָרגער".

באַרויבט פון זייער רעכט פון סטרייק, — די איינציגע וואָפע אין קאמף געגען קאַפּיטאל — אָפּהענגדיג און אַפּאטיש צו דער גאַנצער טעטיגקייט פון זייער יוניאָן. די גאַנצע אַקטיוויטעט און דער די־רעקטער אינטערעס צו זייער לאַגע אין די פאַבריקען ווערט ביי זיי פאַרשוואונדען, אַ דאַנק דעם וואָס די אַרביטראַציאָנס מאַשינקעלע אַרבייט גלאַטיג און געשמירט צו פאַרטושען און אויסצוגלעטען אַלע סכסוכים און רייבונגען צווישען די אַרבייטער און די בעלי־בתים. די דאָזיגע קאָנצעליאַרשטשינע טויטעט אָפּ ביי די אַרבייטער זייער גאַנצע קאַמפּפעהיגקייט און קאַמפּסלוסט, פאַרוואַנדלענדיג זיי אין אַבסאָלוטע אַטאָמאַטען, מיט וועלכע די פירער קענען טאָן וואָס זיי ווילען.

דאָך צו האָבען כאָטש די אַרבייטער אַ מאַטעריעלען נוצען פון דיזע קאָלעקטיווע פאַראַנדקעס? צי ווערען די עראָבערטע אַרבייט און לעבענס באַדינגונגען פון די מיטגלידער פאַרזיכערט און אָפּגע־היט? צי קריגען זיי כאָטש אַ מענשליכע באַהאַנדלונג? צי זיינען זיי זיכער מיט'ן פּלאַץ ניט אַראָפּגעוואָרפען צו ווערען נאָך די וואונשען פון די בעלי־בתים?

אום צו געבען אַן ענטפער אויף דיזע פראַגען, איז בלויז גענוג אַריינצוקוקען אין די אָפיציעלע פאַך צייטונגען, און פאַר אייערע אויגען וויקעלט זיך פאַנאַנדער אַ בילדליכע אילוסטראַציע פון דער אומערטרעגליכער לאַגע, און טרויעריגען צושטאַנד פון די אַרביי־טער אין אַלע הינזיכטען, אַזוי ווי זיי וואָלטען אומישנע געוואָרען אונטערוואָרפען אונטער די ווילקירליכע הפקרות פון די בעלי־בתים, אָהן דער מינדעסטער באַשיצונג מצד פון זייער אָרגאַניזירטער מאַכט, די יוניאָנס *).

---

*) אין מאַי נומער „לײדיס גאַרמענט וואָרקער" 1916, אָפיציעלער אָרגאַן פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער פרויען מאַנטעל מאַכער יוניאָן", שרייבט דער סעקרעטער פאָלגענדעס: „זיי (די קלאָוקמאַכער) האָבען זיך געפיהלט געקריוודעט; זיי האָבען געזעהן ווי זייער ברויט ווערט ביי זיי ארויסגעריסען, און ווערט אוועקגעגעבען טאָקע צו זייערען אַ ברודער, אָבער דיזער ברודער נעמט די אַרבייט און האָט שטענדיג ברויט, ער האָט אַרבייט, אַפולע אַרבייט, און זיי האָבען געזעהן ווי זייערע ברידער פאַר־

אבער צי איז דיזער צושטאנד אפשר דער פועל יוצא פון אומ־פארמיידליכע איבלען אין די אינדוסטריעס וואס מאכען אזוי שווער דאס לעבען פון די ארבייטער מאסען? אדער עס איז גאר דערפאר, ווייל די בעלי־בתים לאכען זיך אויס פונ'ם גאנצען אפמאך און ברעכען איהם אפ ווען זיי לוינט זיך? פאר דעם רעכטדענקענדען ארבייטער וועלכער זעהט אין דער ארבייטער באוועגונג דעם אידע־אלען קאמף פאר די עקאנאמישע באפרייאונג פון לוין־שקלאפעריי, איז די לעצטע פראגע אינגאנצען איבעריג. אבער פאר די יעניגע פירער, וואס האבען זיך אויסגעבילדעט אלס א באזונדערע קאסטע, און וואס קלאפען אריין אין די קעפ פון די מאסען דעם גיפט פון אייביגער „הארמאניע" צווישען קאפיטאל און ארבייט, איז די פראגע אם פלאץ. ווארום די דאזיגע פירער הערען אייביג ניט אויף צו באהויפטען, און מאכען גלויבען די ארבייטער, אז די קאפיטא־ליסטען פארהערליכען און היטען אימער אפ די אפמאכען, פונקט ווי די יוניאן. אום צו זעהן ווי ווייניג אמת עס ליגט אין דיזע באהויפטונגען פון די פירער, איז ווידער אמאל גענוג דורכצובלע־טערען די יוניאן פרעסע, וואו מען קאן זיך גלייך איבערצייגען, אז דער גלויבען אין דעם „גוט פייט" (גוטען ווילען) פון די קאפי־טאליסטען, ווערט פון די יוניאן פירער פארשריען איבער דער וועלט. *) פארקערט, דאס ברעכען די אפמאכען זייטענס די בעלי־

קויפען זיך צום פארמאן" (אויפזעהער) צום בעלהבית, פאר דעם בינטעל ארביט, און די געקריוודעטע ארביטער אין זייער ווער, האבען געדולדעט די ארבייטער און האבען געווארפען די שולד אויף זייער ארגאניזאציאן און געשאלטען האבען זיי זייער יוניאן.

*) אין עקזעקוטיוו באריכט פון דער א. ל. ג. וו. י. פון וואנענט אן אויסצוג איז ערשינען אין „פארווערטס" פון 17טען יוני 1916, ווערט געשריבען: „אנפאנג סעפטעמבער 1910 איז דער אפמאך אריין אין קראפט, און שוין אין נאוועמבער זיינען ארויפגעשוואומען די פראגען, וועלכע מאטערען די קלאוקמאכער אינדוסטריע ביז היינטיגען טאג. די פאבריקאנטען האבען אפגעזאגט ארביטער אהן שום גרונט, נאר דערפאר וואס זיי האבען געוואלט פטור ווערען פון די געטרייעסטע יוניאן לייט".

נאך א ביישפיל קענט איהר לעזען אין דער „צייט" פון 7טען אקטא־

בתים איז א גאנץ געוועגליכע ערשיינונג אין זייערע באציהונגען צו די ארבייטער. אבער דאס ווערט פון די בעלי־בתים געטאן ווען זיי לוינט זיך אמבעסטען. למשל, ווען די ארבייטער האבען שוין מיט גרוים אפפער און מיה זיך דערשלאגען צו די, אומשטיינס־געזאגטע הנחות פון די „ארביטראציאנס" קאמיטעטען און „קאנסילס אף קאנסיליאיישאן", דאן קומען ארוים די קאפיטאליסטען און ברעכען אין גאנצען אפ דעם אפמאך מיט די יוניאן און פארניכטען מיט איין קלאפ דאס איבעריגע פון דעם ביסעל, וואס איז נאך איבערגעבליבען פונ'ם אפמאך, וועלכע זיי רויבען פון פריהער ביי די ארבייטער אין די פאבריקען. דערפאר אבער, ווען די ארבייטער הייבען אן ארויסצואווייזען אומצופרידענהייט, און פאנגען אן צו רעוואלטירען, ווארפען די קאפיטאליסטען — מיט דער צושטימונג פון די יוניאן פירער — זיי צו א ביין, איבערלאזענדיג פאר זיך דעם בעסטען ביסען פון פראפיטירונג. מעהר נאך, די דאזיגע קליינע הנחות ווערען פון די פירער נאך פראקלאמירט אלס די גרעסטע געווינסען פאר די ארבייטער און ווערען פארצייכענט מיט גרוים פאמפע אלס א וויכטיגער זיג פאר דער ארבייטער באוועגונג, געבענדיג דערמיט די בעסטע בארעכטיגונג צו טויזענטפאכיגער פארטייערונג פון אלע לעבענס נויטווענדיגקייטען אין די אויגען פון פובליקום*). די דאזיגע אומשטיינס געזאגט הנחות, וואס די בוררים־ריכטער פון „ארביטריישאן" פסק'נען שוין יא אמאל צו די

בער 1920, וואו זי מעלדעט: „אז די פירמע „קאהן און גאלדמאן" אין מענער שניידער פאך, וועלכע האט געהאט אן אפמאך מיט די אמאלגאמייטעד יוניאן, האט צונישט געמאכט די ענטשיידונג פון אומפארטייאישען בורר, ארויסווארפענדיג אלע ארבייטער פון פאבריק, און געגעבען דערמיט א סיגנאל צו דער בעלי־בתים אסאסיאציע, אז זיי זאלען ברעכען דעם אפמאך, וואס זיי האבען אין א קורצע צייט שפעטער טאקע געטאן, ערקלערענדיג א קאמף אין פארמע פון א „לאקאוט" געגען אלע ארבייטער אום צוריק אפצונעמען אלע געוואונענע יוניאן באדינגונגען פון פריהער.

*) אין דער „גערעכטיגקייט" פון 6טען אוגוסט 1920, לעזען מיר פאלגענדעס: „עטלאכע טעג נאכדעם ווי דער ארבייטער קאמיטעט פון דער

אַרבייטער, ווערט נאָך אַלעמען חלילה ניט געטאָן אַלס מתנה צו די יוניאָנס. די אַרביטראַציאָנס־מאַשינערי אַלס אַ פּערמאַנענטע בשותפות'דיגע אינסטיטוציע קאָסט אָפּ די אַרבייטער אין די הונ־דערטער טויזענטער דאָלאַרס, וועלכע זיי דאַרפען צאָלען אין זייערע אָרגאַניזאַציעס*).

רעגירונג האָט ארויסגעגעבען זיין ענטשיידונג וועגען די לוין־העכערונג פאַר די אייזענבאַן אַרבייטער וואָס איז אויסגעקומען דורכשניטליך 1 דאָלאַר פאַר יעדען אַרבייטער, האָט דער רעגירונגס קאָמיטעט געגעבען ערלויבעניש צו די אייזענבאַן קאָמפּאַניעס צו העכערען די קאָסטען פון פראַכט־ און פּאַסאַזשירען־טראַנספּאָרט אויף אַ ביליאָן און אַ האַלב, דאָס הייסט, אַז די אייזענבאַן קאָמפּאַניעס וועלען פון דעם ערשטען סעפּ־טעמבער 1920 אָן, העכערען די פּרייזען פון פאַרקער אויף אנדערהאַלבען ביליאָן דאָלאַר, און דאָס וועט ניט נאָר באַצאָלען די 600 מיליאָן דאָלאַר לוין־העכערונג פאַר די אַרבייטער, נאָר זיי וועלען קריגען עקסטרא 900 מיליאָן דאָלאַר. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס פּובליקום וועט דאַרפען דאָס אַלעס באַצאָהלען, און דאָס מיינט אַז דער יקרות וועט אַלץ שטייגען העכער און העכער. עס איז אינטערעסאַנט דערביי צו פאַרגלייכען די העכערונג וואָס די אַרבייטער און די קאָמפּאַניעס האָבען געפאָדערט און געקראָגען. ערשטענס, האָבען די אַרבייטער געוואַרט אַרום אַ יאָהר אויף זייער העכערונג, און אַז זיי האָבען געפאָדערט אַ העכערונג פון 40 פּראָ־צענט האָבען זיי געקראָגען 22 פּראָצענט. די אייזענבאַן קאָמפּאַניעס האָ־בען פאָרגעבראַכט זייערע פאָדערונגען פאַר די רעגירונגס קאָמיטע דעם 22טען יולי, און זיי האָבען געקראָגען זייער ענטשיידונג אין ניין טעג שפּעטער, דעם 31טען יולי. די קאָמפּאַניעס האָט מען געגעבען וואָס זיי האָבען געפאָדערט, אין מאַנכע פעלע נאָך מעהר. פאַר פּאַסאַזשירען רייזען האָבען זיי געפאָדערט און געקראָגען אַ העכערונג פון 20 פּראָצענט, פאַר „פּולמאַן" (שלאָף באַנקען) 50 פּראָצענט, פאַר פראַכט האָבען זיי געקראָגען אַ העכערונג פון 40 פּראָצענט".

*) אָט וואָס וו. פּאוולאָצקי שרייבט אין דעם „אידישען קעמפער" פון 23טען יוני 1916 : „פיעלע פון די „לייטענדע גייסטער" פון דער אַרבייטער באוועגונג ערקלערען נאָך איצט אַז דער „פּראָטאָקאָל" איז געווען אַ גוטע און וואוילע זאַך, נאָר ער האָט ניט געאַרבייט דערפאַר,

פונדעסטוועגען, נאָך די דאָזיגע דורכפאַלען און נידערלאַגעס וואָס די אַרבייטער האָבען פון דיזע דיפּלאָמאַטישע קאָמעדיעס און שווינדלען מיט די זאָגענאַנטע אַרביטריישאַנס מאַשינעריע, ווערט דיזע תורה פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע איבער גע'חזר'ט אומצעה־ליגע מאָל יאָהר נאָך יאָהר, פאַר די לעצטע צענדליגע יאָהרען אין דער אַרבייטער באַוועגונג פון אַמעריקאַ. די הויפּט אורזאַך פאַר־וואָס דאָס ווערט געטאָן, איז ווי אָנגעוויזען, צוליב די פאַרהייליגונג פון'ם קאָלעקטיווען אָפּמאַך דורך "אַרביטראַציע", „קאָנסאָליאַציע" וכדומה — אַלס אַ באַשטענדיגע אינסטיטוציע. דיזע אידעע, — וועלכע די פירער פרעדיגען פאַר די אַרבייטער, שטאַמט נאָך פון יענע צייטען, ווען די יוניאָנס האָבען זיך אָנגעפאַנגען ערשט צו אַנטוויקלען אַלס אַן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן, און האָבען נאָך

וויל מען האָט געהאַט צו טאָן מיט אידישע בעליבתים. טאָ לאָמיר זיך ווענדען צו די גוי'אישע יוניאָנס און זעהן ווי אַרביטראַציע אַר־בייט ביי זיי. אין יאָהר 1915 האָבען די אייזענבאַן אַרבייטער — 65 טויזענט אינזשענירען, לאָקאָמאָטיוו־הייצערס — אַרויסגעשטעלט פאָדע־רונגען צו די קאָמפּאַניעס, ווי אַ לוין־העכערונג און אַן 8 שטונדיגען אַרבייטס־טאָג. די לוין העכערונג וואָלט באַטראָפען 40 מיליאָן דאָלאַר. אַלזאָ, איז אוועקגעזעצט געוואָרען אַן אַרביטראַציאָנס־קאָמיטעט פון 6 פּערזאָנען: צוויי פון די קאָמפּאַניעס, צוויי פון דער יוניאָן און צוויי אומפּאַרטייאישע" מענשען, איינער הערר נאַגעל, געוועזענער סעקרעטער פון האַנדעל אונטער טעפט'ס אַדמיניסטראַציע, און דער צווייטער אַ גע־וועזער דזש. ס. פּריטשאַרד, אַ ריכטער פון נאָרד קאָראָליינאַ. פאַר זיי האָט מען דאָס געדאַרפט פאָרלייגען די טענות פון די אַרבייטער. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז דעם 30טען יוני 1914 האָט דער פאַרמעגען פון 43 וועסטערן אייזענבאַנען באַטראָפען די סומע פון נאָהענט 625 מיליאָן דאָלאַר, — 208 מיליאָן דאָלאַר אין באַרעס געלט. פון דער אַנדערער זייט איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען דער פאַקט, אַז פאַר די לעצטע פאָר יאָהר זיינען די לעבענס־מיטלען געשטיגען אויף הונדערט פּראָצענט. ווייטער, דורך דער טעכנישער אַנטוויקלונג זיינען די לאָקאָ־מאָטיווען פאַרגרעסערט געוואָרען אַזוי, אַז זיי זיינען אימשטאַנד צו שלעפּען צוויי מאָל אַזוי פיל וואַגאָנעס ווי פריהער, דאָס מיינט אַז פילע

געטראָגען א צעכאווע, באגרענעצטען כאראקטער, אונטער דער
פאָן פון די „נעשאָנאל לייבאָר יוניאָן", וואָס האָט זיך געגרינדעט
אין יאָהר 1860.*)

ארבייטער זיינען ארויסגעוואָרפען געווארען פון דער ארבייט, און אז
יעדער פיוערמאן מוז איצט טאָן די ארבייט פאר צוויי, ווייל די לאָקאָ־
מאָטיוועז פארברויכען צוויי מאָל אזוי פיעל קאָהלען. וואָס איז אבער
געווארען דער רעזולטאט? דער ארביטראציע־קאָמיטעט איז געזעסען א
יאָהר צייט, דער יוניאָן האָט דאָס אָפּגעקאָסט גענויע צוויי הונדערט טוי־
זענט דאלאר און די ארביטראציע האָט ענטשידען אז אנשטאט 40 מיליאָן
דאלאר א העכערונג, זאָלען די ארבייטער קריגען עטוואָס מעהר ווי א
מיליאָן דאלאר. דאָס האָט אויסגעמאכט, אז אנשטאט וואָס פריהער האָט
אן ארבייטער געקראָגען 2 דאלאר א טאָג פאר צוועלף שטונדען ארבייט
וועט ער איצט קריגען צוויי דאלאר מיט 4 גראָשען. די ארבייטער האָבען
אפילו ניט געקראָגען קיין העכערונג וואָס זאָל זיי קלעקען אויף א גלאָז
ביר... וועגען פארקירצען די ארבייטס־צייט, דאָס האָט דער ארביטראצי־
אָנס־קאָמיטעט צוריקגעוויזען צוגלייך מיט אלע אנדערע פאָדערונגען. —
אָט וואָס איינער פון דער „בראָדערהוד אָף לאָקאָמאָטיווס" (לאָקאָמאָטיווען
ברודערשאפט) שרייבט אין דעם „אינטערנעשיאָנאל סאָשעליסט רעוויאו"
פון מאָנאַט יוני 1915: „דער ארביטראציע־קאָמיטעט האָט זיך ארויסגע־
צייגט פאר א „פייק" (שווינדעל). אנשטאָט צו זיין אומפּאַרטייאישע ריכ־
טער, האָבען זיי געוויזען אז זיי זיינען געוועזען פאַלש דורך און דורך."

*) דער גייסט — שרייבט דר. לעווין אין דער „נייער פּאָסט" פון
19טען יוני 1914. — „אין די בלעטער אוים די געשיכטע פון דער אמע־
ריקאנער ארבייטער באוועגונג" — וועלכען די ארבייטער אָרגאַניזירט
אין די „נעשאָנאל לייבאָר יוניאָן" (נאַציאָנאַלע ארבייטס־יוניאָן) ארום
דער צייט, ווען עס האָט זיך געענדיגט דער בירגער קריג, האָבען געוואָלט
ארייננטראָגען אין דער ארבייטער באוועגונג, האָט זיך אויסגעדריקט אין
איינינגע הויפּט אידעען. ערשטענס, ניט סטרייקען, בעסער זיך פארלאָזען
אויף ארביטראציע. די אָרגאַניזירטע ארבייטער האָבען געגלויבט דורכ־
צוקומען מיט די בעליבתים מיט גוטען. צווייטענס, באגרענעצען די צאָל
פון לערנערס, ווייל די ארבייטער האָבען געקוקט אויף זייער פאַך ווי
אויף זייער אייגענטום, וואָס זיי דארפען באַשיצען פון פרעמדע, דען,

די דאָזיגע פּראָפּאַגאַנדע פון פּאַראַייביגען דעם „הייליגען" אָפּמאַך אויפ'ן גרונד פון אינדוסטריעלען „פרידען", מוזט איהר ווייסען, ווערט ניט בלויז אָנגעפירט פון די ארבייטער פירער אליין, נאָר זיי ווערען מיטגעהאָלפען אין דיזע נאָבעלע „ציוויליזאַטאָרישע" ארבייט פון אַלערליי ליבעראַלע רעפאָרמערס, און בורזשואזע אי־דעאָלאָגען.*) דאָס איז נאָך ניט אַלעס. אויסער די דאָזיגע שעד־ליכע פּראָפּאַגאַנדע פון „פרייע ליבע" צווישען קאַפּיטאַל און אר־בייט, וואָס שפּילט א גרויסע ראָלע אין פארטומלען און צומישען די מוחות פון די ארבייטער, קריגען די פירער דורך דיזע קאָלעק־טיווע „אגרימענטס" א גוואַלטיגע עקאָנאָמישע מאַכט — דורך די הילף פון די בעליבתים, וועלכע זיינען כלומרשט פאַרפליכטעט דורך דעם אָפּמאַך צו צווינגען די מיטגלידער אויסצופאָלגען און דורכצופירען די תקנות פון אָפּמאַך, אום חלילה נישט צו ברעכען דעם „אגרימענט" מיט'ן אָפּשטעלען די ארבייט אויף אייגענער פאַראַנטוואָרטליכקייט. אויב די ארבייטער פארלירען זייער גע־דולד צוליב די צרות אין די פאַבריקען, וואָס ווערן פאַראורזאַכט פונ'ם רויבער־קלאַס און זיי קענען שוין ניט אריבערטראָגען און רעוואָלטירען געגען דעם, אוועקווארפענדיג די ארבייט, דאַמאָלסט ערקלערען די יוניאָן־באַאַמטע אָהן טענות און מענות, אז דאָס איז אַן „אומגעזעצליכער" סטרייק און זיי שיקען סטרייק ברעכער (מיט יוניאָן ביכלאך אין קעשענע) צו פאַרנעמען זייערע פּלעצער.**) אין

וואָס וועניגער מענשען האָבען געקאָנט דעם פאַך, אלץ בעסער פאַר די אר־בייטער וועלכע האָבען איהם שוין באַהערשט".

*) „די אַרבייטער באַוועגונג, שרייבט וו. פּאָוולאָצקי אין „אידישען קעמפער" פון 23טען יוני 1916, וועלכע מאַכט דורך אין די לעצטע יאָה־רען די פעריאָדע פון שלום צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט, ווערט באַ־זונגען פון אלע אזוי גערופענע סאָציאַל רעפאָרמערס, די גלחים. די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע, די ליבעראַלע, אזוי גוט ווי די קאָנסערוואַטיווע כלל־טוער, האַלטען אין איין זינגען שבחים דאָס הייליגע תורה'לע פון קאָלעקטיווען „פּראָטאָקאָל", מיט וואָס מען האַלט אויף מיט קונציגע מיטלען, דעם גלויבען אין איהם ביי די ארבייטער".

**) אין אַן אָפיציעלע ערקלערונג ארויסגעגעבען פון דער „קלאָוק אָפּערייטאָרס יוניאָן לאָקאַל 1", (פרויען מאַנטעל מאַשינערס יוניאָן) שרייבט דר. הורוויטש: „די מערסטע פון די פירערס אין דער אינטער־

בעסטען און אין ערגסטען פאַל, ווען די ארבייטער ווערען געקריוורעט און האַנדלען שוין זעהר געזעצליך, און טראָגען אריין אַ קלאַגע אין זייער אָרגאַניזאַציע, ערקלערען זיי די יוניאָן פירער אין די מערסטע פאַלען, אַז דאָס זיינען נישט קיין גענוגענדע באַווייזען, ווי זיי וועלען קענען איבערציינגען די ארביטראַציע „שוואַרץ אויף ווייס“, אַז דער פאַבריקאַנט איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכען געגען דעם „גוט פייט“ (גוטען ווילען) אין די באַציהונג צו דער יוניאָן. און אַז די אַרבייטער ברייננגען אַ קלאַגע, וואו דער בעל־הבית האָט אנטזאָגט דעם פאַבריק־דעלעגאַט דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געלאָזט ארבייטען אומגעזעצליכע שטונדען; און אזא קלאַגע ווערט שוין יאָ אויפגענומען ביי די פירער אַלס אַ גילטיגע, דאַמאָלסט ערשט דאַרף דער אַרבייטער אויך ליידען גענוג געלט־פאַרלוסטען מיט דעם וואַרטען אויסער דער פאַבריק אַ היבשע צייט אום אַרויסצוקריגען די ענטשיידונג פון בוררים געריכט, ווער עס איז נע־

נישאַנאַל לידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן“, און אין אַלע יוניאָנס פון דער „אַמעריקאַן פעדערײשן אָף לייבאָר“, זיינען מיט דער מיינונג, אַז מיט גוטען ווילען צאָלען די מערסטע ארבייטער ניט די שולדען צו דער יוניאָן, און דאַריבער מוז מען זיי צווינגען דערצו. אויב ניט, קענען די יוניאָנס ניט עקסיסטירען. ווי זשע צווינגט מען די אַרבייטער צו בעצאָלען צו דער יוניאָן געגען זייער ווילען? דורך אַן אָפּמאַך מיט די בעליבתים, אַז זיי מוזען באַשעפטיגען נאָר יוניאָן לייט. די אָרגאַניזירטע בעליבתים האָבען זיך אָבער פאַר די לעצטע צוואַנציג יאָהר זעהר ענטשידען געשטעלט געגען די פאָדערונגען פון אַ „קלאָוזד שאָפּ“. (יוניאָן פאַבריק) ביים שליכטען דעם סטרייק פון די קלאָוקמאַכער אין נויאָרק אין 1910, האָט די קלאָוקמאַכער יוניאָן געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס אויף דעם זאָגענאַנטען „פּרעפערענשאַל שאָפּ“. דאָס הייסט; אַז די בעליבתים זאָגען צו אַז זיי וועלען געבען פאָרצוג צו יוניאָן לייט. די פּראַקטיקע האָט באַלד געוויזען אַז עס הענגט אָפּ פון דעם גוטען ווילען פון די בעליבתים צו האַלטען דעם צוזאָג אָדער מאַכען איהם צו נישט. עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזען, אַז די בעליבתים האָבען אַן אינטערעס נאָכצוקומען די פאָדערונג פון דער יוניאָן. נעמליך, אַז די יוניאָן אַד־מיניסטראַציע זאָל זיי דערפאַר פאַרסטראַכירען געגען סטרייקס. עס האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ פאַרשטענדיגונג צווישען די יוניאָן באַאמטע און די בעליבתים. די יוניאָן פירער האָבען געהאַנדעלט ווי אַ סטרייק־ברעכער אַגענטור פאַר די בעליבתים און די בעליבתים האָבען געהאַנדעלט ווי איין אויגמאַן אַגענטור פון די בייטראַגען פון די אַרבייטער צו די יוניאָן“.

רעכט: דער ארבייטער אדער דער ארבייטס־געבער. אבער די ענט־ שיידונג קאן מען פון די בוררים קיין מאָל אין צייט נישט קריגען.*) דאָס זיינען ניט קיין צופאַלען, נאָר א כראָנישער איבעל פון דעם ארביטראַציאָנס־סיסטעם, וואָס קען קיינמאָל ניט פאַרענטפערען אין לייזען די פּראָבלעמען פון דער אינדוסטריע אין אויסגלייכען די סכסוכים צווישען די ארבייטער און ארבייטס־געבער אויסצו־ מיידען די אומצופרידענהייט פון די מאַסען און זיי צו באַפרידיגען. און גאַנץ נאַטירליך: ווען מען ווייזט צוריק יעדע דירעקטע אקטי־ וויטעט פון די ארבייטער, כדי זיי זאָלען זיך ניט איינאיבען צופיל מיט דעם מיטעל פון סטרייק פאַר די פאַרבעסערונג פון זייער עקאָ־ נאָמישער לאַגע אין קאַמף געגען דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלו־ אַטאַציע, נאָר מען זוכט צו פאַרענטפערען אַלע עקאָנאָמישע פראַ־ גען מיט די „פרידליכע" מיטלען פון ארביטראַציע, מוז דאָס גע־ ווים פירען צו דעם, אז די יוניאָן זאָל פאַרוואַנדעלט ווערען אין א פּשוט'ע קאַנצעלאַריע, אלס אן אָפּטיילונג פון בעליבתים. דורך דיזע קאַנציליאַרטשינע, וואו די גאַנצע ארבייט ווערט אָנגעפירט פון די „קלוירקס" (אָנגעשטעלטע) פון ביידע צדדים. די שריפט־ ליכע און מינדליכע פאַרהאַנדלונגען און זאָגאַר דאָס איבערשיקען פון בריף צו די דעלעגאַטען אין די פאַבריקען מוזען אַדרעסירט ווערען דורך דער ביורא פון דער בעליבתים־אַסאָסיאַציע זייטענס דער יוניאָן, און מאַנכע בריף ווערען צענזורירט און נישט דורכ־ געלאָזען. עס איז דערפאַר זעלבסטפאַרשטענדליך, אז א סך סכסוכים בלייבען הענגען אין דער לופטען, און אז אין לאַנגען רעזולטאַט ווערען זיי גאָר נישט ערלעדיגט.**)

---

*) דר. הורוויטש, אין די „פרייע ארבייטער שטימע" פון 29טען נאָ־ וועמבער 1913, שרייבט: „איינע פון די גרעסטע צרות וואָס די יוניאָן האָט, איז וואָס די באַאַמטע פון ארביטראַציע קענען ניט צוזאַמענגערו־ פען ווערען ווען מען דאַרף זיי. לעצטענס האָבען מיר געהאַט א פאַל פון א לאָקאַוט אין א פאַבריק, וואו א גאַנצע אָפּטיילונג פון דרייסיג ארביי־ טער איז ארויסגעוואָרפען געוואָרען אָהן א געזעצליכער אורזאַך. ווען מיר האָבען זיך געווענדעט צו דער קאָמיטע פון ארביטראַציע, האָט מען אונז געלאָזט וויסען, אז הערר בראַנדייס, דער בורר איז פאַרנומען, און קען נישט קומען פריהער ווי אין א מאָנאַט אַרום".

**) „דער ארביטראַציאָנס קאָמיטעט, — ווערט געשריבען אין אַן אפּי־

דאַך נאָך די אַלע ענטוישונגען און טרויעריגע ערפאַרונגען מיט דיזע קאָלעקטיווע באַציהונגען אונטער דעם אַרביטראַציאָנס־סיס־טעם, איז דאָס אַלץ נישט קיין לעקציע פאַר די פירער צו ענדערען זייער פחדנ׳ישע יוניאָן־פּאָליטיק. פאַרקערט, זיי פאַנגען יעדעס מאָל אָן אויפסניי צו קאָנפערירען מיט די בעליבתים, ביסקעל וואַ־נען זיי שוויצען ווידער אמאָל אויס (מיט — אדער אָהן א סטרייק) א נייעם קאָלעקטיווען אפּמאַך, מיט א צווייטער מאַשינערי, וואָס גלאַנצט אויף דעם פּאַפּיר און פאַרפינסטערט דאַס לעבען פון די אַרבייטער אין דער פאַבריק.

פון דעם אַלעמען איז לייכט צו באַגרייפען, וואָרום די אַרביי־טער ווערען וואָס ווייטער אַלץ מידער און פיינדליכער געשטימט געגען די דאָזיגע „פרידענס“־קאָמעדיע און „האַרמאָנישען“ שווינ־דעל. זיי פאַנגען אָן אין פאַרשידענע צייטען צו רעוואָלטירען גע־גען דיזע פאַראַנדקעס, נעמענדיג זייער שיקזאַל אין זייערע אייגענע הענט, צושמעטערענדיג די דיסציפּלין פון די פירער, ווי עס ווייזען די ביישפּילען און פאַקטען וואָס איך האָב שוין אָנגעוויזען ביי די ריזיגע סטרייקס פון די קאָהלען גרעבער, און אייזענבאַן אַרבייטער איבערן גאַנצען לאַנד אין די יאָהרען 1919—20, וואָס האָבען אויף טויט דערשראַקען די יוניאָן־ביוראָקראַטיע און געמאַכט שטוינען די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט.

אָבער די יוניאָן פירער, ווערענדיג דערשטיקען דעם פּראָטעסט פון די אַרבייטער און צוריקהאַלטען די צייט, ווען זיי זאָלען חלילה אמאָל נישט ווערען פון די פירער־געפירטע, פאַנגען אָן אין זייער פאַרצווייפלונג צו שפּילען די ראָלע פון „שקלאַפען־טרייבער“, און יאָגען אריין די אַרבייטער מיט אַלע מיטלען פון אָרגאַניזירטער

ציעלען באַריכט פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין 1916 — וואָס איז דער העכסטער געריכט אונטער דעם קאָלעקטיווען „פּראָטאָקאָל“, האָט גע־מיטעט זעלטען. עס איז בכלל געווען אוממעגליך איהם צו פאַרוואַרפען מיט צופיל אַלטעגליכע סכסוכים. דער בוררים־געריכט ווידער, וועלכער פלעגט אויפנעמען אַלע קלאַגעס, איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון א גלייַ־כער צאָל פאָרשטעהער פוןביידע צדדים. און די פראַגען אויף וועלכע מען האָט זיך נישט געקאָנט איינִיגען, פלעגען בלייבען הענגען אין דער לופטען. דאָס איז געווען אן אורזאַך פון דער וואַקסענדער אומצופרידענ־

„סקעבעריי“ ביז אַפענעם פאראט און באנוצענדיג די הילף פון אלע שונאים פון ארבייט, — צוריק אין די פאבריקען און אין די שאכטען, כדי צוריק אויפצושטעלען און אויפצוהאַלטען מיט גוואלט די דיסציפלין איבער די לוין־שקלאפען. זיי צווינגען די ארבייטער אויסצופאַלגען די פונקטען פון „הייליגען“ קאָנטראקט מיט די קאַפּיטאַליסטען אלס ערשטע און לעצטע פליכט פון דעם אמעריקאַנעם גאַמפערסיסטישען יוניאָניזם — ווי מיר וועלען עס זעהן אין נעקסטען קאפיטעל.

קייט פון די אַרבייטער“. וועגען נאָך אן אינטערעסאנטע ארביטראַציע־ענטשיידונג וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען געגען די אַרבייטער פון דער דרוקערס יוניאָן אין נויאָרק, געפינען מיר אין דער „פרייע אַרבייטער שטימע“ פון 10טען מאַרטש 1922, וואָס לעזט זיך ווי פאָלגט: „לעצטע וואָך האָבען די נויאָרקער ציימונגס לעזער אין א געוויסען טאָג ניט גע־קאָנט קריגען קיין ציימונגען, צוליב דעם מיטינג פון די פּרעסלייט, מיט־גלידער פון די „פרעססמענס יוניאָן“ לאָקאל 25, וועלכע האָבען באַשלאָסען אָפּצושטעלען די אַרבייט אלס פּראָטעסט געגען די אנטשיידונג פון ריכטער מענטאָן. דער סכסוך צווישען דער פרעססמען יוניאָן און דער פּאָבלישערס אַסאָסיאיישאָן ציט זיך שוין באלד א יאָר צייט. די אַרויסגעבער פון די ענגלישע ציימונגען האָבען געפאָדערט געוויסע אומענדערונגען אין דעם אַרבייטס־סיסטעם, און פאַרקלענערונג אין שכירות. די יוניאָן איז ניט איינגעגאַנגען אויף דעם, און מען האָט איבערגעגעבען דעם סכסוך צו אַן ארביטריישאָן קאָמיטע. ריכטער מענטאָן האָט אַרויסגעגעבען דעם אורטייל, וועלכער האָט געזאָלט אַריין אין קראַפט דעם ערשטען מאַרטש. דער אורטייל איז אבער געווען אַזאַ גרויזאמער, אז די מעמבערס פון דער וועב פרעססמענס יוניאָן, לאָקאל 25, האָבען איהם אונטער קיינע אומשטענדען ניט געקענט און ניט געוואָלט אָננעמען, און נאָר די מורא פאר פּרעז. בעררי ער זאָל ניט צעברעכען זייער יוניאָן, פונקט ווי ער האָט צעבראָכען די אנדערע פרעססמענס יוניאָנס פון ניו יאָרק מיט צוויי יאָר צוריק, האָט זיי נאָך א לאַנגען ישוב הדעת געצוואונגען אונטערגעבען זיך און אָננע־מען די נייע גרויזאמע באדינגונגען. לויט דער אנטשיידונג פאַרלירען די פרעס־אַרבייטער פון די 22 טעגליכע ציימונגען אין ניו יאָרק 6,500,000 דאָלאר שכירות יאָרליך. זיי פאַרלירען עס דורך דעם פאַר־לוסט פון ארבייטס־קאָנדיציעס וועלכע האָבען עקזיסטירט אין דער איג־דוסטריע פאר מער ווי 20 יאָר. דער הויפּט פארלוסט פאר די אַרבייטער איז די פארגרעסערונג פון דעם אַרבייטסטאָג — אנשטאט זעקס שטונדען א טאָג, ווי די וועב פרעססמען האָבען געאַרבייט פאר איבער 20 יאָר, וועלען זיי איצטער אַרבייטען 8 שטונדען א טאָג.

דריטער קאפיטעל

די טאקטיק און באציאונגען צו די קאפיטאליסטען מצד פון די פירער פון די אמעריקאנער יוניאנס.

דער צוועק, וועלכען די פירער שטעלען זיך אין זייער יוניאן טעטיגקייט אין די באציאונגען צו דעם קאפיטאליסטישען אונטערנעמער קלאס, איז געצילט אין איין ריכטונג, נעמליך: צו דערגרייכען דעם פרינציפ פון „קאלעקטיוו־בארגעינינג" אום דערמיט אויפצוהאלטען דעם „אינדוסטריעלען פרידען" צווישען ארבייט און קאפיטאל. כדי צו פארווירקליכען דעם דאזיגען ציל, וועלען זיי זיך ניט אפשטעלען פאר קיינע שוועריגקייטען און זיך אנשטרענגען ביז די לעצטע כחות אום דיזע אידעע דורכצופירען אין לעבען. עס פארשטעהט זיך, אז ווען די פירער האבען פאר זיך דיזע הייליגע מיסיאן, דעם „אינדוסטריעלען פרידען" דורכצופירען, מוזען זיי זיך נאטירליכערווייזע זעהר שוואך איינשטעלען פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער. מיר בעאבאכטען טאקע פון ערפארונג, אז ווען די ארבייטער מאסען טרעטען ארויס אין קאמף געגען זייערע אונטערדריקער, ווערען זייערע אריגינעלע פאדערונגען פאר די לעבענס־פארבעסערונגען אימער און אייביג פון די פירער דורך פארהאנדלונגען און דיפלאמאטישע דיסקוסיעס, אויף אזוי פיל רעדוצירט און ארונטערגעשניטען, אז ס'בלייבט פון זיי קיין צייכען ניט איבער. אין געגענטייל, די לאזונג וואס די פירער פארשפרייטען — צוליב די אויבען געבראכטע טעמים — צווישען די ארבייטער, איז: „מיר מוזען באגעגענען די בעליבתים אויפ'ן האלבען וועג". דאס מיינט, אז די טאקטיק פון דער יוניאן ביוראקראטיע איז אימערצו א קאמפראמיסליך־נאכגעבענדע, און אונטערטעניגע. די דאזיגע טאקטיק וואס איז כאראקטעריסטיש פאר די גאנצע אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג איז ניט חלילה יענע עלאסטישע מעטאדע פון צופאסען זיך צו די באדינגונגען פון מא־

מענט, נאָר דאָס איז א שטענדיגע ריכטונג, א שטילע, געלאָסענע
טאַקטיק אין די אמעריקאַנער יוניאָנס. די מאָטיוועז פון די דאָ־
זיגע האַנדלונגען זיינען גאַנץ קלאָר: דאָס ווערט געטאָן צוליב דעם,
כדי ניט איבערצורייסען די פריינדשאַפטליכע, קאָלעקטיווע באַצי־
הונגען מיט די קאַפּיטאַליסטען, אום מיט אלע מיטלען און אונטער
אלע אומשטענדען אויפצוהאַלטען דעם „פרידען און הארמאָניע"
צווישען די ארבייטער און בעליבתים.

דער בעסטער ביישפּיל, וואָס האָט אומשטרייטבאַר באַוויזען
די אייביגע פּחד'נישע און קליינמוטיגע פּאָליטיק פון די אמערי־
קאַנער יוניאָן פירער איז געווען די פּאַרעטערישע אונטערוואַרפענ־
קייט, וועלכע זיי האָבען ארויסגעצייגט אין די באַציהונגען צו די
קאַפּיטאַליסטען זאָגאַר אין דער גלענצענדער צייט פון „פּראָספּע־
ריטי" (הצלחה) — ווען עס איז נאָך קיינמאָל אזא דוחק אין אר־
בייטער ניט געווען, אין די צייטען פון די מלחמה־יאָהרען פון
1916־19 אין אמעריקא. מיט דעם האָבען זיי בולט ארויסגעוויזען
דעם אָפּגעלעבט־פאַרשימעלטען גאָמפּערסיזם, וואָס האָט זיך איינ־
געגעסען ווי א ראַק אינ'ם ריזיגען אָרגאַניזם פון אַמעריקאַנעם
פּראָלעטאַריאַט, פאַר'סמ'ט און טויטעט אָפּ זיין ענערגיע, און לאָזט
איהם ניט געדייהען און זיך אַנטוויקלען. אנשטאָט וואָס די אמערי־
קאַנער אַרבייטערשאַפט זאָל געפירט ווערען אויפ'ן גראַדען וועג פון
קלאַסען־קאַמף מיט דער אָפּענער און ווירקזאַמער טאַקטיק פון גע־
נעראַל סטרייק, כדי צו עראָבערען, (אחוץ די מינדערוויכטיגע לוין־
העכערונג פון א פּאָר סענט) די מאַכט און געזעלשאַפטליכע
פּאָזיציע אלס א קלאַס, פאַרברענגען בעסער אָט דיזע ארבייטער־
פאַרשטעהער וואָכען און חדשים אויף קאָנפערענצען מיט די קאַפּי־
טאַליסטען, וואו זיי פּטר'ן די צייט אין פּוסטע דעבאַטען וועגען
„יושר" און „גערעכטיגקייט" פון ביידע צדדים. דאָס שטריינגען
זיי זיך אזוי אָן, כדי עפּעס דאָך „אויסצושוויצען*) א הנחה'לע
פאַר'ן ברודער אַרבייטער.

*) אין דער „נייער פּאָסט" פון 9טען יאַנואַר 1914, שרייבט א.
ביזנא, פאָלגענדעס: „ווען איך האָב אמאָל זיך געווענדעט צו ל. ד. בראַנ־
דייס, דעם פּאַרזיצענדען פון דעם אַרביטראַציאָנס קאָמיטעט צווישען די
קלאָוקמאַכער יוניאָן און די בעליבתים, און האָב איהם ערקלערט די

אויב אלע אנשטרענגונגען צו פארהיטען סטרייקס און קאָנפליקטען געלינגען ניט, זיינען די יוניאָן באאמטע גרייט איינצוגעהן אויף אלע קאָמפּראָמיסען וואָס האָבען קיין גרענעץ ניט. ניט נאָר די פאָדערונגען פון די ארבייטער גיבען זיי אויף, נאָר זיי גיבען זאָגאר אויף פילע סטרייקס, וואו די ארבייטער קעמפען שוין פאר וואָכען לאַנג אום צו פארבעסערען זייער לאַגע צו קענען מאכען אַן אנשטענדיגען לעבען.*) זיי געהען אזוי ווייט אין זייער אייפער אָפּצוהיטען דעם „גוטען ווילען" פון די בעליבתים, אז זיי גיבען

טרויעריגע לאַגע, האָט ער מיר געענטפערט, אז מען דארף זיך אנשטרענגען דורכצוקומען. מען דארף שוויצען און שוויצען ביז מען קומט צו א רעזולטאט. איך, אלס ארבייטער פירער, בין צופרידען צו שוויצען ביז די לעצטע כחות, אבער דער צווייטער צד וויל ניט שוויצען, און דער רעזולטאַט איז, אז די ארבייטער ווערען ארויסגעוואָרפען פון די פאבריקען און בלייבען שטעהן אין דרויסען און די בעליבתים געהן אָן מיט זייערע געשעפטען".

*) אין דער „גערעכטיגקייט" פון 10טען סעפּטעמבער 1920, לעזען מיר די פאָלגענדע נייעס: „לעצטען זונטאג איז וויליאם מאהאן, דער פּרעזידענט פון דער „אמאלגאמייטעד" קאַר־מען יוניאָן" (יוניאָן פון די טראמוויי ארבייטער) געקומען פון דעטראָיט, מישיגען, אום אליין ביי־צואוואוינען דעם סטרייק פון די שטאָטישע באַן־ארבייטער ביי דער „בי. אר טי" קאָמפּאניע. ער האָט גלייך ארויסגעגעבען אַן ערקלערונג, וואו ער לאָזט וויסען, אז ער זוכט צו קומען צו א פרידליכען אויסגלייך מיט דער באַן־קאָמפּאניע. מאַהאָן האָט אָנגערופען ריכטער מייער און גאריסאן, די פארשטעהער פון דער קאָמפּאניע, „אלס מענשען מיט ברייטע בליקען", און ער גלויבט אז ער וועט מיט זיי קענען אויף א „פרידליכען" אופן שליכטען די סכסוכים פון די ארבייטער און דער קאָמפּאניע". א צווייטער ביישפּיל: אין „פאָרווערטס" פון 7טען אָקטאָבער 1920, לעזען מיר די פאָלגענדע אָפיציעלע ערקלערונג פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן צו די בעליבתים: „מיר מאַכען אייך א פאָרשלאג, אז מיר וועלען זעהן דאָס אלע ארבייטער וואָס סטרייקען געגען וועלכען ס'איז מיטגליד פון אייער אסאָסיאציע, זאָלען גלייך צוריקגעהן צו דער ארבייט אויף דעם באדינג, אז איהר זאָלט וויליג זיין פאָרצוברענגען פאר דעם „גאָווערנאָרס" קאָמיטעט די דיספּוטירטע פּונקטען די שטרייטענדע אויסטוישונג פון זייער באשלוס וועגען די לוין־העכערונג פון די אַרבייטער. וואָס אנבאלאנגט דער יוניאָן, פארשפּרעכען מיר אין פאָראויס אַנצונעמען **דעם קאָמיטעס אנטשיידונג און דעם פּונקט פון לוין העכערונג, צו די אויסטויטשונג וועט זיין פאר אדער געגען אונז".**

זאגאר אויף די זעלבסטשטענדיגקייט פון דער ארגאניזאציאן, און ערלויבען די קאפיטאליסטען אפילו זיך אריינצומישען אין די אי־נערליכע ענינים פון דער יוניאן, דערלאזענדיג, אז זיי זאלען דיק־טירען, ווער עס מעג יא אדער ניט זיין די פארטרעטער פון די ארבייטער. דעם דאזיגען רעאקציאנערען בליק אויף די ארבייטער־באוועגונג טיילען ניט נאר די לאקאלע און איינצעלנע יוניאן באאמ־טע, זאנדערן אויך די גאר גרויסע ווארט־פירער און „לייטענדע גייסטער" פון דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג פון אמערי־קא. דאס האט מען געקאנט ארויסזעהן און זיך איבערצייגען פון די פארהאנדלונגען פון א גאמפערס, מיטשעל, מאריסאן, לענאן און אנדערע, ביי דער קאנפערענץ פון 27טען דעצעמבער, 1914*) וואו זיי האבען אלע אין איין אטעם איינגעשטימט מיט די דא־מאלסדיגע פירער פון די קלאוקמאכער יוניאן, וואס זיינען נאך היינט צו טאג די טאן־געבער פון דער יוניאן באוועגונג אויף דער אידישער גאס, אז דר. הורוויטש מוז רעזיגנירען פון דער קלאוק־מאכער יוניאן און נאכגעבען דעם פארלאנג פון די בעליבתים מיט דעם מאטיוו, ווי גאמפערס האט אנגעגעבען, „אז יוניאניזם מיינט אויך, אז די ארבייטער דארפען זיך אמאל ערנידעריגען פאר די קאפיטאליסטען".

מעהר נאך, ניט נאר וועט די יוניאן־ביוראקראטיע לאזען אפ־פערן מיט די פונדאמענטאלע פרינציפען פון דער יוניאן באוועגונג — די אומאפהענגיגקייט פון ארגאניזאציאן — אבי נאכצוקומען דעם פארלאנג און ווילען פון די פאבריקאנטען, זאנדערען זיי וועלען זיך שטעלען זייט ביי זייט מיט די קאפיטאליסטען אין קאמף געגען די ארבייטער, און צווינגען מיט דער בייטש פון הונגער און אלערליי פארפאלגונגען, אז זיי זאלען זיך אונטערווארפען אונטער די פארעטערישע באשליסע פון דער ביוראקראטיע, אום ארויסצו־פטר'ן דעם יעניגען וועלכען די בעלי־בתים ווילען ניט דולדען.**)

---

*) זעה „פרייע ארבייטער שטימע" פון 3טען יאנואר 1914.

**) אין א בריף פון 16טען דעצעמבער 1913, וואס מיר געפינען אין דער „נייער פאסט" פון 23טען יאנואר 1914, וועלכען די בעליבתים אסאסיאציע האט געשיקט צו דער קלאוקמאכער יוניאן, שרייבט זי צווי־שען אנדערעס, אז זי פארלאנגט אז דר. הורוויטש זאל אוועקגעשיקט

די דאזיגע האנדלונגען מצד פון די יוניאן פירער ווערען ניט נאר פארקטיצירט אין דער צייט ווען עס הערשט פרידען אין דער אינדוסטריע, זאנדערען אויך אין אלע צייטען פון א גאנץ יאהר. מאכט זיך אבער, אז די ארבייטער אויס צארן געגען די אומערטרעגליכע ערנידערונגען און עקספלואטאציע פון די בעליבתים אין די פאבריקען ווארפען די ארבייט, דאמאלסט זיינען, — ווי שוין באמערקט, — די פירער באלד דא אויף דער וואך אפצוהיטען די אינטערעסען פון די קאפיטאליסטען. זיי נעמען גלייך א שטעלונג געגען די ארבייטער און טרייבען זיי צוריק צו דער ארבייט, ווי איינפאכע „שקלאפען טרייבער“ פון מיטעלאלטער. דיזע שטעלונג פון די פירער ווערט גענומען אין יעדען פאל פון אן „אומגעזעצליכען“ סטרייק אהן וועלכע עס איז אונטערזוכונג, ווארום דאס איז ביי זיי א כלל אויפצוהאלטען די יוניאן דיסציפלין און ניט דערלאזען ברעכען קיינע געזעצען פון „אגרימענט“. אויב אבער די ארבייטער, פיהלענדיג זיך געקריוודעט פון בעליבתים, — טענה'ן, אז די יוניאן זאל פריהער אונטערזוכען די קלאגע און זיי ענטזאגען זיך צוריקצוגעהן צו דער ארבייט, איז דאס געוועהנליכע מיטעל פון די יוניאן באאמטע צו שיקען פארנעמען זייערע פלעצער מיט אנדערע יוניאן לייט.*) די דאזיגע מיטלען ווערען ניט נאר בא־

ווערען פון דער יוניאן אלס הויפט פארטרעטער, און פארטרעטער צו די אסאסיאציע. אויב דאס וועט איהר ניט נאכגעגעבען ווערען — ווערט געסטראשעט — וועט זי אפברעכען דעם „פראטאקאל“ (אפמאך). די יוניאן — לעזען מיר ווייטער — האט נאך א געוויסער צייט פון קווענקלען זיך דאך ארויפגעצוואונגען די רעזיגנאציע אויף דר. הורוויטש אונטער די גוואלטיגע פראטעסטען פון די ארבייטער. פאר דער צייט וואס די פירער פון דער יוניאן האבען זיך געקווענקעלט נאכצוגעבען דעם פארלאנג פון די בעליבתים, האבען די באאמטע: דייטש, ראזענבערג, זיגמאן און אנדערע פון דעם גענעראל קאמיטעט פון דער אינטערנאציאנאלע, זיי (די פירער פון דער יוניאן), אונטערגעיאגט נאכצוגעבען דעם פארלאנג פון די בעלי־בתים מיט דער אולטימאטום־רעזאלוציאן צו דער יוניאן, וואס זיי האבען פארעפענטליכט אין דער קאפיטאליסטישער פרעסע, אז זיי וועלען צוריקציען די גאראנטיע פון „פראטאקאל“ אויב מען וועט ניט אוועקשיקען דר. הורוויטש'ן פון דער יוניאן“, ווי מיר לעזען וועגען דעם אין די „נייע פאסט“ פון 9טען יאנואר 1914.

*) וועגען דיזע סטרייק־ברעכעריי פון די אמעריקאנער יוניאן פי־

נוצט אין זעלטענע צייטען און אין איינצעלנע פעלע, נאר דאס
איז ביי די יוניאן פירער א סיסטעמאטישע און פערמאנענטע
טאקטיק אין זייערע באציהונגען צו די קאפיטאליסטען, וועלכע זיי
פירען דורך אויף דער גאנצער ליניע פון זייער טעטיגקייט סיי ביי
לאקאלע סטרייקס ווי אויך ביי גענעראל־סטרייקס. דאס ווערט

רער, שפּרעכט זיך דר. הורוויטש דייטליכער אויס אין דעם „אידישען
קעמפער" פון 23טען יוני 1916. ער שרייבט: „ווען עס האט פאסירט
אין א פאבריק אז די ארבייטער זיינען ארויס אין סטרייק, האט מען
קיין קשיות, צו זיי זענען גערעכט צו אומגערעכט ניט געטארט צו פרע־
גען. די פליכט פון דעם פארטרעטער פון דער יוניאן איז געווען צו
טרייבען די סטרייקערס צוריק צו דער ארבייט. אויב זיי האבען נישט
געפאלגט האט די יוניאן ערלויבט סטרייק־ברעכער מיט ביכלאך פון דער
יוניאן צו פארנעמען זייערע פלעצער. אוועקנעמענדיג ביי די ארבייטער
דאס רעכט פון סטרייקען, האט דער אפמאך געמאכט צו נישט די געווינסען
פון די קלאוקמאכער פון דעם גענעראל סטרייק פון 1910".

נאך א ביישפיל פון דעם סארט לעזען מיר אין „פארווערטס" פון
4טען אוגוסט 1918. „די שטרייטיגקייטען אין דער טישלער יוניאן, וואס
זיינען אנטשטאנען מיט צוויי יאהר צוריק, צוליב דעם וואס די נויארקער
ארבייטער האבען זיך אנטזאגט צו פאלגען זייער אינטערנאציאנאלען פרע־
זידענט האטשינסאן, וואס האט באפוילען אויפצוגעבען זייער סטרייק.
נאכדעם ווי ער האט דעם סטרייק אויף זיין אייגענע פאראנטווארטליכ־
קייט געשליכטעט, איז נאך ניט צו ענדע".

אין זעלבען „פארווערטס" לעזען מיר א צווייטען פאקט, וואס איז
באמערקענסווערט פארצובערענגען: „די אורזאך — שרייבט דער „פאר־
ווערטס" — פון דעם שטרייט צווישען די גענעראל באאמטע פון די שיך
ארבייטער יוניאן („בוט און שו ווארקערס") און די ארבייטער איז
ארויסגעקומען פון פאלגענדען: די צושניידערס האבען פארלאנגט א לוין־
העכערונג, און ניט קענענדיג וועגען דעם זיך אויסגלייכען מיט די
בעליבתים, זיינען זיי ארויס אין א סטרייק אהן דעם הכשר און געגען
דעם ווילען פון דער גענעראל עקזעקוטיוו. טאבין, דער פרעזידענט און
ביין, דער סעקרעטער פון דער „בוט און שו ווארקער יוניאן" האבען
גלייך געהייסען זיי צוריקגעהן צו דער ארבייט. די סטרייקער האבען
אבער זיך אנטזאגט אויספאלגען זייער באפעל. דער שטרייט איז נאך
מעהר פארוויקעלט געווארען, ווייל צו די סטרייקער זיינען נאך צוגע־
שטאנען די איבעריגע צווייגען פון פאך. שפעטער האבען זיך אבער
ארייגגעמישט פארמיטלערס און האבען דעם סטרייק ווי עס איז געענדיגט.
דורך דיזע האנדלונגען פון די פירער האבען די ארבייטער אויס צארן
באשלאסען אפצורייסען זיך פון דער „בוט און שו ווארקערס יוניאן"

געטאן אויך צוליב דעם צוועק אפצושוואכען און באקעמפען יעדע ראדיקאלע שטעלונג פון די ארבייטער דירעקט, כדי צו באזייטיגען די מעגליכקייטען, אז עס זאל חלילה ניט ארויסוואקסען יענע ארגאניזירטע קראפט, וואס זאל זיין בכח צו צושטערען דעם פונדאמענט פון קאלעקטיווע פארהאנדלונגען, וואס איז באזירט אויף דעם באדען פון „אייביגען אינדוסטריעלען פרידען“.

אבער נאך אלע מיטלען וואס די פירער ווענדען אן צו אונטערדריקען די ווידערשפענסטיגקייט פון די מאסען, און ניט דערלאזען, אז זיי זאלען ברעכען די געזעצען און דיסציפלין פון די יוניאן־פירער, איז דאך דאס לעבען שטארקער פון אלע פארצאמונגען און קינסטליכע שטערונגען, וואס זיי מאכען געגען די מיטגלידער פון די יוניאנס. דאס קען מען ארויסזעהן פון פיעלע פאקטען,

---

און גרינדען א זעלבסטשטענדיגע יוניאן. קיין נייעס אין דיזער יוניאן איז דער שטריוט ניט, די „יונייטעד שיך ארבייטער יוניאן“ איז אויך אן אפאזיציע צו איהר, כאטש זי פרעטענדירט שוין צו זיין א נאציאנאלע ארגאניזאציע. זי איז אויך אנטשטאנען צוליב ענליכע אורזאכען“.

דיזעלבע האנדלונגען פראקטיצירען די פירער אויך אין דער בוי־אינדוסטריע. ווי מיר לעזען דאס ווידער אמאל ביי דר. הורוויטש, אין דער „צייט“ פון 2טען נאוועמבער 1920 אין זיין בריליאנטענעם סטיל. „די גאנצע מאכט פון דער יוניאן — שרייבט ער — איז צענטראליזירט אין די הענד פון א קליינע צאל באאמטע. זיי פירען די אונטערהאנדלונגען מיט די בעליבתים. ביי די ארבייטער פרעגען זיי קיין דעה ניט. מען הייסט די ארבייטער סטרייקען — סטרייקען זיי. מען הייסט זיי געהן צוריק צו דער ארבייט — געהן זיי צוריק צו דער ארבייט. דאס איז „יוניאן דיסציפלין“; זאלען די ארבייטער ניט פאלגען דעם באפעל פון די באאמטע און סטרייקען „אומגעזעצליך, שיקען די באאמטע סטרייק־ברעכער מיט יוניאן ביכלאך אויף זייערע פלעצער. און אויב איינער איז אן עזות־פנים, און עפענט דעם מויל געגען די באאמטע, ווארפט מען איהם ארויס פון דער יוניאן, און ער קען דאמאלס קיין ארבייט ניט קריגען, ווארום די באאמטע האבען דאך אן אפמאך מיט די בעליבתים, אז יעדער הויז זאל זיין א שטרענגע יוניאן פאבריק. כל זמן די יוניאן פירער זיינען גוטע ברידער מיט די בעליבתים, זייגען די פאבריקאנטען פאראינטערעסירט אויפצוהאלטען א שטרענגע יוניאן פאבריק, ווייל דערמיט האלטען זיי באמת אויף די מאכט פון זייערע „ארבייטער ליימענאנטען“ איבער דער מאסע ארבייטער, און ווען נאר מען די אלע אונטערהאנדלונגען ווערען געפירט בסוד“.

אז טראַץ דעם אַלעמען, ווען עס קומט דער געוואונשטער מאָמענט בילדען זיך דאָך אויס גרופּען פון מוטיגע קעמפּער פון די ארבייטער רייהען גופא, ווען עס געלינגט מאַנכעס מאָל איבערצונעמען די פּאַרוואַלטונג פון דער אָדער יענער לאָקאַלער יוניאָן.*) און אַלס אָרגאַניזירטע מאַכט, מיט פּאַראייניגטע כחות טרעטען זיי אַרויס געגען דער שקלאַפּעריי, וועלכע די ארבייטער מאַסען זיינען אויסגעזעצט אַ דאַנק דעם קאָלעקטיווען „אַגרימענט", וואָס ווערט איינגעשטעלט פון ביידע צדדים: סיי פון דער יוניאָן ביוראָקראַטיע און סיי פון די קאַפּיטאַליסטען איבער די קעפּ פון די ארבייטער. עס איז דאַרום קיין וואונדער ניט, פאַרוואָס די פירער נעמען אַן אַזעלכע אונטערדריקונגס־מיטלען, אום ווידערצושטעהן געגען די ראַדיקאַלע אידעען און מעטאָדען, וואָס אַ קרעפטיגע אָפּאָזיציע

---

*) אין דעם אָפיציעלען באריכט פון יאָהר 1916, ארויסגעגעבען ביי די קלאָוק אָפּרייטאָרס יוניאָן לאָקאַל 1, נויאָרק. שרייבט דער מחבר פון דיזען בוך, און דאַמאָלסדיגער סעקרעטער, פאָלגענדעס: „מיינע פריינד, איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ ביטערען, שווערען קאַמף די נייע עקזעקוטיווע האָט געהאַט דורכצומאַכען. אום אָנצוגעהן מיט דער ארבייט איז אונז נישט נאָר אויסגעקומען צו קעמפען אויף שריט און טריט מיט די בעליבתים פאַר די רעכטע פון די ארבייטער, נאָר עס איז אונז אויסגעקומען צו פירען אַ שטאַרקערען קאַמף מיט דער „דזשוינט באָרד" (גענעראַל באַאַמטע) פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. זיי האָבען אָנגעווענדעט אַלע מעגליכע מיטלען צו שטערען אונזער ארבייט פון שטיצען די ארבייטער וועלכע האָבען געמאַכט „סטאָפּעדזשעס" (געוואָרפען די ארבייט), ווייל זיי, אַלס היטער פון „פּראָטאָקאָל", האָבען געהאַט אַ „הייליגע" אויפגאַבע צו טרייבען די ארבייטער אונטער אַלע אומשטענדען צוריק צו דער ארבייט. אַ חוץ דעם האָבען זיי (די יוניאָן באַאַמטע) אַלעס געטאָן צו פאַרשווארצען און דיסקרעדיטירען אונז אין די אויגען פון די מיטגלידער, אַז מיר ווילען צוברעכען די יוניאָן אַלס „דעמאַגאָגען" און „טומעלמאַכער" א. ד. ג. דיזע האַנדלונגען מצד פון די באַאַמטע איז אָנגעפירט געוואָרען אויף דער גאַנצער ליניע מיט דער הילף פון די בעליבתים. ווען מיר האָבען געגען דעם געקעמפּט, האָט דאָס געבראַכט צו די גרעסטע סקאַנדאַלען ביי די מיטינגען פון גענעראַל קאָמיטעט, וואָס האָבען אָפּגעקלונגען אין דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. עס האָט אויסגעזעהן, ווי עס עקסיסטירען צוויי יוניאָנס, וואו איינע קעמפּט געגען דער צווייטער אום זי צו פאַרניכטען".

פאנגט אן דורכצופירען אין קאמף געגען די בעלי־בתים. דאס ווערט געטאן פשוט צו פארהיטען די געפאר, אז דער גאנצער „פרידען און הארמאניע" זאל ניט צושטערט ווערען צווישען די יוניאן פירער און די בעליבתים, ווייל די לעצטע האלטען אימער פאראנטווארטליך די פירער ביי דער אויפהאלטונג פון דעם גלייכגעוויכט פון אפמאך און ווארפען ארויף אויף זיי די „היילינגע" פליכט צו קעמפען געגען אלע עלעמענטען, וואס הינדערען דיזע גלייכגעוויכט אין די באציהונגען צווישען ביידע צדדים. עס איז דאריבער נאטירליך וואס אזא פארביסענער קאמף ווערט אנגעפירט פון דער יוניאן־ביוראקראטיע אום יעדע ראדיקאלע אפאזיציע צו פארניכטען.*)

אבער איהר מוזט וויסען, אז די דאזיגע האנדלונגען און פארעטערישע שטעלונג פון די פירער אין די אידישע יוניאנס געגען די ארבייטער זיינען ניט מעהר ווי א נאכאמונג, א קאריקאטור אין פארגלייך מיט דער טאקטיק פון דער ביוראקראטיע אין דער אלגעמיינער ארבייטער־באוועגונג, אין די אמעריקאנער יוניאנס, ווייל דארט, איז דיזע שטעלונג אן אפענע, און אויף א פיל גרעסערען מאסשטאב. די באציהונגען צו די קאפיטאליסטען און די אמעריקאנער גוי'אישע יוניאנס איז א ריין „געשעפטליכע" אזוי צו זאגען, וואס שפילט דורך דעם א פיל באדייטענדערע ראלע און איז א גרעסערער פאקטאר אין דעם ארגאניזאציאנס לעבען פון די ארבייטער, ווייל דער קלאסען־קאמף וואס ווערט דערשטיקט א דאנק דער אפען־רעאקציאנערער פאליטיק פון די פירער — ווערט

*) אין „טאג" פון 12טען פעברואר 1918, שרייבט דער מחבר פון דיזען בוך, אין זיין צווייטען באריכט פון דער קלאוק אפריטאר יוניאן לאקאל 1, נויארק, פאלגענדעס: „אין דער צייט ווען ארום האט געבושעוועט דער שונא פון קאפיטאל, האבען די באאמטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן אנגעווענדעט אלע מיטלען פון ליגנערישע העצעס, שפיאנאזש און סטראשונקעס, אום צו דיסקרעדיטירען די אפאזיציאנעלע עקזעקוטיווע אין די אויגען פון די מאסען. געהענדיג האנד אין האנד מיט די בעליבתים אין קרייצוג געגען די מיטגלידער וועלכע האבען מיטגעקעמפפט מיט דער אפאזיציע. זיי האבען נאך פארכאפט די פינאנצען און פארמעגען פון דעם לאקאל פון יוניאן, אום ענדליך איהם אינגאנצען צו פארניכטען".

אנגעפירט אויף דעם פעלד פון די שליסעל־אינדוסטריע פון לאנד: ווי די אייזענבאנען, קאהלען און מעטאל מינען, טראנספּארט און פּארט ארבייטער זיינען באשעפטיגט. דאָרט, ווען עס פלאצט די גערולד פון די ארבייטער מאסען, און זיי טרעטען ארויס אין אפּע־נעם רעוואָלט, נעמט דאָס אַן אַ דראָהענדען כאראקטער, וואָס קען אָפּשטעלען און פאראליזירען דעם צענטראלען נערוו, פון גאנצען ווירטשאפטליכען לעבען פון דער געזעלשאפט. זעלבסטפארשטענד־ליך, אז די פירער האנדלען דאָ אָפענער, מיט אַ שנעלערען טעמפּאָ און גרעסערער רגזה, כדי צו קענען שנעלער און וואָס פעסטער צוריקהאַלטען דעם פּראָטעסט און דרוק פון די מאסען, וועלכער קען ווערען פאטאל פאר דער גאנצער איפיציעלער יוניאָן באוועגונג, וואָס האָט די הייליגע פליכט אין אמעריקא צו וואכען אויף די אָרדנונג פון דער קאפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן מעהרער ווי אויף די אינטערעסען פון די ארבייטער. מיר זעהן טאקע פיל מאָל, ווען די מאסען טרעטען ארויס אין אַ ספּאנטאנעם רעוואָלט, — איבער די קעפּ פון די פירער — געגען די עקספּלואטאציאָן פון זייערע דריקער, דאן ערשיינען די ארבייטער „פאָרשטעהער" אין זייער אָפענער ראָלע אלס דינער פון קאפּיטאל, ווי עס האט גלענ־צענד באוויזען, — ווי מיר האָבען שוין באמערקט — דער ביישפּיל פון דער „וואָקאציע" פון די אייזענבאַן ארבייטער, אין פעברואר 1920.*)

*) אין דער „פרייער ארבייטער שטימע" פון 24טען יולי 1920, גע־פינען מיר אן אינטערעסאנטע, כאַראַקטעריסטישע ערקלערונג וואָס לעזט זיך ווי פאָלגט: „די „בראָדערהוד אָף ריילוויי טריינמען" (ברודערשאַפט פון אייזענבאַן ארבייטער) האָט ארויסגעלאָזט אן ערקלערונג אונטער־געשריבען פון ג. ליע, פרעזידענט און ס. ע. העבערלין, ווארען ס. סטאון און פרענק מאָריסאן, סעקרעטער פון דער „אמעריקאן פעדעריישאָן אָף לייבאָר". אין וועלכע זיי סטראשען די „וואָקיישאָניסטען" (דאָס מיינט די ארבייטער וואָס סטרייקען אומגעזעצליך) אז זיי וועלען ניט קריגען די לוין־העכערונג, וואָס דער באָן־קאָמיטעט פון דער רעגירונג האלט אין באַשטימען פאר דעם 20טען יולי, און אז זיי וועלען אויך ניט צוריק־קריגען זייערע פריערינע שטעלען אויף די אייזענבאנען, סיידען אלס נייע ארבייטער, אויב זיי וועלען גלייך ניט צוריק געהן צו דער אר־בייט".

עס וועט זיין אינטערעסאנט צו ברענגען דעם פרוש וואָס דער אוטאָ־

די דאָזיגע טאַקטיק אין די באַציהונג צו קאַפּיטאַל, איז אויך ביי די אמעריקאַנער יוניאָן פירער ניט קיין צופעליגע, נאָר עס איז א „קלאַסענבאַוואוסטער“ און גוט אויסגערעכענטער פּלאַן אין זייער יוניאָן טהעטיגקייט. די ערפאַרונג האָט געצייגט, אז ביי יעדען קאָנפליקט, וואָס שווימט ארויף אין לעבען פון די ארבייטער אין קאַמף געגען זייערע בעליבתים, רעאַגירען די יוניאָן פירער אויף דעם זעלביגען אופן, נעמליך: איינצוצאַמען די קעמפער, צו אונ־

פּיסטישער סאָציאַליסט, אבער נאָבעלער דעבס, האָט געמאכט וועגען דיזע האַנדלונגען פון די פירער אין דעם דאָזיגען סטרייק. דעם פּרוש געפינען מיר אין „פאָרווערטס“ פון 25טען אויגוסט 1920. דעבס שרייבט: „וועגען די דאָזיגע אייזענבאַן לאַגע בין איך זעהר צופרידען, וואָס אזוי פיעל אלטע יוניאָן לייט זיינען געווען אין דעם זאָגענאַנטען „אוטלאָו“ סטרייק פון דער שיקאַגאָר „יארדטמענס אסאָסיאציע“. די סיגנאַליסטען האָבען געגען זיך געהאַט ניט נאָר די אייזענבאַן קאָמפּאַניעס, און אלע רעגירונגס־אפּטיילונגען, זאָנדערן אפילו זייערע אייגענע לייט, זייער אייגענע אָרגאַניזאציאָן, זייערע אייגענע באַאמטע. דאָס איז דאָס ערגסטע געגען וואָס זיי האָבען געהאַט צו קעמפען: געגען די אייגענע יוניאָן־לייט, זייערע אייגענע יוניאָן לייטע האָבען דעם סטרייק געבראָכען, א דריי זייטיגער פאַרבאַנד איז דאָס געווען געגען זיי. די „אינטערסטייט קאָמערס קאָמישאָן“ (רעגירונגס קאָמיסיע פאר די אייזענבאַנען) האָט פאַרנאַנדערגעשיקט איהרע קליינע באַאמטע איבער׳ן גאַנצען לאַנד צו וואָרנען דעם עולם, און אויך די ארבייטער געגען די „געזעצלאָזע“. אין דער צווייטער זייט, אויך די יוניאָן באַאַמטע, מענשען ווי א. דזש. ליע און אנדערע. דאָס זיינען הערשער וואָס האַלטען אין ווידערערוועהלען זיך זעלבסט, מיט זייערע קעניגליכע געהאַלטען פון 8000 ביז 12000 דאָלאַר א יאָהר, וואָס קימערען זיי זיך פאר דעם שווערען קאַמף פון די געוועהנליכע מיטגלידער פון די יוניאָנס? באַרעכענט: טויזענט דאָלאַר א מאָנאַט פאַר אַן אַרבייטער פירער. דיזער סאָרט יוניאָניזם האָט צעבאַלעוועט די באַאַמטע, פאר׳ן אבזיכט צו האַלטען די ארבייטער אין פארשקלאַפונגאַון אין נויט. דיזע באַאַמטע האָבען געארבייט האַנט אין האַנט מיט די אייזענבאַן מאַגנאַטען און רעגירונגס באַאמטע געגען די ארבייטער. דער אייזענבאַן סטרייק איז געווען א גאַנץ געוועהנליכער, פּונקט ווי אנדערע סטרייקס פון א גאַנץ יאָהר. די יוניאָן באַאַמטע אבער, די „גרענד טשיעפס“ (הויפּטלינגען) ווי זיי ליבען זיך צו רופען, האָבען אוועקגעשטעלט סטרייק־ברעכער אויפ׳ן פּלאַץ פון די סטרייקערס, און גאָמפּערס מיט זיינע חברים האָבען פּראָקלאַמירט זייער קעניגליכען באַפעל, אז א סטרייק קען נאָר זיין געזעצליך, בלויז מיט זייער חבשר“.

טערדריקען זייער אומצופרידענהייט, און זיך צו באַמיהען אויסצוגלייכען מיט אַלערליי פרידליכע מעטאָדען די סכסוכים, אבי אויסצומיידען סטרייקס אדער אפענע קאָנפליקטען וואָס קאָנען פירען צו סטרייקס, און דאָס אַלץ ווערט געטאָן כדי אויפצוהאַלטען די „הארמאָניע" צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט. זאָגאר דאן ווען די יוניאָן ביוראָקראַטיע ווערט שוין געצוואונגען דורך דער סיטואציע, און דורך דעם דרוק פון ביידע זייטען; סיי פון די קאַפּיטאַליסטען און סיי פון די ארבייטער ארויסצורופען אין זייער לעצטע רגע א סטרייק. ערשט דאן, ציינען זיי ארויס — שוין צו דעם פון אַלעמען אנערקענטען „כשר'ן" סטרייק — דיזעלביגע פייגהאפטע, געהאַרכזאַמע, שוואַכע שטעלונג. וואָס מוז אין לאַנגען רעזולטאַט ברענגען צו א זיכערע נידערלאַגע פאַר די ארבייטער.

דער בעסטער ביישפּיל איז דער שטאָל סטרייק פון סעפּטעמבער 1919, וואָס כאַראַקטעריזירט די פאַררעטערישע טאַקטיק פון די יוניאָן פירער אין אמעריקא. עס דוכט זיך כלומרשט אויס אַז די פירער האָבען אין דיזען סטרייק שוין אַרויסגעוויזען א מאָראַלישע סימפּאַטיע צו די סטרייקער, צוליב די קאַלטע שטיצע (אָהן געלטמיטלען אפילו) וואָס האָט געטראָגען בלויז א לאָקאַלען כאַראַקטער מיט די באַקאַנטע מעטאָדען פון פאַר־יוניאָניזם, וואו עס האָט געפעלט דער מינדעסטער פּונק פון סאָלידאַרישער געגענזייטיגקייט און קאַמפּבאַרייטקייט, (אָפּגערעדט שוין פון א קאָלעקטיווער אַקציאָן), האָט מען די צענדליגע טויזענטער סטרייקענדע מאַסע פון פאַרשידענע נאַציאָנען איבערגעלאָזט אליין צו די גרויזאַמקייטען ביז מאָרד ארייננערעכענט פון דעם מעכטיגען שטאָל טראָסט אונטער דעם „יושר" פון דעם יונקער גערי און זיינע אונטערהעלפער. די טאַקטיק פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע אין דיזען סטרייק האָט ארויסגערופען א פאַרדאַמונג זאָגאר ביז מילדע, אָנביינערדיגע ליבעראַלע רעפאָרמערס און גוטהערציגע פּריסטער, וועלכע האָבען אויך געבראַנדמאַרקט די שטעלונג פון די גאָמפּערסעס און מאָריסאָן'ס אלס פּאַראַט און היפּאָקריטסטוואָ געגען די אינטערעסען פון די ארבייטער.*) איצט שטעלט אייך פאָר, אַז דאָס זיינען

---

*) די „גערעכטיגקייט" פון 6טען אוגוסט 1920, שרייבט: „א וויכטיגע אורזאַכע פאַרוואָס דער שטאָל סטרייק איז געבראָכען געוואָרען פון

די האנדלונגען און די שטעלונג פון דער פירערשאַפט צו אָפיציעל־„כשר'ע" סטרייקס. טאַ דאַרף דאָך שוין זיין ניט קיין איבעראַשונג, אויב זיי שטעלען זיך אין אָפענעם דינסט פון די קאַפּיטאַליסטען דאָ, ווען די אַרבייטער טרעטען ארויס אין די בארימט געוואַרענע „אולטאַ" (געזעצליכע) סטרייקס! אָדער אין אזעלכע סטרייקס, וואו די פירער באַפעלען די אַרבייטער־שקלאַפען צוריק צו געהן צו דער אַרבייט, אויף די באַדינגונגען וואָס זיי אַליין האָבען אָפּגעמאַכט מיט די בעלי־בתים.*)

דעם שטאָל־טראַסט, ווי עס גיט אָן דער רעפּאָרט פון די „אינטער טשוירטש ליעג" מיט פאַקטען, איז אַחוץ די האַלטונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג און דאָס שיקען מיליטער אין די סטרייק געגענדען, אויך די שטעלונג פון דער „אַמעריקאַן פעדערישאָן אָף לייבאָר". די אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג, זאָגט דער רעפּאָרט, איז ניט געשטאַנען פעסט געגנוג מיט די שטאָל אַרבייטער. זיי האָבען פאַראַטען די אַרבייטער מיט זייער שוואַכע שטעלונג. די אַרבייטער האָבען צופיל מעהרער ערוואַרטעט פון די פאַרשידענע יוניאָנס וועלכע האָבען זיי פאַרלאָזט".

נאָך א ביישפּיל וועגען די „סימפּאַטישע" הילף און דיזע סטרייקשטיצע פון די אמעריקאנער יוניאָנס, לעזען מיר אין דער „נייער פּאָסט" פון 20טען יאנואר 1914, וואו עס ווערט אָנגעגעבען: „אַז ביי דער קאָנווענציע פון דער „וועסטערן פעדערישאָן" פון די מינען אַרבייטער איז געמאַכט געוואָרען אַ ביטערע אָנקלאגע געגען די גענעראַל־עקזעקוטיווע פון די „אַמעריקאַן פעדערישאָן אָף לייבאָר", פאַרוואָס זי טוט גאָרנישט צו העלפען די סטרייקענדע קופּער־מינען אַרבייטער. מאַיער, פּרעזידענט פון דער פעדעראַציע, האָט ערקלערט, אויב דער סטרייק וועט פאַרלאָרען געהן, וועט עס זיין צוליב די שוואַכע שטעלונג פון גאָמפּערס מיט זיינע איבעריגע לייטע פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע".

*) די „צייט" פון 3טען סעפּטעמבער 1920 מעלדעט: „די יוניאָן פירער זיינען געגען דעם סטרייק פון די קוילען־גרעבער, וועלכע זיי האָבען באַפוילען צוריק צו געהן צו דער אַרבייט. די לאַגע איז נאָך מעהר פאַרפּלאָנטערט געוואָרען, ווען די פאַרטרעטער האָבען אונטערגעשריבען אַ קאָנטראַקט מיט די בעלי־בתים אויף צוויי יאָר, ניט קוקענדיג אויף דעם אָפענעם פּראָטעסט פון די מינען אַרבייטער. דערפאַר זיינען די מינען אַרבייטער געבליבען אין סטרייק, וועלכען זיי רופען „וואַקאַציע", כדי ניט צו געבען פּאַלטער'ן, דעם געזעץ מיניסטער — מיט וועלכען די הויפּט באַאַמטע פון דער „יונייטעד מינען אַרבייטער יוניאָן" האַלטען קיין געלעגענהייט מיט דער שטאָט־פּאָליציי צו ברעכען קעפּ פון די „צובונטעוועטע" מינען אַרבייטער וואָס ווילען זיך ניט צוריק־

מיר זעהן טאקע אז די פירער זיינען שוין אזוי טיף געזונקען אין די פארעטערישע מעטאדען פון זייערע באציהונגען צו די קאפיטאליסטען, אז דיזע טאקטיק ווירקט ניט נאר דעמאראליזירענד אויף די גאנצע ארבייטער באוועגונג, נאר אז עס רופט זיך אפ שרעקליך אויף די ארבייטער וואס הייבען אן איינער אויפ'ן צווייטען צו קוקען מיט מיסטרוי און פארדאכט, ווי אויף געגענזייטיגע שונאים. די דאזיגע האנדלונגען ווירקען אויך דעזארגאניזאטאריש אויף זיי (די פירער) גופא. א דאנק זייער פחדנות און חניפהדפאליטיק, וועלכע זיי פירען אן ווי קליינקרעמערשע אגענטען, ווייל עס פעהלט זיי דער מוטיגער קוראזש פון א זעלבסטשטענדיגען ארבייטער פארטרעטער, וועלכער זאל מיט זיך פארשטעלען יענעם ארגאניזירטען כח, וואס די ארבייטער באוועגונג איז אין אמת'ען. זיי פאלען אריין אין א לעבערליכע לאגע, ווען עס קומט צו א קלי־

קעהרן צו דער ארבייט אויף די באדינגונגען וואס די פירער האבען אליין געשליכטעט".

אָדער נעמט נאָך א פאקט וואָס מיר געפינען אין „פראָלעטאַריער" פון 1טען סעפטעמבער 1920, מכח דער טישלער יוניאָן אין פילאַדעלפיע: „דעם ערשטען מאַי האָט זיך אָנגעפאנגען א סטרייק פון די „קארפענטערס" (טישלער) פאַר אַ לוין־העכערונג פון $1.25 א שטונדע. איידער דער סטרייק האָט זיך אָנגעפאנגען האָבען די בעליבתים געאָפערט צו געבען $1.12, וועלכע די אַרבייטער האָבען אנטזאגט. נאָכדעם ווי די ארבייטער האָבען אָפּגעסטרייקט זעקס טעג ניט האָבענדיג כמעט קיינע מיטינגען, האָבען די פירער צוזאמענגעקלאַפּט א מיטינג וואָס איז געווען באַזוכט פון א לעכערליך קליינע צאָל באזוכער, ווייל ער איז גערופען געוואָרען אין א קורצער צייט, און האָבען באַשטימט, אָנצונעמען די אָפּער פון די בעליבתים, און געהן צוריק צו דער ארבייט. דיזע האַנדלונג האָט ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג צווישען די ארבייטער. זיי האָבען גאָר ניט געקאָנט באגרייפען וואָס דאָ האָט פּאַסירט, און דערצאָרענטע זיינען זיי געקומען צום אידישען לאָקאל יוניאָן אָפּהאלטען א מיטינג, שוין נאָך דעם ווי די גענעראל באאמטע פון „דיסטריקט קאנסול" האָט „געשליכטעט" דעם סטרייק, אבער די טירען פון זייער אייגענעם לאָקאל יוניאָן זיינען געווען פארשלאָסען פאר זיי, ווייל בילער, דער סעקרעטער פון לאָקאל 1073, האָט געקראָגען א ווארנונג אז מען וועט אויסשליסען דעם לאָקאל אויב מען וועט ערלויבען די טישלערס אָפּצוהאלטען ביי זיי מיטינגען. און אזוי איז דער סטרייק געקומען צו א „זיעגרייכען" ענד".

מאַקס פון א סטרייק, אָדער ביים אנעמען אדער צוריק וואַרפען א געוויסען אומגינסטיגען פאָרשלאַג מצד פון די קאַפּיטאַליסטען, אז זיי זוכען אַפּען אָפּצוטרייסלען פון זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטליכקייט און לייקענען זאָגאַר אָפּ אז זיי האָבען צו דעם אָדער יענעם פאָרשלאַג ווען עס איז צוגעשטימט. ספּעציעל דאַן ווען זיי האָבען צוגעשטימט אז די ארבייטער זאָלען ארויס אין א סטרייק, און דער סטרייק ווערט פארצויגען, און עס פאָדערט זיך מוטה און אויסדויער, א. א. דאַן לייקענען זיי אינגאַנצען אָפּ, אַז זיי האָבען געהאַט וועלכע עס איז שיכות מיט דעם פאַראורזאַכען דעם סטרייק, און זיי מישען זיך ניט מעהר אין דעם, ווי עס וואָלט פאר זיי זיין א גאַנץ פרעמדע זאַך, פון וועלכער זיי ווייסען גאָר נישט פון וואָס צו זאָגען.*)

פון אַזעלכע טהאַטען איז זעלבסטפארשטענדליך, אז די ארבייטער זאָלען אָהן אויסנאַם געשלאָגען ווערען אויף דער גאַנצער ליניע אין זייער קאַמף מיט'ן קאַפּיטאַל. די אויבענדערמאָנטע פאַקטען האָבען דוכט זיך קלאָר איבערצייגט, אז דאָס קען ברעכען דעם שטאַרקסטען מוטה און אויסדויער ניט נאָר פון אויסגעמאַטערטע, דערשלאָגענע און פארפירטע ארבייטער, זאָנדערען אז דאָס קען אָפּטויטען די ענערגיע און ווידערשטאַנדס־קראַפט פון ריזען אויך.

ווען מען שלאָגט זיך אָן אַן אַזעלכע שטערונגען און פארעטערייען פון די אייגענע פירער, וואָס זיינען בארופען צו זיין דער אוואַנגאַרד און אויף וועלכע די ברייטע מאַסען פארלאָזען זיך אלס

---

*) אין נויארק „קאָל“ פון 18טען אוגוסט 1920, לעזען מיר פאָלגענדע אינטערעסאַנטע נאָטיץ: „די ארבייטער פון עטליכע לאָקאַל יוניאָנס וואָס זיינען אָנגעשלאָסען אין די „יונייטעד טעקסטיל וואָרקערס יוניאָן (יוניאָן פון וועבערס) זענען שרעקליך פארביטערט געגען די נאַציאָנאַלע פירער פאר זייער אָפּליקענען, נאָך עטליכע חדשים פון סטרייקען אז זיי האָבען דיזען סטרייק גאָר אינגאַנצען נישט אַרויסגערופען“.

דיזע פארעטערישע טאַקטיק איז ביי די פירער אַזוי אלט ווי די בערג, ווייל אַזוי וויט צוריק ווי אין אייזענבאַן סטרייק פון 1894 שרייבט דעבס אין „ליבאָר העראָלד“ פון יוני 1922, „האָבען די בראָדערהוד באאַמטע, צוזאַמען מיט די באַן־מאַגנאַטען, באַפוילען צו די פּאַך יוניאָנס אָנצופילען די פּלעצער פון די סטרייקער“.

אויף אזעלכע שטעלט זיך די פראגע: וואס זיינען דאך די אור־
זאכען פון אזעלכע האנדלונגען און פירונגען פון די באאמטע?
די ערשטע און באדייטענדסטע אורזאך, ווי שוין אנגעוויזען,
איז וואס די אמעריקאנער יוניאן פארשטעהער האבען איבערגענו־
מען בירושה פון דער ענגלישער ארבייטער באוועגונג דעם זאגע־
נאנטען קאנסערוואטיזם, און וואס זיי זיינען אין אמעריקא אוועק
נאך ווייטער, און האבען איהם נאך צוזאמענגעמישט מיט דעם רע־
אקציאנערען גאמפערסיזם, וואס האט אנגענומען און פארהייליגט
די דאגמע פון „קאלעקטיוו בארגענינג", צו וועלכע גרוים ביז קליין
בוקען זיך ווי צו א געטשקע. עס איז ניט אזוי דער הייליגער פרינ־
ציפ פון קאלעקטיווער פאראנטווארטליכקייט אין די באציהונגען
צו די קאפיטאליסטען אליין, ווי עס איז אין דעם אויך פארקערפערט
זייער פילאזאפיע פון ארדנונג, געזעץ, געהארכזאמקייט און הונ־
דערט פראצענטיגען יוניאן־דיסציפלין, וועלכע זיי האבען די מיסיאן
איינצופלאנצען אין די קעפ און אין די הערצער פון די מאסען.
ווארום דער גלויבען פון די דאזיגע פירער מכח דעם קלאסענבא־
וואוסטזיין פון די ארבייטער איז אזוי אפסורד און באגרענעצט, אז
זיי זענען גאנץ זיכער ביי זיך, אין זייער איבערצייגונג, דאס ווען
ניט זייער טאקטיק פון „פרייע ליבע" צווישען קאפיטאל און אר־
בייט, וואלט פאר קיין יוניאן באוועגונג ניט מעגליך געווען צו עק־
סיסטירען, ווייל די אומפאראנטווארטליכקייט פון די ארבייטער צו
די פליכטען פון דער ארגאניזאציאן איז אזא וואס מאכט אז זיי ווי־
לען קיינמאל ניט צאהלען זייערע בייטרעגע פאר דאס סאמע נויט־
ווענדיגסטע אויפצוהאלטען די יוניאן־באוועגונג ביים לעבען.

ווי אומזיניג און ווידערשפרעכענד עס זאל ניט זיין אזא גע־
דאנקגאנג ביי מענשען וואס זאלען אי אין דערזעלבער צייט זיך בא־
טייליגען אין א משך פון צענדליגע יאהרען אין אזא ריזענהאפטער
מאסען־באוועגונג, מיט די אומגעהייערע פאטענציעלע קרעפטען
וועלכע זי אנטהאלט אין זיך, און אי פועלן ביי זיך מבטל צו מאכען
די גאנצע אינערליכע קראפט פון די יעניגע עלעמענטען וואס שטע־
לען צונויף אט די גאנצע מעכטיגע און לעבען־קוועלענדע באווע־
גונג; ווי אומ'שכל'דיג דיזער געדאנק זאל ניט זיין, איז ער דאך
אן אנגענומענע טעאריע כמעט ביי אלע יוניאן פירער פון דער אמע־

ריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג, דאָס איז ניט קיין השערה געזויגען פון מיין פאַנטאַזיע, נאָר דאָס ווערט באַהויפּטעט, איז אַנטנומען פון ערפאַרונג פון פילע באַדייטענדע טוער, וואָס וואַרפען נאָר א קריטישען בליק איבער דעם אמת'ן צושטאַנד פון דער יוניאָן באַוועגונג.*)

די צווייטע אורזאַך פון אַזאַ וואַקלענדער, שטילער טאַקטיק געגען דער עקספּלואַטאַציע פון די בעלי־בתים, — וואָס מוז מיט דער צייט ענטוויקלען א פּרוכטבאַרען באָדען פאַר קאַריעריזם אונטער דעם אָפיציעלען צודעק פון קאָנסערוואַטיווען יוניאָניזם, און וועלכער פירט ענדליך צו פאַראַט געגען די אינטערעסען פון די אַרבייטער, — איז די מעגליכקייט צו דערגרייכען צו א פּראָמינענטען פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט, פול מיט כבוד און געלט. דאָס איז אויך א באַהויפּטונג, ניט נאָר אין וואָס איך אַליין בין זעהר איבערצייגט, נאָר וואָס שטאַמט אויך פון אַזאַ באַדייטענדע פיגור ווי דער רוהמפולער סאָציאַליסט י. וו. דעבס.**)

*) זעה די מיינונג פון דר. הורוויטש אין דעם פריהערדיגען קאַפּיטעל.

**) אין דער „ציים" פון 8טען אָקטאָבער, 1920, שרייבט יודזשין וו. דעבס פאָלגענדעס: „די פירער וועלכע די אַרבייטער האָבען דערהויבען צו זייער גדולה, זיינען אָפטמאָל די אַרבייטערס גרעסטע פאַרעטער. די מינען אַרבייטערס יוניאָן איז א גוטער ביישפיל. יעדער פּרעזידענט פון דיזער יוניאָן האָט פאַר די לעצטע 25 יאָהר ענטוועדער זיך דערדינט צו א פעטען פּאָליטישען אַמט, אָדער איז אריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט, אין דינסט פון די בעליבתים, כדי צו באַקעמפען די מענשען וואָס האָבען זיי דערהויבען. עס איז ניטאָ קיין איינציגע אויסנאַמע. אָט איז די ליסט: מעק, ברייד־פענגנא, ראַטשפאָרד, מיטשעל, לואיס און ווהייט. מיטשעל, דער קרויגדעל פון זיי אַלעמען, האָט נאָך זיין טויט איבערגעלאָזען א פערטעל מיליאָן דאָלאַר. דער איצטיגער פּרעזידענט פון די מינען אַרבייטער האָט פאַרדינט זיין באַלויבונג און ער וועט זי אָהן צווייפעל מיט דער צייט קריגען. זיין פּחדנ'שעס אונטערגעבען זיך צו ריכטער אַנדערסאָן און זיין געמיינער פאַראַט פון די מינען־אַרבייטער צו די בעלי־בתים מאַכט זיכער זיין צוקונפטיגע קאַריערע אין באַלוינונג. איבערהויפּט, ווען ער האָט ערקלערט, אז יוניאָן פירערשאַפט איז 100 פּראָצענט „וואָל־סטריט" אַמעריקאַניזם. דאָס זיינען דיזעלבע פירער, וואָס

אלזא, פון די אלע פאקטען, וואס זיינען ווי „א טראפען אין ים" אין פארגלייך מיט די פילע פאקטען פון לעבען — איז קלאר, אז די פירער אין זייערע באציאונגען מיט די קאפיטאליסטען, זייענען דורכגעדרונגען מיט יענעם רעאקציאנערען און פינסטערען גייסט, וואס ארבייט אן אויף פאר זיך, אזוי צו זאגען, געגען די אינטערעסען און לעבענס-נויטען פון די ארבייטער. מעהר נאך, דורך דיזע טאקטיק, מעטהאדען און פראקטישע האנדלונגען, העלפען זיי נאך די בעלי-בתים צו אונטערדריקען וואס שטארקער און ווירקזאמער די ארבייטער אין דער קאפיטאליסטישער לוין שקלאפעריי, כדי צו דערגרייכען דעם צוועק: צוזאמענצוהאלטען אלע עלעמענטען פון „קליקע-הערשאפט" און ביוראקראטיזם אין דער ארבייטער-באוועגונג פון אמעריקא.

אט דאס זיינען די מאטיווען, מיט וועלכע די ארבייטער פארשטעהער זיינען אינספירירט אין די טעטיגקייט אויף דעם געביט פון זייער פאר-יוניאניזם. עס איז דארום גאנץ נאטירליך, וואס די אמעריקאנער יוניאן באוועגונג געהט אזוי ראשיג אויפ'ן וועג פון רעגרעס, בלייבענדיג הינטערשטעליג אויף יאהרען און יאהרען אין דעם פארווערטס מארש פון פראגרעס, וועלכען די אייראפעאישע ארבייטער-באוועגונג מאכט דורך. אמת איז, אז ווי די פיהרער זאלען ניט זוכען, א דאנק דעם אפגעלעבטען זיך ניט צופאסענדען אינדוסטריעלען סיסטעם פון די אמעריקאנער ארבייטער ארגאניזאציעס די ארבייטערשאפט צו שטופען און צו שלעפען אויפ'ן וועג צוריק, האט דאך די אייראפעאישע מאדערנע באוועגונג אין די לעצטע יאהרען פון רעוואלוציאנערען פעריאד געהאט איהר מעכטיגע ווירקונג אויף דער ערוואכונג פון אמעריקאנער

האבען געראטען זייערע לאקאל יוניאנס אז זיי זאלען זיך אנשליסען אן דער „טשעמבער אף קאמערס" (האנדעלס קאמערען), און פיעלע פון זיי האבען טאקע געשיקט פארטרעטער צו דיזע קערפערשאפטען, וואס קיין ערגערע שונאים פון זיי האבען די ארבייטער ניט. און איצט, אלס א בעלוינונג פירען אן די דאזיגע „טשעמבער אף קאמערס" צוזאמען מיט די פאבריקאנטען אסאסיאציעס דעם קאמף געגען די יוניאנס, וועלכעס מיינט די פארניכטונג פון דער ארבייטער באוועגונג איבער'ן גאנצען לאנד".

פּראָלעטאַריאַט. דאָס קען מען באַשיינפּערלאַך אַרויסזעהן פון דעם, וואָס דער אָפענער פּאַראַט געגען די אַרבייטער ווערט שוין אַזוי פראַנק און פריי ביי די לייטענדע גייסטער ניט אַרויסגע־שטעלט ווי אַמאָל, אַ דאַנק דעם דרוק פון די מאַסען.*)

געוויס, עס וועט נאָך לאַנג, לאַנג נעמען, איידער דער אַמע־ריקאַנער אַרבייטער וועט פון זיך אינגאַנצען אָפּשאָקלען דעם שטויב און שימעל פון גאָמפּערסיזם, און די פיהרער פאַר׳סמ׳ען נאָך אַלץ די קעפּ פון די מאַסען מיט דעם מוחות־צומישענדען גיפט פון זייערע כלומרשטע „אישום“ (שטרייט־פראַגען) וועלכע זיי נעמען אויף מיט די קאַפּיטאַליסטען צו פאַרענטפערען די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון די אַרבייטער. וועגען דעם וועלען מיר אַרומרעדען אין נעקס־טען קאַפּיטעל.

---

*) אין דער „צייט“ פון 20טען אָקטאָבער 1920, ווערט געמאָלדען פאָלגענדעס: „דער אולטימאַטום פון דער א. פ. אָף ל. צום נויארקער „בילדינג טריידס קאָנסיל“ (צענטראַלער אַרבייטער פאַרבאַנד פון די בוי־אינדוסטריע) אַז ער זאָל אַרויסוואַרפען ברינדעל׳ס מוליאַרעס „יוניאָן„ אָדער פאַרלירען זיין טשאַרטער און אַרויסגעשטויסען ווערען פון דער א. פ. אָף ל. — דיזער אולטימאַטום האָט געטראָפען דעם „בילדינג טריידס קאָנסיל“ ווי אַ שטיין אין קאָפּ. עס פאַרשטעהט זיך, וואָס פאַר אַ שטע־לונג דער קאָנסול זאָל איצט ניט נעמען, וועט ער זיך אַליין געבען אַ פּאַטש אין פּנים. פאָלגען דעם באַפעל און אַרויסוואַרפען די „נייע“ סטרייקברעכער יוניאָן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען געגען די מאָלער אַרבייטער, וועלכע זיינען געשטאַנען אין קאַמף געגען זייערע בעליבתים, הייסט זיך אַליין שטעמפּלען פאַר אַ פאַרעטער און באַטריגער. אַרויס־טרעטען ווידער געגען דעם באַפעל פון דער א. פ. אָף ל. איז ערשטענס אַ פראַגע: צו דער דאָזיגער „קלוגער“ „בילדינג טריידס קאָנסול“ וועט עס וואַגען, נאָר אויב ער זאָל דאָס אפילו וואַגען, — ווייסט ער אָבער גאַנץ גוט וואָס פאַר אַ סוף איהם ערוואַרטעט“.

פערטער קאפיטעל.

שטרייט־פראגען צווישען אמעריקאנער יוניאן־פיהרער און די ארבייטגעבער.

דער זומפיגער באדען, וואס איז באשאפען געווארען אין דער יוניאן באוועגונג, וואו קיין פול־באדייטענדעס עקאנאמישעס פראבלעם פון א דויערהאפטען נוצען פאר די ארבייטער קאן ניט אויפגענומען און ערענסט באטראכט ווערען, איז ענטשטאנען א דאנק דער נעבאכדיגער שטעלונג און ניט שטאנדהאפטיגער טאקטיק פון די פיהרער אין די קאלעקטיווע אונטערהאנדלונגען מיט די בעלי־בתים. און אט די פאלשע אידעען פון די פיהרער אין קאמף געגען קאפיטאל, האבען אויך מעגליך געמאכט, אז זאגאר די מינימאלע פאדערונגען פון די ארבייטער, ווי א קלענערער ארבייטס־טאג, גרעסערע פארדינסטען, א. ד. ג., וואס קאנען מעהר־וועניגער דערהויבען דעם שטאנד פון לעבען און פארלייכטערען די נויטען פון די מאסען, אז אויך זיי זאלען אזוי פארדרעהט און צוקאליעטשעט ווערען, דאס פיעל מאל ווארפט מען זיי אינגאנצען ארונטער אין הינטערגרונד. ווען דיזע קליינע און מינדערוויכטיגע פראגען ווערען שוין יא — כאטש גאנץ זעלטען — אויפגענומען פון די פיהרער אלס נויטווענדיגע שטרייט־פונקטען פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער, איז עס ווייל עס עקזיסטירט שוין געוויס א געוואלטיגער דרוק מצד פון ארבייטער, אז אומצופרידענהייט מיט די באשטעהענדע צושטאנדען איז פאד, וואס נעמט אן א דראהענדען כאראקטער פאר די „ארגאניזיישאן“. און דאס איז עס וואס צווינגט די פיהרערשאפט צו א קלארער און אומצוויידייטיגער שטעלונג אין די פארהאנדלונגען מיט די בעלי־בתים. ווארום דארט וואו די „ארגאניזיישאן“, ד. ה. די קאראבקע שטעהט אין געפאהר.

דארט ווועלן די יוניאן־פיהרער זיך יאגען אויפצונעמען די אמת'ע פראגען און מיט אן ערענסט זיי באטראכטען. באמיהענדיג זיך „אויסצופיהרען“, כדי די בעל־בתים זאלען שענקען זייער געהעריגע אויפמערקזאמקייט צו די „אישום“ פון פאר, אלס צו פאדערונגען פון ערשטע נויטווענדיגקייטען. און זיי זוכען זיי צו איבערציינגען אז דאס איז פאר די נוצען פון דער אלגעמיינער פראדוקציאן אין דער אינדוסטריע, און ניט בלויז פארלאנגען וואס זיינען ארויסגעשטעלט געווארען פון דער יוניאן פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער.

איך זאג, אז די פירער באמיהען זיך „אויסצופירען“ ביי די בעלי־בתים ווארום דער אופן ווי אזוי זיי ווענדען אן זייערע מיטלען און אויף וועלכע וועגען זיי געהן פארבעסערען די לעבענס באדינגונגען פון די ארבייטער, אדער ענדערען געוויסע ארבייטססיסטעמען אין די אינדוסטריעס פאר די נוצען און וואוילזיין פון די מאסען, — ווי למשל, דאס ענדערען דאס שטיק־סיסטעם אויף וואך־ארבייט, — קען קיין מאל ניט ארונטערגענומען ווערען אונטער דעם טערמין פון „אויסקעמפען“. די יוניאן פיהרער באטרייבען זייער טעטיגקייט דערביי מיט זייער לאקייאישער חניפה־פאליטיק, וואס ווערט ביי זיי אנגערופען „יוניאן דיפלאמאטיע“ און דאס מיינט ניט מעהר ווי „אויספיהרען“, „אויסווירקען“, אבער קיין מאל ניט „אויסקעמפען“, „ערייבערען“ דורך דעם אומפארמיידליכען קאמף צווישען קאפיטאל און ארבייט. דאס האט קיין שום צוזאמענהאנג ניט מיט'ן היסטאריש געווארענעם קאמף־רוף פון רעוואלוציאנערען פראלעטאריאט „אין קאמף וועסטו דיין רעכט ערווערבען“, וואס איז פון דויערהאפטען און אומשעצבארען ווערט אין קאמף געגען לוין־שקלאפעריי. מיט די דאזיגע „דיפלאמאטישע“ מיטלען טרעטען די זאגענאנטע ארבייטער פארטרעטער צו — מיט זייער טראדיציאנעלער אונטערטעניגקייטס־געפיהלען — און נעמען אויף אזא אופן אויף אלע „אישום“ און פראבלעמען צווישען די ארבייטער און די בעלי־בתים. עס מאכט ניט אוים, צי דאס זיינען געווענליכע פאדערונגען, ווי לוין־העכערונג, אדער דאס איז א וויכטיגער פרינציפ, ווי די ענדערונג פון ארבייט־סיסטעם אין דער גאנצער אינדוסטריע, צי דאס מעג האבען די קלענסטע אדער די

גרעסטע באַדייטונג אין לעבען פון די אַרבייטער. — דאָס אַלץ ווערט באַהאַנדעלט מיט'ן זעלבען קליינמוטיגען און ציטערדיגען טאָן פון אויסבעטען און איבערצייגען...*)

אנשטאַט אויפצונעמען דיזע מינימאַלע פראַגען, (אָפגערעדט שוין פון יענע סאָציאַלע פאָדערונגען, ווי אַ גלייכע דעה אין דער עקאָנאָמישער פאַרוואַלטונג פון די אינדוסטריעס, באַשרענקונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָפיטירונג, פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַרבייטסלאָזיגקייט, א. ד. ג. וואָס זיינען איצט געוואָרען דער ציעל זאָגאַר ביי אַזעלכע גאַנץ מעסיגע יוניאָן־פיהרער ווי אַ הענדערסאָן, ליעגען, זשוהאָ פון מערב אייראָפּא); אנשטאַט וואָס די דאָזיגע טאָג־טעגליכע אַרבייטער פאָדערונגען זאָלען פון די פיהרער אין די אַמעריקאַנער יוניאָנס אויפגענומען ווערען מיט די בעלי־בתים אָהן שום פאַרדרעהעניש, לאָזען זיי זיך גאָר אַריין אין יענע זינלאָזע „אישום“ וואָס ווערען אויפגעוואָרפען פון די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער און פטר'ן אַוועק זייער גאַנצע צייט אין די נוצלאָזע דיסקוסיעס וואָס פאַרפינסטערט בלויז דעם גייסט פון די אַרבייטער. זיי קירעווען דערמיט אַריין די גאַנצע יוניאָן באַוועגונג אין דעם צויבער־קרייז פון „איין טריט פאָראויס און דריי צוריק“. מערקווירדיג איז אָט וואָס: וועלכע „אישו“ די בעלי־בתים זאָלען ניט אַרויסשטעלען, און אין וואָס פאַר אַ לעבערליכער פאָרם זיי זאָלען עס ניט פאַרברייגגען, מעג דאָס זיין צוצוטיילען די אַרבייטער אין קלאַסען, ביז איינפיהרען ציעל־אַרבייט און נאָך אַזעלכע עקספּלואַטאַרישע „אישום“ ווען די פיהרער זיך קיין מאָל ניט קווענקלען און זיך ניט אָפּזאָגען פון פאַרהאַנדלען. מעהר נאָך.

---

*) אין „פאָרווערטס“ פון 16טען נאָוועמבער 1918. לעזען מיר דעם כאַראַקטעריסטישען נאָטיץ, וואָס אילוסטרירט גאַנץ קלאָר די געפאַלענקייט פון די יוניאָן פירער, עס ווערט געמאָלדען, אַז שלעזינגער, פּרעזידענט פון דער „אינטערנעשיאָנאַל לײדיס גארמענט וואָרקער יוניאָן“ (פרויען מאַנטעל מאַכער יוניאָן) האָט געלאָזט וויסען דער פאַבריקאַנטען־אַסאָסיאַציע פון נויאָרק, אַז ער איז גרייט צו ערשיינען פאַר זייער עקזעקוטיוו קאָמיטע און זיי איבערצייגען אַז אַן אייכהייטליך וואָכען־סיסטעם אין גאַנצען פאַך, וואָס די „קלאָוקמאַכער יוניאָן“ פאַרלאַנגט, וועט ברענגען נוצען פאַר די אינדוסטריע אַלס אַ גאַנצע“.

זיי קומען אימער אנטקעגען דיזע „ארבייטס פּראָבלעמען" פון דער בורזשואזיע מיט דעם, וואָס זיי שטימען צו מיט אַ שאָקעל פון קאָפּ, אין כלומרשט מאָדעפיצירטען אופן.*) אפילו אונטער דעם סיסטעם פון וואָד־ארבייט, וואו די ארבייטס־באַדינגונגען ווערען אפּגערייניגט פון די פילע איבלען, וואָס ענטהאלט אין זיך די קליינקרעמערישע סיסטעם פון שטיק ארבייט, — דער בעסטער קוואַל פון עקספּלואטאציע מיט'ן אייביגען פּרייז־דינגעניש, וואָס פאַרוואַנדעלט דעם ארבייטער און זיין אייגענעם שקלאַפּען־יע־גער, — אפילו אונטער דיזען ריינעם קלאַסענגעגענזעצליכען סיס־טעם פון וואָד־ארבייט, לאָזען זיך די פיהרער אויך אַוועק אויף די קרומע וועגען פון זייטיגע „אישוס" פון דער בורזשואזיע.

נעמט אַלס ביישפּיל, די יאָהרען 1920 און 1921, ווען די קאַ־פּיטאַליסטען זיינען ארוים מיט'ן שלאַכט־רוף „נידער מיט די יו־ניאָנס!" „עס לעבע דער אָפּען שאָפּ!" און האָבען ערקלערט אַ טויט־קאַמף צו דער אָרגאַניזירטער ארבייטערשאַפט אין אַמעריקאַ.

---

*) אין דער „נייער פּאָסט" פון 9טען אפּריל 1915, ווערט געמאָלדען פאָלגענדעס: „אויף די פאָדערונגען וואָס די בעליבתים אסאָסיאציע האָט ארויסגעשטעלט ביי דער לעצטער קאָנפערענץ, צו די פירער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, איז געוועזען אז די ארבייטער זאָלען איינגעטיילט ווערען אין פיער קלאַסען: 1) רעגעלע. 2) סעזאָן־ארבייטער. 3) צופּע־ליגע, (די יעניגע וואָס קומען ארויף ארבייטען אויף אַ קורצער צייט, אין סאמען ברען פון סיזאָן. 4) לערנערס. צו דעם צוועק זאָל עטאַבלירט ווערען אַ סיסטעם פון עקזאַמינירען די לערנערס אונטער דער געמיינ־שאַפטליכער אויפזיכט פוןביידע צדדים, וואו עס זאָל בעשטימט ווערען, לויט די פעהיגקייט פון לערנער צו וועלכען קלאַס ער זאָל געהערען".

אויף דיזע פאָדערונגען זייטענס די פאַבריקאַנטען האָבען די יוניאָן פּי־רער אקצעפּטירט און צוגעשטעלט פאָלגענדע פאָדערונגען, מיט קליינע ענדערונגען, וואָס זיינען כמעט דאס זעלביגע וואָס די בעליבתים פאַרלאַנגען. ווי מיר זעהן דאס אין זעלבען נומער „נייע פּאָסט": „די ארבייטער זאָלען איינ־געטיילט ווערען אין פאָלגענדע 3 קלאַסען: 1) רעגעלע, 2) צופעליגע און 3) לערנערס. עס זאָל עטאַבלירט ווערען אַ סיסטעם פון פאַריגעסטרירען און עקזאַמענירען די לערנערס פון אַלע אָפּטיילונגען, אונטער געמיינ־שאַפטליכער אויפזיכט, ווי עס זאָל בעשטימט ווערען, לויט די פעהיגקייט צו וועלכען קלאַס ער זאָל קענען איינגעשטעלט ווערען".

אויסנוצענדיג די געדריקטע צייט פון קריזיס, וואס איז געווען א רעזולטאט פון דער וועלט־מלחמה פון 1918—1914. אפילו דאַ־מאלסט זיינען די יוניאָן־פיהרער אויך אריינגעפאלען, — א דאנק דעם אויפגעבלאזענעם כח און דער אינערליכער מאכטלאזיגקייט פון די אמעריקאנער יוניאָנס, — אין א ספּאזמאטישע היסטעריע, מיטשרייענדיג „סטענדארד אָף פּראָדאַקשאָן", (פּראָדוקציאָנס־נאָרמע פאר די אַרבייטער), כאָטש דאָס איז געווען דער היפּאָקרי־טישער אויסרייד פון די בעלי־בתים, וואָס האָט אין אמת'ן גע־מיינט אונטער דעם צודעק פון דיזע און אנדערע „קאמאפלאש" „אישום", אַז די אַרבייטער זאָלען אָנפאנגען צוריק צו שקלאפּען לענגערע שטונדען, כדי אַרויסצוקריגען א מאקסימום טאָג אַרבייט פאר א מינימום לוין. נאַטירליך זיינען די פיהרער ניט געבליבען בלויז ביים נאָכשרייען, זאָנדערען זיי האָבען אָנגעפאנגען איינ־פיהרען „וויסענשאַפטליכע עפישענסי סיסטעמען"*), (א סיסטעם פון אינטענסיווע לייסטונג) און אַנדערע מאָדעפיצירונגען וואָס האָ־

*) אין דער „גערעכטיגקייט" פון 10טען סעפּטעמבער 1920, לעזען מיר פאָלגענדע ניועס פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן אין קליוולאנד: „פיעלע פון אונזערע אייגענע יוניאָן לייט ווענדען זיך צו אונז מיט אָנפראגען, ווי אזוי דאָס סיסטעם פון „עפישענסי" וואָס מיר זוכען איינ־צופירען אין קלאוק פּאַך, וועט ארבייטען? אויף דעם קענען מיר ענט־פערען: ערשטענס, אז דער פּרינציפּ וואָס איז ביי אונז אָנגענומען איבער'ן גאַנצען לאַנד, איז אַז יעדער אַרבייטער זאָל קריגען באַצאָלט נאָך זיין פעהיגקייט נאָך, און קיינער זאָל ניט קריגען באצאָהלט וועניגער ווי דער מינימום לוין. דעם פּרינציפּ האָבען מיר אויך אנערקענט. מיר באַ־מיהען זיך אבער דאס דורכפירען אויף א וויסענשאַפטליכען אופן, דאס הייסט, אז אן ארבייטער וועלכער ארבייט, לאָמיר זאָגען 8 שטונדען א טאָג, קריגט 48 מינוט צום אָפּרוהען זיך ווען ער וויל, און נאָך א 45 מינוט פאר בייטען פאָדים, אדער טאָמער צוברעכט זיך א נאָדעל א. ז. וו. דאס אלעס ווערט צוגערעכענט צו דער צייט, וואָס דער שטיקארבייטער נעמט מאכען, און אָט דיזע איינגערעכענטע צייט ווערט דער סטאנדארד (נאָרמע) פון דעם שטיק ארבייטער סיי פון דעם ערשטען און דעם צווייטען. נאַ־טירליך, ווען דער זעלבער ארבייטער פאנגט אָן צו ארבייטען אויף דעם פערטען אדער פינפטען שטיק ארבייט פון זעלבען פאסאָן איבט ער זיך איין מעהר און פאנגט אָן צו פּראָדוצירען מעהר, דאָס איז שוין דעם ארבייטערס פּראָפיט. מאכט ער מעהר, קריגט ער באצאָלט מעהר. אָט דאָס

בען ווידער אמאל געדינט צו די אינטערעסען פון די קאפיטאליסטען,
ווייל דערמיט איז מען נאכגעקומען זייערע פארלאנגען צו פאר־
שקלאפען די ארבייטער, אום צו זעטיגען זייער אפעטיט פון פראַ־
פיטירינג.

עס איז גאנץ קלאר, אז די דיזע כלומרשט'ע שטרייט־פראגען
וואס די קאפיטאליסטען ווארפען אויף באצוועקען: ערשטענס,
אריינצוציהען די ארבייטער מאסען אין א פארפלאנטערטען קנויל
פון אומזיניגע דיסקוסיעס און שטרייטיגקייטען, וועגען די גוטע
אדער שלעכטע זייטען פון די דאזיגע „פראבלעמען“, וועלכע די
פיהרער לייגען פאר זיי פאר אלס די פאדערונגען פון די בעלי־
בתים. צווייטענס, צו פארטומלען די קעפ פון די ארבייטער, כדי
אפצוציהען דערמיט זייער אויפמערקזאמקייט פון די אמת'ע

איז דער גרונד־געדאנק פון נייעם סיסטעם וואס מיר זוכען איינצופירען
אין דעם קלאוק פאך“.

וועגען נאך א ביישפיל וואס כאראקטעריזירט קלאר די שטעלונג פון די
ארבייטער פארטרעטער צו די פאלשע „אישוס“ פון קאפיטאל, לעזען מיר
אין דער „פרייער ארבייטער שטימע“ פון 29טען מאי 1920: די פראגע
פון פראדוקציאנס סטאנדארדס, האט ארויסגערופען א שטורמישע דיסקו־
סיאן אויף דער קאנווענציע פון די „אמאלגעמייטעד קלאדינג וארקערס
אף אמעריקא“, (מענער שניידער יוניאן). עס איז אבער דאך אנגענומען
געווארען א רעזאלוציע צו גונסטען איינצופירען א „סטענדארד אף פראַ־
דאקשאן“ מיט 178 שטימען געגען 88. די פראגע איז אבער מיט דעם
איבענדערמאנטען בעשלוס פון דער קאנווענציע ווייט ניט געלעזט. די
נויארק לאקאל יוניאנס, זיינען זעהר שטארק דאגעגען דעם פלאן און
ווילען דורכדעם קיין ציעל־ארביט אין פאך ניט איינפירען, כאטש
די יוניאן וועט זיך באטייליגען און האבען א דעה אין דער באשטימונג
פון די פראדוקציאנס סטאנדארדס“.

באמערקענסווערט איז, אויף וואסערען פלאן די „קאפען מאכער
יוניאן“ פון נויארק איז געפאלען צו מאדיפיצירען די „אישו“ פון
„סטענדארד אף פראדאקשאן“, כדי נאכצוקומען דעם פארלאנג פון די
בעלי־בתים. וועגען דיזען פלאן לעזען מיר אין די „צייט“ פון 1טען
פעברואר 1920 פאלגענדעס: „דער צוועק פון „פראדוקציאן סטענדארד“
מוז זיין צו באשאפען מיטלען וועלכע זאלען פעסטשטעלען אויף א צו־
פרידענשטעלענדען אופן די דורכשניטליכע פראדוקטיוויטעט פון יעדען
ארביטער, און וואס זאל מעגליך מאכען פאר די פאבריקאנטען כסדר צו

פאכאווע פראגען, וואס וואלטען ווירקליך געקאנט ברייגנען א נוצען פאר זייערע לעבענס אינטערעסען. אויב דיזע פראגען וואלטען פון די יוניאן פיהרער קלאר ארויסגעבראכט און מוטיג פארטיידיגט געווארען אין קאמף מיט די קאפיטאליסטען. אבער, אנשטאט וואס די יוניאן־פיהרער זאלען אנטקעגען קומען מיט א רעוואלוציאנערער פראפאגאנדע און קלאר מאכען פאר די ברייטע מאסען דעם היפאקריטישען שווינדעל פון די קאפיטאליסטען און ארויס מיט א ווארנונג, אז די ארבייטער זאלען זיך ניט לאזען פארנארען מיט די דאזיגע בורזשואזע „אישום“, וועלכע מיינען בלויז צו פארטרייבען די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט און ארויסצושלאגען פון זייערע עראבערטע פאזיציעס, אפצושוואכען זייער מוט, אריינצווארפען זיי אין א דיסארגאניזאציע, אום די ארבייטער ארגאני־

וויסען אין פאראויס, וואס די דורכשניטליכע ארבייטס־קאסט פון יעדען ארטיקעל וועט זיין, און צו דער זעלבער צייט פארהיטען, אז ס'זאל ניט איבערגעלאזען ווערען קיין עפנונג פאר פיעל גרעסערע איבלען און געפארען פון דער אמאליגער סיסטעם פון שטיק־ארבייט. פאר דיזען צוועק זאלען אלע ארבייטער איינגעטיילט ווערען אין זעקס קלאסען, לויט זייער פעהיגקייט, געשיקטקייט און וויכטיגקייט. א נארמע פון פראדוקציע זאל באשטימט ווערען פאר יעדען איינציגען פון דיזע קלאסען, אנפאנגענדיג מיט א מינימום סטאנדארד פאר יעדען העכערען קלאס. די פארדינסטען פון די ארבייטער זאלען אויך איינגעטיילט ווערען אין זעקס קלאסען. אנפאנגענדיג פון 35 דאלער א וואך פאר'ן ערשטען קלאס און פארגרעסערענדיג די פארדינסטען פון יעדען העכערען קלאס מיט פינף דאלער“.

אינטערעסאנט איז דער דאזיגער פאל וועגען דיזע „סטענדארד אף פראדאקשאן“ „אישו“, און זיין רעזולטאט, וועלכע מיר נעמען ארויס פון דער „גערעכטיגקייט“ פון 25טען פעברואר 1921. אט וואס דארט ווערט געשריבען: „די אינטערנאציאנאלע יוניאן פון ארבייטער ביי געשליפענע גלאז האט איינגעפיהרט א „סטנעדארד אף פראדאקשאן“ און האט אפגעמאכט מיט א קאמפאניע אין שטאט מישיגאן, וויפיל די ארבייטער דארפען ארויסגעבען ארבייט אין א וואך צייט, און נאטירליך וויפיל זיי דארפען קריגען באצאלט פאר דעם. די יוניאן אלס א גאנצע און די ארבייטער פון דער גלאז פאבריק, וועגען וועלכע עס האנדעלט זיך דא, האבען געהאט קאמיטעס ביים באשטימען די נארמעס, און אלעס איז געווען גוט. האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז ניט אלע ארבייטער

זאציעס נאכהער אינגאנצען צו פארניכטען און לאזען פאר זיך דעם פרייען פעלד פון אומגעשטערטע עקספלואטאציע; אנשטאט דיזע עהרליכע פליכטען פון אויפקלערונג וואס זאלען וועקען דעם ארבייטער און שטארקען זיין גייסט, אז ער זאל קאנען אפשלאגען מעכטיגע אטאקעס פון רויבער־קלאס; אנשטאט דאס אלץ פארברענגען די יוניאן־פיהרער וואכען און חדשים ביי קאנפערענצען מיט די קאפיטאליסטען, און פלוידערען איבער זייערע אלערלייפרעכע פלענער וואס וואלטען ביי ערענסטע, איבערגעגעבענע ארבייטער פארטרעטער געדארפט ארויסרופען דעם גרעסטען שפאט, און אפגעווארפען ווערען מיט פאראכטונג. נאך מעהר, דיזע אלע „אישום" ווערען אויפגענומען פון די אמעריקאנער פיהרער מיט אזא זארגפעלטיגקייט, אזוי ווי די גאנצע ארבייטער באוועגונג וואלט אפהעניג געווען פון זיי מיט איהר עקזיסטענץ. די דאזיגע שטעלונג, דארפט איהר וויסען, נעמען די פיהרער אין די געווענליכע צייטען פון א גאנץ יאהר. היינט קאנט איהר זיך שוין פארשטעלען אין וואס פאר א טראגי־קאמישער לאגע זיי געפינען זיך, ווען עס קומען אונטער שלעכטע צייטען פון אן עקאנאמישען שטילשטאנד, ווי למשל אין דער צייט פון דער פינאנציעלער געדריקטקייט וואס האט ווי באמערקט זיך געענדיגט מיט א קריזיס אלס רעזולטאט פון דער וועלט־מלחמה פון יאהר 1914—18. דאן

קענען נאכקומען די אפגעמאכטע נארמע, און די פאבריק האט ניט ארויסגעגעבען אזוי פיל פראדוקציע, וויפיל די קאמפאני האט ערווארטעט ענדע יאהר. ווען די קאמפאני האט אונטערגעצויגען דעם סך־הכל פון איהרע פארדינסטען און דעם סכום ארבייט וואס די פאבריק האט ארויסגעגעבען, און געזעהן אז „עפעס פעלט צום חשבון", האט זי געשריבען א בריף צו דער יוניאן, אז היות ווי עס איז געווען אן אפמאך וויפיל ארבייט די ארבייטער מוזען ארויסגעבען, און היות ווי די ארבייטער זיינען ניט נאכגעקומען דעם אפמאך, בכן וויל זי, אז די יוניאן זאל דאס גוט מאכען; די יוניאן זאל איהר באצאלען וואס זי האט ניט געמאכט צוליב דעם וואס די ארבייטער האבען ניט ארויסגעגעבען גענוג פראדוקטען. די פירמע האט אנגעקלאגט די יוניאן אין א העכערען געריכט אויף דער סומע פון א פערטעל מיליאן דאלער. דאס געריכט האט גע'פסק'ענט, אז די יוניאן דארף די קאמפאניע באפרידיגען, און האט ענטשיידעט בלויז 50 טויזענט דאלער."

קנעלען די פיהרער אפילו מיט די בעליבתים זאגאר וועגען אזעלכע חוצפה'דיגע פאדערונגען ווי די אז די יוניאן זאל זידפארסטראכירען מיט א גרויסער געלט־סומע, אלס גאראנטיע, אז די ארבייטער וועלען זיין געהארכזאמע, דיסציפלינירטע שקלאפען, און חלילה ניט איבערטרעטען קיין געזעץ פון דעם קאלעקטיווען אפמאך, א זאך וואס עס האבען פארלאנגט די בעליבתים פון די דאמען קליידער (דרעסמאכער) אינדוסטריע ביי דער יוניאן אין יאנואר 1921.

אז דיזע „קאמאפלאזש" „אישום" פון „סטענדארט אף פראדאקשאן" זיינען ניט מעהר געווען ווי אן אויסרייד, ווי א צודעק פאר דער רויבערישער אפזיכט פון די קאפיטאליסטען ארונטערצודריקען דעם לעבענס־שטאנד פון די ארבייטער, אום זיי צו קענען לייכטער פארשקלאפען און אונטערווארפען, דאס צייגט דער פאקט פון זייער אפענעם ארויסטריט אין יאהר 1920, מיט'ן פארלאנג צו אלע יוניאן פיהרער, אז זיי זאלען אפיציעל נאכגעבען א רעדוצירונג פון די ארבייטערס פארדינסטען, און א פארלענגערונג פון די ארבייטס־צייט.*) אינטערעסאנט איז דאס, וואס דעם לעצטען פארלאנג צו פארגרעסערען די צייט פון דער ארבייט, האט דער קאפיטאליסטען קלאס געשטעלט אין א מאמענט, ווען עס האט געהערשט אזא גוואלטיגע ארבייטסלאזיגקייט אין לאנד, וואס מען האט געשאצט אין די שווערע מיליאנען. די יוניאן פיהרער האבען זיך געפונען אין א טרויעריגער לאגע — א דאנק דעם פאך־יוניאניזם, ווייל די ארבייטער באוועגונג איז אפגעזונדערט און צושפליטערט אין צאהלרייכע טיילען וואס קאנען צו יעדער צייט צושמעטערט ווערען פון די קאפיטאליסטען, וועלכע זיינען פארקערט, ארגאניזירט אין מעכ־

*) אין דער „גערעכטיגקייט" פון 5טען נאוועמבער 1920, לעזען מיר: „דער פארלאנג פון די ניו יארקער בעלי־בתים פון די „טיממסטערס" (פורמאנעס), אז די ארבייטער זאלען אנפאנגען ארבייטען לענגערע שטונדען פאר קלענערע שכירות, איז „דער ערשטער פארזוך פון אן אויסגעארבייטען פלאן,„ וואס ווערט געשטיצט ניט נאר פון אלע ארבייטס־געבער פון ניו יארק, זאנדערען איבער'ן גאנצען לאנד, ווי מיר לעזען דאס אין „פראלעטאריער" פון 1טען מערץ 1921. „מיט'ן ארונטערווארפען די פארדינסטען פון צוויי מיליאן אייזענבאן ארבייטער"
א. ז. וו.

טיגע פאַרבאַנדען אונטער דער לייטונג פון די „יונייטעד סטייטס טשעמבער אָף קאָמערס" (האַנדעלס קאַמער פון די פאַראייניגטע שטאַטען). און די פאַקטען האָבען געוויזען אַז אַזוינס האָט ניט איינמאָל פאַסירט מיט פילע גרויסע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס, ווי די „אַמאַלגעמייטעד קאָרמען אַסאָסיאיישאָן" און די יוניאָנס אין די שטאָל אינדוסטריע און אַנדערע, פאַרוואַנדלענדיג זיי אין אומבאַדייטענדע קלייזלאַך... האָבענדיג דיזען געשפּענסט פאַר די אייגען, מוזען די פיהרער נעבאַך נאָכגעבען די אוממעגלאַכע פאָדערונגען, אויפגעבענדיג דערביי כמעט אַלע געווינסען פון די ארבייטער, וועלכע זיינען אין זייערע בלוטיגע קעמפפע עראָבערט געוואָרען און צוריק וואַרפענדיג די יוניאָן באַוועגונג אויף יאָהרען און יאָהרען אין אַ צושטאַנד פון רעגרעס.

מאַנכע וואונדערען זיך: וויבאַלד די „באָנאָפּאַיד", „לאָיאַלע" יוניאָנס אין אַמעריקאַ זיינען אַזעלכע קאָנסערוואַטיווע און זאָגאַר סופּער־פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס ווי די „אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָף לייבאָר" איז, טו פאַרוואָס אָט דער שטענדיגער קאַמף, מצד די קאַפּיטאַליסטען געגען זייער עקזיסטענץ? דער ענטפער איז אָבער איינפאַך, דאָס איז דערפאַר, ווייל ווי רעאַקציאָנער די יוניאָן באַוועגונג זאָל ניט זיין, וועלכע וואַקלענדע טאַקטיק זי זאָל ניט באַנוצען און אין וועלכע מילדע פאָרם זי זאָל זיך ניט אויסגיסען, איז אָבער די נאַטור פון אַן ארבייטער אָרגאַניזאַציאָן און פון עקאָנאָמישען קלאַסען־קאַמף אַזאַ, וואָס אַנטוויקעלט וואָס ווייטער אַלץ מעהר דעם רעוואָלוציאָנערען געדאַנק ביי די אַקטיווע עלעמענטען פון דער ארבייטערשאַפט, און דאָס ווירקט שטופּענוויז אויך אויף די ברייטע מאַסען, וועלכע איבען אויס סוף כל סוף זייער מעכטיגען אָרגאַניזירטען דרוק אויף דער יוניאָן באַוועגונג אַזוי, אַז אויך די פיהרער מוזען אָננעמען — צו זיי ווילען, צו זיי ווילען ניט, — אַן אַגרעסיווע, אָנגרייפענדע טאַקטיק אין קאַמף געגען דער אויסבייטונג פון קאַפּיטאַל, אויב זיי ווילען אין לאַנגען רעזולטאַט ניט אינגאַנצען ארויסגעשליידערט ווערען פון די ארבייטער רייהען. נאַטירליך, אַזאַ וואוקס, סיי אין אָרגאַניזאַציאָנעם זינען און סיי אין גייסטיגען זינען, לוינט ניט פאַר די קאַפּיטאַליסטען. דערפאַר זייערע פאַרביסענע און אָפטע אַטאַקעס אָפּצושוואַר־

כען דעם ארגאניזירטען כח פון דער ארבייטערשאפט, אום זיי צו באהערשען. אט דאס איז דער לייט־מאטיוו פון זייער אייביגען קאמף פאר „אפען שאפ"*) געגען דער יוניאן באוועגונג אין אמעריקא ביי יעדער בעסטער געלעגענהייט.

וואס טוען אבער די פיהרער אין אזעלכע אויסערגעוועהנליכע פאלען? פונקט ווי אין אלע צייטען שטעלען זיי זיך אוועק אין זייער בטלני'שער ראלע אין באמיהען זיך אויסצואווירקען געוויסע הנחות פאר די ארבייטער דורך זייער קאמפראמיס־פאליטיק. אין בעסטען פאל קומען זיי ארוים מיט א געקינסטעלטען זשעסט און לאזען ארוים א פוסטען סטראשונאק, — וואס איז די קאפיטאליסטען גוט באקאנט — אז די פאראנטווארטליכקייט פון אן אפענעם צוזאמענשטויס וועט פאלען ניט אויף די יוניאנס, נאר אויף די קעפ פון די אונטערנעמער.**) זיי קומען ניט ארוים סיי אין די גינסטיגע, ווי אין די קריטישע צייטען מיט א מוטיגער אנטשלאסענהייט

*) די „צייט" פון 4טען נאוועמבער 1920 שרייבט: „דזש. לאוק, געוועזענער סעקרעטער פון דעם נאציאנאלען מלחמה־ארבייטער־קאמיטעט און איצטער — א הויכער באאמטער... פון די „יונייטעד ריילראוד בראדערהוד'ס" (פאראייניגטע ברידערשאפט פון די אייזענבאן ארבייטער) האט געזאגט: אז די לעצטע צייט האבען גרויסע און מעכטיגע געזעלשאפטען און פארבאנדען פון ארבייטסגעבער באשלאסען, אז איצט איז די צייט און די געלעגענהייט צו געבען דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט א טויט־קלאפ, מיט'ן קאמף פאר „אפען שאפ" אויף דער ברייטער ליניע איבער'ן גאנצען לאנד".

**) פון פרענק מאריסאן, סעקרעטער פון די „אמעריקאן פעדעריישאן אף לייבאר" געפינען מיר אין די „צייט" פון 5טען נאוועמבער 1920, פאלגענדע ערקלערונג: „די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פון אמעריקא איז אויף דער וואך און ווייסט פון די געפלאנטע אטאקעס פון קאפיטאל אויף די יוניאניסטישע באוועגונג. די ארבייטער ווילען אבער ניט דערלאזען קיין רעדוצירונג פון די ארבייטער „סטענדארדס". אויב די ארבייטסגעבער זיינען אזוי בלינד צו די היינטיגע וועלט־פאסירונגען און צום הערשענדען אומרואיגען גייסט, אז זיי וואגען אנצופיהרען א קאמף מיט די ארבייטער, אנשטאט איינשטעלען „הארמאניע" און צוטרויען אין די אינדוסטריעס צווישען קאפיטאל און ארבייט, דאן נעמען זיי אויף זיך אליין די גאנצע פאראנטווארטליכקייט פאר די מעגליכע רעזולטאטען פון דעם קאמף".

צו פארטהיידיגען זייער פאזיציע אלס אוואנגארד פון אזא מעכטיגער ארגאניזירטער קראפט ווי דער אמעריקאנער פראלעטאריאט. זיי באנוצען ניט אין דעם נויטיגען מאמענט דעם ווירקזאמען מיטעל פון קאלעקטיווער אקציאן, ווען אפילו נאר אויף א דעמאנסטראטיווען אופן, מיט דער ווארנונג און אפענער ערקלעהרונג, אז אויב איהר שטעלט ניט אפ אייער קריג געגען דער ארבייטער באוועגונג אלס א גאנצע, וועלען מיר טאקע ענטפערען מיט אן אלגעמיינעם קריעג געגען קריעג. כאטש דאס וואלט זיכערער און וואגיגער געווירקט ווי אלע בארימערישע פוסטע סטראשונקעס — און עס וואלט פארהיטען די יעניגע עראבערונגען, וואס די ארבייטער האבען מיהזאם ערקעמפט אין דער גינסטיגער צייט פון הצלחה. אבער צו דעם זארט טהעטיגקייט פון א מוטיגען כאראקטער טויגען אין גאנצען ניט די אפגעלעבטע יוניאניסטען פון גאמפערס און מאריסאן'ס חברה. דאריבער כאפט זיך די יוניאן־ביוראקראטיע צו דער אלטער, אפגענוצטער, פארשימעלטער פחדנות־פאליטיק, וואס איז אבער ביי זיי אימער ניי און ווערטפול: נעמליך צו פלאפלען ווידער און ווידער וועגען די זאגענאנטע „אישום“ פון „קאלעקטיוו־בארגענינג“. קיין וואונדער ניט פארוואס מיר האבען בייגעוואהנט אזא שרעקליך מערקווירדיג בילד, אז דער קאפיטאליסטישער רויבער־קלאס האט אנגעפאנגען צוריק אריינבייטשען מיט'ן קנוט פון הונגער און נויט, אונטער די פייערדיגע קלעפ פון א פינסטערע רעאקציע, די ארבייטער מאסען אין דעם יאך פון דער אלטער שקלאפעריי פון שוויץ סיסטעם און אויסבייטונג אין דעם אלגעמיינעם קאמף געגען די אמעריקאנער יוניאנס אין די יאהרען 1920—22.

עס איז געווען העכסט באלעהרענד און כאראקטעריסטיש מיטצומאכען די בארג־אראפ פעריאדע פון דער ארבייטער באוועגונג, און צוזעהן ווי די יוניאן פיהרער זיינען שטעהן געבליבען צוטומעלט און פארווירט, ניט וויסענדיג אין זייער מאכטלאזער אומבאהאלפענקייט, א דאנק זייער טראדיציאנעלע געהארכזאמקייט און לאקייסטווא — וואס צו טאן אום אפצושטעלען די קריגערישע אנפאלען פון קאפיטאל צו פארניכטען מיט אלע זייערע טייפעלשע מיטלען די גאנצע יוניאן באוועגונג פון אמעריקא.

אין זייער פארצווייפלונג האבען די לייטענדע גייסטער מיט
גאמפערס בראש זיך אנגעכאפּט אן די אומזיניגע „אישום" אריינ־
צוברענגען „מענשליכע עלעמענטען"*) אין דער ארבייט. און ווידער
און אבער אמאל די היפּאקריטיש־עגאאיסטישע אימיגראציאנס־
באשרענקונגען, אום דערמיט צו פארקלענערען די ארבייטסלאזיג־
קייט, און פארגרעסערען די פּראדוקציאן פאר די ארבייטער. איך
זאג, „עגאאיסטישע אימיגראציאנס באשרענקונגען", ווארום ווי אנ־
דערש קאן מען באטראכטען דאס שטענדיגע פּאכען מיט דעם
דאמאקלעס־שווערד איבער די קעפּ פון די איינוואנדערער דורך די
היפּאקריטישע יוניאן ביוראקראטען ווי די גאמפערסעס? איך
באהויפּט גאנץ זיכער, אז זיי ווייסען בעסער ווי אלע, אז זייער
אנטי־אימיגראציאנס קאמפּאניע איז ניט מעהר ווי א מיטעל צו
וועקען די נידעריגסטע עגאאיסטישע אינסטינקטען פון די שלעכט
ערצויגענע מאסען מיט דער טענה, אז די אימיגראנטען רייסען ביי
זיי ארויס דעם ביסען פון מויל, און אז דערפאר קומט זיי אויס
צו הונגערען און ארום געהן שלינג און שלאנג אהן ארבייט. דיזע
דעמאגאגען וועלען דאך ניט אפּלייקענען אז די אימיגראנטען בא־
שאפען מיט זייער נייעם שטראם פון לעבעדיגע באשעפענישען א
שטארקערע קויף־קראפט, וואס באלאנסירט נאטירליך די קראפט
פון דער קאנקורענץ אויפ'ן ארבייטער־מארק. אבער איידער
דאס צו צוגעבען, וועלען זיי בעסער זוכען מיט דעם אנטי־אימיג־
ראנטען ליארם צו פארטויבען די קעפּ פון די ארבייטער, אום אפּ־
צואווענדען זייער צארן פון הונגער און נויט, און זייער ביטערען
מזל פון זיך אלם די יעניגע וואס טראגען א גרויסע, אויב ניט די

---

*) די „צייט" פון 17טען נאוועמבער 1920, מעלדעט: „אז אויף די
קאנפערענץ וואס איז אפּגעהאלטען געווארען צווישען די באאמטע פון
דער „אמעריקאן פעדערישאן אף לייבאר און הערבערט הואווער'ן דעם
רעאקציאנערען האנדעלס־מיניסטער פון די אמעריקאנער רעגירונג, האט
גאמפערס אין זיין רעדע פארגעבראכט א פּלאן וועגען די נויטווענדיג־
קייט אריינצוברענגען דעם „מענשליכען עלעמענט" אין דער ארבייט, כדי
צו מאכען די ארבייט גרינגער און אנגענעמער פאר די ארבייטער (מיט'ן
צוועק צו פארגרעסערען די פּראדוקציאן). גאמפערס דענקט אז די גרעס־
טע חילוק אין דעם פּרט קען קומען פון די אינזשענירען."

גרעסטע שולד פאר דעם ארבייטער׳ס הילפלאָזע מאכטלאָזיגקייט צוליעב זייער פאררעט צו די ארבייטער זאַך. זיי וועלן בעסער ארויף ווארפען זייער שולד אויף די פּלייצעס פון די נאָך ניט אנגעקומענע איינוואנדערער.

אָבער ווי נאַריש און דיק־קעפּיג דיזע „אישוס" אין שטרוים־פּאָליטיק זאָלען ניט זיין, ווערט עס דאָך פון די פיהרער אלעמאָל אנגעווענדעט, אום אויסצומיידען די דראָהענדע געפאהרען וואָס סטראשענען אימער איבערצוקערען דעם פונדאָמענט פון די אמעריקאנער יוניאָנס און צוזאמען מיט דעם אראָפּשווענקען די יוניאָן ביוראָקראטיע פונ׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען און פון דער ארבייטער באַוועגונג אין די פאראייניגטע שטאַטען. און דאָס איז די נאַטירליכע פאָלגע פון דעם רעאקציאָנערען גאָמפּערסיזם, וועלכער האָט אריינגעשלעפּט די ארבייטערשאפט פון אמעריקא אין א בלאָטע. און דאָס ווערט נאָך פארערגערט דורך דעם אליץ מעהר געזונקענעם צושטאנד, א דאַנק עהנליכע מעטאָדען וועלכע זיי באנוצען אין פּאַרטיידיגונג פון דער אַרבייט און די לעבענס־פּאַרבעסערונגען פון די ארבייטער אין קאמף מיט׳ן קאפּיטאל. ווי מיר וועלען אויפצייגען אין נעקסטען קאפּיטעל.

פינפטער קאפיטעל

די מעטאָדען פון קלאסען־קאמף אין די אמעריקאנער יוניאָנס.

די אמעריקאנער ארבייטער פיהרער האבען פארשטאנען אז די טאפעלטע אויפגאבע: ערשטענס צוריקצוהאלטען די קאמפלוסטיגקייט פון די ארבייטער, כדי צו צוגעוואוינען זיי פאר דער פיקסער אידעע פונ׳ם קאמפראמיסליכען גאמפערסיזם, און צווייטענס איינצוברעכען די מאסען אין דער „הונדערט פראצענטיגער יוניאן דיסציפלין“, וואס דארף אויספאלגען אלע באפעלען פון די באאמטע קאן ניט דערגרייכט ווערען בלויז מיט ברעכען סטרייקס, און מיט אלערליי קאפשווינדלענדע, נוצלאזע „אישום“ פון „פרידען און הארמאניע“ צווישען קאפיטאל און ארבייט, — ווי מיר האבען אנגעוויזען אין די פריערדיגע קאפיטלען אויך — אז זיי וועלען די אומצופרידענקייט פון די ארבייטער ניט קענען דערמיט אליין איינשטילען, און אויף אזא אופן אויסמיידען די פראטעסטבאוועגונגען פון די יוניאן־מיטגלידער. אום צו באזייטיגען די קערנער, וואס פאראורזאכען אפטע רעוואלטען אין די יוניאנס און וואס קאנען אין פיל הינזיכטען זאגאר ווערען א געפאהר, אז ס׳זאל זיך פון דעם שטופענווייז ניט אנטוויקלען אן אלגעמיינע רעוואלוציאנערע דערוואכונג ביי די ארבייטער מאסען, וואס קאן חלילה זיך נאך אויסלאזען מיט אן אפענעם אויפשטאנד געגען דער פיהרערשאפט, און צו דער זעלבער צייט אוועקמאכען מיט דעם גאנצען רעאקציאנערען סיסטעם פון פאד־יוניאניזם, — דעם זומפיגען באדען פון פארגליווערונג, האבען די פיהרער אחוץ זייער ענגען באנד מיט די קאפיטאליסטען וועלכע גיבען זיי א גרויסע שטיצע מיט׳ן קלייבען די בייטרעגע, און איינמאהנען די שטראף־געלדער, און העלפען אין אלגעמיין אויפצוהאלטען די דיסציפלין פון די ארביי־

מער; אחוץ די דאזיגע בורזשואזע שטיצע האבען זיי נאך פארווארפען א גרויסען נעץ פון פארשידענע בענעפיט־סיסטעמען, אלס כלומרשט׳ע מעטאדען אין עקאנאמישען קאמף. דאס קומט פאר אין אלע יוניאנס און פאנגען זיך אן מיט פילאנטראפישע וואלטעטיגקייטען ביי שמחות, קראנקען אונטערשטיצונג, און ענדיגען זיך מיט׳ן טויטען בענעפיט. מיט איין ווארט, די פיהרער האבען איינגעפיהרט אין די יוניאנס אזא פארצווייגט וואלטעטיג בענעפיט־סיסטעם, פונקט ווי אין א פריוואטע פארסטראכירונגס געזעלשאפטען. אזעלכע פילאנטראפישע און קליינקרעמערישע מעטאדען, ניט נאר וואס זיי ווענדען אפ די אויפמערקזאמקייט צום אייביג אומפארמיידליכען קלאסען־קאמף פון די ארבייטער, נאר זיי זיינען בעצם איבערהויפט אזוי ווייט פון א יוניאן אלס א קאמפס־ארגאניזאציאן, ווי מערב איז ווייט פון מזרח. אבער, מיט דעם איינפיהרען פון דעם וואלטעטיגען בענעפיט סיסטעם זיינען די פיהרער געווים ניט אויסען געווען צו קומען צו הילף פון די ארבייטער אין די צייטען פון נויט, ווי זיי זוכען צו מאכען דעם פאלשען איינדרוק, נאר זיי זיינען בלויז אויסען געווען קינסטליך אריינצוציהען די מאסען און זיי צובינדען צו די יוניאנס. נאטירליך, ווען ארבייטער האבען אריינגעבראכט זייערע פארהארעוועטע געלד אין די פרעמיומס פון די דאזיגע הילפס־פאנדען, ווערען זיי ממלא פאראינטערעסירט אז זיי זאלען דערפון עפעס האבען וועלכען ניט איז נוצען. און אויף אזא אופן דערגרייכען די פיהרער זייער ערפאלגרייכען צוועק: די ארבייטער אנצובינדען אן זייער געשעפטליכע אקציען־געזעלשאפט פון גאמפערסיזם.

אבער מען מוז דאך פארהיטען אז די ארבייטער זאלען זיך ניט כאפען אז זיי גיבען אוים זייער געלד פאר נוצלאזע פאנדען. וואס העלפען זיי דאס מינדסטע ניט אין קאמף געגען לוין־שקלאפעריי און זאלען ניט באשליסען דיזע נייע לאסטען אראפצווארפען, — ווי דאס האט פאסירט אין די נויארקער יוניאנס פון די סיגארען מאכער אין יאהר 1917 — ווען די ארבייטער זייענדיג פארשקלאפט יאהרען און יאהרען צו די בעלי־בתים, ניט האבענדיג קיינע באשיצונג פון זייער יוניאן־ארגאניזאציע, זיינען ארוים אין א קאמף געגען דאס דאזיגע פילאנטראפישע סיסטעם, וואס האט

פארוואנדעלט די יוניאן אין א פריוואטע קאמפאניע פאר די אינטערעסען פון דער יוניאן ביוראקראטיע, ווי מיר וועלען וועגען דעם ווייטער רעדען. — און אט כדי די ארבייטער וואס מעהר צו די דאזיגע בענעפיט לאסטען צוצוגעוואהנען, פיהרען די באאמטע אויך איין אין די יוניאנס סטרייק שטיצע, לפנים וועגען. (די ארבייטסלאזן שטיצע אין די אמעריקאנער יוניאנס איז אזוי אומבאדייטענד אז ס'לוינט זיך וועגען דיזען וויכטיגען קאמפפמיטעל אפילו ניט צו ריידען). די סטרייק בענעפיטס ווערען פון די פיהרער איינגעפיהרט בלויז זיך פארצושטעלען פאר די ארבייטער אלס פראגרעסיווע יוניאניסטען אום זיי וואס שטארקער צו פארבלענדען די אויגען. ווארום דער פאקט איז, אז די סטרייק בענעפיטס זיינען ביי די פיהרער ניט מעהר ווי א גוטער מיטעל ארייןצונארען די ארבייטער, כדי זיי זאלען גרינגער איינווילינגען צו שלעפען די לאסטען פון די איבעריגע וואלטעטיגע בענעפיט פאנדען. און פאר דעם קאנט איהר האבען דעם אומשטרייטבארען באוויז ווען איהר פארגלייכט די אויסגאבען פאר סטרייק שטיצע מיט די אויסגאבען פאר דער פילאנטראפיע אין די יוניאנס.*)

---

*) די ציפערען, וואס איך ליוג דא פאר אום צו אילוסטרירען דעם „קעמפענדען גייסט“, וואס דרינגט דורך די אמעריקאנער יוניאנס, זיינען אנטנומען פון דער סעריע ארטיקלען אונטער'ן נאמען „די גרויסע אמעריקאנער אינטערנעישאנאלס“, וועלכע י. מ. בודיש האט פארעפענטליכט אין דער „נייער פאסט“ פון די מאנאטען: אקטאבער, נאוועמבער, דעצעמבער פון יאהר 1914. ער שרייבט: „די יוניאן פון סיגארען מאכער, „די אינטערנעישאנאל יוניאן אף סיגאר מייקערס“, האט אין יאהר 1913 אויסגעצאלט אין טויטען שטיצע 273,852 דאלאר; אין קראנקען בענעפיט 204,776 דאלאר; אין רייזע שטיצע 33,113 דאלאר. אויסער דעם איז נאך אויסגעצאלט געווארען א ספעציעלע שטיצע פאר ארבייטער, ביי וועלכע די פרויען זיינען געשטארבען 7,250 דאלאר. דיזע שטיצעס האבען אין יאהר יעדען מיטגליד געקאסט 11 דאלאר מיט 14½ סענט. סטרייק שטיצע האט נאר געקאסט $1.10 און ארבייטסלאזען שטיצע בלויז 87 סענט אויף יעדען מיטגליד.

*) די "יונייטעד בראדערהוד אף קארפענטערס“ (טישלער יוניאן) האט אויסגעגעבען איבער 600 טויזענד דאלער ($620,787) אויף וואלטעטיגע שטיצעס און קארגע 163 טויזענד דאלער אויף סטרייק בענעפיט אין יאר 1914.

עס איז דארום קיין וואונדער נים צו וואָס פאר א רעזולטאַטען די יוניאָנס אין אמעריקא דערשלאָגען זיך דורך אזעלכע מעטאָדען. ווי מיר ערפארען פונ׳ם עקזעקוטיוו באריכט צו די 42טע קאָנווענשאָן פון די „אַמעריקאן פעדערייּשאָן״ אין סינסינעטי אין יאָר 1922, וואָס ווערט אַפיציעל אָנגעגעבען „אַז איבער א מיליאָן אַרבייטער

„די בוט און שו וואָרקערס יוניאָן״ (שיך אַרבייטער יוניאָן) האָט אויסגעצאָלט אויף סטרייק בענעפיט $18,461 און $94,825 אויף שטיצע פון א וואָלטעטיגען כאַראַקטער.

די „יונייטעד אַסאָסיאיישאָן אָף פלאָמבערס און סטימפיטערס״ (בלעכער יוניאָן) האָט אויף סטרייקס אויסגעגעבען 46 טויזענד דאָלער 69 טויזענד דאָלער אויף וואָלטעטיגע שטיצע אין יאָר 1913.

די „אינטערנעישאָנאל מאָלדערס יוניאָן אָף נאָרד אמעריקא״ (יוניאָן פון אייזען־גיסער) האָט אויסגעצאָלט אין יאָר 1914 פאר סטרייק בענעפיט $495,722 און אין זעלבען יאָהר האָט זי אויסגעגעבען דריי מיליאָן מיט 575 טויזענד דאָלער אויף שטיצע פון א וואָלטעטיגען כאַראַקטער.

די „טיפּאָגראַפיקעל אינטערנעישאָנאל יוניאָן אָף נאָרד אמעריקא״, (דרוקערס יוניאָן) וועלכע האָט אויסגעצאָלט 147,936 דאָל. אויף טויטען שטיצע, און 264,795 דאָל. אויף אינוואלידען (אַרבייטס־אומפעהיגקייט) בענעפיט, האָט אין דער זעלבער צייט נים אויסגעגעבען קיין איין סענט פאר סטרייקס.

דער איינציגער אויסנאַם איז די „יונייטעד מיין וואָרקערס אָף אַמעריקא״ (קוילען גרעבער יוניאָן) וועלכע איז פאַררעכענט פאר די ראַדיקאלסטע יוניאָן אין לאַנד. זי האָט אויסגעגעבען 706 טויזענד דאָלער פאר סטרייק בענעפיט, און 394 טויזענד דאָלער אויף שטיצע פון א וואָלטעטיגען כאַראַקטער אין יאָר 1913.

אם קלאָרסטען דעמאָניסטרירט די „קאמפּס באַרייטקייט״ פון די פיהרער אין די אמעריקאנער יוניאָנס, ביים פאַרטיידיגען די לעבענס־אינטערעסען פון די אַרבייטער, דער באריכט פון סעקרעטער מאַריסאָן, צו דער 41טער קאָנווענשאָן פון דער „אַמעריקאן פעדערייּשאָן אָף לייבאָר״ אין דענווער אין יאָהר 1921. אויף זייטע 19 לויטעט דער באַריכט אין באַצוג צו סטרייקס: 1,635 סטרייקס זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען אין פאַרלויף פונ׳ם יאָהר דורך די יוניאָנס, וואָס באַלאַנגען צו דער פעדערייּשאָן״. דאָס מיינט, אַז פינף פּראָצענט פון אלע אָרגאַניזירטע אַרבייטער האָבען געסטרייקט, און דאָס איז געווען אין דעמזעלבען יאָהר וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט אלס דער קריטישסטער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דער אַרבייטער באַוועגונג. ווען קאַפּיטאל, אויסנוצענדיג די שלעכטע צייט נאָך דער וועלט־מלחמה, פאַראייניגט מיט דער רעגירונג

זיינען אפגעפאלען אלס מיטגלידער פון די אמעריקאנער יוניאנס״.

צום באדויערען איז קיין סטאטיסטיק וועגען די אויסגאבען פאר סטרייקס און אנדערע בענעפיטס פון די אידישע יוניאנס פארלויפיג נישט צו געפינען. אבער פון די פינאנץ רעפארטס וואס ווערען צייטענווייז פארעפענטליכט פון די גרויסע ארבייטער ארגאניזאציעס, ווי די „קלאוקמאכער יוניאן״, „אמאלגאמייטעד״ א. ז. וו. קען מען זעהן, אז דא גיבען די יוניאנס יא אויס גרויסע געלדער פאר סטרייקס, וואס שטייגט ווייט אריבער די אויסגאבען פאר בענעפיטס פון א וואלטעטיגען כאראקטער. די פינאנץ רע־פארטס פון די „קלאוקמאכער יוניאן״ און פון די „אמאלגאמייטעד״ פון די גרויסע גענעראל סטרייקס אינ׳ם יאר 1921 צייגט דאס קלאר ארויס*). די אורזאכע פון דעם דאזיגען קאמפס־גייסט ליגט אבער ניט אין זייער רעוואלוציאנערע טאקטיק, נאר אין דעריז, וואס די אידישע יוניאנס זיינען נאך גאנץ יונגע ארגאניזאציעס אין פאר־גלייך מיט די איינגעפונדעוועטע „ביזנעס ארגאניזיישאנס״ מיט די ריזיגע מיליאנען פאנדס פון די אמעריקאנער יוניאנס, וועלכע האָ־בען אנגעווארען יעדע פונק פון ארבייטער קלאסען קאמף, דען דאס איינפירען פון פארשידענע קאנסאמפטיוו פאנדען, קראנקען אונטער־שטיצונג־קאסעס, און אלערליי קאאפעראטיווע קרעמערייען, און דאס ארויפלייגען שווערפעליגע שטייערען פון מיליאנען פאנדען, צייגט,

---

און מיט אלע שווארצע כחות, האט זיך ארויפגעווארפען אויף די ארביי־טער איבער׳ן גאנצען לאנד און צוריקגעבראכט זיי צו דער מיזעראבעלס־טער שקלאפעריי פון הונגער און נויט, אפנעמענדיג אלע ערָאבערונגען פון די ארבייטער פון די פריהעריגע מלחמה „פראספעריטי״, צוברע־כענדיג פילע יוניאנס, און זוכענדיג צו פארניכטען די גאנצע ארבייטער באוועגונג פון אמעריקא!

*) אין פינאנץ רעפארט וועגען דעם קלאוקמאכער סטרייק אין יאר 1921 וואס מיר לעזען אין „פארווערטס״ פון מארטש דעם 15טען 1922, האט די קלאוקמאכער יוניאן אויסגעגעבען $707,489.00 פאר סטרייק־בענעפיטס. נאך א גרעסערע סומע פון איבער א מיליאן דאלער האט די „אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס״ אויסגעגעבען אין גענעראל סטרייק פון יאר 1921 פאר סטרייק בענעפיט, ווי מיר געפינען דאס אין „אפי־סער רעפארט״ פון די „דזשענעראל עקזעקוטיווע באארד״ צו די קאנווענ־שאן אין שיקאגא אין יאר 1921.

אַז די אידישע יוניאָן פירער נייגען זיך אין דער ריכטונג פון קרע־מערישע וואַלטעטיגקייט, פונקט ווי די ביוראָקראַטיע אין די ניט־אידישע יוניאָנס פון די רעאַקציאָנערע „אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָף לייבאָר“.

עס איז אַלזאָ קלאָר ווי דער טאָג, אַז דיזע בענעפיט סיסטע־מען און די יוניאָנס זיינען ניט יענע מעטאָדען פון קלאַסען קאַמף מיט וועלכע די פירער זוכען דעם ארבייטער צו פערלייכטערען זיין קאַמף, כדי ער זאָל קאָנען גרינגער צוריקצושלאָגען און ווידער־שטעהן די אַטאַקעס פון די מעכטיגע טראַסטס פון קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקאַ און צו פאַרבעסערען זיין עקאָנאָמישע לאַגע. ניין, דאַס זיינען נאָר יענע פאַלשע מיטלען פון געשעפטסמעסיגע קליין קרעמערישקייט וואָס זוכען אויפצוהאַלטען די קאַראַבקע און אויס־צופילען די אינערליכע פוסטקייט פון דער אַרבייטער־באַוועגונג און צו דער זעלבער צייט אַפּשאַפען דערמיט דאָס גלייכגילטיגע פאַסיוויטעט פון די מאַסען, וואָס איז אַ כראָנישע ערשיינונג אין אַלע אַמעריקאַנער יוניאָנס, ווייל דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט אין געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט וואָס וואַקסט זיך נאָר פאַנאַנדער אין אמת׳ן קלאַסען קאַמף איז אַפּגעטויטעט ביז׳ן לעצטען פונק. דער אומגליק איז נאָך וואָס אפילו אַט די בענעפיט־פאָנדען ליגען, פונקט ווי יעדער וויכטיגער צווייג פון דער יוניאָן־באַוועגונג אין די הענט פון די פּרעזידענטען און סעקרעטערע*). און אַ דאַנק דער ביוראָקראַטישער צענטראַליזאַציע מאַנופּולירען זיי מיט זייער אומבאַשרענקטע רעכטען אַזוי, אַז דאָס וואָס מען באַדאַרף שטיצען פּסל׳ט מען, און דעם וואָס מען באַדאַרף נישט שטיצען גיט מען דעם הכשר. און דאָס באַפעסטיגט ווידער אמאָל, וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער די הערשאַפט פון דער יוניאָן ביוראָקראַטיע.

אַבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. די פירער, ניט האָבענדיג

*) אין דער „נייער פּאָסט“ פון 9טען אָקטאָבער, 1914, לעזען מיר פאָלגענדעס: „אין יאָר 1895, ווען די אייזען־גיסער האָבען איינגעפירט הילפּ־סיסטעמען איז אויך באַשלאָסען געוואָרען, אַז די געלדער זאָלען אויסגעצאָלט ווערען דורך די אינטערנאַציאָנאַלע בעאַמטע דירעקט. אויך ביי דער סיגאַרען־מאַכער יוניאָן ווערען אַלע בענעפיטס אויסגעצאָלט פון די גענעראַלע בעאַמטע דירעקט“. און אַזוי געהט אין אַלע יוניאָנס.

קיין גלויבען אין די כחות פון די ארבייטער מאסען, שטעלענדיג זיך העכער איבער זיי, אלס די אויבערהערשער, וואס ווילען בלויז באפעלען און רעגירען — האבען אויך אדאפטירט די מעטאדע צו בעפעסטיגען זייער ממשלה אין די יוניאנס דורך דעם בעקאנטען „יוניאן לייבעל“. דאס מיינט, אז אויף יעדען פראדוקט זאל אויפגעציירענט ווערען א יוניאן שטעמפעל, דערמיט אנצוצייגען אז דער אדער יענער פראדוקט איז געמאכט געווארען אין א פאבריק, וואו דער בעל הבית האט אנערקענט די יוניאן און געשלאסען מיט איר א קאנטראקט און נאר צו די בעלי בתים וועלכע האבען קאנטראקטען מיט די פירער פון די יוניאנס ווערען אזעלכע „לייבעלס“ ארויסגעגעבען. אין את דעם דאזיגען מיטעל, פרעדיגען די פירער, ליגט אויך א הילף אין קאמף מיט׳ן קאפיטאל. אין אמת׳ן אבער איז עס ניט מעהר ווי נאך איינע פון די פילע מיטלען און מעטאדען צו פערשקלאפען די ארבייטער אונטער דער הערשאפט פון דער יוניאן־ביוראקראטיע און אין דער עקספלואטאציע פון די קאפיטאליסטען. די אורזאך ליגט פון אויבען אויף. ווארום אין אלע יוניאנס, וואו דאס „לייבעל“ סיסטעם איז איינגעפירט, איז אנגענומען אלס א געזעץ, אז ווען אן ארבייטער איז נישט גוט־שטענדיג, דאס מיינט הינטערשטעליג מיט זיינע שולדען צו דער יוניאן. איז דער בעל־הבית געצוואונגען, אויב ער וויל, אז די פירער זאלען ביי אים נישט צונעמען דעם „יוניאן לייבעל“ — דעם באטרעפענדען ארבייטער אוועקצושיקען פון פלאץ.*)

וואס אנבעלאנגט דעם ארגומענט, אז די דאזיגע מעטאדע ברענגט נוצען דעם ארבייטער אין קאמף מיט די בעלי בתים און העלפט אויפהאלטען די יוניאן בעדינגונגען אין די פאבריקען, איז דאס אן אבסאלוטער אומזין. ווייל ביי יעדען רעכט־געזאנגענעם

*) די „נייע פאסט“ פון 30טען אקטאבער, 1914, שרייבט: „אז די „איטערניישאנאל בוט און שו ווארקערס יוניאן“ פירט איין א „יוניאן לייבעל“, וואס ווערט ארויסגעגעבען נאר צו אזעלכע פאבריקאנטען וואו עס ארבייטען אויסשליסליך יוניאן לייט. די ארבייטער פון אזא „לייבעל“ פאבריק מוזען זיין גוטשטענדיג. אויב זיי זענען דריי (3) וואכען הינטערשטעליג אין דער יוניאן, דארף דער אונטערנעמער זיי אבזאגען פונקט ווי נישט יוניאן לייט“.

מענשען וועט זיך נישט לייגען אויפ'ן שכל, אַז מען קען אַנטקעגענ־שטעלען געגען דער קאַמפּלוסטיגקייט און קלאַסענבעוואוסטזיין פון די אַרבייטער דאַס מיטעל פון א יוניאָן „פּעטשאַט" (שטעמפּעל) וואָס זאָל זיין א סגולה אויפצוהאַלטען די יוניאָן בעדינגונגען, וועל־כע די מאַסען האָבען עראָבערט אין צייט פון אַ סטרייק. אחוץ דעם פערוואַנדלען די פירער דיזע „לייבעל יוניאָנס" אין א רע־קלאַמע־אַגענטור, וואָרום אַנאַנסירענדיג, רעדענדיג און שרייבענדיג אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע צו אַלע קלאַסען מענשען צו קויפען די פּראָדוקטען נאָר מיט'ן „לייבעל" אַנאַנסירען און אַגיטי־רען זיי צו דערזעלביגער צייט אויך פאַר די געשעפטען פון די „לייבעל"־פאַבריקאַנטען, וועלכע ווערען מעהר אָדער וויניגער פער־זיכערט געגען קאָנקורענץ פון די אַנדערע נישט „לייבעל" בעלי בתים.

א חוץ אַט דער עכט „יוניאָניסטישער" רעקלאַמע־טעטיגקייט פאַר דער בורזשאַזיע האָט אבער אַט דאָס „לייבעל" סיסטעם קיין שום באַטרעף ניט פאַר די אינטערעסען פון די אַרבייטער. ווייל דאָרט וואו די גרויסע קאַפּיטאַליסטען ווילען ניט אנערקענען זאָגאר די כשר'ע יוניאָנס, העלפען דיזע מעטאָדען פון „יוניאָן לייבעלס" ווי א „טויטען באַנקעס". דער בעסטער ביישפּיל זיינען די מאָג־נאַטען אין דער טאַבאַק־אינדוסטרי, וואָס האָבען באַשלאָסען, פאָר־לויפיג, מוחל צו זיין די טובה פון „קאָלעקטיוו באַרגעינינג" פון גאָמ־פּערסיזם, און האָבען דורך זיין קיופּאָן־סיסטעם מיט איין קלאַפּ אוועקגעמאַכט די קאָנקורענץ פון די „לייבעל"־סיגאַרס און סיגאַ־רעטען סאַי פון די יוניאָנס און סאַי פון קאַפּיטאַליסטישען מאַרק.

יאָ, איין זאַך מוז מען צוגעבען, אַז דאָרט וואו עס לוינט פאַר די בעלי בתים דאָס „לייבעל"־געשעפט פון די יוניאָנס, אַרבייט די־זע מעטאָדע אויסגעצייכענט ביי די פירער אין די הענט... צוצר־ברעכען סטרייקס*).

---

*) אין „קלאוקמאכער" פון 30טען מערץ לעזען מיר פאָלגענדעס: אין יאָר 1913, ווען עס איז אָנגעגאַנגען א סטרייק אין ברוקלין, וואו עס האָבען געסטרייקט אכט טויזענד שיך־אַרבייטער, וועלכע האָבען זיך ענטזאָגט צו אַרבייטען פאר א הונגער לוין, אונטער דעם „לייבעל", האָט טאָבין, זייער פּרעזידענט, זיי געוואָלט צוריקשיקען צו אַרבייטען, אונ־

נאך א מעטאדע, וועלכע די פירער האבען אנגענומען אין קאמף מיט די קאפיטאליסטען, איז די זאגענאנטע „קאאפעראטיווע באוועגונג“ דיזער מיטעל ארייצופירען די ארבייטער באוועגונג אין „ביזנעס“ (געשעפט) איז ספעציעל געווארען א גוטער קונץ־שטיק צו פארבלענדען די אויגען פון די מאסען. ביי די פירער פון די אידישע יוניאנס, וואו מיר קענען געפינען א קלאסענבאוואוסטזיני־גערען עלעמענט פון אידישע ארבייטער, וועלכע האבען א טיפערען חוש פאר א מאדערנעם רעוואלוציאנערען יוניאניזם, ווי זייערע ניט אידישע יוניאן ברידער, איז דער דאזיגער פייער־ווערק איינצו־פירען „סאציאליסטיש“ באפארבטע, אידעאלע „קאאפעראטיווען“ דער בעסטער מיטעל צו פארדרעהען די קעפ פון אפילו די מעהר אינטעליגענטערע ארבייטער. מעהר נאך, ניט נאר די קליינע בע־אמטע באנוצען זיך דערמיט, און יעדער לאקאל־יוניאן פירט ביי זיך איין דער א שפייז־קראם, יענער א רעסטאראנט, די אנדערע א קאפטעריע און א „יוניטי הויז“, (ווילא), וואו עס ווערען פאר־שווענדעט טויזענטער און טויזענטער דאלארס פון די מיטגלידער*).

טער דעם אויסרייד פון אן אגרימענט, און ער האט אליין אימפארטירט סטרייקברעכער, צוצוברעכען דעם סטרייק. דאס זעלבע קען געזאגט ווע־רען וועגען די „העטערס יוניאן“ און „סיגאר מאכער יוניאן“ און אויך וועגען די „יונייטעד גארמענט ווארקערס יוניאן“ אונטער ריקערט׳ס ממשלה, ווי דער „פארווערטס“ אליין האט ערקלערט, אז דיזער לייבעל איז ניט מעהר ווי א סימבאל פון א קליקע הערשאפט און א שווינדעל“.

*) אין דעם „פראלעטאריער“ פון 1טען סעפטעמבער 1920 באקלאגט זיך אן ארבייטער, „אז אין יעדען אנפאנג פון סעזאן דערפילען די אר־בייטער פון די „לוידיס וויסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25“ די מאכטלאזיגקייט פון זייער ארגאניזאציאן. דאן ווערן קלאר פאר יעדען אר־בייטער די פוסטע אמביציעס פון די בעאמטע, וועלכע פארשווענדען טוי־זענדער און טויזענדער דאלארס פאר דעם „יוניטי“ רעסטאראן אום צו רעקלאמירען זייערע אויפטואכצען צווישען די ארבייטער. איבער 17 טויזענד דאלער זיינען פארשווענדעט געווארען פאר דיזען רעסטאראנט, פון וועלכע די ארבייטער האבען ניט געהאט קיין נוצען; מען האט נאך געמוזט פארבייסען די ליפען און שווייגען, אז ניט איז מען פון די פי־רער פארדאמט געווארען פאר א שונא פון דער יוניאן“. נאך א ביישפיל קענט איר לעזען אין „פארווערטס“ פון 30טען אקטאבער 1918. „דער פרעסער לאקאל 35 פון דער „אינטערנײשאנאל לוידיס גארמענט ווארקערס

זאָנדערען די גרויסע נאַציאָנאַלע פירער האָבען אויך אָנגעפאַנגען א ריזיגען קאַמפּיין איבער'ן גאַנצען לאַנד, און האָבען זאָגאַר באַוואויגען די קאָנווענציעס אַז זיי זאָלען באַשליסען איבערצוגעבען די אויטאָריטעט צו די גענעראַל בעאַמטע פון די אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס, אין די נאָדעל אינדוסטריעס, אַז זיי זאָלען עפענען אייגענע קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקען, געשעפטען און זאָגאַר גרינדען אייגענע באַנקען פאַר די ארבייטער באַוועגונג*).

וועגען דעם אבסורד פון אַזעלכע מעטאָדען צו עפענען אייגענע באַנקען, געשעפטען און פאַבריקען, לוינט זיך, דאַכט מיר, ניט פיעל

יוניאָן", וואָס איז באַקאַנט מיט די פאַרשידענע בענעפיטס, האָט לעצטענס אויך איינגעפירט א קאָאָפּעראַטיווע סיסטעם וואו מיטגלידער קענען קויפען פאַרשידענע פּראָדוקטען".

*) אין דער „פרייע ארבייטער שטימע" פון 22טען מאי 1920 ווערט געמאָלדען פאָלגענדעס: „ביי די קאָנווענציע אין שיקאַגאָ פון די „אינטערנייששאָנאַל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן" איז אָנגענומען געוואָרען א היסטאָרישער בעשלוס, אז די גענעראַל בעאַמטע זאָלען גלייך צוטרעטען צו דער אַרבייט פון אליין עפענען אייגענע פאַבריקען, צו מאַכען פרויען קליידער, אין אייגענע געשעפטען, צו פאַרקויפען די קליידער דירעקט צו די קאָנסומערס". ווייטער לעזען מיר אין דער „צייט" פון 14טען אָקטאָבער 1920, אַז פּרעזידענט הילמאַן פון די „אמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס אָף אמעריקא" איז געקומען אויף א ספּעציעלען באַזוך אין שיקאַגא כדי צו האָבען א באראַטונג מיט די שיקאַגאר „אמאַלגאַמייטעד" פירער וועגען רעאַליזירען דעם באַשלוס פון דער באָסטאָנער קאָנווענציע צו גרינדען אַן אייגענע קאָאָפּעראַטיווע באַנק, וואו אונזערע אָרגאַניזאַציעס וועלען קענען דורך דעם קאָנטראָל פון קרעדיט זעהר פיעל פאַרשטאַרקט ווערען".

וועגען נאָך א ביישפּיל לעזען מיר אין אַן עדיטאָריעל פון „פּראָלעטאַריער", מאי דעם 15טען 1921, „אַז די פילאַדעלפיער יוניאָנס געהען גרינדען אַ „לייבאָר באַנק", אַרויסלאָזענדיג 5 מיליאָן „שערס" (כנגד די 5 מיליאָן מיטגלידער פון דער אמ. פעד. אָף לייבאר) צו 20 דאָלאר א „שער" (אַקציע).

אין דער „צייט" פון 9טען אויגוסט 1921, געפינען מיר אַז אויך די „קאַפּען מאַכער יוניאָן" ביי איהר קאָנווענציע אין נויאָרק, „האָט נאָך אַ דיסקוסיע באַשלאָסען איבערצוגעבען צו די גענעראַל־עקזעקוטיוו־בעאַמטע אויסצואַרבייטען די פּלענער פאַר דער איינפירונג פון קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקען אין דער קאַפּען אינדוסטריע".

אפּצושטעלען. ווייל יעדער איינער מיט א פּראָסטען מענשען־פאַר־
שטאַנד קען גלייך איינזעהן, אז דיזע מעטאָדען פון כלומרשטע קאָ־
אָפּעראַטיווע באַוועגונגען פון אייגענע קליינקרעמעריי וועלען קיינ־
מאָל ניט זיין בכח צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער־מאַ־
סען. עס איז אבער מעהר ווי אַן אונזין. עס איז א פערברעכען.
ווען יוניאָן פירער, וואָס דאַרפען אלס וועגווייזער פירען די אַרביי־
טער אויף דעם וועג פון קאמף, זאָלען גאַר איינפלאַנצען אין זייערע
קעפּ דעם פאַלשען גלויבען, אז מיט קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונגען פון
אזאַ מיניאַטור כאַראַקטער וועלען די יוניאָנס קענען פאַרבעסערען
זייער מענשליכע עקסיסטענץ, און וועלען אַרויסקאָנקורירען די גע־
שעפטען פון די קאַפּיטאַליסטען אין אמעריקא... ספּעציעל אין אמע־
ריקא, אין דעם קלאַסישען לאַנד פון גרויס־קאַפּיטאַל, וואו זאָגאַר
טראָסטס זיינען קאָנסאָלידירט (צוזאַמענגעשמאָלצען), אין גיגאַנ־
טישע מאָנאָפּאָליעס, דאָצו קאָנטראָלירען זיי און באַהערשען אַלע נאַ־
ציאָנאַלע רעסורסען (קוואַלען) פון גאַנצען ווירטשאַפטליכען לעבען
פון לאַנד. אַט דיזע מאָנאָפּאָליעס, וועלכע זיינען אפילו אימשטאַנד
אויסצושפּרייטען זייער קאָנקורירענדע, אַלעס פאַרשלינגענדע
קראַפט, איבער כמעט דער גאַנצער וועלט, מיט זייער פאַבעלהאַפטע
קאַפּיטאַלען פון א ראָקעפעלער, מאָרגאַן און גוגענהיימס. און אַט
זיי, ריידען דאָס די פירער איין די מאַסען, וועלען די אָרימע פאַר
הונדערט טויזענט דאָלאַר פון די אידישע יוניאָנס, קענען אַרויס־
קאָנקורירען פון אינטערנאַציאָנאַלען מאַרק.

מאָנכע קליגען זיך צו בעווייזען אַז די נאָדעל אינדוסטריע איז
ניט קיין צווייג פון גרויס קאַפּיטאַל, פאָלגליך, קען דאַ אויף דעם
געביט די פּראָדוקטיווע „קאָאָפּעראַציע" גילטען. דאָס איז אָבער ווי־
דער אַמאָל האָמבאָג, ווייל קיין אינדוסטריע, — קליין אָדער גרויס,
וואָס האָט נור וועלכע עס איז ממשות, איז ביי דער מאָדערנער, אינ־
דוסטריעלער־קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, ניט אומאָפּהענגיג פון
א צווייטער אינדוסטריע, און ספּעציעל, ניט פון קרעדיט סיסטעם,
וועלכע פאַרקניפּען אַלע אינדוסטריעס דורך דעם נאַציאָנאַלען קאַ־
פּיטאַל פון לאַנד, אָדער זאָגאַר דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאַ־
פּיטאַל פון דעם וועלט־מאַרק. פון דעם איז קלאָר ווי לייכט עס איז

פאַר די קאַפּיטאַליסטען, אויב זיי לווינט נור, צוצודריקען און אין גאַנצען פאַרניכטען, די דאָזיגע געשעפטען פון דער זאַגענאַנטער „קאָאָפּעראַטיוו" באַוועגונג פון די יוניאָנס, ווי דער ביישפּיל פון נאָרד דאַקאָטאַ, האָט אַזוי גלענצענד באַוויזען.*)

איך זאָג די „זאַגענאַנטע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג", ווייל נישט איך קען דיזע באַוועגונג צוגלייכען צו יענער אוטאָפּיסטישער, אָבער דאָך אידעאַלער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג פון ראָבערט אָווען, אין ערשטען טייל פון נייננצענטען יאָר־הונדערט, וואָס האָט אָבער געטראָגען אַ מין סאָציאַליסטישען כאַראַקטער; און אויך ניט צו דער איי־גענטימליכער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג פון בעלגישען פּראָלעטאַ־ריאַט, וועלכע זייענדיג אפילו אָנגעהויכט מיט אַ טיפען ענטוזיאַזם, טראָגט זי אָבער דאָך ניט מעהר ווי אַ קליין בירגערליכען כאַראַקטער. די „קאָאָפּעראַטיווע" באַוועגונג, פון די אַמעריקאַנער יוניאָנס, וואָס די פירער האָבען זאָגאַר נאָך ניט באַוויזען צו באַפעסטיגען די אַרביי־טער באַוועגונג מיט דער אינערליכער קראַפט פון סאָלידאַריטעט, אַז זי זאָל זיך קענען האַלטען און איבערקומען דעם מינדעסטען שטורם פון קאַפּיטאַל, זי איז ווידער אַמאָל ניט מעהר ווי נאָר אַ קינסטליכע מעטאָדע צו פאַרטומלען די קעפּ פון די אַרבייטער, כדי זיי זאָלען זיך לייכטער לאָזען באַהערשען, אויף וואָס די גו'אישע יוניאָן פירער זיינען ניט אַזוי געשייט, ווי די דעמאַגאָגען אין די אידישע יוניאָנס.

אָט דאָס זיינען די מעטאָדען וואָס די פירער באַנוצען אויפצור־האַלטען און באַפעסטיגען זייער „יוניאָן באַוועגונג", אין דער צייט ווען עס הערשט „פרידען און האַרמאָניע" אין די אינדוסטריעס. ווען עס ברעכט אָבער אויס אַ גענעראַל סטרייק, אָדער זאָגאַר אַ לאָקאַלער שאָפּ־סטרייק, דאַן באַנוצען זיך די דאָזיגע אַמעריקאַנער יוניאָן פירער, מיט ענליכע, קינסטליכע, מעטאָדען וואָס אונטער־שיידען זיך פון די אמת'ע מיטלען און מעטאָדען פון קלאַסען קאַמף ווי טאָג פון נאַכט. אַנשטאָט צו באַנוצען די קאָלעקטיווע אַקטי־וויטעט פון די מאַסען און פּלאַנמעסיג אויסנוצען די סאָלידאַרישע

*) זעה דעם אינטערעסאַנטען אַרטיקעל אין דער „צייט" פון 17טען פעברואַר 1921.

כוחות פון די ארבייטער, כדי צו דערפירען דעם קאמף געגען די בעלי בתים צו א מעגליך־ערפאלגרייכען ענד, ווענדען זיי גאר אן „שטארקע“ מעטאדען פון פראפעסיאנעלע „העלדען“ פון דער „אונ־טערוועלט“ און אנדערע לומפען פראלעטאריער. דאס אלעס פאר־שלעפערט און פאראליזירט אין לאנגען רעזולטאט די גאנצע ענער־גיע, און אקטיווע יוניאן־טעטיגקייט פון די ארבייטער, פערשוואר־צענדיג סוף כל סוף דעם נאמען און פרעסטיזש פון דער ארבייטער־באוועגונג. און פיעל מאל פירט עס זאגאר צו די גרעסטע סקאנדא־לען און קרימענאלע פראצעסען, וואס קאסטען אפ די יוניאן־ארגא־ניזאציעס א פארמעגען.

די דאזיגע „קאמף־מעטאדע“ פון דער יוניאן־ביוראקראטיע, וואס טראגט גיכער א פריוואטען איידער א געזעלשאפטליכען כא־ראקטער פון איין ארבייטער ארגאניזאציע, איז ניט קיין צופעליגע זאך. דאס איז געווארען א סיסטעמאטישע טאקטיק און א מעטאדע פון פירען סטרייקס, ניט קוקענדיק אויף דעם וואס פאר דער לעצטער צייט האבען מאנכע יוניאנס זיך שוין גענומען פאר די קאלעקטיווע אקציאן פון די מאסען מיט די „פיקעט“ דעמאנסטראציעס, קען מען נאך דאך טרעפען אין א יוניאן וואו עס ווערט באשעפטיגט א „דאפי בעני“ מיט זיין חברה, און אין א צווייטער יוניאן, זאל אפערירען אן „איצעק דער העלד“ מיט זיין קאמפאניע, און אין א דריטער יונ־יאן, זאל „ארבייטען“ א „משה דער שטארקער“ מיט זיין באנדע, א. א. וו., א. א. וו. אט די דאזיגע לומפען־פראלעטאריער און „שטאר־קע“ זיינען דאס אזוי צו זאגען די ארגאניזירטע גווארדיע פון די פירער וועלכע האבען די אויפגאבע אנצופירען דעם „קלאסען קאמף“ פאר די ארבייטער געגען קאפיטאל. די צרה אבער איז, וואס זיי פי־

רען דיזען קאמף בלויז אז אין די „סאלונס“ (שענקען), פארשטייט זיך, אז דיזע „אידיאלע“ ארבייט פון געדונגענע „העלדען“, ווערט נישט נור גאנץ גוט באלוינט, זאנדערען, זיי, דיזע „שטארקע“ וואס פילע זיינען געוועזענע ערענטליכע ארבייטער, וועלכע די ביוראקראטיע האט פארלומפט, ווערען איינפאך די גאנצע בעלי בתים פון די יוניאנס, ווייל פילענדיג אז זיי דארפען דאס אויספירען אזא וויכטיגע פונקציע, ווי באשיצען די ארבייטער און אויסקעמפען די שלאכט מיט די קאפיטאליסטען, ווערען זיי דורך דעם איזבאלעוועט, אז זיי גראבען סוף כל סוף אונטער דעם גאנצען באדען פון די יוניאן ארגאניזאציעס, ווי די אויפדעקונגען פון ב. זאלמאנאוויטש, א געוועזענעם ארגאניזאטאר אין דער „בוטשער“ יוניא, (קצבים יוניאן) האבען קלאר און אונצווייפעלהאפט אין יאר 1914 באוויזען*).

אט דיזע מיטלען און מעטאדען, האבען נאך ביי פילע יוניאן פירער געפינען א טעארעטישען אונטערשלאג אויך. זיי באגרינדען זייער טעאריע מיט די מאטיווען און דארלייגונגען, אז דיזע „שטארקע“ מעטאדען, זיינען א נאטירליכע פאלגע פון'ם ווייסען טעראר פון די קאפיטאליסטען מיט זייערע פינקערטאנס און סטרייקברעכער אגענטורען, מיט וועלכע זיי באנוצען זיך אין קאמף געגען די ארגאניזירטע ארבייטער צו צוברעכען די יוניאנס**) געוויס איז די־

---

*) אין דער „ווארהייט“ פון 20טען סעפטעמבער 1914 קענט איר געפינען די פאלגענדע אינטערעסאנטע ערקלערונג פון ארגאניזאטאר פון די „בוטשער יוניאן“, ב. זאלמאנאוויטש: „איר ווייסט געוויס, וואס איך האב געטאן. איך האב געלאזט ארעסטירען בעני דאפי. ניט דעם דאפי'ן וואס איז באוואוסט אלס א באנדיט און מעסער־העלד, וואס איז באריט צו טאן פאר געלט אלעס וואס איז געמיין און נידערטרעכטיג. איך האב געלאזט ארעסטירען דעם דאפי בעני'ן וואס האט זיך אונטערגעגראבען דורך אן אונטעראירדישען וועג און גריזשעט די קערנער פון דער יוניאניסטישער באוועגונג אויף אזא אופן, אז די בלעטער נעמען פאלען פאר דער צייט. אונטער אזעלכע צושטענדען אין דער יוניאן־באוועגונג קען מען קיין ריכטיגע צייטיגע פרוכט ניט דערלעבען צו זעהן“.

**) אין דער „פרייע ארבייטער שטימע“ פון 16טען יאנואר 1915 רעדט זיך ארויס א. קאהן, דאמאלסטיגער ארגאניזאטאר פון די „פאריערס“ (קירזשנערס) יוניאן און הויפט־בעאמטער פון די „אידישע געווערקשאפטען“. „אויף דער צונג“, וואס ביי זיינע קאלעגען, יוניאן־פירער

זע „פילאזאפיע“ פונקט אזוי דום און נאריש ווי ניט אמת. ווייל
ווער קען זיך דאס אינטערנעמען צו איבערצייגען, ווער עס זיינען
געווען די ערשטע וואס האבען זיך אבגעלערענט צו באנוצען מיט
„שטארקע“ מעטאדען אין קלאסען קאמף? עס קען דאך זיין (און
מיר שיינט, אז אזוי איז דאס געווען) אז סטרייקס אלס פראטעסט

„ליגט אויפ'ן לונג“ בזה הלשון: „מיר דארפען זיך איינמאל פאר אלע
מאל פארשטענדליך מאכען. פאר אייך, פראפעסארען און טעארעטיקער, זוי־
נען די יוניאנס, וואס זיינען די לעצטע יארען אויפגעבויט געווארען,
אן ערשיינונג, וועלכע איר שטעלט זיך געווים פאר, אז די ארבייטער
האבען זיך דאס ארגאניזירט דורך אייער לאנג יעריגע פראפאגאנדע וואס
איר האט געפרעדיגט שריפטליך און מינדליך? א טעות, מיינע הערען.
די מיט אמאל אויסגעוואקסענע קלאוקמאכער יוניאן מיט 50,000 מיט־
גלידער, די מענערשניידער יוניאנס מיט זייערע 75,000 מיטגלידער, די
„ליידים וויסט מאכער יוניאן“ א. ז. וו. און אנדערע פאר די לעצטע פאר
יארען אויפגעוואקסענע יוניאנס, זיינען פאר קיין פאל ניט דער פרא־
דוקט פון אייער טעארעטישע לעהרען. ווייסט איר ווי אזוי אונזער אר־
ביטער באוועגונג איז געבויט געווארען? אט הערט זשע: דורך א שטורם
זיינען די יוניאנס באשאפען געווארען. די גרעסטע צאל מיטגלידער זויי־
נען אריין אין דיזע יוניאנס מיט א שטורם־ווינט, אונטערגעצונדען און
אונטערגעפייערט דורך א מאמענטאנע באגייסטערונג. צווישען זיי זיינען
אויך אריין אין די יוניאנס פסלות און אומגעווינשטע עלעמענטען. ווע־
גען דיזע חברה וואס טוען אן צרות דער יוניאן, וואלט מען נאך קיין
„גענגסטערס“ (באנדיטען) ניט געדארפט האבען. עס זיינען אבער דא
טיפערע אורזאכען וועגען דעם באנדיטיזם אין די יוניאנס, די הויפט
אורזאכען פון וועלכע די שולדיגע זיינען די פאבריקאנטען אליין. אויב
דא און דארט, אין דער אדער אין יענער יוניאן, געפינען זיך א פאר
„שטארקע“, זיינען זיי דארט פאר קיין פאל ניט פון פארגעניגען וועגען.
ווייל וואס איז מכח די טאגטעגליכע געפארען צו וועלכע די יוניאן־מיט־
גלידער זיינען אויסגעזעצט אין צייט פון א סטרייק? דענקט איר פיליכט,
אז בויאנעס פון די בעלי בתים קען מען באקעמפען מיט טעארעטישע
פראבלעמען? לאזט מיר אייך זאגען, אז טאקי אזוי האנדלענדיג, קריגט
מען די געווינשטע רעזולטאטען. און ניט איין סטרייק איז שוין גע־
וואונען געווארען דורך דיזע „שטארקע“ מעטאדען. אט אזוי איז דאס,
מיינע הערען, צי איר ווילט, צי איר ווילט ניט. צי דאס איז שעהן, צי
ניט. יעס, מיט שטארקייט און ניט מיט דעם שם המפורש פון דעם טעא־
רעטישען קלאסען־קאמף, קען מען באשיצען די אינטערעסען פון אייערע
גוטע יוניאן לייט“.

געגען לוין שקלאַפעריי זיינען בעפאַר אויסגעבראָכען געוואָרען פון די ארבייטער, און זיי האָבען באַנוצט, וואָס איז גאַנץ נאַטירליך, קרעפטיגע מיטלען אום אַפּצוהאַלטען סטרייקברעכער פון צו ברעכען זייער סטרייק אין קאַמף פאַר זייער עקסיסטענץ פריהער ווי די בעלי־בתים? די לעצטע, וועלענדיג באַשיצען זייערע אינטערעסען, האָבען זיך נאָכהער געכאַפּט צו דעם ווייסען טעראָר פון באַנדיטיזם.

אָבער, ווי עס זאָל ניט זיין, זיינען דיזע הילפס־מיטלען פון אינדיווידועלער אַקציאָן, דערנאָך פון באַצאָלטע „קעמפּפער“ אין קאַמף מיט די מעכטיגע כחות פון קאַפּיטאַל, ספּעציעל אין אַמעריקאַ, אין פאַרגלייך מיט די איינציג ווירקזאַמע מעטאָדען פון קאָלעקטיווער אַקטיוויטעט פון די מאַסען, ניט נאָר אַבסורד, נאָר שעדליך און פאַרדאַרבען און זיי ברענגען בלויז שאָדען צו דער גאַנצער ארבייטער־באַוועגונג. דערפון קען מען זיך שוין אויך מאַכען א באַגריף אין וואָס פאַר א געזונקענער, גייסטלאָזער אַטמאָספערע דיזע ארבייטער פאַרשטעהער געפינען זיך, ווען זיי מוזען קומען אין שטענדיגער באַרירונג מיט טונקעלע „סוביעקטען“ און פּאָליטישאַנס, וועלכע פאַרברענגען מיט זיי פיעל צייט אין די „סאַלונס“*) און וואָס פאַר א שרעקליכען ווירקונג דאָס איבט אוים אויף דער מאָראַל פון די ארבייטער.

אָבער אחוץ דיזע מעטאָדען מיט וועלכע די פירער פירען אַן סטרייקס, איז דער אופן ווי אַזוי זיי רופען אין אַלגעמיין ארוים די סטרייקס און צוליב וועלכע צוועקען די סטרייקס ווערען אָנגעפירט איז דער גרעסטער פאַרראַט געגען די ארבייטער. איהר האָט למשל

---

*) דער „פאָרווערטס“ פון 21טען סעפּטעמבער 1918, שרייבט וועגען דעם ווי פאָלגט: „מען זעהט ווי אַמעריקאַנער יוניאָן פירער טרעפט מען אָפט אין סאַלונס. איינער פון דער געזעלשאַפט, וועמען איך האָב געפרעגט, וואָרום דאָס איז אַזוי, האָט דאָס כאַראַקטעריזירט אויפ'ן פאָלגענדען אופן: יוניאָן בעאַמטע מוזען אָפט אָנקומען פאַר א טובה צו פּאָליטישאַנס, דער „אָפיס“ (ביורא) פון פּאָליטישאַנס איז דער סאַלון. דער יוניאָן בעאַמטער, וועלכער מוז זיין מיט די „באָיס“ (חברה) א „גוד באָי“ (וואוילער יונג) און מיטהאַלטען קאָמפּאַניע. אָט דערפון נעמט זיך דאָס אַז זיי געפינען זיך אַזוי אָפט אין סאַלונס“ (שענקען).

פּאַלען, וואו פיל גענעראַל סטרייקס זיינען פון די פירער אַרויסגע־רופען געוואָרען איינפאַך דערפאַר, אום צו באַשיצען די אינטערע־סען פון איין טייל פאַבריקאַנטען, מיט וועלכע זיי האָבען אַן אָפּ־מאַך איינצומאַנען די בייטרעגע צו די יוניאָן געגען אַן אַנדער טייל*). נישט אַזוי צוליב דעם „הייליגען אידעאַל פון אָרגאַניזאַציאָן" ווי כדי אַרויסצוהעלפען די קאַפּיטאַליסטישע יוניאָן פאַרבינדעטע גע־גען די אַנדערע קאַפּיטאַליסטען וואָס האָבען „אָפּגעשאַפט" דעם „קאָלעקטיווען אַגרימענט" און „פּרעפערענשעל שאָפּ". די גע־נעראַל סטרייקס, אין די יאָרען 1912־13, 1915־16, 1918־19 און 1920־21 אין דער „ליידיס ווייסט און דרעס אינדוסטריע" פון ניו־יאָרק, און טיילווייז דער גענעראַל־סטרייק אין דער קלאָוק אינדוס־טריע פון יאָר 1919, אַרויסגערופען פון דער „אינטערנעשאַנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן" זיינען דער בעסטער ביישפּיל פון דעם זאָרט פאַררעטערישע פאַרשווערונגען געגען די מאַסען. יווייל אין די דאָזיגע סטרייקס, ווי אין פילע אַנדערע סטרייקס, זיי־נען די פאָדערונגען ניט אַרויסגעשטעלט און דיסקוטירט געוואָרען פון די אַרבייטער, זאָנדערען זיי זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען נאָך איידער דיזע סטרייקס זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרען, — כאָטש אין אַלגעמיין האָט עס אָנגעהאַלטען פון „אסתר תענית ביז פּורים" — צווישען די יוניאָן פירער און די פאַבריקאַנטען**).

אויסער דעם וואָס מיט די דאָזיגע מעטאָדען טויטען די פי־רער אָפּ ביי די מאַסען זייער דירעקטע זעלבסט־טעטיגקייט און אַק־טיוויטעט, אַריינוואַרפענדיג די גאַנצע יוניאָן־באַוועגונג אין אַ פּאַ־ראַליטישען צושטאַנד, וואו אַלעם ווערט פאַרוויסט און פּוסט, ער־

*) דער בעסטער ביישפּיל קען דינען דער אַלגעמיינער „סטאָפּעדזש" אין דער קלאָוק אינדוסטריע פון יאָר 1922. דיזער גענעראַל „סטרייק" איז איינפאַך אַרויסגערופען געוואָרען צוליב דעם גרונד, וואָס די בעלי־בתים פון דער „פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאָן" האָבען געהאַט אויסצושטעהן אַ קאָנקורענץ דורך אַנדערע פאַבריקען אין דער זעלבער קלאָוק אינדוסטריע" ווי מיר לעזען דאָס אין אַן עדיטאָריעל אינ'ם אָפיציעלען יוניאָן אָרגאַן „די גערעכטיגקייט" פון 11טען אויגוסט, 1922.

**) זעה דעם אינטערעסאַנטען עדיטאָריעל איבער די דאָזיגע פראַגע אין „פּראָלעטאַריער" פון 15טען פעברואר 1921.

נידעריגט נאָך די יוניאָן ביוראָקראַטיע די עלעמענטאַרע געפילען ביי די אָרגאַניזירטע ארבייטערשאַפט. ווארום ווען אַט די ביוראָקראַטיע זעהט, אַז די סטרייקס ווערען פארצויגען, ווענדען זיי זיך באַלד דורך זייער חניפה־פּאָליטיק אין די צייטונגען צו דער קאַפּיטאַליסטישער „עפענטליכער מיינונג" און הייבען אָן אויסבעטלען ביי די בורזשואַזע אידיאָלאָגען און רעפאָרמערס זייער מאָראַלע און פיל־מאָל זאָגאר זייער פינאַנציעלע שטיצע*).

פאַרשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע פילאַנטראָפּיע ווערט פון דער

---

*) אָט וואָס מיר לעזען אין „טאָג" פון 26טען, 28טען מאי און פון 1טען און 12טען יוני 1916 אין באַצוג צו דעם גענעראַל סטרייק פון די „קלאוקמאכער": „דער מיטינג וואָס די „פרויען ליעג" האָט געכטען אראַנזשירט אין „עאָליען האָל" איז געווען א גרויסער ערפאָלג. דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט פּראָמינענטע פרויען, וועלכע האָבען זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די רעדעס פון פּרעזידענט שלעזינגער און אַנדערע פירער. די פרויען האָבען זיך ערקלערט גרייט צו שטיצען דעם סטרייק ווי ווייט מעגליך. עס איז באַשטימט געוואָרען א קאָמיטע, וואָס באַשטעהט פון פלאָרענס וועיז, סערי דרייער און לינדא סקאָט מיט דעם צוועק צו עפענען שפּייז־קראַמען פאַר די סטרייקער. אכציג פּראָמינענטע פּערזאָנען, מערסטענסטייל רייכע לייט, האָבען זיך אָרגאַניזירט אין א בירגער־קאָמיטע צו העלפען די סטרייקערס. צווישען די קאָמיטע געפינען מיר אַזעלכע נעמען ווי דזשייקאָב שיף, זעליגמאַן, גוגענהיים, פרוילײן רוט, מאָרגאַן און אַנדערע. די ערשטע זאַך וואָס די קאָמיטע וועט טון איז צו אַפּעלירען צו דער באַפעלקערונג נאָך שטיצע פאַר די סטרייקער. לויט דער ערקלערונג פון ראָבערט ברוער (בורזשואַזער ליבעראַל און ראַטגעבער פון דער יוניאָן) וועט די קאָמיטע שאַפען פינף טויזענד (5,000) דאָלאַר א וואָך פאַר די סטרייקער. אין אַן ערקלערונג וועגען דעם סטרייק, וואָס איז אונטערגעשריבען צווישען אַנדערע, פון: עדווין זעליגמאַן, ווענדיל בוש, וו. מיטשעל און דזשיימס ראָבינסאָן, וואַרפען זיי די שולד פון סטרייק אויף די בעלי בתים, וואָס ענטזאַגען זיך פון ארביטראַציע, און זיי ערקלערען ווייטער, אַז לויט זייער מיינונג זאָל דורך אַן אומפּאַרטייאישע קאָמיטע אַלע אָנשטרענגונגען געמאַכט ווערען, צוריק איינצושטעלען דעם אָפּגעבראָכענעם אָפּמאַך פאַר דער באַשיצונג ניט בלויז אַזוי פאַר די ארבייטער, ווי פאַר די באַשיצער פון די געזעלשאַפטליכע אינטערעסען אין אַלגעמיין".

נאָך א ביישפּיל פון דיזען סאָרט לעזען מיר אין דער „ווארהייט" פון 22טען יולי 1915, וואו די „אמאלגאמייטעד קלאָדינג וואָרקער יוניאָן אָף אמעריקא" דאַנקט די חערען בערענהיימער, פּרעזידענט פון „טשעמ־

בורזשואזיע ניט נעגעבען גלאט אויס גוטהערציגקייט, זאָנדערען דאָס ווערט געגעבען אויף א בלאנק, וועלכע די פירער שרייבען אויס אלס א פולווערטיגען וועקסעל, אַז די יוניאָנס וועלען חלילה ניט געהן צו ווייט אין זייער ראדיקאליזם, און ניט פאַרלאַנגען צופיעל אין זייערע פאָדערונגען פאר די אַרבייטער.

אַלזאָ, פון די פאקטען וואָס איך האָב געבראכט קען מען קלאָר זעהן, אז אנשטאט וואָס די יוניאָן פירער, שטיצענדיג זיך אויף די כחות פון די מאַסען, זאָלען אנטוויקלען ביי זיי דעם קלאסענבאַוואוסטזיין און סאָלידאריטעט אין קאמף געגען קאַפּיטאַל, כדי זיבערער צו מאכען זייערע עראָבערונגען און פארשטאַרקען זייערע רייען אלס אָרגאַניזירטע קעמפער, ווענדען זיי גאָר אַן אזעלכע רעאקציאָנער שעדליכע מעטאָדען, סיי אין פרידען, סיי אין קאמף, אז זיי פירען די גאַנצע ארבייטער באַוועגונג אראָפּ פון איהר געזעלשאַפטליכער פּאָזיציע, אלס עקאָנאָמישער כח פון אַרבייטער קלאַס, וואָס האָט די היסטאָרישע מיסיאָן און וויכטיגען ציעל פון אינדוסטריעלע דעמאָקראטיע און עקאָנאָמישע גלייכקייט. זיי פאַרוואנדלען אויף אזאָ אופן לאַנגזאם און זיכער די יוניאָן באַוועגונג אין אַן אָפּגעשטאַנענע, פאַרגליווערטע באַוועגונג, ביי וועמען דער גאנצער אינערליכער געבוי איז פון פונדאמענט אַן דורכגעפוילט און צוברעקעלט, און דורכדעם איז זי ניט אימשטאַנד ניט נאָר ניט צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון די אַרבייטער, נאָר זאָגאר ניט צוריקצואוואַרפען דעם קלענסטען אָנגריף פון קאַפּיטאל געגען איהר עקסיסטענץ, און זי מוז דאדורך זיין אָנגעוויזען אויף די הילף פון דעם בורזשואזען ליבעראליזם און דער גנאדע פון די קאַפּיטאַליסטען.

בער אָף קאמערס״ (האַנדעלס קאמער) דר. מאסקאוויטש, פּאול, אייבולסאָן און אנדערע פאר די הילף וואָס זיי האָבען געלייסטעט די סטרייקער ביים אויסאַרבייטען דעם אָפּמאך מיט די בעלי בתים״.

צווייטער טייל

ערשטער קאַפּיטעל.

דער געבוי פון די אַמעריקאַנער יוניאָנס און די יורישדיקציע*)־קאַמפּען.

עס איז אמת, אַז פאַך־יוניאָנס האָבען זייער אורשפּרונג פון די סאַמע ערשטע צייטען אַן אין דער ענטוויקלונג פון דער ארבייטער באַוועגונג. עס איז זאָגאַר פאַראַן א השערה, אַז די פאַך יוניאָנס שטאַמען גאָר אָפּ פון די מיטעלאַלטערליכע צעכען. די פראגע צי דאָס איז היסטאָריש אמת אָדער נישט וועל איך איבער־לאָזען צו די פאָרשער און היסטאָריקער. דער פאַקט אָבער איז אַז האַנדווערקער־גילדעס פון מייסטערס און בעלי־מלאכות האָבען עקסיסטירט אַזוי ווייט ווי אין 18טען זאָגאַר אין 19טען יאָרהונ־דערט**). זיי האָבען גאַנץ וואַרשיינליך געמוזט האָבען א באַדיי־טענדע ווירקונג אויף די מאָדערנע יוניאָן־באַוועגונג, אין דעם ער־שטען פעריאָד פון איר אַנטוויקלונג. עס איז גאַנץ נאַטירליך, גאַנץ גלייך צי די יוניאָן־באַוועגונג וואָרצעלט אין די מיטעלאַל־טערליכע צעכען אָדער נישט, אַז די אנטשטעהונג פון וועלכע עס איז באַשטענדיגער אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע זאָל זיך אין דער פאַר־גאַנגענהייט, — ווען דער קאַפּיטאַליזם איז נאָך געווען אין זיינע וויקאָלאָד, — בילדען אין די באַגרענעצטע ראַמען פון זייער אייג־גענעם פאַך. ס'איז פשוט דערפאַר, ווייל די ארבייטער האָבען גע־

*) יוריסדיקציע מיינט: שטרייטיגקייטען צווישען די יוניאָנס וועגען דעם ווער עס האָט רעכט צו קאָנטראָלירען אָדער צו האָבען אויפזיכט איבער א געוויסען פאַך, אָדער צו פארהאנדלען, אויפצונעמען א געוויסע פראגע א. ד. ג.

**) סידני וועב אין זיין בארימטען בוך „די געשיכטע פון טרייד יוניאָניזם“ באנד I, זייט 32, שרייבט: אַז „די פּראָטעסטאַנטישע גילדעס אין ענגלאַנד האָבען זיך נישט אויפגעלעזט ביז אין יאָהר 1842“.

האט די פאר־אנגעלעגנהייטען נענטער צו זייערע לעבענס־אינטע־רעסען ווי די אינטערעסען פון די ארבייטער אין די אנדערע פא־כען, און האבען געוואוסט גענויער די צרות וואס דריקען זיי און מאכען זיי ליידען, און דערפאר האבען זיי געפרובירט זיך צוזאמענ־ריידען קודם כל מיט די ארבייטער פון דער אייגענער פאבריק, שאכט אדער פאך, כדי געמיינשאפטליך זיך באמיהען אויסצוגע־פינען וועגען און מיטלען, ווי אמבעסטען צו פארלייכטערען זייער לעבענס עקסיסטענץ דורך דער הילף פון אחדות. דאס איז געווען פיל לייכטער ווי זיך צו ווענדען צו די ארבייטער פון א צווייטען פאך אפילו אין דער זעלבער אינדוסטריע, וועלכע זיינען פאר זיי דאך פרעמדליכער, ווי די אייגענע פאך־ארבייטער.

אט דאס איז די ערשטע פארמע, וואס די יוניאנס האבען אנ־גענומען, און פון וואנענט עס האבען אנגעהויבען ארויסוואקסען די ערשטע שפראצונגען פון דער מאדערנער ארבייטער באוועגונג, וואס האט שטופענווייז ארומגעכאפט אלע יוניאנס פון אלוועלט־ליכען פראלעטאריאט. אבער דאס מיינט נאך ניט, אז אט די ערש־טע פארמע פון ארגאניזאציאן דארף שוין פארגליווערט ווערען אין איר ערשטער סטאדיע און ניט פרובירען נאכגעהן דעם פראגרעס פון דער צייט. אויב דער געדאנק, אז פאך יוניאניזם איז און דארף זיין די איינציגע פארמע פון דער ארבייטער־ארגאניזאציאן נאר דערפאר ווייל די יוניאניסטישע באוועגונג האט זיך אנגעפאנגען אנטוויקלען אויף דעם וועג; אויב דיזער אבסורד, וועלכער ווערט אויסגעקלוגט פון מאנכע קאבינעט־חכמים זאל גילטען, דאן וואלט דאך אויך רעכט געווען, אז די יוניאן באוועגונג זאל נאך אלץ טרא־גען דעם כאראקטער פון די מיטעלאלטערליכע גילדעס מיט זייערע מיסטישע צערעמאניעס ווי זיי האבען עקסיסטירט צו ענד פון 17טען און אין אנפאנג פון 18טען יארהונדערט. אויב דיזע רע־אקציאנערע מיינונג איז ריכטיג, דאן איז דאך אם פלאץ, אז מיר זאלען אויפהאלטען די „בינעזישע וואנט", וואס טיילט אפ איין יו־ניאן פון דער צווייטער ביז אין די אייבינקייט. פונדעסטוועגען זעהען מיר, אז אפילו אין דער רעאקציאנער־אפגעשטאנענער יוניאן באוועגונג פון אמעריקא (אפגערעדט שוין פון דער מעסיג־פראגרע־סיווערער ארבייטער באוועגונג פון מערב אייראפא) זיינען דאך

די פירער געצוואונגען געווען לויזער צו לאָזען די פאַרצאַמונגען פון פאַך־יוניאָניזם.

סמנים פון ברייטע אינדוסטריעלע פאַרבינדונגען צווישען די אמעריקאַנער יוניאָנס, צייגען זיך שוין פון לאַנגע יאָרען. די צענטראַלע פאַרבאַנדען, אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס און „אַמאַלגאַמיישאָנס" (צונויפשמעלצונגען) ווייזען, אַז פאַך יוניאָניזם איז ניט די איינציגע פאָרמע וואָס איז געקומען צו פאַרבלייבען אויף אייביג. אמת איז, אַז דיזע צענטראַליזאַציע אין די אמעריקאַנער יוניאָנס ווערט געמאַכט פון אויבען אַרונטער, מיט עגאָאיסטישע צוועקען, דורכגעפירט פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע, אום וואָס שטאַרקער צו באַפעסטיגען די הערשענדע מאַכט איבער די מאַסען. און עס ווערט דערביי איבערגעלאָזען די צוברעקלונג פון די פאַך־יוניאָנס מיט זייערע הונדערטע און טויזענטע „לאָקאַלען" (אָרטיגע יוניאָנס), וואָס דאָס האָט די פאַרדאַרבענדע ווירקונג אויף דער גאַנצער אַרבייטער באַוועגונג. אָבער, אַפילו די דאָזיגע ביוראָקראַטישע צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציעס זיינען דאָך פאָרט אַלגעמיינע פאַרבאַנדען פון אַן אינדוסטריעלען כאַראַקטער, וואָס אונטערשיידעט זיך זעהר פיעל פון די פרימיטיווע, באַגרענעצטע צעכען פון אַמאָל. נאָך אַלעמען קען דאָך דאָס נאַטירליכערווייזע אַנדערש ניט זיין, ווייל די היינטיגע יוניאָן באַוועגונג איז אין אַלגעמיין אַ רעזולטאַט פון דעם באַשטעהענדען קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם. אַ דאַנק דעם אומערזעטליכען אַפּעטיט פון די קאַפּיטאַליסטען נאָך רייכטום און פּראָפיט, — דעם פונדאַמענט פון עקספּלואַטאַציאָן — האָבען זיך די אַרבייטער גענומען פאַר דעם מיטעל פון זעלבסט־פאַרטיידיגונג דורך גענענזייטיגע הילף אין קאַמף פאַר זייער מענשליכען עקסיסטענץ.

די יוניאָנס, אַלס לעבענדיגע אינסטיטוציע, מוזען צוליב די „אייזערנע געזעצען פון דינאַמיקס", זיך צופּאַסען צו דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון דער צייט. ספּעציעל, ווען דער קאַפּיטאַליזם, — פון וועלכע זי איז אַרויסגעוואַקסען — האָט געמאַכט אַזוינע ריזיגע פאָרשריטע טעכניש און סאָציאַל, אַז ער האָט אינגאַנצען אָפּגעווישט אַלע שפּורען, ניט נאָר פון פעאָדאַליזם, זאָנדערען אויך פון דער איזאָלירענדער האַנטווערקעריי, פון מיטעל און קליין קאַ־

פיטאל, אנטוויקלענדיג אזא גיגאנטישע מאכט פון קאנסאלידירענ־
דע טראסטס. קורץ גערעדט, נעמענדיג אין אנבאטראכט דיזע רע־
וואלוציאניזירענדע עוואלוציע פון קאפיטאל, מוז דאך די יוניאן
באוועגונג, — אויב זי וויל זיך זעלבסט ניט פאראורטיילען צו א
לאנגזאמען אבער זיכערען אונטערגאנג, — אויך אננעמען דיזעלביגע
אינדוסטריעלע פארמען, אום צו זיין בכח אויפצוהאלטען איר קיום.
דאס איז דאך אפילו ניט אין ווידערשפרוך מיט'ן דארוויניסטישען
נאטור־געזעץ פון „קאמף פאר'ן דאזיין"... וואס אלע בורזשואזע
אידעאלאגען האבען פארטיידיגט, און פארטיידיגען נאך היינט אזוי
גלענצענד פון זייער שטאנדפונקט.

אבער וואס זעהען מיר אין דער ווירקליכקייט פון דער יוניאן־
באוועגונג אין אמעריקא? אנשטאט וואס די פירער זאלען נאכ־
שפאנען די ריזען טריט פון אינדוסטריעלען פראגרעס, וואו די
וואונדערבארע טעכנישע אנטוויקלונג פון טייל ארבייט סיסטעם
האט אוועקגעמאכט מיט כמעט אלע צווישענשיידען פון די ארביי־
טער אין די אינדוסטריעס, וואו די צוטיילונג פון דער ארבייט האט
איינפאך פארוואנדעלט די ארבייטער אין מעכאנישע טיילען פון
דער מאשין; אנשטאט וואס זיי (די פירער) זאלען ענדערען די
פארמען פון די יוניאנס, ווי די מאדערנע צייט פאדערט עס אויף
אינדוסטריעלע יסודות, אז זי זאל זיין ראוי דורכצופיהרען איהר
אויפגאבע פון עקאנאמישען קאמף מיט בעסערע רעזולטאטען און
א זיכערען ערפאלג; אנשטאט דאס אלץ האבען זיי איינגעקלא־
מערט די ארבייטער באוועגונג, ווי א „ריז אויף ליימענע פיס" אין
די אלטע, פארשימעלטע פארמען פון פאך יוניאניזם. אין אט די
פאך יוניאנס ווערט יעדער אינדוסטריע צושניטען און צוברעקעלט
אויף צווייגען, פאכען און פאכעלאך, און יעדע פאר זיך האט א בא־
זונדערע יוניאן, און עס ציילען זיך טויזענטע און טויזענטע לא־
קאלען און לאקאלאך, ווי הינער אין א שטייג, און זיי צייגען דארום
ארוים א הינערישען כח.

נעמט, למשל, אזא ריזיגען פאך ווי די בוי־אינדוסטריע. דאכט
זיך, אז דארט איז גאר ניט פאראן אזא גרויסער אונטערשיד פון
ספעציעלע צווייגען פון ארבייט. און טאקע, וואס צום ביישפיל, איז
דער אונטערשיד פון שטיין, בלוי שטיין, אדער מארמאר מויערערס?

אַדער שטיין שניידערס און טונעל אַרבייטער ? וואָס פאַר אַזא גרויסען אונטערשייד קענט איהר דאָ געפינען, אַז די אַרבייטער זאָלען דאָ ניט קענען ארויסשטעלען א פאראייניגטען פראָנט — ווי די יוניאָן ביוראָקראַטיע האָט אַזוי ליעב צו פראַזאָלאָגירען — אָרגאַניזירט אין אַן אינדוסטריעלע יוניאָן כאָטש אין איין שטאַט פון אַלע אַרבייטער צו פאַרטיידיגען זייערע אַלגעמיינע געווערקשאַפטליכע אינטערעסען געגען די פאראייניגטע כחות פון קאַפּיטאַל ? פונדעסטוועגען הערשט אין דער אינדוסטריע אַזא דור־הפלגה פון אַזוי פיל לאָקאַלען, אַז ס'האָבען זיך געדאַרפט בילדען א צענדליג אינטערנאַציאָנאַלס אום זיי אַלע אויפצונעמען. פונקט ווי אין אַלע אַנדערע אינדוסטריעס פון דער צאָלרייכער אָבער מאַכטלאָזער „אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָף לייבאָר"*)

*) אין דער „גערעכטיגקייט" פון 6טען מאי 1921, קענט איר לעזען פאָלגענדעס : „די איצטיגע יוניאָן לאַגע, סאַי אין דעם אויפבוי פון די אייזענבאַנען סאַי אין בעטריעב, איז א פאַרפלאָנטערטע. וויפיעל פאַבען, אַזוי פיעל יוניאָנס. צוערשט זיינען די טראַנספּאָרטאַציאָנס יוניאָנס — די בעקאַנטע פיער גרויסע „בראָדערהודס" פון אינזשענירען, „פייערמען", „טרייןמען" און קאָנדוקטאָרען. זיי זיינען אָרגאַניזירט נאַציאָנאַל. דאַן קומען 6 געמישטע יוניאָנס, וועלכע האָבען אויך צו טאָן מיט טראַנספּאָרטאַציע, און זיינען אויך אָרגאַניזירט נאַציאָנאַל. דאָס זיינען די יוניאָנס פון טעלעגראַפערס, סיגנאַליסטען, „קלוירקס" א. ז. וו. איצט קומען די יוניאָנס פון אַרבייטער וואָס בויען די באַהנען ; ווי שמידען, מאַשיניסטען, קעסעל מאַכער, עלעקטריק אַרבייטער א. ז. וו. יעדער אינדוסטריע איז אָרגאַניזירט באַזונדער און ווערט פאָרגעשטעלט פון א באַזונדער אינטערנײשאָנאַל. דאָס גלייכען געפינט איר ביי די אייזענבאַן יוניאָנס.

אין דער „נייע פּאָסט" פון 4טען דעצעמבער, 1914, שרייבט י. מ. בודיש, אַז „אויסער די ניט ווייניגער ווי 14 אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס אין דער בוי־אינדוסטריע פאַרמאָגען מיר אויך א וועלט מיט פאַרשידענע לאָקאַלען, וועלכע בלייבען עד היום ניט פאראייניגט מיט קיין אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָן. די ניט קוואַליפיצירטע אַרבייטער זיינען דאָ אָרגאַניזירט אין באַזונדערע אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס, ווי די קוואַליפיצירטע אַרבייטער". נאָך א ביישפּיל פון דעם זאָרט געפינען מיר אין דער מעטאַל אינדוסטריע. אין דער „פרייע אַרבייטער שטימע" פון 12טען יוני 1920 לעזען מיר, אַז אין דער אינדוסטריע הערשט ניט ווענינער „ווי 25 אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס, מיט הונדערטער לאָקאַל יוניאָנס". א. ז. וו. א. ז. וו.

אַט די צוגלידערונג און צוברעקלונג פון די אַרבייטער־כחות מאַניפעסטירט זיך אין דער גאַנצער ברייט און טיף פון דער אַר־בייטער באַוועגונג פון אַמעריקא. אַפילו אין די אידישע יוניאַנס, וואָס ווערען שוין באַצייכענט פון די פּראָפעסיאָנאַלען אַלס „ראַדי־קאַל", „מאָדערען" און „ניי־יוניאָניסטיש", וואָס פּרעטענדירען צו זיין „רייך אין פאָרטשריטליכען גייסט פון סאָציאַליזם", אַפילו דאָרט הערשט אויך דיזעלביגע צושפּליטערונג. וואָרים ווי נאָר עס קומט אין דער פּראַקטיק צו בויען די יוניאָנס, פאַרלעצען אַפילו אַט די „ראַדיקאַלען" די אינדוסטריעלע פּרינציפּען פון זייער אייגענע ראַדיקאַל־באַפאַרבטע קאָנסטיטוציעס*). דאָס איינציגע מיט וואָס זיי אונטערשיידען זיך פון די גויאישע יוניאָנס, איז וואָס די אי־דישע פירער נעמען אַן די היפּאָקריטישע „סאָציאַליסטישע" „פּרימ־בילס" (פּרינציפּען ערקלערונגען) און פאַראַדירען אונטער דעם פאַן פון אינדאַסטריאַליזם, אום צו פאַרנאַרען די אַרבייטער. זיי (די גויאישע יוניאָן פירער), בויען כאָטש זייערע פאַך יוניאָנס אָהן די דאָזיגע היפּאָקריטסטוואָ פון דער אידישער יוניאָן־ביוראָקראַטיע. מעהר נאָך, ביי די אידישע יוניאָנס זיינען נאָך די פאַכען און צוויי־גען צוטיילט און צוברעקעלט, צווייפאַכיג און דרייפאַכיג. דאָס הייסט, ווען עס געפינט זיך, למשל, א צווייג אין „קלאוק טרייד" (דאַמען מאַנטעל פאַך) פון „אָפּערייטאָרס" (מאַשין שטעפּערס) עקסיסטירען ביי דיזען צווייג דריי לאָקאַל־יוניאָנס אין איין שטאָדט. אַט די פאַנאַנדערגלידערונג הערשט כמעט אין אַלע צווייגען פון דער „קלאוק" אינדוסטריע, ביי דער זעלביגער אינטערנאַציאָנאַלער יו־

טערנאַציאָנאַלע יוניאָן. צו דעם קומען נאָך צו איינצעלנע פאַך־לאָקאַלען, וועלכע האָבען יוריסדיקציע איבער אַזאַ אָדער אַן אַנדער איינצעלנעם קליינעם פאַך".

*) „דער אַרביטער קלאַס — לעזען מיר אין דער קאָנסטיטוציע פון דער „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס אָף אַמעריקא" מוז אָננעמען די פּרינציפּען פון אינדוסטריעלען יוניאָניזם, ווייל ווען ניט וועט ער בליי־בען איביג מאַכטלאָז". דאָס גלייכען, לעזען מיר אין דער קאָנסטיטוציע פון דער „אינטערנעישאָנאַל לידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן" אין די פּרינציפּען ערקלערונג: „אַז דער איינציגער וועג ווי צו ערוואַרבען אונ־זערע רעכטע אַלס פּראָדוצירער, איז צו אָרגאַניזירען זיך אינדוסטריעל אין א קלאַסענבאַוואוסטער אַרביטער אָרגאַניזאַציאָן".

ניאן*). דאס אייגענע איז אויך אין די אנדערע אידישע יוניאנס, ווי ביי די מענער שניידער און די היטעל מאכער**) און אנד. מיט איין ווארט, דער דאזיגער גבאי פון די יוניאנס אין אמעריקא, וועלכע זיינען צופערטעלט אין א וועלט פון סעפעראטע לאקאלען, פארניכטעט דעם ארגאניזירטען כח פון די ארבייטער און פון זייערע יוניאנס, וואס זיינען בארופען צו זיין די קאמפס ארגאנען פון פאראייניגטען פראלעטאריאט. אפגערעדט שוין פון דעם פאקט, וואס דאס באשאפט א ריזיגען באאמטעטום־קלאס מיט צענדליגע „אפיסעס" (ביוראס) און הונדערטע קלויירקס, וואס פארשלינגט אומאויפהערליך א „שנאל" מיט גאלד פון הונדערטע טויזענדע דאלארס אן דעם מינדעסטען נוצען.

די דאזיגע צוריסענקייט באשאפט נאך צו דעם אלעמען די מעגליכקייט, אז ס'זאלען זיך אנטוויקלען געגענזעציגע קאנקורירענדע ארגאניזאציעס, וואו איין טייל ארבייטער פון איין און דעמזעלביגען פאך ווערט דורכדעם אויסגע־

---

*) אין דער קאָנסטיטוציע פון דער „דזשאָינט באָארד" (גענעראל קאָמיטעט) פון דער קלאוקמאכער יוניאָן אין נויאָרק קענט איר געפינען געשריבען, אז צו דער אויבענדערמאָנטער קערפּערשאפט זיינען פּאַרטראָטען דעלעגאטען פון די לאָקאלען 1, 17 און 11, וועלכע באשטעהן פון איין און דעמזעלבען „אפּערייטאר" פאַך. ענליכעס קאנט איר געפינען אין דעם „דרעס" (דאמען קליידער) פאַך, וואו עס עקסיסטירען לאָקאלען 23, 25 און 22. דאָסגלייכען ביי דעם פּרעסער פאַך, די לאָקאלען 60 און 35, א. ז. וו., א. ז. וו.

**) ביי דער אַמאלגאָמייטעד קלאָדינג וואָרקערס אָף אמעריקא" פון דער מענער קליידער אינדוסטריע געפינען זיך אין ניו יאָרק אליין צענדליגע לאָקאל יוניאָנס, וועלכע זיינען צושפּאָלטען אין דריי צווייגען פון איין און דעמזעלביגען פאך. אַזוי למשל, האָט איהר באַזונדערע לאָקאלס ביי די גרויסע רעק־מאכער, הויזען־מאכער און וועסטען־מאכער, אויך לאָקאלען ביי די קינדערשע רעק און „ניפּענטס" (הויזען) מאכער ווייטער געפינט איהר לאָקאל יוניאָנס ביי די פּריוואט רעק און הויזען מאכער. דערצו לאָקאל יוניאָנס ביי די „קאטערס" (צושניידער) א. ז. וו., א. ז. וו. דאָסזעלבע וועגען די קאפּען מאכער. מיר לעזען אין „דער פּרייע ארבייטער שטימע" פון 22טען מאי 1920, „אַז ביי די קאפּען מאַכער און „מילינערי" (פרויען היט) פאך, געפינען זיך אין נויאָרק אליין עלף (11) באזונדערע לאָקאל יוניאָנס". א. ז. וו., א. ז. וו.

זעצט צו ארבייטען ביליגער פון צווייטען טייל, און דאס דריקט אראפ דעם אנגענומענעם „סטאנדארד“ פון פרייז פאר ארבייט. צונישט מאכענדיג די מיהזאמע עראבערונגען פון די ארבייטער וואס זיי האבען זיך ערווארבען אין זייערע קאמפען מיט די קאפיטאליסטען*). זאגאר אין דער צייט ווען די ארבייטער זיינען אין סטרייק ווערען זיי געפלאגט פון דיזער יוניאן צעטיילונג. אונטער

---

*) אין יוני נומער, „לידיעס גארמענט וואָרקער“ פון 1912 לעזען מיר פאָלגענדעס: „צו דער אומצופרידענהייט פון די אַרבייטער קומט נאָך צו אן אנדער צושטאַנד אין קלאוק פאך. דאָס איז די אנטוויקלונג פון צוויי (2) יוניאָנס אין דעמזעלביגען צווייג אין נויאָרק. מיר מיינען לאָקאל 1 און 17. (דער שרייבער האָט פארגעסען פון דריטען לאָקאל 11 מ. ר.) די מיטגלידער פון צווייטען לאָקאל מאכען דעם מאנטעל איבגאנצען פערטיג ביים מאַשין און נאָך פאר א קלענערען פרייז ווי די מיטגלידער פון לאָקאל 1. עס קומט אויס פאר די מיטגלידער פון לאָקאל 1 צו קאָנקורירען מיט די מיטגלידער פון לאָקאל 17, ווען די ערשטע ווילען מאכען א לעבען“.

וועגען נאָך א ביישפיל פון דעם זאָרט לעזען מיר אין דער „גערעכטיגקייט“ פון 10טען דעצעמבער 1920, אין דעם באריכט פון די „דזשאָינט באָארד“ פון די „וויסט און דרעס“ אינדוסטריע. דאָרט ווערט באריכטעט: „אַז א קאָמיטע פון ארבייטער, פון דער „נויאָרק דרעס ענד פריוואט קאָמפּאַניע“ ערשיינט פאר דער גענעראל קאָמיטע און ערקלערט, אַז זייער בעל הבית שיקט אַרויס די אַרבייט צו מאכען אין א פאַבריק, וועלכע איז אונטער דער אויפזיכט פון לאָקאל 23, וואו מען מאכט די אַרבייט פאר ביליגער. ברודער האָכמאן, בעאמטער פון דער יוניאָן, ערקלערט, אז ער האָט געמאכט א פארזוך, אז די אויבענדערמאָנטע פאבריקען זאָלען קאָנטראָלירט ווערען פון איין געשעפטס אגענט פון דער יוניאָן, נאָר ער האָט ניט געהאט קיין ערפאָלג אין דעם.“

אַ דריטען פאקט פון דעם מין געפינען מיר אין דער „גערעכטיגקייט“ פון 17טען דעצעמבער 1920, וואו עס ווערט געשריבען: אַז „ס'איז אַ פאַקט, דאָס די מינימום נאָרמע פון די „דרעס“ מאַכער אונטער דעם קאָנטראָל פון דער קלאוקמאכער „דזשאָינט באָארד“ איז איצט 50 דאָלאר א וואָך, און אין „דרעס“ פאבריקען, וואו מען ארבייט פון שטיק, ווערען די פרייזען באשטימט אויף דער נאָרמע. ביי לאָקאל 25, וואו מען אַרבייט אויך „דרעסעס“ (פרויען קליידלאך) איז דער מינימום פון פרייז א סך א קלענערער“.

וועגען נאָך א פאקט פון יוניאָן־קאָנקורענץ אין די „אמאלגאמייטעד

דעם אויסרייד, אז די אַרבייט פון איין לאָקאל יוניאָן באַלאַנגט ניט צו דעם אַנדערען לאָקאל־יוניאָן וואו די אַרבייטער סטרייקען. דאָס איז דער שטענדיגער פאַל מיט די רעגען־מאַנטעל מאכער יוניאָן לאָקאל 20. (פון דער „אינטערנעישאַנאַל ליידיעס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן") וועלכע אַרבייטען אימער אין דער צייט, ווען די „קלאָוקמאכער" סטרייקען, ביי דער זעלבער אַרבייט, אונטער דעם אויסרייד אַז דאָס איז „גאַרבאַדין"־וואַרע. אָדער דאָס איז דער צווייטער שטענדיגער פאַל מיט דער קינדער־מאַנטעל מאַכער יוניאָן לאָקאל 17. די בעלי בתים נוצען זיי אויס ביי יעדען גענעראַל־סטרייק, פאַרענדיגענדיג שנעל דעם קאַמף מיט זיי, כדי צו קריגען די אַרבייט גיכער און ביליגער געמאַכט אויף דעם חשבון פון די איבעריגע סטרייקענדע אַרבייטער פון זעלביגען פאַך. עס קומט אַלזאָ אויס, אז זיי אַלס יוניאָנס ברעכען די סטרייקס פון די אַנדערע יוניאָנס.*)

יוניאָן" לעזען מיר אין די „פרייהייט" פון 22טען מאי 1922 פאָלגענדעס:

„עס האָבען פּאַסירט פעלע, ווען כדי צו פאַרהיטען די אָרגאַניזאַציע, האָט לאָקאל 169 גערופען סטריקס. ווען דער לאָקאל האָט פאַרלאַנגט פון לאָקאל 19 אָפּצוסטאַפּען די ניע פענטס מייקערס, איז געווען דער ענטפער, אַז איהם אינטערעסירט ניט יענער שאַפּ, און אויב לאָקאל 169 וויל, זאָל ער אליין אַרונטערנעהמען און פינאַנסירען אויך די ניע פענטס מאַכער. עס האָט אויך געטראָפען, אז איינער פון די צוויי לאָקאלס האָט גערופען שאַפּ סטרייקס, אָדער א דזשענעראל סטרייק, ניט אָנפרעגענדיג דעם צווייטען און דערפון האָבען אלע געליטען."

*) אין אָפיציעלען יערליכען באַריכט פון דער „קלאוק אָפּערייטאָרס יוניאָן לאָקאל 1, זייט 25, שרייבט דער מחבר פון דעם בוך פאָלגענדעס: „דאָס אומגליק פון פיעלע לאָקאל יוניאָנס פון איין פאַך אין איין שטאָט האָט זיך אַרויסגעצייגט אין „קלאָוקמאכער" סטרייק פון 1916. דער פאקט, וואָס די גרעסטע פאַבריקאַנטען ווי וויינשטיין ברידער, וויינשטיין און קליפּשטיין און אַנדערע גרויסע פירמעס פון די ביליגע אַרבייט זיינען געלאָפען שליכטען און פאַרענדיגען דעם סטריק מיט לאָקאל 17, איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבען געוואוסט אז זיי וועלען קריגען ביליגער געמאַכט די אַרבייט, פונקט ווי בעפאָר דעם גענעראַל סטרייק, אין דער זעלביגער צייט ווען די טויזענדע אַרבייטער פון צווייטען גרויסען

לאָקאל 1 איז נאָך אויסגעקומען אין דעם זעלבען פאַך דורכדעם מעהרערע וואָכען צו סטרייקען און ליידען"...

אינ'ם זעלביגען גענעראל סטרייק צווישען די „קלאוקמאכער יוניאָן" און די בעלי בתים, האָבען זיך פיעלע סטרייקער שטענדיג באַקלאָגט פאר דער סטרייק קאָמיטע, „אז אין פיעלע פאַבריקען, וואָס שטעהען אונטער די „יוריסדיקציע" פון די „רײן קאוט מייקער יוניאָן לאָקאל 20" ווערט געמאכט „סקעב" אַרבייט פאר סטרייקענדע פירמעס, מיט'ן הכשר פון דער אויבענדערמאָנטער יוניאָן, אונטער'ן תרוץ אז די אַרבייט באַלאַנגט צו זייער „יוריסדיקציע" און אַז דאָס איז נישט קיין „קלאוקס".

אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס די יוניאָנס זיינען אזוי, עקסיסטירט צו דער זעלבער צייט נאָך דער זאָנדערבארער איבעל פון ביוראָקראטישע צענטראַליזאציע, און דיזע לאָקאל יוניאָנס קענען ניט — ווי שוין פיעל מאָל אנגעוויזען — זעלבשטענדיג אָנפירען די קאמפען געגען זייערע אונטערדריקער, ווייל זיי מוזען אלע מאָל אָנקומען נאָך אזא הכשר צו דער מאָנאָפּאָליע פון די צענטראַלע קערפּערשאפטען, וואָס ווערען קאָנטראָלירט פון די ביוראָקראטישע פּרעזידענטען און סעקרעטערע. דאָס הייסט, די איינציגע מעגליך גוטע אייגענשאַפט פאר אוטאָנאָמישע קאמפּס-טעטיגקייט פון די לאָקאל יוניאָנס, וואָס וואָלט דאָך געקאָנט ווירקען, ווי אַן „אאזיס אין דער מדבר", איז פון דיזע צורינסענע און אָפּגעשוואכטע גלידער פון דער אַרבייטער באוועגונג אויך אוועקגערויבט געוואָרען. נאַטירליך איז דאָס געטאָן געוואָרען מיט'ן אבזיכט, אז די שטעלונג פון די לאָקאלע יוניאָנס זאָל ניט סותר זיין דער צוּרבּרעכענער טאַקטיק פון גאָמפּערסיזם, און דורכדעם נישט קאָנען קלאסטיש אויסאיבען די סאָלידארישע מאכט אין קאמף געגען קאַפּיטאל.

אויסער דיזע איבלען האט דער אָפּגעזונדערטער, קלייזעלדיגער יוניאָניזם בכלל פארניכטעט יעדען איינינקייטס-געפיל דורך דעם אנטאָגאָניזם צווישען די לאָקאלס א דאנק יעדענס לאָקאל-פּאטריאָטיזם. און דאָס שפּיגעלט זיך אָפּ ניט נאָר ביי איין אַרבייטער געגען דעם צווייטען אין די יוניאָנס, נאָר אויך אין די פאַבריקען.

ווען עס קומט אוים אמאָל בייצואוואָהנען א יוניאָן מיטינג פון א געוויסען פאַך פון איין און דערזעלבער אינדוסטריע, קענט

איהר, למשל, הערען אַ רעדע פון דעם יוניאָן בעאַמטען, ווי ער לויבט ביז'ן הימעל אַריין די אינטעליגענץ און צילבאַוואוסטזיין פון די מיטגלידער פון ז י י ן לאָקאַל יוניאָן. פון דער צווייטער זייט אבער הערט איהר אַ צופלאַמטע, שאָווינסטישע אויפהעצונג געגען די ארבייטער פון דעם אנדערען לאָקאַל־יוניאָן, ווי ער מאָלט שוואַרצע בילדער, ווי זיי רייסען אַרויס דעם „ביסען פון מויל" פון זיינע יוניאָן לייט, א. ז. וו. עס געהט מאַנכעס מאָל אַזוי ווייט מיט דעם אויפגעבלאָזענעם האַס, אַז די אַרבייטער פאַנגען אָן אַן אָפענעם קאַמף איינער געגען דעם צווייטען אין די פאַבריקען. אַזאַ פאַל איז געווען מיט דער העצע פון די פירער אין דעם שניידער לאָקאַל 9 פון דער „קלאָוקמאַכער" יוניאָן אין יאָר 1913, ווען זיי האָבען אָנגערייצט די אַרבייטער געגען די מיטגלידער פון לאָקאַל 1, אַז זיי נעמען ביי זיי צו די אַרבייט מיט'ן מאַכען דעם מאַנטעל אויפ'ן מאַשין, וואָס איז פריהער געמאַכט געוואָרען ביי דער האַנט. אָבער דאָס איז ניט אַלעס. די שטערונג פון פאַך־יוניאָניזם פאַר דער געגענזייטיגער הילף אין סאָלידאַריטעט פון די אַרבייטער, איז אומ־געהייער גרויס, ווייל יעדער לאָקאַל־יוניאָן, מוזט איהר וויסען, האָט זיין געשלאָסענעם אָפּמאַך מיט די בעלי בתים, וואָס ענדיגט זיך אין פאַרשידענע צייטען. אויב עס ברעכט אויס אַ סטרייק אין אַ פאַבריק, צווייג, אָדער פאַך פון איין און דער זעלבער אינדוסטריע, קענען די אַרבייטער. (אויב זיי זיינען שוין וויליג) פון דעם צוויי־טען צווייג, אפילו געגען דעמזעלבען בעל הבית ניט אַרויסטרעטען אין אַ סימפּאַטיע סטרייק צוליב די אויבענדערמאַנטע אורזאַך פון באַזונדערען אָפּמאַך. וואָס ענדיגט זיך אין אַן אַנדערע צייט און וואָס מוז „הייליג" אָפּגעהיט ווערען. און אַזוי האָט שוין אומצעליגע מאָל פּאַסירט, אַז נישט נאָר זיינען סטרייקס פערלאָרען געגאַנגען, זאָנדערען אויך פּיעלע יוניאָנס זיינען פאַרניכטעט און צושמע־טערט געוואָרען*)

---

*) אין בעצוג צום גענעראַל סטרייק ביי די נויאָרקער שטאָטישע אייזענבאַנען פון דער „אינטערבאָראָ קאָמפּאַניע" שרייבט די „צוקונפט" פון אָקטאָבער 1916 פאָלגענדעס: „נישט נאָר די ניט אָרגאַניזירטע אַר־בייטער, וועלכע האָבען געבראָכען דעם סטרייק, זיינען שולדיג אין פאַר־לאָרענעם סטרייק, נאָר אויך די אָרגאַניזירטע, ווייל אַ גרויסער טייל

מיט דיזען פלאג ענדיגען זיך נאך ניט די צרות. דער סעפּאַראטיזם פון דיזע צושפּליטערטע פאך יוניאָנס באשאפט א גינסטיגען באדען פון אומגליקליכע רייבונגען און קאָנפליקטען צווישען די בעאמטע פון די פארשידענע ארטיגע יוניאָנס און די יוריסדיקציע־קאמפען, וואָס זיינען אן אייביגע און שרעקליכע קללה אין דער ארבייטער באוועגונג פון אמעריקא. די מאניע, אז די אַדער

(אויב ניט אלע) פון די לאָקאָמאָטיוו אַרבייטער באַלאַנגען צו דער לאָקאָמאָטיוו־יוניאָן, די רעאקציאָנערסטע און עגאָאיסטישע פון אלע אמעריקאנער יוניאָנס — פארוואָס מען האָט פריער פאר אלעמען, ניט אויפגעפאָדערט יענע יוניאָן, אַז זי זאָל אַרויסרופען אין סטרייק די לאָקאָמאָטיוו אַרבייטער, איבער דעם שווייגט די געשיכטע. וואַרשיינליך האָט מען אין פאָראויס געוואוסט אז דאָס וועט ניט העלפען".

וועגען נאָך א ביישפּיל לעזען מיר אין „פאָרווערטס" פון 27טען יולי 1917. „אַז די „סוויטשמען" (סיגנאַליסטען) פון דער „בראָדערהוד אָף טרוינמען" (ברודערשאפט פון די אייזענבאַן אַרבייטער) האָבען זיך אנטזאגט פון סימפּאַטי סטרייק מיט זייערע מיטאַרבייטער, וועלכע זיינען אין א סטרייק פון די „סוויטשמענס יוניאָן אָף נאָרד אמעריקא", ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ביידע באלאנגען צו איין אינטערנאַציאָנאלער יוניאָן פון דער „אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָף לייבאר".

אין דער „צייט" פון 5טען סעפּטעמבער 1920, לעזען מיר וועגען נאָך א פאל פון דעם זאָרט: „נאָך דעם ווי די אַרבייטער זיינען שוין א לאנגע צייט געשטאַנען אין סטרייק געגען די שטאָטישע אייזענבאַנען ביי די „בי אָר טי" אין ברוקלין, נויאָרק, און נאָך דעם ווי פּרעזידענט מאַהאָן האָט זיך געווענדעט צו די יוניאָנס פון די אנדערע אַרבייטער, אַז זיי זאָלען אַרויס אין א סימפּאַטיע סטרייק, האָבען די עלעקטריק אַרבייטער — ווי מיר לעזען ווייטער — באשלאָסען ביי זייער א יוניאָן מיטינג ניט אַרויסצוגעהן אין קיין סימפּאַטיע סטרייק צו העלפען די סטרייקערס געווינען דעם קאמף געגען די באַן מאַגנאַטען". דער רעזולטאָט איז נאַטירליך געווען, אז דער סטרייק איז פארלאָרען און די יוניאָן איז פארניכטעט געוואָרען.

וועגען נאָך א ביישפּיל לעזען מיר אין דעם זעלבען נומער די „צייט", אַז נאָכדעם ווי דער סטרייק פון די „פּוינטערס" (מאָליארעס) האלט שוין עטליכע וואָכען, קומט אַרויס דער סעקרעטער ד. גלענדע און ערקלערט אז די געפאר פון א סימפּאטיע סטרייק אין די בוי־פאכען איז באזייטיגט געוואָרען דורך א באשלוס פון דיזע יוניאָנס, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט די סטרייקערס אין איין און דעמזעלבער אינטערנאַציאָנאלער יוניאָן".

יענע יוניאָן האָט דאָס רעכט צו קאָנטראָלירען דעם אָדער יענעם צווייג, און אַז דער אָדער יענער פאַך דאַרף באַלאַנגען צו דער יוניאָן האָט שוין געבראַכט אַזוי פיל קרבנות, אַז מען וואָלט געקענט פּראָפּאָרציאָנעל צוגלייכען דיזע קרבנות פון די יוניאָן־קאַמפּען מיט די אָפּפער פון קלאַסען קאַמף געגען קאַפּיטאַל. ניט נאָר וואָס מען רייסט זיך אַרום אויף די יוניאָן מיטינגען און אין די פאַבריקען. נאָר דער האַס און צאָרן צווישען די פירער איז אַזוי גרויס, דאָס איין יוניאָן זוכט די צווייטע איינפאַך צו פאַרניכטען*). מען קומט אָבער ניט אָפּ מיט'ן בלויזען וואונש, נאָר עס פאַרגעהט אַזוי ווייט אין די שטרייטיגקייטען, אַז מען טרעט אַרויס אין אָפּענעם קאַמף מיט אָרגאַניזירטער סטרייקברעכעריי, און דאָס פירט אין לאַנגען רעזולטאַט צו דעם, אַז די באַטרעפענדע אָרגאַניזאַציעס ווערען אָפּגעשוואַכט ביז צום אונטערגאַנג**).

---

*) די פּוינטערס (מאַליאַרעס) יוניאָן איז אַזוי שטאַרק פאַרהאַסט, — שרייבט די „צייט" פון 25טען סעפּטעמבער 1920 — ביי די פירער פון די בוי־פאַך צענטראַלע, דאָס ווען זיי וואָלטען געקאָנט, וואָלטען זיי שוין לאַנג די „פּוינטערס" יוניאָן דערדריקט. זיי זוכען בלויז די געלעגענהייט זיך אַרויפצוואַרפען אויף איהר אין רוקען און פאַרניכטען זי".

**) אין דער „פריע אַרבייטער שטימע" פון 7טען נאָוועמבער, 1914, לעזען מיר פאָלגענדעס: „אין 1911 האָט זיך געגרינדעט ביי די אידישע „פּוינטערס" א באַזונדערע יוניאָן: די „אינטערנאַציאָנאַל פּוינטערס יוניאָן". דיזע יוניאָן, ניט האָבענדיג די סאַנקציע פונ'ם „נויאָרק דיסטריקט קאַנסיל" פון די „בראָדערהוד אָף פּוינטערס, דעקאָרייטאַרס און פּייפּער הענגערס אָף אַמעריקא", האָט זיך געשטעלט די דאָפּעלטע אויפגאַבע: ערשטענס, צו פירען איהרע קאַמפען צו פאַרבעסערען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון די אַרבייטער, און צו ווערען אַנערקענט פון דער אויבענדערמאָנטער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. די צווייטע אויפגאַבע האָט זי זיך געשטעלט דערפאַר, ווייל עס זיינען געווען — לעזען מיר ווייטער — געגוג פאַלען, וואו מיטגלידער פון איין יוניאָן האָבען מיט ביכלאַך אין קעשענע געבראָכען די סטרייקס דאָרט וואו מיטגלידער פון דער צווייטער יוניאָן האָבען געסטרייקט".

ווענען נאָך א ביישפּיל לעזען מיר אין „פאָרווערטס" פון 22טען סעפּטעמבער 1918: „אייגענטליך איז דאָס א יוריסדיקציע־סכסוך. די „בראָדערהוד אָף קאַרפּענטער (טישלערס) יוניאָן" האָט אָרגאַניזירט א לאָקאַל יוניאָן פון מאַשין טישלער". ווען דער נייער לאָקאַל איז אָרגאַניזירט געוואָרען, האָבען אָבער טישלערס, וואָס אַרבייטען ביי דער מאַשין

נאַטירליך ווען עס ווערט אָנגעפירט אזא פערמאנענטער פארניכטונגס־קאמף פון איין אַרבייטער אָרגאַניזאַציע געגען די צווייטע אויף דער גאַנצער ליניע פון דער ארבייטער באַוועגונג, קען מען שוין לייכט באגרייפען ווי אזוי די אינערליכע קראפט פון דער אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט קען זיך פאַרשטאַרקען און באַפעסטיגען. אנשטאט וואָס דער גייסט פון ברידערליכקייט און סאָלי־

ניט געוואָלט אָנשליסען זיך אין נייעם לאָקאל. עס איז זיי בעסער געווען צו זיין אין אלטען לאָקאל. האָט זיך דערפאר אָנגעפאנגען א מלחמה. פרעזידענט האטשעסאָן האָט באַפוילען דעם אלטען לאָקאל 697 ער זאָל צווינגען זיינע מיטגלידער, מאַשין טישלער, אָנצושליסען זיך אין נייעם לאָקאל. אבער ניט אלע האָבען זיך אָנגעשלאָסען. אפילו דער אלטער לאָקאל האָט זיי געהייסען. דערפאר איז דער אלטער לאָקאל אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פארבאנד, און דער קאמף האָט זיך צופלאַקערט".

אַ דריטער פאל איז דער קאמף צווישען די „קאַפּען מאכער יוניאָן פון נויאָרק", מיט די „יונייטעד העטערס יוניאָן אָף נאָרד אמעריקא", וועלכער ציהט זיך שוין א פּאָר יאָר, צוליב אן אנטשיידונג, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דעם 5טען מערץ 1915 מיט דער צושטימונג פון דער „א. פ. אָף ל.", אַז די שטרוי היט אַרבייטער זאָלען באַלאַנגען צו די „יונייטעד העטערס". די ערשטע, פאר ניט וועלען נאָכקומען דער אנטשיידונג, איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער „אַמעריקאן פעדערײשאָן אָף לייבאר", ווי מיר לעזען דאָס אין די „קאָלל" פון 10טען אויגוסט, 1920. די אורזאכע פון דיזען שטריט, — שרייבט י. מ. בודיש אין „פאָרווערטס" פון 10טען פעברואר 1919 איז פאָלגענדע: „אום בעסער צו פאַרשטעהן די לאגע מוז מען וויסען, אז די „יונייטעד העטערס" זיינען מעהר ווי וועלכע עס איז אָרגאניזאַציע געווען ערפאָלגרייך אין דער דורכפירונג פון דעם סאמען אויסגעהאַלטענעם קאָנסערוואטיווען פאַך יוניאָניזם. זיי האָבען זיך ארומגעצאמט מיט אַזוי פיל צאמען און געמאַכט דאָס אריינטרעטען אין זייער יוניאָן אזוי שווער, אַז זיי זיינען פאקטיש פאַרגליווערט געוואָרען, און זייט דעם יאָר 1903, פאר די לעצטע 14 יאָר, זיינען זיי געבליבען ביי די זעלבע 8500 מיטגלידער, ניט אויף מעהר, ניט איינער ווייניגער. זיי האָט זיך פאַקטיש איינגעגעבען ערפאָלגרייך צו באַגרעניצען דעם אָנבאט פון יוניאָן „העטס" אין דעם מענערשען פילץ־היט פאַך. דער רעכנונג איז געווען א פשוט'ער: די נאָכפראגע אויף „געליובעלטע פילץ־היט ווערט מוזען וואקסען. די אַרבייטער באַוועגונג, וואָס שטיצט דעם „לייבעל" וואקסט אלץ גרעסער און גרעסער. צוזאמען דערמיט וואָלט פון איין זייט געדארפט וואקסען די נאָכ־

דאַריטעט זאָל זיך פאַרשפּרייטען וואָס ברייטער אין די רייען פון די יוניאָן, אנשטאָט אויסצושמידען אן אייגהייטליכע קאמף־אָרגאַניזאַציע און אנטקעגען קומען איינע די צווייטע מיט געגענזייטיגער הילף, כדי די אייניגקייטס געפילען צו פאַרטיפען; אנשטאט דאָס אַלץ, באַשאַפט דיזער אייביגער „יוריסדיקציע"־קאמף צווישען די יוניאָנס אַזאַ פאַרשאָלטענעם מיסטרויען און חשד, וואָס דרינגט

פראגע אויף יוניאָן היט. אָבער אַזוי ווי די צאָל יוניאָן פילץ־אַרביי־טער איז פאר די לעצטע 14 יאָר פארבליבען כסדר איינע און דיזעלבע: 8,500, און די נאָכפראגע אויף יוניאָן היט האלט אין איין וואקסען, וואָלט לויט דעם חשבון די „יונייטעד העטערס יוניאָן" געדאַרפט האָבען א געלעגענהייט צו געווינען די בעסטע באדינגונגען פאר זייערע מיט־גלידער אָהן א קאמף, זאָגאר אָהן דער ספּעציעלער איבערגעבענהייט און באגייסטערונג פון זייערע אייגענע מיטגלידער, בלויז אלס מעכאַנישער רעזולטאַט פון דעם באַקאַנטען „אייזערנעם געזעץ וועגען נאָכפראגע און אָנבאט" אויף דעם ארבייטער מארק. די רעזולטאַטען אין פּראקטישען לעבען זיינען אבער אנדערש ווי אין דער טעאָריע. היינט צוטאָג זיינען געגען די 8,500 מיטגלידער פון די „יונייטעד העטערס" פאראן אין פאַך דריי מאָל אַזוי פיעל (25,000) ניט אָרגאַניזירטע היט אַרבייטער". און טאקע די „קאפּען מאכער יוניאָן" האָט איבערגענומען צו אָרגאַניזירען אונטער איר אויפזיכט, וואָס די „יונייטעד" וויל זיי גרייטערהייט צו־ריקנעמען צו זיך, נאָכדעם ווי זי האָט אַרויסגעגעבען די אויבענדער־מאָנטע אנטשיידונג מיט דער גוטהייסונג פון די „א. פ. אָף ל." האָט זי ־עם קאמף פאַרצויגען אויף יאָרען און יאָרען.

וועגען אן ענליכען יוריסדיקציע־קאמף צווישען די „אמאלגאמיי־טעד קלאָדינג וואָרקערס אָף אמעריקא" און די „יונייטעד גאַרמענט וואָר־קערס", וואָס ציהט זיך שוין זינט דעם יאָר 1914, לעזען מיר אין דער „צייט" פון 14טען דעצעמבער 1920, פאָלגענדעס: „אין יעדען קאמף האָבען די אָרגאַניזירטע מענער שניידער פון די „אמאלגאמייטעד" צו באַ־געגענען די פאראייניגונג פון די פאַבריקאַנטען מיט די פירער פון די „יונייטעד", וועלכע האָפען נאָך צוריק צו געווינען די ממשלה איבער די אַרבייטער. אין נויאָרק מאָביליזירען די „יונייטעד" פירער זייערע קרעפטען. נעכטען איז באַקאַנט געוואָרען, אז זיי האָבען אויף גיך איינ־בארופען אין נויאָרק א קאָנפערענץ פון זייערע אגענטען אין אנדערע שטעט, און דער איינציגער אבזיכט פון דיזע קאָנפערענץ איז געווען ווי צו באַקעמפען די „אמאלגאמייטעד", וואָס דאָס הייסט, ווי אַרויסהעל־פען די פאַבריקאַנטען אין זייער קאמף פאר צוריק איינפירען שטיק אַר־בייט און אנדערע פאָדערונגען".

דורך די רייהען פון די ארבייטער, אז דער געפיהל פון אחדות ווערט איינגאַנצען אויסגעוואָרצעלט און פארשוואונדען. דערפאר טאַקע איז דער היגער באַדען פון דער ארבייטער באַוועגונג אזא זומפּיגער און צופּיילטער, וואו עס געהן אונטער און עס קומען אויף אזוי פיעל יוניאָן אָרגאניזאַציעס, וועלכע האָבען אלע אין לאנגען רעזולטאַט קיין קיום נישט.

וועגען א גרויסען יורסדיקציע קאַמף, וואָס האָט זיך אנטוויקעלט אין דער מעטאַל־אינדוסטריע לעזען מיר אויך אין דער „פרייע אַרבייטער שטימע“ פון 12טען יוני 1920 פאָלגענדעס: „איינע פון די הויפּט פּראָגען אויף דער 40טער קאָנווענציע פון דער „א. פ. אָף ל.“ אין מאָנטרעאל, קענעדע, איז די רעאָרגאניזירונג פון די פינף הונדערט טויזענד אייזען־ און שטאָל ארבייטער אין אמעריקא. די נאַציאָנאלע קאָמיטע איז לעצטענס געשטערט געוואָרען אין איהר אַרבייט דורך דעם וואָס איינע פון די 25 אינטערנאַציאָנאלע יוניאָנס, וואָס האָבען צוזאמענגעשטעלט די קאָמיטע, נעמליך: די „אמאלגאמייטעד אסאָסיאציע פון אייזען, שטאָל און בלעך ארבייטער“ האָט זיך צוריקגעצויגען פון דער קאָמיטע מיט דער טענה פון יורסדיקציע אויף 50 פּראָצענט פון די אַרבייטער אין דער אינדוסטריע. די אנדערע פון די 24 אינטערנאַציאָנאלע יוניאָנס פון אייזען אַרבייטער, מאַשיניסטען, אינזשינירען און עלעקטריק אַרבייטער א. ז. וו. וועלען אין דעם אויך ניט שווייגען“.

וועגען אן ענליכען ביישפּיל לעזען מיר אין אן עדיטאָריעל פון „קאמף“ פון 17טען יוני 1921 פאָלגענדעס: „צוליב א יורסדיקציע קאמף וואָס איז געפירט געוואָרען צווישען די „יונייטעד בראָדערהוד אָף קאַרפּענטערס“ און דער „שיט מעטאל וואָרקערס יוניאָן“ (פון בלעך אַרבייטער) ביי וועלכע די ערשטע האָבען פארלאָרען נאָך אן ענטשיידונג פון די „באָארד אָף דזשוריסדיקשאָנאל אווארדס“ צו די לעצטע און זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען, האָט מען די דעלעגאטען פון די „קאַרפּענטערס יוניאָן“ וועלכע האָבען פארטראָטען 325 טויזענד מיטגלידער, אַרויסגעוואָרפען פון די „פעדערײשאָן קאָנווענשאָן“ אין דענווער אין יאָר 1921“.

פון נאָך א פאקט וועגען די „דזשוריסדיקשאָן“ קללה וואָס איז געווען איינע פון די אורזאכען אינ'ם בלוט־באָד אין מיינער סטרייק אַרום העריז, איליגאָי, לעזען מיר אין די „פרייהייט“ פון 24טען דזשון 1922, פאָלגענדעס:

„ס'רוב פון די פארוואונדעטע און גע'הרג'עטע מיינערס זיינען געווען מיטגלידער פון די סטים־שאָוועל יוניאָן. די דאָזיגע יוניאָן איז צוליב א „דזשורישדיקשאָן“ פראגע אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער אמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. זיי האָבען זיך דאריבער אָפיציעל

די ווערטלאָזיגקייט פון פילע אמעריקאַנער יוניאָנס שפּיגעלט זיך אָמבעסטען אָפּ — אויסער אין זייער אינערליכער מאַכטלאָזיג־קייט אין צעקראָכענע טאַקטיק, אין קאַמף פאַר זייער עקסיסטענץ און די אָפּטע אויפרופען צו די אַרבייטער פון איין יוניאָן געגען דער צווייטער. פּונקט ווי אויפ'ן פעלד פון האַנדעל און געשעפט איז אַנטוויקעלט דאָס רעקלאַמע־סיסטעם, כדי אַריבער צו יאָגען אין קאָנקורענץ אויפ'ן קאַפּיטאַליסטישען מאַרק מיט געפעלשעווע־טע סחורה איינעם דעם צווייטען, אַזוי קענט איהר פיל מאָל לעזען יעדען „מאָנטאַג און דאָנערשטאַג" פאַרשידענע רעקלאַמעס, אַז יענע יוניאָן איז די פאַלשע, וואָס פאַראַט די אַרבייטער, און די יוניאָן איז די בעסטע וואָס האָט פאַרטיידיגט און וועט פאַרטיידיגען בע־סער די אינטערעסען פון די „יוניאָן לייט", ווי די געגנערישע יו־ניאָן, אויב די אַרבייטער וועלען זיך נאָר ניט לאָזען אַריינגנאַרען צו יענע „פייקערס" (שווינדלער) „און זיך אָנשליסען צו אונזער יוניאָן אין גרויסע מאַסען"*)

ניט גערעכענט אין סטרייק. זיי האָבען געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט דער עקזעקוטיווע פון די „יונייטעד מיין־וואָרקערס" וועגען אַן ערלוי־בעניש צו אַרבייטען אין די מיינס, וואו קיין האַנט־אַרבייט ווערט ניט באַנוצט און פון וואַנען די קוילען ווערען ניט אַרויסגעפיהרט. דער אָפיס פון די מיין־וואָרקערס באַהויפּטעט, אַז ער האָט זיי די ערלויבעניש ניט געגעבען. די סטים־שאָוועל יוניאָן ווידער, באַהויפּטעט, אַז די בעלי־בתים פון דער מיין האָבען זיי פאַרזיכערט, אז די ערלויבעניש איז דאָ".

*) אין „טאָג" פון 11טען אויגוסט 1916 קענט איהר געפינען דעם פאָלגענדען אויפרוף: „פריינדע! דער קאַמף פונ'ם נויאָרקער דיסטריקט קאָנסול פון די קאַרפּענטערס" מיט אונזער „יונייטעד בראָדערהוד" איז ניט צוליב אייערע אינטערעסען, ווייל אין אלע פאַלען שטעהען זיי אויף דער זייט פון די בעלי בתים. דאָס איז א קאַמף פאַר זייערע שיסעל־איג־טערעסען. דער גענעראל פּרעזידענט האַנדעלט לויט דער קאָנסטיטוציע פון דער „בראָדערהוד". ער האָט איצט אַרויסגעגעבען „טשאַרטערס" (באַ־שטעטיגונגס־פּאַפּירען) צו די לאָקאַלען 329, 376 און צו לאָקאַל 50, און נאָך אייניגע. צי קען מען אונז אָנרופען סטרייקברעכער? ניין, מיר זיי־נען די אמת'ע „בראָדערהוד". דאַריבער רופען מיר אלעמען זיך אָנצו־שליסען אָן אונזער יוניאָן. אונזער „אָפיס" (ביורא) געפינט זיך אין 98 פאָרסייט סטריט. קומט אין מאַסען און ווערט מיטגלידער פון אונ־זער מעכטיגער „בראָדערהוד", וואָס וועט פאַרבעסערען אייער עקאָנאָמישע

ווען די יוניאן ביוראקראטיע רעדט פון יוניאן לייט, געברויכען זיי נישט דיזען טערמין אום צו באצייכענען די ארבייטער אלס מיטגלידער פון זייער קאמף ארגאניזאציאן, וועלכע זאלען פריוויליג העלפען ווי ציעלבאוואוסטע קעמפער צו טראגען די לאסט פון קאמף און מיט די דעה פון פולבארעכטיגטען בירגער. זיי מיינען דערמיט נאר אזוינע ארבייטער, וואס צאלען זייערע בייטרעגע פונקט ווי יעדער אנדערער מוז דאס געצוואונגענערהייט צאלען, ווען ער וויל ניט ווערען בלאמירט אלס א סטרייקברעכער. דער ארבייטער איז פונקט ווי א קאנסומער, וועלכער איז געצוואונגען צו גיבען דעם טייערען פרייז פאר די שלעכטע סחורה, ווייל ער קען דאס אין א צווייטען געשעפט ביליגער ניט קריגען.

אלזא, צוליב דעם דאזיגען דור הפלגה וואו די יוניאנס זיינען פון סאמע פונדאמענט אוים געבויט פון טויזענטער באזונדערע לאקאלען אין יוניאנלאנד, וואס האבען צוטיילט און צושפאלטען די

לאגע. אונטערגעצייכענט — פרעזידענט און די קאמיטע פון לאקאל 376 פון דער יונייטעד בראדערהוד".

א צווייטען אויפרוף געפינען מיר אין „פארווערטס" פון 26טען סעפטעמבער 1918, וואס לעזט זיך ווי פאלגט: „מיר ווענדען זיך צו די ארבייטער און ווילען זיי באקאנט מאכען מיט די האנדלונגען פון אן אפאזיציאנס יוניאן, וועלכע פאראדירט אונטער'ן נאמען „די יונייטעד שוה ווארקערס יוניאן" (יוניאן פון שיך ארבייטער). די „בוט און שוה ווארקערס יוניאן" האט פאר די לעצטע צייט זיך באמיט צו טאן דאס בעסטע פאר די ארבייטער פון פאך, נאר וואו זיי האבען זיך א קער געטאן, האבען זיי אנגעטראפען דעם אבן נגף, די „יונייטעד". דיזע יוניאן פלאנטערט זיך אונטער די פיס. זיינען די „בוט און שוה ווארקערס יוניאן" געווען פערטיג צו צייכענען אן „אגרימענט" מיט א גרופע פאבריקאנטען, האבען זיך אונטערגערוקט די „יונייטעד" פירער און האבען צוגעכאפט א פאבריק און האבען געוואלט צו גארנישט מאכען די אנשטרענגונג פון די ארבייטער צו פארבעסערען זייער לאגע. די „יונייטעד" זיינען צו קיינעם ניט פאראנטווארטליך, מיט דער ארבייטער באוועגונג זיינען זיי ניט פארבונדען. אונטער'ן אויסרייד אז זיי געהען אויסבעסערען די ארבייטער לאגע, טוען זיי אן אלע מעשים. די „בוט און שוה ווארקערס יוניאן" איז די „אמת'ע" יוניאן און זי מאכט אויפמערקזאם אז די טעטיגקייט פון די „יונייטעד" איז פארדערבליך פאר די ארבייטער. אונטערצייכענט „בוט און שוה ווארקערס יוניאן" לאקאל 465".

פאַראייניגטע כחות פון דער אַלגעמיינער אַרבייטערשאַפט, סיי פון יעדען פאַך אין איין און דער זעלבער אינדוסטריע, סיי פון יעדער באַזונדערער נאַציאָנאַליטעט*) איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ס'איז באַשאַפען געוואָרען אַזאַ דעמאָראַליזאַציאָן און דעגענעראַציע אין די רייהען פון די אַרבייטער, אַז ס'האָט כמעט פאַראַליזירט די גאַנ־צע זעלבסט טעטיגקייט פון די מאַסען, צונישט מאַכענדיג זייער סאָ־לידאַרישע אַקציאָן און האָט אָפּגעשאַפט יעדע מעגליכקייט פון אַנט־וויקלונג און פּראָגרעס. דער דאָזיגער סעפּעראַטיזם אין איין זייט און די ביוראָקראַטישע צענטראַליזאַציע פון דער אַנדערער זייט האָ־בען ניט נאָר צעשטערט די אינדוסטריעלע מאַסען סאָלידאַריטעט פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג, וואָס איז דער פונדאַמענט פון מאָ־דערנעם יוניאָניזם אָלס די איינציגע מעגליכע קראַפט פון קאָלעק־טיווע אַקציאָן אין קאַמף מיט'ן קאַפּיטאַל, נאָר זיי האָבען נאָך אַנטוויקעלט אַ פאַרניכטענדען אַנטאַגאָניזם און אָפּגעפרעמדקייט פון איין יוניאָן מיטגליד צום צווייטען אַזוי, אַז די אַרבייטער בלייבען מטושטש און אומבאַהאָלפען, און פאַנגען זיך אָן צו פּלאָנטערען און טאַפּען אין דער פינסטער ווי בלינדע וועגען די אויסבעסערונגס מיטלען צו פאַרענטפערען זייערע נויטען אין אָנגעוועהטאָגטע פּראָב־לעמען. זיי דרעהען זיך אַרום אין אַ פאַר'כשופ'טען קרייז, יאָר נאָך יאָר און בלייבען שטעהן אימער און אייביג אויפ'ן זעלביגען אָרט. אַזוי למשל, ווען מיטגלידער פון איין לאָקאַל באַשליסען, אַז מען זאָל רעגולירען די אימיגראַציע און פּראָפּאָרציאָנעל פאַר־נאַנדערטיילען די נייע מיטגלידער אין פאַרשידענע צווייגען פון דער אינדוסטריע, אַזוי, אַז ס'זאָל ניט פאַלען די גאַנצע לאַסט פון די איינגעוואַנדערטע אַרבייטער אויף איין באַשטימטען צווייג; אָדער זיי באַשליסען אָנצונעמען אַ באַשטימטע, גלייכמעסיגע איינ־טריטס געלט פאַר נייע מיטגלידער; אָדער עס ווערט באַשלאָסען

*) אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן פון נויאָרק געפינט איהר אחוץ די לאָקאַלען פון יעדען פאַך אויך אַ לאָקאַל יוניאָן נומער 48, וואָס באַ־שטעהט פון איטאַליענער אַרבייטער און אַ באַזונדערע בראַנזש־יוניאָן פון רוסען און פּאָליאַקען. אַן ענליכען ביישפּיל קענט איהר געפינען אויך ביי די אַנדערע יוניאָנס ווי ביי די מולאַרעס און הויז אויפּרייסערס אין דער בוי־אינדוסטריע.

איינצופירען אן ארבייטס־ביורא, וואס זאל רעגולירען די ארבייטס־לאזיגקייט, כדי אפצושוואכען דערמיט די קאנקורענץ אויפ'ן אר־בייטער מארק א. ז. וו., א. ז. וו., דאן פאסירט פאלגענדעס: קודם כל נעמט עס ווער ווייסט ווי לאנג אום די דאזיגע רעפארמען פאר־צוברייגגען בלויז צו יעדען לאקאל יוניאן באזונדער, ביסקעלוואנגן עס ווערט צו ענד פארוואָרפען פון איינעם אדער א צווייטען לאקאל צוליב די פשוטע אורזאכע, וואס דיזע אדער יענע רעפארמע קומט אין ווידערשפרוך מיט די לאקאלע אינטערעסען פון יענער אנדערע יוניאן, און די לאקאלע אינטערעסען שטייען מערסטענסטייל העכער פאר די אלגעמיינע אינטערעסען פון דער מיטגלידערשאפט אלס א גאנצע. עס קומט אויס, אז דער בעסטער באשלוס פאר א וויכטיגע לעבענס רעפארמע פאר די ארבייטער וואס איז אנגענומען געווארען פון א מאיאריטעט לאקאלען זאל אויף דעם אופן פאר־ניכטעט ווערען.

פון די פאקטען און ביישפילען איז צו זעהן אין וואס פאר א מיזעראבעלע אוממעגליכע לאגע די ארבייטער זיינען פארזעצט. ווען זיי ווילען פארענטפערען די פראגען פון זייער לעבענס עקזיס־טענץ אין די אמעריקאנער יוניאנס, וועלכע זיינען געבויט אויף דעם זומפיגען און זאמדיגען באדען פון צווייגען, פאכען און נאציאנא־ליטעטען. עס איז דערפאר קיין וואונדער ניט, וואס דער מאטע־ריעלער צושטאנד פון די אמעריקאנער יוניאנס איז אזא עלענדער און אומזיכערער, וואס זייער גייסט איז אזוי טיף געזונקען. די צענטראלע קערפערשאפטען, משטיינס געזאגט, ווי די „דיסטריקט קאנסולס", „דזשאינט באארדס" און „אינטערנאציאנאלעס", וועל־כע זיינען געבויט און געבילדעט געווארען פון אויבען ארונטער, א י ב ע ר די קעפ פון די מאסען און נישט חלילה פון אונטען ארויף דורך די ארבייטער, דינען בלויז פאר די יוניאן ביוראקרא־טיע אלס א ברייט פארנאנדערגעווארפענער נעץ, כדי וואס מעהר אריינצופלאנטערען אין שפינגעוועב די ארבייטער, און זיי אריינ־פלעכטען אזוי, אז זיי זאלען זיך לייכט ניט קענען ארויסדרעהען. אפילו אויב זיי וועלען פארט „פאלען אויפ'ן שכל", צו גהען אויפ'ן גראדען און דירעקטען וועג פון קלאסען קאמף דורך דעם מאדערנעם אינדוסטריעלען יוניאניזם.

וואָס פאַר א רעזולטאַטען עס קענען אַרויסקומען און צו וועלכע געווינסען די ארבייטער קאָנען דערגרייכען פון אזא כאָאָטישען צושטאַנד פון דעם אמעריקאנער פאַך יוניאָניזם מיט דעם קאָמפּראָמיסליכען, פאַרעטערישען גאָמפּערסיזם אונטערגעשפּארט, קען יעדער זיך שוין לייכט פאָרשטעלען. דער קאָפּיטאַליסטישער רויבערקלאָס פון קליין ביז גרוים, איז אָרגאַניזירט און קאָנצענטרירט אין מעכטיגע אַסאָסיאַציעס, געלייטעט און אויסגעשולט און סאָלידאַריש געשטיצט מיט אלע מעגליכע און אוממעגליכע מיטלען דורך די אינדוסטריעלע כחות פון די קאָנסאָלידירטע לאַנדס־אָרגאַניזאַציע, די „יונייטעד סטייטס טשעמבער אָף קאמערס“ (אָ קאָפּיטאָליסטישען פארבאנד איבער'ן גאנצען לאנד) פון אמעריקאנער גרויס קאָפּיטאָל. אונטער דעם שוץ פון שטאָט. די לעבענס באַדינגונגען אבער פון דער אָרגאַניזירטער ארבייטערשאַפט ווערען פאַרטיידיגט פון צוויי, און פיעל מאָל זאָגאר פון מערערע פאַרטרעטער פון פאַרשידענע אָפּגעזונדערטע יוניאָנס אין איין אונדערזעלבער פאבריק.

וואָס פאַר אַן אומגעהייערען פאַרצוג דער פאַבריקאנט האָט איבער זיי:ע ארבייטער אונטער אזעלכע אומשטענדען, איז זיך גרינג משער צו זיין. עס איז דאָך פאַרשטענדליך, אַז דער פאבריקאנט קען לייכט צובלאָזען דעם אַנטיאגאניזם פון די איבעריגע אַרבייטער. פון די אנדערע צווייגען ביי איהם אין פאבריק, וואָס באַלאַנגען צו זייערע אייגענע יוניאָנס און זיינען ניט פאראינטערעסירט אינ'ם סכסוך פונ'ם געקריוודעטען אָדער געקריוודעטע גרופּע ארבייטער אַזוי, אַז ער זאָל דורך דעם אויסאיבען א דרוק און באַוועגען דעם אַרבייטער פאָרשטעהער ביי די פאַרהאַנדלונגען, אַז ער זאָל צוליב זיין אָפּגעשוואכטע פּאָזיציע מאכען דעם וויטגעהענסטען קאָמפּראָמיס. און דאָס איז עס וואָס גיט דעם קאָפּיטאַליסט די בעסטע צופרידענקייט, פאראטענדיג דערמיט די אינטערעסען פון די אַרבייטער. און דאָך, ניט קוקענדיג אויף אלע פאַטאַלע „איבלען“ און קלעגליכע רעזולטאַטען פאר די אַרבייטער זאַך, ווערט שוין צענדלינגע יאָרען, פון לעצטען האלבען יארהונדערט אָן, ניט צוגעלאַזען קיינע ענדערונגען זייטענס דער יוניאָן ביוראָקראַטיע, אויסצובעסערען די אַרבייטער באַוועגונג אין אמעריקא. זיי ציען נאָך אַלץ פאָר

דעם אלטען, פארשימעלטען פאַר יוניאָניזם, וואָס וועט, ווי די לעבענס־ערפאַרונג צייגט מיר, ניט אנדערש אַפּגעווישט ווערען פון דער אויבערפלעך פון דער אמעריקאנער יוניאָן באַוועגונג, ווי נאָר דורך אַן אינערליכען צוזאמענברוך, פון איין זייט זיין אייגענעם דורכגעפוילטען בנין, פון דער צווייטער זייט — די מעכטיגע קלעפּ פון קאַפּיטאַל און ועל כולם די וואָס אַפּטערע רעוואָלטען פון די אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטען אין די יוניאָנס גופא.

אלזא, אנאַליזירענדיג פון אלע זייטען דעם געבוי פון די אמעריקאנער יוניאָנס, מוז מען קומען צום שלום, אַז עס איז ניט יענע פאָרמע פון אן ארבייטער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל האָבען די געהעריגע מאכט פון פאראייניגונג, קאמפּעטענטקייט און סאָלידאַריטעט, אום זי זאָל זיין בכח אָפּצושלאָגען די מעכטיגע אַטאַקעס פון קאַפּיטאַל און איהר עקזיסטענץ צו פארהיטען. דורך דעם אליין איז זי פאראורטיילט צום אונטערגאַנג און מוז מאכען פּלאַץ פאר יענע יוניאָנס, וואָס נעמען אַן די מאָדערנע אינדוסטריעלע פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערען געבויט פון אונטען אַרויף: פון די ארבייטער, דורך די ארבייטער, פאר די אַרבייטער. דאָס מיינט, אַז מען דאַרף אָרגאַניזירען אין איין שטאַט א באַשטימטע אינדוסטריע, ווי שניידעריי, שוסטעריי, טישלעריי א. ז. וו. איין יוניאָן פון אלע צווייגען און פאכען, וואָס נעמט אריין אלעמען: פון פּראָסטען אַרבייטער ביז דעם סאמע געלערענסטען פאַך מאַן. אַט די אָרגאַניזאַציאָנס פאָרמע וועלכע האָט דעם געזונטען קערען אום זיך פאַרנאַנדערצואוואַקסען אין אַ מעכטיגער אינדוסטריעלער יוניאָן איבער׳ן גאַנצען געזעלשאַפטליכען לעבען פון דער אַמעריקאנער אַרבייטערשאַפט, איהר געהערט די צוקונפט. און פאַרקערט, די איצטיגע אמעריקאנער פאַך יוניאָנס, ניט נאָר וואָס זיי האָבען קיין קיום ניט, האָבען זיי נאָך די פּאַראַליזירענדע ווירקונג, דאָס זיי ערציען די ארבייטער מאסען צו קראנקהאפטע טעטיגקייטען בלויז פון א לאָקאלען, קליינזעלדיגען כאראקטער און א שטומפזיניגער אומוויסענהייט פון הורא יוניאָניזם, פון וועלכען קיינער אויסער די קאַפּיטאַליסטען און די יוניאָן ביוראָקראַטיע האָט ניט דעם קלענסטען נוצען. מיר וועלען דאָס באווייזען אין נעקסטען קאַפּיטעל.

צווייטער קאַפּיטעל

די ערציאונג פון די אַרבייטער אין די אַמעריקאַנער יוניאַנס.

די יוניאַן פירער פאַרשטעהען גאַנץ גוט, אַז אום אויפצוהאַלטען די ממשלה פון דער יוניאַן־ביוראָקראַטיע אין דער אַרבייטער באַוועגונג איז ניט גענוג צו האָבען די געגענזייטיגע הילף פון די בעלי בתים ביים איינמאַנען די בייטראַגען פון די יוניאַן מיטגלידער און די אַנדערע קינסטליכע מיטלען פון „קאָלעקטיוו באַרגענינג“. ווי איך האָב שוין איינינגע מאָל אין די פריערדיגע קאַפּיטלען באַוויזען. זיי פאַרשטעהען, אַז מען דאַרף נאָך די מאַסען מיט וואָס עס איז מעהר פאַראינטערעסירען אין דער אָרגאַניזאַציע, כדי זיי זאָלען אינגאַנצען ניט אַריינפאַלען אין דער טויטענדער אַפּאַטיע און פאַלשטענדיגער פאַרגליווערונג. אין אמת'ן, וואָס וועט זיין די פעולה ווען די יוניאַן קאַסע וועט שוין זיין פול, דאָס בעאַמטענטום באַזאָרגט, און די „אָרגאַניזיישאַן“ (קאָראַבקע) פאַרזיכערט, אויב דער גאַנצער אינטערעס פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט צו זייער יוניאַן וועט זיין אויסגעלאָשען, טויט? אָדער וואָס קען ווערען אין לאַנגען רעזולטאַט, ווען די אַרבייטער זאָלען בלויז אָפּצאָלען זייערע געצוואונגענע יוניאַן שולדען, און דערמיט אָראָפּוואַרפען פון זיך די פולע יוניאַן־פאַראַנטוואָרטליכקייט, איבערלאָזענדיג די גאַנצע אָרגאַניזאַציאָנס־טעטיגקייט אויף די בעאַמטע? עס וועט דאָך ווערען וויסט און פוסט דאָס לעבען פון דער גאַנצער יוניאַן דורך זייער אָפּוועזענהייט און פאַראַכטונג, און עס פאַרשטעהט די יוניאַן־ביוראָקראַטיע, אַז עס וועט זיין נוצלאָז די הילף פון די בעלי בתים אויפצוהאַלטען די יוניאַן, אויב די מיטגלידער וועלען פאַקטיש שטעהען אויסער די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע; עס וואָלט דאָך איינפאַך געמיינט, אַז די יוניאַן הערט אויף צו זיין אַן אַרבייטער־

קערפערשאפט פון א געזעלשאפטליכען כאראקטער און ווערט פאר־וואנדעלט אין א פריוואטע געזעלשאפט, וואו די בעאמטע פארוואל־טען אלע געשעפטען און שניידען די קיופאנס (קלעפען „סטעמפס", מארקעס) און קלייבען דאס געלט. בקיצור, די גאנצע אונטערנע־מונג קען ווערען אזוי אפגעפרעמדט און איזאלירט פון די מאסען, אז זי זאל זיין אין געפאר איינגאנצען צו באנקראטירען, און די פיר־רער באגרייפען אז אט די געפאר מוז באזייטיגט ווערען, ווארום אז ניט וועט ווערען צו שפעט. דערפאר האבען זיי אנגענומען די אלטע טאקטיק פון אלע דעספאטען און הערשער, נעמליך: די טאקטיק פון הורא־פאטריאטיזם. דער אונטערשייד איז נאר וואס דא ווערט דאס גענענדערט אויף „הורא יוניאניזם".

מיט דעם דאזיגען היפאקריטיש־געלען הורא־יוניאניזם באנו־צען זיך די פירער צו פאר'סמ'ען די קעפ פון די מאסען, אום צו פארשטארקערען זייער פאזיציע. אלערליי קארומפירטע און דע־מאגאגישע מיטלען ווערען אויסגענוצט אפצוציען די אומצופרידענ־הייט פון די ארבייטער, וועלכע די פראגרעסיווע עלעמענטען באשאפען קענען דאס באנקראטירטע סיסטעם פון פאך יוניאניזם און קארופטע פירונגען. כדי דאס צו דערגרייכען, וויקעלט די יוניאן־ביוראקראטיע פערנאנדער אזא „קאמאפלאזש" בילדונגס פראגראם, אז אפילו ביי די אינטעליגענטערע ארבייטער, אפילו ביי די, וואס שטעהען עטוואס העכער פון דורכשניט, פארדרעהט זיך אויך אזש דער קאפ.

ווען איהר גיט א קוק אין די פאך־צייטונגען פון די יוניאנס, אזוי גוט ווי אין דער אלגעמיינער „סאציאליסטישער" פרעסע אויף דער אידישער גאס, קענט איהר פון די אנאנסען, מעלדונגען און בא־ריכטען דענקען, אז איהר האט ניכער צו טאן מיט ווייט פארצווייג־טע בילדונגס פעראיינען און ספארט־קלובס, וואו מען גיט אלערליי אונטערהאלטונגען, שווימען, טאנצען און שפילען, א. ד. ג. איהר מיינט אז דאס זיינען ארגאניזאציעס, וואס האבען זיך געשטעלט פאר זייער אויפגאבע צו ערציען און אנטוויקלען אקראבאטען, אט־לעטען, אדוואקאטען, דאקטוירים און אנדערע פראפעסיאנאלען. אבער ניט אז איהר האט פאר זיך א יוניאן־באוועגונג פון פראלע־

טאַריאַט, וואָס דאַרף אָנפירען די קאַמפּען פון דעם אומאויפהערליכען קלאַסען קריעג מיט די מעכטיגע כחות פון קאַפּיטאַל.

אַזוי למשל, לעזט איהר, אַז אין דעם אָדער יענעם יוניאָן „סענטער“ (בילדונגס צענטער) וועט היינט געוויזען ווערען „מואווינג פּיקטשורס“ (קינעמאַטאָגראַפישע בילדער); אָדער מען וועט לערנען צו מאַכען „עקסערסייזעס“ (גימנאַסטיקע); אָדער שפּאַצירען אין מוזעאומס און שפּילען מאַנדאָלין*) א. ז. וו. קורץ און גוט, מען באַמיט זיך צו באַטרייבען מיט די ארבייטער אַלערליי קונצען, וואָס איז אמבעסטען פאַר די רייכע פּוסט און פּאַסניקעס, אבער וואָס איז אין גאַנצען איבעריג און פּרוכטלאָז פאַר די האַרעפּאַסנע ארבייטענדע מאַסען. די פירער באַמיהען זיך ניט צו ערציען די מאַסען אין אַן ארבייטער קולט, דאָס הייסט: אויפצונעמען און פערשפּרייטען אויף אַ סיסטעמאַטישען אופן און אויפקלערונגס פּראָפּאַגאַנדא וואָס זאָל האָבען דעם צוועק אָנצוצייגען וואָס פאַר אַן אומגערעכטען טייל פון לעבענס גענוס די ארבייטער באַקומען פאַר זייער פּראַצע אין דעם איצטיגען פּראָפיטירער־סיסטעם פון קאַפּיטאַליזם, ערלערנען ניט און ווייזען ניט אויף אַלע פאַזען פון דער ארבייטער באַוועגונג און קלאָר צו מאַכען דעם אונטערשייד פון די אַמאָליגע, גענענוואַרטיגע און מאָדערנע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע אין דער געשיכטליכער אנטוויקלונג פון יוניאָניזם, צו זיי צייגען ניט אַז די ארבייטער דעם בעסטען וועג ווי דעמאָקראַטיש אָנצופירען זייער אָרגאַניזאַציאָנס טעטיגקייט, כדי זיי זאָלען ניט אַוועק'פּטר'ן די גאַנצע צייט ביי זייערע יוניאָן פאַרזאַמלונגען מיט נוצלאָזע, אומוויכטיגע קלייניגקייטען פון דער גייסטלאָזער, רוטינער אַרבייט; זיי לערנען ניט די ארבייטער די וויכטיגקייט און דעם גרויסען ווערט פון סאָלידאַריטעט און אינטערנאַציאָנאַלע אייניגקייט פון פּראָלעטאַריאַט אין קלאַסען קאַמף מיט'ן קאַפּיטאַל, א. ד. גל. אנשטאָט

*) די „צייט“ פון 15טען דעצעמבער 1920 מעלדעט, „אַז די „וויסט“ מאַכער וועלען היינט כאַפּען אַ שפּאַציער צום מוזעאום פון נאַטור געשיכטע, אַלע זאָלען זיך טרעפען מיט פּרוילײן גליק, און אַלע וואָס וועלען זיך אָנשליסען אַן דעם מאַנדאָלין קלאַס אונטער דער פירערשאַפט פון חערי חיים, זאָלען זיין אין ביוראָ פון דער לוידיס וויסט און דרעס מאַכער יוניאָן“.

אט דער נויטיגער און וויכטיגער ערציאונג, וואס זאל העכערען דעם גייסט און אויסבילדען א ציעלבאוואוסטע מיטגלידערשאפט, וועלכע וואלט זיך נאכדעם פאראינטערעסירט אין דער געזעלשאפטליכער ארבייט פון זייער ארגאניזאציע, און דורכדעם אליין שארפען זייער פארשטאנד, קריגענדיג א ברייטערע ערפארונג ווי אנצופירען די פראקטישע ארבייט אין זייער פארוואלטונג און גיבענדיג דער ארבייטער־באוועגונג יענע אומבאזיגבארע קראפט, וואס וואלט געקאנט ווידערשטעהן יעדע אטאקע פון קאפיטאל, ווען קיין שטורם וואלט איהר ניט געקאנט שעדיגען; אנשטאט אט אזא געזונטע קלאסען ערציאונג, שטאפען די פירער, די מאסען, סיי אין די אלגעמיין אמעריקאנישע, ווי אין די אידישע יוניאנס מיט אזא „הויכער בילדונג“ אדער גאר נישטיגע לערע פון א קארומפירטען כאראקטער, אז די ארבייטער ווערען איינפאך מבולבל.

ווען מען באטראכט למשל דעם זארט „אוניווערסיטעט“־בילדונג דורך אקאדעמישע לעקטשורס*) וואס די פירער, ספעציעל אין די אידישע יוניאנס, באמיען זיך אריינצופאמפען אין די קעפ פון די ארבייטער אום זיי אויסצושטעלען... פאר „סטודענטען“... דאן קאן יעדער ערליך־דענקענדער מענש גלייך איינזעהן, אז דיזע בילדונג קלעפט זיך צום פארהארעוועטען ארבייטער, „ווי אן ארבעס צום וואנד“.

עס איז דאך קלאר, אז ווען דער ארבייטער קומט א פארמאטערטער פון דער ארבייט און באמיט זיך שוין צו קומען פארברענגען אן אבענט אין זיין יוניאן, ווילט זיך איהם בעסער פארווײלען מיט זיינע מיטארבייטער אין א פריינדליכער דיסקוסיאן איבער די

*) די „גערעכטיגקייט“ פון 8טען אקטאבער, אלס ארגאן פון דער „אינטערנאציאנאל לוידיס גארמענט ווארקערס יוניאן“ אנאנסירט פאלגענדעס: „פאר די לעקטשורס וועלכע וועלען געגעבען ווערען יעדען מיטוואך וועלען די טעמעס זיין ווי פאלגט: „טעאריעס און פאקטען אין באצוג די אנטשטעהונג פון שטאט“. „די ווילדע פאטריארכאלע און אגריקולטורעלע שטופען אין דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג“. „די ראלע פון מיליטערישע זיעגע אין דער עטאבלירונג פון שטאט“. „די אנטוויקלונג פון אבסאלוטע מאנארכיעס, קאנסטיטוציאנעלע מאנארכיעס און דעמאקראטיע“. „די מאדערנע אידעען פון שטאט“. „די אנארכיסטישע אידעען“. „דער שטאט אלס גליובגעוויכט פון קרעפטען“ א. ז. וו., א. ז. וו.

געשעעני‌שען פון פאַר, אָדער פּאַסירונגען פון דער אינדוסטריעלער וועלט און דער אַלגעמיינער אַרבייטער באַוועגונג, אָדער גאָר איבער די לעצטע פּאַסירונגען אין זיין יוניאָן א. ד. ג. איידער צו טרעפען אַן אַקאַדעמישע לעקציע איבער „פּסיכאָלאָגיע“ און „ביאָלאָגיע“. ווען ער טרעפט אַבער אַזאַ סאָרט פּילאָזאָפישען פּלפּול פון סכאָלאַס־טיק... דאַן געהט ער אַ שלעפּעריגער אַהיים מיט אַ קאָפּוועהטאָג פון לאַנגווייליע און פאַרשפּאָרט שוין אַ צווייטען מאָל צו קומען. אָבער כדי צו פאַראינטערעסירען די אַרבייטער אין דיזער „הויכער בילדונג“, אום וואָס מעהר צו פאַרטומלען זייערע קעפּ דערמיט און אָפּצוציען די וואַכזאַמקייט, וואָס די „טומעל מאַכער“ רופען אַרויס ביי די מאַסען צו זייער יוניאָן־פּאַרוואַלטונג, אַראַנזשירען די פירער צו דיזען צוועק פאַרשידענערליי קאָנצערטען און אונטערהאַלטונגען, וואו מען גיט זיי פּאַרוויילונגען פון טענץ, געזאַנג און שווימען, און וועלכע ענדיגען זיך אפילו מיט אַ פרייער „פּאַרטי“ (צובייסונג) ניט נאָר פאַר די מיטגלידער פון דער יוניאָן, זאָנדערען פאַר פרעמ־דע מענשען, אַבי דערמיט אַריינצונאַרען דעם עולם צו די קאָ־פּעדרעס פאַר די דאָזיגע יוניאָניסטישע ספּעקטאַקעלס*).

נעמט דעם פאַרקערטען פאַל. אין די אמעריקאַנישע יוניאָנס, דאָרט וואו אַלעס ווערט כאַטש געטאָן פון דער יוניאָן ביוראָקראַ־טיע ציניש, אָפען, פּראָסט, אָהן אויבער חכמות און אָהן „אידעאָ־ליסטישע“ היפּאָקריטסטווע, — דאָרט, ווען די פירער ווילען פאַר־טומלען און פאַר׳סם׳ען די מוחות פון די אַרבייטער, טוען זיי דאָס

*) די „גערעכטיגקייט“ פון 19טען נאָוועמבער 1920 אַנאָנסירט: „אַז פרייטאָג אָבענד ווערט געגעבען אַ טאַנץ פּראָבע פון די שילער (מיט־גלידער פון לאָקאַל יוניאָן 25) פון פּריוויליין ביטריס מאַרטאַן, וועלכע וועט אויך מיטטאַנצען. — אָדער מיר לעזען ווייטער, — „אַז די גרופּע שווימער ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג, דאָך איז דאָ פּלאַץ פאַר נאָך מיטגלידער וואָס ווילען זיך לערנען שווימען.“

וועגען נאָך אַ ביישפּיל פון דיזען זאָרט לעזען מיר אין דער „צייט“ פון 9טען אָקטאָבער 1920, „אַז אין „יוניטי צענטער“ פון לאָקאַל יוניאָן 25, נאָכדעם ווי אַלע פערזאַמעלטע וועלען ענדיגען זייערע טענץ, וועלען זיי אויך קענען אונטערהאַלטען דאָס הארץ מיט פרוכט, געבעקס און לייכ־טע געטראַנקען וואו אַלע, — מיטגלידער און פרעמדע, — וועלען קענען געניסען“.

גאַנץ איינפאַד: מען אראַנזשירט פאַרשידענע בעלער און אָלימפּיק־שפּילען, מען שלעפּט די מאַסען אריין אין פאַרשידענע קאַמפּען, ווי קעגען „פּראָהיבישאַן“ (פאַרבאָט פון אַלקאָהאָלישע געטראַנקען) און אַנדערע פּאָליטישע אַוואַנטיורעס פון די קאַפּיטאַליסטישע פאַר־טייען, מען פּרעדיגט וועגען אַמעריקאַניזם, מען פּילדערט וועגען פּאַטריאָטיזם, אַז. וו., א. ז. וו. קורץ, דאָרט גיבען די פירער די בעס־טע „אַרבייטער“־ערציאונג; די מאַסען ווערען ערצויגען אין „נאָ ביער, נאָ וואָרק“ (קיין ביער, קיין ארבייט) און דער צוועק איז דערגרייכט. אָבער דאָס איז ניט אַלעס. די דאָזיגע בילדונג און היפּאָקריטישע לערע ווערט אויך געפּרעדיגט סאַי מינדליך אויף די יוניאָן פאַרזאַמלונגען, סאַי שריפטליך אין די געלע פאַך צייטונגען אַזוי גוט ווי אין דער אַלגעמיינער זאָגענאַנטער „סאָציאַליסטישער“ און „אַרבייטער פריינדליכער“ פּרעסע. איהר קענט למשל, לעזען אין איין און דעם זעלבען נומער פון די פאַך צייטונגען א פייערדיגען אַרטיקעל איבער דעם רעוואָלוציאָנאַריזם און קאַמפּסלוסטיגקייט פון אַן אַנדער יוניאָן, (נאַטירליך ניט פון זיך), און אַ צווייטען. פינסטערען, רעאַקציאָנערען אַרטיקעל איבער א וויכטיגע צייט פּראָ־גע, וואָס ווערט אויפגעוואָרפען און דיסקוטירט פון די מיטגלידער פון דער אייגענער יוניאָן, ווי למשל, די פראַגע פון „אַרבייטער קאָמיטעטען“, אַלס קאָנטראָלירענדע און פאַרוואַלטענדע קערפּער־שאַפטען אין די יוניאָנס, נאָכ'ן מוסטער פון די „שאָפּ סטיואַרד באַוועגונג“ אין ענגלאַנד.*) וואָס אנבאַטרעפט די פאַך צייטונגען

---

*) אין די „גערעכטיגקייט“ פון 22טען אָקטאָבער 1920, קענט איהר לעזען דעם באַגייסטערטען אַרטיקעל פון ב. מײמאָן אונטער'ן נאָמען „דער רעוואָלוציאָנערער שריט פון די מאַשיניסטען“, וואו צווישען אַנדערעס גיט ער איבער די אַנטי מיליטאַריסטישע רעזאָלוציאָן, וואָס די קאָנווענ־ציע פון די מאַשיניסטען האָט אָנגענומען וואָס לעזט זיך ווי פאָלגט: „מאָנכע שלאַכטען ווערען געפאַכטען מיט מאַשינערי, וואָס ווערט בעשאַ־פען דורך די הענט פון די מאַשיניסטען און ענליכע פאַכלייט אין אַלע לענדער, און וועלכע דאַרפען אין דער ליכט פון די לעצטע געשעהעניש־ען, די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די צוקונפטיגע מלחמות. מיר גלויבען אַז דער פרידען און די זיכערקייט פון דער וועלט ליגט אין די הענט פון די אַרבייטער; מיר גלויבען אַז דיזע מאַכט, ווען שכל'דיג באַנוצט ווערט, מעהר אויפטאָן פאַר'ן אָפּשאַפען די געפאַר פון קריעג ווי אַלע

אין די גויאישע יוניאָנס איז בלויז געגוג א קוק צו טאָן מיט וואָס פאַר א „שונד"-ליטעראַטור מען קאָרמעט די אַרבייטער. די בעסטע לערע מיט וואָס מען ערציט די ברייטע מיטגלידערשאַפט איז, אַחוץ די קורצע ביאָגראַפישע סקיצעס פון די לאַנג יאָריגע פּרעזידענטען און אָרגאַניזאַטאָרס, נאָך די ברייטע ציטאַטען און די ערקלערונגען פון די פאַרשידענע הויכע רעגירונגס באַאַמטע און אַנדערע בורזשואַזע ליבעראַלען מכח די פליכטען פון די אַרבייטער צוצוהעלפען מיט פלייסיגע אַרבייט די „עפישענסי" (שפּאַרזאַמקייט) פון „אומאונטערבראָכענע פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַלגעמיינער אינדוסטריע." אָט די דאָזיגע שונד אַגיטאַציע איז דער לייט-מאָטיוו אין אַלע אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען און באַריכטען פון די שרייבער און די פאָדצייטונגען פון כמעט אַלע יוניאָנס אין אמעריקא. דעסגלייכען קענט איהר הערען די צווייערליי רעדעס פון איין און דעם זעלבען יוניאָן פירער אויף די יוניאָן פאַרזאַמלונגען, ווי למשל, „אַז די אַרבייטער זיינען אינטעליגענט, ציעל באַוואוסט און גוטע, אויסגעהאַלטענע, אָרגאַניזאַציאָנס פעהיגע קעמפער" א. ד. ג. און ביי א צווייטער געלעגענהייט אויף אַן אַנדער מיטינג, א רעדע פול מיט האַס און גאַל, „אַז די אַרבייטער זיינען „אומציוויליזירטע באַרבאַרען". א „פינסטערער מאָב" א. ז. וו., א. ז. וו. אָדער אין אַן אַנדערען אופן.

שטאַטסלייט און דיפּלאָמאַטען, אין וועמענס הענט עס איז אנטפּאַרטרויט געוואָרען דער שיקזאַל פון דער וועלט". איבערגעבענדיג דאָס, ענדיגט ער מיט פּאַטאָס: „אַז מען זעהט דאָס און מען הערט דאָס, צי קען מען מיט אַזאַ זיכערקייט באַהויפּטען, אַז די אמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג וועט בלייבען די סאַמע לעצטע אין דעם מאַרש פון פּראָגרעס?" אבער באַלד אויף אַן אַנדער זייט לעזט איהר א רעאַקציאָנערען אַרטיקעל פון א געוויסען נ. פּאָמעראַנץ, אונטער'ן דעוויז: „שאַפּ געגען יוניאָן", וואו ער צושרייט זיך מיט אויגען גלאָצעניש קעגען די „גלויביגע" און „נאָכקרימער" צווישען די אַרבייטער, וואָס ווילען פאַרניכטען די יוניאָנס". דאָך פלוידערענדיג אַזוי, גיט ער מיט א פּאָר ציילען ווייטער אַליין צו, „אַז דער פּלאַן איז גוט פאַר רוסלאַנד אָדער ניט פאַר אמעריקא". ער כאַפּט זיך גלייך צוריק אויפ'ן ריכטיגען וועג — מורא האָבענדיג אודאי פאַר „נאַטשאַלסטווע" — און פאַריכט זיינע באַהויפּטונגען, „אַז סאָוועטען אויך אין רוסלאַנד איז גוט בלויז דערפאַר, ווייל ער איז צוגעפּאַסט צו די דיקטאַטאָרס איבער'ן פּראָלעטאַריאַט, וואָס קענען לייכט קאָנטראָלירען די אַרבייטער דורך דיזען פּלאַן".

אַז די אַרבייטער זיינען „באָלשעוויקעס“, „אינדאָסטריאַלניקעס“, „רעוואָלוציאָנערע סאַבאָטיאַזשניקעס“, אָדער גאָר „קליינקרעמער“, „פּאַראַזיטען“, „פוילענצער“ „וואָס זוכען די ערשטע בעסטע געלעגענהייט פּטור צו ווערען פון דער פאַבריק און צו ווערען אַ הענדלער“ א. ז. וו. אַט דעם דאָזיגען פינסטערען באַגריף (וועגען וועלכען מיר וועט נאָך ווייטער אויסקומען צו רעדען) מכח די אַרבייטער, אין אַט דעם אַבסורדען געדאַנקענגאַנג טרעפט איהר ניט נאָר צייטענווייז ביי די אידישע יוניאָן ביוראָקראַטען, נאָר ביי דער גאַנצער פירערשאַפט און ביי אַלע „טשיעפס“ (הויפּטלינגע) אין דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער יוניאָן־באַוועגונג*).

דערפאַר, ווען עס קומט צו אַ געוויסער פּאַסירונג אין אַ פאַד. ווי למשל אַ סטרייק אָדער אַן ענליכע פּאַסירונג, ווי דאָס אויסאַרביטען פון פּונקטען אין אַן אָפּמאַך מיט די בעלי־בתים, האַלטען די פירער — צוליב דעם אויבענדערמאַנטען פינסטערען באַגריף וועגען די מאַסען, — ווי ווייט מעגליך אַלע אינפאָרמאַציעס בסוד**) און די אַרבייטער, ווייל דאָס קאָן נאָך חלילה שאַדען דער הונדערט־פּראָצענטיגער יוניאָן־דיסציפּלין. די דאָזיגע סאָלדאַטסקע ערציאונג פון „צאָלען שטייערען אין ס'מויל האַלטען“ איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דער גאַנצער אַרבייטער באַוועגונג פון אַמעריקא.

וואָס אַמבאַלאַנגט אין די גויאישע יוניאָנס, איז דאָך סתם הפקר. דאָרט ווערען די אַרבייטער אָהן טענות געפירט ווי בהמות פון פאַבריק צום סטרייק, און פון סטרייק צום פאַבריק, ווי שוין

---

*) אין דער „צייט“ פון 6טען אָקטאָבער 1920 שרייבט נ. ב. לינדער: „צווישען די פירער מיט'ן אַלטען פינסטערען באַגריף אַז די אַרבייטער זיינען אייזלען און דאַרפען האָבען אַ בייטש איבער זיך. דער הויפּט זעהט מען עס אין דער גאַנצער פירערשאַפט פון „בילדינג טריידס קאָנסיל“. געגען דעם דאָזיגען בליק איבער די אַרבייטער מאַסען איז שוין לאַנג געוואָרענט געוואָרען“.

**) אין „אידישען קעמפּפער“ פון 23טען יוני 1916, באַקלאָגט זיך דער מחבר פון דיזען בוך, אַלס סעקרעטער פון דער „קלאָוקאָפּערייטאָרס יוניאָן לאָקאַל 1“, „אַז די הערשענדע פּאַרטיי אין דער „קלאָוקמאַכער“ יוניאָן זוכט צו האַלטען די פאָדערונגען פון לאָקאַל 1. ווי למשל, דאָס רעכט צו סטרייקען אַלס אַ פּונקט אין אָפּמאַך, בסוד פון די מיטגלידער אין דער יוניאָן“.

בעפאר אַנגעוויזען. ווען עס ווערען שוין יא אַמאָל באַריכטעט וועלכע עס איז רעזולטאַטען פון די פאַרהאַנדלונגען צווישען די פירער און בעלי בתים, דאַן ווערט גאַנץ טרויעריג מיט וואַסערע גייסטיגע שפייז מען קאָרמעט די ארבייטער. ניט נאָר טרייבט מען איבער אָדער מען אונטערשעצט די רעזולטאַטען פון די פאַרהאַנדלונגען. נאָר מען פאַרבלענדעט די אויגען פון די מאַסען אַזוי, אַז זיי בלייבען אימער פארפירט און מיסאינפאָרמירט איבער די אמת'ע פאַקטען פון זייער לאַגע*) ווען עס מאַכט זיך נאָך אַז אינערליכע יוניאָן פאַסירונג, ווי למשל, א געוויסע שטרייטיגקייט צווישען די מיטגלידער און די פירער דאַן ווערען די ארבייטער פאַר'סמ'ט מיט אַזעלכע ליגענס און פעלשונגען, אַז זיי קאָנען קיינמאָל ניט וויסען אויף וואַסערא וועלט זיי זיינען. ניט נאָר די אַרבייטער פון אַן אַנדערען פאַך קאָנען קיין באַגריף ניט האָבען וועגען די אורזאַכען און פאָלגען פון דעם אָדער יענעם אינערליכען קאָנפליקט צווישען די מאַסען און די פירער, נאָר אויך די מיטגלידער פון די אייגענע אָרגאַניזאַציע וויסען ניט וואָס אין אמת'ען ס'קומט פאָר מיט די פאַלשע און צודרעהטע נייעס וואָס ווערט פאַרעפענטליכט אין די פאַך צייטונגען (פון די אַלגעמיינע פרעסע איז דאָך שוין אָפגערעדט) אָדער גאָר טויט פאַרשוויגען, קומט אַלע מאָל אויס: אַז אַלעס איז גוט און וואויל אין אונזער וועלט**). אין געגענטייל, ווען עס קומט פאָר

---

*) אין דער „גערעכטיגקייט“ פון 20טען אויגוסט 1920, קענט איהר לעזען דעם פאָלגענדען באַריכט צו די מיטגלידער: „צווישען אַנדערע פונקטען איז נאָך א וויכטיגער פונקט אין דעם אָפּמאַך געוואונען געוואָרען, דאָס איז, אַז די יוניאָן באַקומט דאָס רעכט אויף א 40 שטונדיגע אַרבייטס־וואָך נאָר אין „סלעק“ צייט. פאר דיזען הויכען יוניאָן פּרינציפּ קומט לאָקאַל 66 פון די „עמבראָידערער“ (העפטער) יוניאָן קרעדיט“ איהר פאַרשטעהט, די העפטערס יוניאָן נעמט זיך קרעדיט... פאר געווינען 40 שטונדען א וואָך נאָר אין „סלעק“ צייט, ד. ה. אין דער צייט ווען עס איז אין פאַך ניטאָ קיין אַרבייט...

**) אין דער „גערעכטיגקייט“ פון 22טען אָקטאָבער 1920, שרייבט דער רעדאַקטאָר אין אַ שרייענדיגען טאָן אויס: „ס'הערשט שוין שלום ושלוה אין לאָקאַל 25, פון דער אינטערנײשיאָנאַל לײדיעס גאַרמענט יוניאָן!“ אין דער זעלבער צייט ווען אין „פּראָלעטאַריער“ פון 1טען דעצעמבער1920, ווערט בעריכטעט, אַז „די גענעראַל קאָמיטע פון דער זעל-

א שטרייט צווישען די ארבייטער און די פירער אין א פרעמדער יוניאן. דאן צולאזט זיך די ביוראקראטיע פון די יעניגע יוניאנס, וועמען עס רירט ניט אן, — ספּעציעל ביי די אידישע, צוויי־פּנים׳־

בער „אינטערנײשיאָנאַל“ האָט אַריינגעזעצט אַ רעסיווער אויסצופּערקויפען דאָס האָב און גוטס פון זעלבען לאָקאל 25, כדי וואָס לייכטער פּטור צו ווערען פון די „טומעל מאַכער“ פון דער עקזעקוטיווע, געגען וועלכע די יוניאָן־ביוראָקראַטיע האָט ערקלעהרט אַ פערניכטענדען קאַמף.“

נאָך אַזאַ ביישפּיל קענט איהר געפינען אין „פאָרווערטס“ פון 12טען אויגוסט 1918, אין בעצוג צו דעם קאַמף וואָס איז צו יענער צייט אָנגעגאַנגען צווישען דער ניויאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן און דעם קלאָוקאָפּערייטאָרס יוניאָן לאָקאַל 1, וועלכער האָט זיך דאַן אָפּגעשפּאַלטען פון דער יוניאָן און געשטעלט אין געפאַהר די עקזיסטענץ פון דע גאַנצער אָרגאַניזאַציע, שרייבט אַ פּראָפעסיאָנעלער שמירער אין דער זעלביגער צייט פאָלגענדעס: „נישטאָ שוין איצט קיינע שטערענדע עלעמענטען אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, דאָס דאַרף מיט פריוד פערצייכענט ווערען, דאָס ווייזט אַז מען קען האָבען יוריסדיקציע־קעמפּע און דאָך זאָל הערשען אַ געגענזייטיגער צוטרויען, אין דער יוניאָן ווי עס הערשט איצט אין דער קלאָוקמאַכער אָרגאַניזאַציע פאַר די לעצטע צייט.“

דאָס זעלבע קענט איהר געפינען אין „פאָרווערטס“ פון 24טען יאַנואַר 1914, אין דער צייט וואָס עס האָט געפלאַקערט דער קאַמף פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע געגען דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, אום אַרויסצושטופען דר. הורוויטש פון זיין אַמט, וואָס האָט אויפגעטרייסעלט דעם גאַנצען אָרגאַניזאַציאָנ׳ס בנין ביז׳ן גרונט, אין דיזען ערענסטען מאָמענט, קומט אַרויס דער „פאָרווערטס“ מיט אַ שרייענדען „קאָפּ“ פון פאָלגענדע נייעס: „מען שניידט שוין וואַרע אין די קלאָוק פאַבריקען!“ די נייעס וועגען די נעכטיגע ענטשיידונג פון דעם גענעראַל קאָמיטעט פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, (אַז דר. הורוויטש מוז געהן) ברענגט אַריין פרישע טעטיגקייט אין פאַך, אַלע שרעקען פאַר אַ סטרייק פאָריבער, די פאַבריקאַנטען הערען אויף אָבצורעגען אַרביטער, און אַבשטעלען די קאָנטראַקטאָרס, רוהיגקייט צווישען די אַרביטער.“ א. א. וו. , א. א. וו.

אָדער נעמט דעם בעריכט אין „פאָרווערטס“ פון 3טען אַפּריל 1922, וועגען די רעזולטאַטען פון וואַהל־קאַמף ביי די קלאוק־אָפּערייטאָרס יוניאָן לאָקאַל 1, פאַר דעלעגאַטען צום קאָנווענשאָן פון דער „אינטערנײשיאָנאַל“ וואָס לעזט זיך ווי פאָלגט: „דאָס איז ניט געווען דער פאַל אין לאָקאַל 1. דאָרטען האָט זיך גראַד געמאַכט, אַז בעקאַנטע אַלטע טהוער און פירער **אין דער יוניאָן זיינען ניט ערוועלט געוואָרען, זיי זיינען פּאָפּולער ביי די גרויסע קלאוקמאַכער מאַסען, זיי האָבען דעם צוטרויען פון די**

דיגע ביוראָקראטען, — אין א פּאָרטשריטליכען מארש, אַז ביי זיי, די „ראדיקאלע“, די „מאָדערנע“, די „ניי־יוניאָניסטישע“ יוניאָנס קען אזעלכעס און אזעלכעס ניט פּאָרקומען, פּשוט דערפאר, ווייל אלעס געהט ביי זיי צו „דעמאָקראַטיש און פּראָגרעסיוו.*)

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט וואָס די ארבייטער־מאַסען זיינען אזוי אומבאהאַוועגט און פלאך אין אלע פראגען וועגען זייערע לעבענס באדינגונגען, אין פאבריק, פאך אָדער אינדוסטריע, אז ווען ס׳מאכט זיך וועלכע עס איז קריטישע צייט, געהען זיי ארום ווי „שאָף אָהן א פּאסטוך“, נישט וויסענדיג אין פילע מאָמענטען מיט וואָס זיך צו העלפען און וואוהין זיך צו ווענדען. זיי ווייסען זאגאר ניט וועגען די אנגעלעגענהייטען פון זייער אייגענער אָרגאַניזאציאן, ווי אָזוי זי איז צוזאמענגעשטעלט, וואָס זיינען אירע פונקציעס, און וועלכע אויפגאבען זי האָט זיך געשטעלט דורכצופירען, און וואָס פאר א צוועק זי וויל דערגרייכען. וועגען דעם אלעמען ווייסען די דורכשניטליכע יוניאָן־מיטגלידער, נאָכדעם ווי זיי זיינען פיל יארען אָרגאַניזירט, ניט מער וויפיל זיי וואָלטען געוואוסט די ערשטע טעג ווען זיי זיינען אריינגעטראָטען אין דער יוניאָן. וואָס איז שייך די פּאסירונגען און אלגעמיינע סיטואציע

קלאוקמאַכער, אָבער די גרויסע מאַסען זיינען ניט געקומען וואוטען.“

דער אמת אבער איז, אז ביי דעם דאָזיגען וואַל־קאמף האָבען אַנטייל גענומען העכער דרייצען הונדערט קלאָוקמאַכער וואָס איז געווען פון די זעלטענע ערשיינונגען אין די געשיכטע פון דערדאָזיגער לאָקאַל יוניאָן.

*) אין בעצוג צום סקאַנדאַל וואָס האָט פּאסירט ביי דער גרינדונגס פערזאמלונג פון א נייער צענטראלער קערפּערשאפט פון אלע יוניאָנס אין נויארק, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט א געשלעג, שרייבט דער „פאָרווערטס“ פון 14טען סעפּטעמבער 1920 און אלע פאַך צייטונגען נאָך איהם, פאָלגענדעס: „דער מיטינג האָט באוויזען אז די נויארקער אַרבייטער־באַוועגונג איז שאַרף צוטיילט אויף צוויי פליגלען: אויף א ראדיקאַלען, צו וועלכען עס געהערען די אידישע גרויסע און קליינע יוניאָנס, און אויף א רעאקציאָנערען. און אַז גאָמפּערס וועט איינזעהן זיין טעות און וועט נאָכגעבען די פאָדערונג פון די ראַדיקאלע יוניאָנס, וואָס צייכענען זיך אוים מיט זייער ערליכקייט. באַוואוסטזיניגקייט, און „ראדיקאַליזם און דעמאָקראַטיע אין דער אַרבייטער באַוועגונג“...

פון אנדערע יוניאָנס און זאַגאר וועגן די גרעסטע קעמפען פון דער אמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג איז דאָך שוין אָפּגערעדט. פון די פּאַסירונגען ווייסען זיי גאָר אַזוי פּיל, אויף וויפּיל די סענסאַציאָנעלע, געלע פּרעסע ברייננט זיי די געפּאַרבטע נייעס לויט דעם געשמאַק און נוצען פון קאַפּיטאַל. און מאַנכעס מאָל ווייסען די ארבייטער־מאַסען פון די דאָזיגע געשעהענישען אויף אַזוי פּיל אויך נישט*) און וואָס איז דער חידוש? פון וואַנען זאָלען די ארבייטער באַקאַנט זיין און ויסען וועגן וויכטיגע פּאַסירונגען און גרויסע קאַמפען פון דער ארבייטער באַוועגונג? די פּירער גיבען זיך דאָך אָפּ מיט צו שאַפען פאר די ארבייטער דעם לוקסוס פון „אוניווערסיטעט בילדונג“, נאָר כדי צו פּאַראַדירען פאר דער וועלט, אז זיי לערנען די ארבייטער צו זיין געבילדעט מיט „הויכער בילדונג“ ווי די פּראָפעסיאָנאַלע אינטעליגענציע, ניט אבער חלילה מיט „פּראָסטע“ ארבייטער קענטעניישען. טאַ פון וואַנען זאָלען די ארבייטער קענען לערנען וועגן די גרויסע געשעענישען אין דער ארבייטער־באַוועגונג, אז זיי זאָלען קאָנען נעמען די ריכטיגע, צייטמעסיגע, דירעקטע שטעלונג אין קאַמף פאר זייער מענשליכע עקזיסטענץ?

פון דער אויבענדערמאַנטער „הויכער בילדונג“? ניין! אין אמת'ן באַטייליגען זיך גאָר נישט די מאַסען אין דיזער גאַנצער סכאָלאַסטישער ערציאונג, וואָס קאָרומפּירט בלויז דעם גייסט פון די צענדליגע וואָס ווערען יאָ אריינגעשלעפּט אין אָט די זאָגענאַנטע

*) אין „פאָרווערטס“ פון 29טען אויגוסט 1920, איז אינטערעסאַנט צו לעזען פאָלגענדעס: „אויף דעם צוזאַמענקונפט זיינען געוועזן פיעלע אמעריקאַנער ארבייטער פירער און עטליכע רעגירונגס־געסט, האָט איינער פון זיי געהאַלטען א רעדע און דערמאָנט די „שטאָלצע אמעריקאַנער פאָן“. נאָכדעם ווי פרענק מאָריסאָן, דער סעקרעטער פון דער „אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָף לייבאָר“ האָט גערעדט, האָט ער זיך געווענדעט מיט פאָלגענדען אויסגעשריי צו די געסט: „ווען איהר ווילט האַלטען שטאָלץ די אמעריקאַנער פאָן, טאָ נעמט עס אַרויס פון וועסט ווירדזשיניא!“ ווען ער האָט געענדיגט, האָט א מינען אַרבייטער זיך געפרעגט: „ווהאָט איז די מעטהער וויטה פרענק“? (וואָס איז מיט פרענק'ן?) ער האָט גאָר נישט געוואוסט אַז אין וועסט ווירדזשיניא ווערט געפירט אפשר דער וויכטיגסטער קאַמף וואָס די ארבייטער באַוועגונג, — זיין אמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג — האָט ווען געהאַט פאר זיך“.

בילדונג. פאר די מאסען איז די לערע דארט נאר אומפארשטענדליך און דערפאר הייבען זיי גאר ניט אן מיט דעם זיך צו אינטערעסירען. זיי פילען פשוט בחוש, אז ניט מען וויל זיי דערמיט גייסטיג דערהויבען, נאר דאס זוכען פאקירען זיי צו פארבלענדען.

גאנץ אנדערש איז ווען עס קומט צו די יוניאן־מיטינגען, פאבריק־פארזאמלונגען, א. ד. ג. דארט וואו עס שפיגעלט זיך אפ און עס פולסירט דאס לעבענדיגע לעבען פון די ארבייטער; דארט וואו די אמת'ע ארבייטער־ערציאונג וואלט אן צווייפעל געקאנט געגעבען ווערען דורך פראקטישע אקציאן און זעלבסט־טעטיגקייט, וואס וואלט זיכער ארייגעצויגען די ארבייטער אין א מאסען־אקטיוויטעט. אט ביי די אלע פארוואלטונגס און ארגאניזאציאנס מיטינגען וואו דער ארבייטער וואלט געקאנט ערצויגען ווערען אין א ניצליכע, אמת גייסטיגע, פראלעטארישע קולטור, דארט ווערט די אינפארמאציע און פרייע זעלבסט־בילדונג אזוי איינגעשרומפט ביי די פירער אין די נודנעסטע, מאנאטאנסטע רוטין פון קליינליכע גראשען־פראגען, אז עס ווערט די ארבייטער די גאנצע זאך נמאס. די טויטענדע לאנגווייליגע וואס ווייט פון דיזע זאנסט וויכטיגע ארבייטער־צוזאמענקונפטען, ווירקט אז זיי קערען זיך אינגאנצען פון זיי אפ מיט דער גרעסטער פאראכטונג. ווען ביי דיזע געשעפטס־מיטינגען פון די יוניאנס וואלט באהאנדעלט געווארען, אויסער די לאנגווייליגע רוטין (וואס קען ביי אן אינטעליגענטע און אין קלאסענבאוואוסטזיין ערצויגענער מיטגלידערשאפט פארקירצט ווערען ביז צו אן אומבאדייטענדער צייט) אויך גענעראל־פראגען פון א קולטורעלע, עקאנאמיש־פאליטישען כאראקטער, וואס האבען א וויכטיג־געזעלשאפטליכע באדייטונג פאר'ן ארבייטער־קלאס בכלל און פאר די יוניאן־באוועגונג בפרט, וואלט דאמאלט די צייט געווים אויסגעפילט געווארען מיט אינטערעסאנטע געדאנקען־אויסשטוישען און דאס וואלט ערצויגען די ארבייטער צו א העכערער גייסטיגער און זאגאר אידעאלער קולטור־שטופע. און דאס וואלט זיי צוגעצויגען, אנשטאט ווי איצט, וואס זיי עקעלט אפ. דאס וואלט אויך פיעל פארקלענערט דעם גייסטיגען דלות אין דער יוניאן־באוועגונג, אז די ארבייטער זאלען ניט דארפען דעגענערירט ווערען צו אזא נידעריגער קולטור־שטופע, זיי זאלען דארפען אנאנסירען פאר פראפעסיאנעלע

„פירער“ צו ארגאניזירען פאר זיי די יוניאָנס, פונקט ווי אין דער געשעפטליכער וועלט פון קרעמעריי*).

אבער וואס זעהען און באאבאכטען מיר אין דעם פרט אין דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג? וועלכע שטעלונג, למשל, לער־נען די פירער זייערע ארבייטער אנצואווענדען צו דער „אינדזשאנק־שאן“־מגפה און געריכט־פארפאלגונגען געגען סטרייקס און געגען דער סאמער עקסיסטענץ פון די יוניאן־ארגאניזאציעס גופא? אדער וואסערע מיטלען שלאגען די וועג־ווייזער און ווארט־פירער פאר פאר די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט אום צו רעאגירען קעגען א יוסטיץ פארברעכען פון א טאם, מוני און בילינג, אדער פון סאקא און וואנזעטי?**) יא! די יוניאן־ביוראקראטיע גיט צייטענווייז ארויס א היפאקריטיש־פארנעבעלטע דעקלעראציע צו דער אמערי־קאנער ארבייטערשאפט, אז זיי זאלען ניט אויספאלגען די „אינ־דזשאנקשאנס“ (באפעלען, „אוקאזען“) פון די ריכטער, ווי זיי האָ־בען עס פראקלאמירט ביי דער אויסערארענטליכער קאנפערענץ פון דער „אמעריקאן פעדערישאן אף לייבאר“ דעם 23טען פעברואר 1921 אין וואשינגטאן. אבער דערביי זיינען זיי די ערשטע צו ווייזען דעם פייגהאפטען מוסטער צו אנטלויפען פון דער פאזיציע, ווי ס'איז געווען דער פאל ביים קוילען־גרעבער־סטרייק אין 7טען פע־ברואר 1920, ווען א ספעציעלע קאנווענציע פון די „מיינערס יו־

---

*) אין דער „פרייהייט“ פון סעפטעמבער דעם 4טען 1922, לעזען מיר פאלגענדען כאראקטעריסטישען אנאָנסמענט: „ארגאניזאטאר פאר־לאנגט מיט ערפארונג און רעפערענצעס. שיקט אפליקאציאָנען צו „דעליקא־טעסען קלוירקס יוניאָן“, 200 לענאָקס עוועניו, נויארק.“

**) טאָמאס מוני און ווארען בילינג, רעוואָלוציאָנערע ארבייטער פי־רער זיינען פאראורטיילט געוואָרען צום טויט און געענדערט אויף לע־בענסלענגליכע געפענגניש, אויף אן אויזגענשטעכענדען בילבול און א באָמ־בען ווארפעריי ביי א מיליטער פאראד אין סאן פראנציסקא דעם 20טען יולי, 1916. סאקא און וואנזעטי, ראדיקאלע ארבייטער פירער, זיינען פאראורטיילט געוואָרען צום טויט אין דערהיים מאסס. דעם 14טען יולי, 1921, אויף א בילבול פון מארד און רויבעריי וואס זיי זאלען האבען באַ־גאנגען אין ברינטרי, מאסס., וואס איז בלויז געווען א פארשווערונג פון קאפיטאל זיי צו ערמארדען.

ניאָן" האָט פּחדנות'דיג גוטגעהייסען די רעקאָמענדאַציע פון די פירער מיט פּרעזידענט לואיס בראש, אויפצוגעבען דעם סטרייק. כדי איינצופּאַלגען דעם באַפעל („אינדזשאַנקשאַן") פון ריכטער אַנדערסאָן.

אַנדערע יוניאָן־פירער האַנדלען נאָך ערגער. ניט האָבענדיג קיין מוט אַנצופירען דעם קלאַסען־קאַמף געגען די בעלי־בתים און זייערע משרתים, די קאַפּיטאַליסטישע ריכטער מיט זייערע „אינדזשאַנקשאַנס", פאַראַטען זיי די פּרינציפּען פון דער גאַנצער אַרבייטער־באַוועגונג, און ווענדען זיך אַליין אין די געריכטען פאַר „אינדזשאַנקשאַנס" געגען די בעלי בתים. אַזוי האָט געהאַנדעלט פּרעזידענט שלעזינגער פון דער „אינטערנעשאַנאַל לידיעס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן" אין קלאָוקמאַכער סטרייק פון יאָר 1921.

אויסער די דאָזיגע פּאַפּירענע דעקלאַראַציעס וואַרפען זיי נאָך אַרויף די שטענדיגע שווערפעליגע שטייער־לאַסטען אויף די פּלייצעס פון די אַרבייטער־מאַסען, אום אַנצושטאָפּען די קעשענעס פון אַלערליי אַדוואָקאַטען און „פּאַליטישענס, כדי זיי זאָלען אַנפירען דעם „קלאַסען־קאַמף" געגען די דאָזיגע קאַפּיטאַליסטישע יוניאָן־פאַרשווערונגען אין די געריכטען, וואָס ענדיגען זיך ווי אימער מיט א פיאַסקאָ. אנשטאָט וואָס די פירער זאָלען אויפהויבען א מעכטיגען פּראָטעסט צו באַוועגען די מאַסען צו א דירעקטע אַקציע געגען די קאַפּיטאַליסטישע פאַרשווערונגען, באַשאַפען זיי אַזאַ פאַרברעכערישע גלייכגילטיגקייט ביי די אַרבייטער מיט זייער נעבאַכדיגע פּאָליטיק, אז ווען די פירער האָבען געבעטען באַגנאַדיגונג, האָט זיי דער גובערנאַטאָר סטיפענס, פון קאַליפאָרניע, געענטפערט: „אַז די אַרבייטער זיינען ניט פאַראינטערעסירט אין מונים און אין בילינגס באַפרייאונג". ווי מיר לעזען דאָס אין „לייבאָר האַראָלד" פון דזשון 1922. פאַרפאָלגענדיג אַלע בראַווע קעמפער וואָס ווילען אין אמת'ן דורכפירען דיזע דעקלאַראַציעס אין לעבען*).

---

*) אין יולי 1922, איז פאַראורטיילט געוואָרען אויף 6 חדשים טורמע דער אָרגאַניזאַטאָר האַוואַט, פון דער „יונייטעד מיינערס יוניאָן" אין קענזאַס, ווייל ער האָט ניט אויסגעפאָלגט דעם, קאַפּיטאַליסטישען געזעץ פון א ניי־איינגעפירטען אינדוסטריעלען געריכט, וואָס פאַרבאָט סטרייקס אין יענעם שטאַט. אין געגענטייל, ער האָט נאָך אויפגעפאָ־

אַלזאָ, די דאָזיגע פּאַלאַטיוועז וואָס ווערעז צוגעטראַכט פוז די פירער זיינעז דאָס זייערע רפאות צו די פאַרשידענע מכות וועלכע זיי ווענדעז אָז צו פאַרלייכטערעז די נויטעז פוז די אַרבייטער, אָז וועלכע ס׳איז צוזאַמענרעדונג מיט די מאַסעז. אויך ווערעז אָפט אַלס צוגאָב צוזאַמענגעפּויקט מאַס־מיטינגעז... וואו פּראַ־פעסיאָנעלע רעדנער „מאַכעז" די סקאַרבאָווע רעדעס אָז דעם מינדסטעז ווירקונג. אָבער געזעלשאַפטליכע פּראָבלעמעז ווערעז גאָר אינגאַנצעז ניט אויפגענומעז און דיסקוטירט ביי די יוניאָן מיטינגעז מיט דער מיטגלידערשאַפט. אַנשטאַט צו לערנעז און אַנווייזעז וועגעז און מיטלעז פון קלאַסען־קאַמף, וואָס זאָלעז באַ־וועגעז די אַרבייטער צו אַ קאָלעקטיווער אַקציאָן פון מאַסען־אַרויס־טרעטונגעז, וועלכע וואָלטעז אַ חוץ זייער מעכטינסטעז דרוק אַפּצו־שטעלען די פרעכע קאָנספּיראַציעס פון קאַפּיטאַל, אויך פאַרשטאַרקט דעם סאָלידאַרישעז געפיל פון אייניגקייט אויסלייטערענדיג דעם פאַרשטאַנד פון אַרבייטער און וואָלטעז געהאַט אַ רעוואָלוציאָנער־ער־ציהענדען כאַראַקטער אויף די מאַסעז; אַנשטאַט דעם ווערעז יאָר איין יאָר אויס די אַרבייטער פאַרנודעט און איינגעשלעפערט מיט דער מאָנאָטאָנער אַרבייט פון רוטין, וואָס פאַרוואָלגאַריזירט און מאַכט שטומפזיניג דעם גייסט און פאַרקריפּעלט דעם געדאַנקענ־

דערט די קוילען גרעבער אָנצוגעהן מיט זייער קאַמף געגען די קוילען באַראָנען וואָס האָבען צום וויפילטען מאָל געוואָלט שניידען זייערע שווערע ערוואָרבענע פאַרדינסטען. דאָך אַנשטאַט וואָס די פירער פון דער א. פ. אָף ל. זאָלען איהם העלפען אין זיין בראַווען קאַמף געגען דעם ברוטאַלען אָנגריף פון קאַפּיטאַל און זיינע געזעצליכע דינער אויף דעם סאַמען עק־סיסטענץ פון די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, האָט גאָר דער פּרעזידענט לו־איס אַרויסגעוואָרפען דעם קעמפער האַוואַט צוזאַמען מיט די רעבעלען צווישען די קוילען גרעבער, וואָס האָבען איהם געשטיצט פון דער „יוניי־טעד מיינערס יוניאָן" דערפאַר וואָס זיי האָבען ניט אויסגעפאָלגט זיין באַפעל, צוריקצוציהען דעם סטרייק, וואָס ער האָט ערקלערט פאַר אומגע־זעצליך... דעם דאָזיגען שטראָף האָט דער געזאַלבטער לואיס נאָך אַרויסגע־געבען אין דער צייט ווען האַוואַט איז אָפּגעזעסען זיין טערמין אין טורמע און אפילו ניט געהאַט די מעגליכקייט זיך אָפּצוּוועהרען געגען דעם דעספּאָטישען אורטייל וועגען אויסשלוס פון דער יוניאָן.

גאַנג פון די מאַסען און פאַר׳מיאוס׳ט דאָס גאַנצע יוניאָן לעבען פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער מאַסען.

אָט דאָס איז אין סך הכול דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיגען גייסטיגען דלות וואָס הערשט אין די רייען פון די אַרבייטער. דאָס קומט, ווי איך האָב אויבען מיט גענוג פאַקטען אָנגעוויזען, א דאַנק די קאָרומפּירטע ערציאונג, וואָס די יוניאָן־ביוראָקראַטיע זוכט איינ־צופּלאַנצען אין די קעפּ פון די מאַסען, כדי זיי זאָלען קענען לייכ־טער און זיכערער שאַלטען און וואַלטען איבער דעם גאַנצען לעבען פונ׳ם אַרבייטער, און אומגעשטערט קאָנטראָלירען די פּאַרוואַלטונ־גען פון דער יוניאָן־באַוועגונג. די דאָזיגע פּוסטע און פאַלשע „אור־ניווערסיטעטישע" הויך־בילדונג פון די אידישע פירער, פּונקט ווי די וואולגאַר־פּאַטריאָטישע לערען, וואָס ווערען אַריינגעפּומפּעט אין די קעפּ פון די מיטגלידער דורך די אמעריקאַנער פירער, דינט איינע און דיזעלבע צוועקען. געמליך: פון איין זייט צו פּטר׳ן וואָס מער־דער געלט, אום וואָס ווייטער אויסצוברייטען די קהל׳שע שיסעל, און פון דער צווייטער זייט צו קענען וואָס שטאַרקער פאַרטומלען די מחות פון די מאַסען און זיי צו האַלטען דורכדעם אין דער פינס־טערניש מכח די אמת׳ע אורזאַכען פון זייערע נויטען און די ווירקליכע פאַקטען פון זייער לאַגע. און דאָס אַלץ צוליב דעם איינ־פאַכען גרונד צו קענען דורכפירען די „פרייע ליבע" צווישען קאַ־פּיטאַל און אַרבייט, וועלכע העלפט אם בעסטען אָנצוהאַלטען וואָס לענגער און זיכערער זייער ביוראָקראַטישע הערשאַפט איבער דער אַרבייטער־באַוועגונג פון אמעריקא.

אָבער אין דער זעלבער צייט ווען די יוניאָן־פירער ערציען ביים אַרבייטענדען עולם אַזאַ פאַרגיפטעטע גייסטלאָזינקייט און האַלטען אים פרעמד פון אַלע וויכטיגע ענינים פון זיין אייגענער אָר־גאַניזאַציע, אונטערדריקען און פאַרפאָלגען זיי יעדע פרייהייטליכע מיינונג און יעדען קריטישען געדאַנק, וואָס ווערען געשריבען און אַרויסגעבראַכט פונ׳ם פּראָגרעסיווען און ראַדיקאַלען עלעמענט אין די יוניאָן־אָרגאַניזאַציעס, ווי מיר וועלען עס אויפווייזען אינ׳ם קו־מענדען קאַפּיטעל.

דריטער קאפיטעל.

די פרייהייט־באשרענקונגען פון ווארט און שריפט אין די יוניאנס.

זוכענדיג מיט אלע מעגליכע מיטלען אנצוהאלטען די זאגע־נאנטע „הארמאניע“ צווישען דער יוניאן מיט די ארבייט־געבער, היטען די יוניאן־בעאמטע, אז קיין פרייער געדאנק און קריטיש ווארט, וואס זיינען אין ווידערשפרוך מיט דעם גייסט פון „הייליגען פרידענס־אפמאך“ זאלען ניט צוגעלאזט ווערען פאר דער עפענטליכקייט אויף די יוניאן מיטינגען, אין די אפיציעלע פאר־צייטונגען, און זאגאר ניט אין דער אלגעמיינער פרעסע.

אום צו שטערען יעדע מעגליכקייט פאר'ן אמת'ן רעוואלוציאנערען געדאנק אדער אפאזיציאנעלע קריטיק געגען די הערשענדע מעכטען אין די יוניאנס, האבען די פירער נישט נאר פארמאכט די פאר־צייטונגען, זאנדערען אויך די אלגעמיינע, כלומרשטע „ארבייטער פריינדליכע“ פרעסע. אין פלוג זעהט דאס אויס מאדנע, אומגלויבליך: סטייטש, ווי קענען דאס די יוניאנס באהערשען די אלגעמיינע צייטונגען און זיי דיקטירען וואס יא און וואס נישט צו פארעפענטליכען? אין דער ווירקליכקייט אבער איז דאס פארט אזוי, ווייל אורזאכען פארוואס זיי זאלען קאנען באאיינפלוסען די אלגעמיינע פרעסע צום גונסטען פון אפיציעלען בעאמטעטום פון די יוניאנס זיינען פאראן א סך. כודם כל, מוזט איר וויסען, אז די אלגעמיינע פרעסע פון וועלכען ניט איז קאליר איז אחוץ אלעמען א געשעפט־אונטערנעמונג און אלס אזעלכע וויל זי קודם כל באפרידיגען און צופרידענשטעלען אירע קונדען, און אז די יוניאנס מיט זייערע פעטע רעקלאמעס זיינען גאנץ גוטע קונדען, וועט קיינער ניט לייקענען. דארום וועט קיין אלגעמיינע צייטונג, מיט אויס־

נאָם פון די סאַמע „לינקסטע“, אַזוי צו זאָגן, זעלבסטפאַרשטענד־ליך, זיך ניט וועלן איינרייסן מיט די גרויסע יוניאָנס און קומען דאָדורך אין געפאַר צו פאַרלירן די גרויסע הכנסה פון שטענדיגע יוניאָן אַנאָנסען. ווייטער, די יוניאָן־נייעס, ווי זיי ווערן די לעצטע צייטן אַזוי סענסאַציאָנעל באַפאַרבט פון די פירער, איז היינט צו טאָג א גוטער מאַטעריאַל פאַר דעם לעזענדעם פּובליקום, ספּעציעל פאַר די טעגליכע צייטונגען, וואָס ווילן איינע די צווייטע אריבער־יאָגן אין צירקולאַציע. כדי אבער צו געבן וואָס מער נייעס און פון ערשטער האַנט וועגן סטרייקס, לאָק־אויטס, קאָנפערענצען אָדער אינערליכע יוניאָן־קאָנפליקטן און אָרגאַניזאַציאָנס־אַנגעלע־גענהייטן, האָבן די ארויסגעבער איינגעפירט א ספּעציעלן „לייר־באָר דעפּאַרטמענט“ (אַרבייט־אָפּטיילונג) מיט א „לייבאָר עדיטאָר“ (רעדאַקטאָר פאַר ארבייטער נייעס) וואָס זאָל זיך אָפּגעבן בלויז מיט די דאָזיגע יוניאָן־נייעס. ווען וועלן די אַרויסגעבער, דענקט איר, אַנשטעלן? געוויס וועלן זיי ענטוועדער זיך אַרומ־רינגלען מיט ניט קיין רעוואָלוציאָנערן אָדער אָפּאָזיציאָנס־פירער, וואָס זיינען ניט אין מאַכט און קענען קיין רעקלאַמעס ניט געבן. נאַטירליך, נעמען זיי דיזע אַרבייט־רעדאַקטאָרן פון די „לאָיאַלע“ (טרייע) פירער צווישן דער אָפיציעל אנערקענטער יוניאָן־באַוועגונג, און אויף זיי קענט איר זיך שוין פאַרלאָזן. זיי זעהען שוין דורכצולאָזן אַזעלכע אַרטיקלען און נייעסן (אויסער אַזעלכע נייעס וואָס זיי קענען ניט פאַרשווייגן) וואָס זיינען נישט אין געגענזאַץ צו דער טאַקטיק און צו די פירונגען פון דער הער־שענדער מאַכט אין די יוניאָנס. איר מעגט שוין זיכער זיין אַז ווען עס באַווייזט זיך א קריטישער געדאַנק, וואָס איז געגען די פאָרמען און פירונגען פון די יוניאָן אָרגאַניזאַציעס, גיבן די „לייר־באָר עדיטאָרס“ שוין גוט אכטונג אז ס'זאָל בלייבן אין קאָרב. מען באָאָבאַכטעט טאַקע, אַז אין דער „אַרבייטער פריינדליכער“ פּרעסע ערשיינען אימער און אייביג אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען, א. ז. וו. פון איין ריכטונג: דער ריכטונג פון דעם מעסיג־פּראָגרעסיוון יוניאָניזם, געשריבן פון די אָפיציעלע פירער און באַאַמטע. זעל־טען, זעלטען, ווען א „שטים פון פאָלק“ געשריבן פון אַן ארבייטער

פון דער „רענק און פייל“ פאַרוואַלגערט זיך אין ערגעץ א ווינקעל, וואָס דריקט אויס אַ מילדען פּראָטעסט געגען דער אָדער יענער האנדלונג פון די יוניאָן פירער. איז קיין וואונדער ניט, ווארום דער נסיון פון די גרויסע און „קאָמפּלעמענטארע“ אנאָנסען פון די יו־ניאָנס איז אַזוי גרויס, אַז אַפילו די ראַדיקאַלסטע צייטונגען ווערען דערפון געשטרויכעלט...*)

אַלזאָ, דורך די דאָזיגע מיטלען האָט די יוניאָן־ביוראָקראַטיע, אויף וויפיל זי איז געווען בכח, ערפאָלגרייך איינגעפירט אַ צענזור צו באַשרענקען דאָס פרייע וואָרט אין שריפט, אין די פאַך־צייטונ־גען און אין דער אלגעמיינער פּרעסע, באַרויבענדיג דערמיט די אַר־ביימער פון יעדער מעגליכקייט צו לאָזען הערען זייער פּראָטעסט־שטימע געגען אַלע אונטערדריקונגען פון מיינונגס פרייהייט, וועגען דעם געבוי און טאַקטיק פון דער יוניאָן, און דערמיט אויסגעמיטען די געפאַר, אַז ס'זאָל חלילה ניט קענען שאדען די „פרייע ליבע“ צווישען די בעאַמטע און די בעלי בתים**).

מער נאָך, ניט נאָר וואָס די איינפאכע מיטגלידער ווערען גע־שטערט אויסצודריקען זייער אָפּאָזיציאָנעלע מיינונגס־פאַרשידענ־הייט אין זייערע יוניאָן אָרגאַניזאַציעס, נאָר אַפילו אַזוינע אָפּיציע־לע בעאמטע וועמעס מיינונגען עס שטימען ניט מיט די האַנדלונגען פון די פאבריקאנטען אין זייערע באַציאונגען צו די אַרבייטער, ווע־רען געשטערט און פילע מאָל געסטראשעט מיט געוואַלט, אויב זיי שפּארען זיך איין און ווילען מיט זייער פרייער קריטיק אַרויסקומען

*) זעה די ריזיגע באַגריסונגס־רעקלאַמעס פון די יוניאָנס צום ערש־טען מאי אין פאָרמע פון באַצאָלטע אַנאָנסען. אין דער „פרייע אַרבייטער שטימע“ פון 1טען מאי 1920, וועגען די קאָמפּלימענטאַרע אַנאָנסמענטס פון כמעט אַלע יוניאָנס אויף שווערע טויזענדע דאָלארס אין „פאָרווערטס“ ווי איהר קענט דאָס געפינען אין 25 יעריגען יובילעאום פון „פאָר־ווערטס“ אין יאָר 1922 איז שוין אָפּגערעדט.

**) אין דער „פרייער אַרבייטער שטימע“ פון 4טען אַפּריל 1914, שרייבט דר. הורוויטש: „די הויך־בעאמטע פון דער „אינטערנעישאָנאַל לײדיעס גארמענט וואָרקערס יוניאָן“ א. ראָזענבערג, זיגמאַן און אַנדערע, פאָדערען א צענזור אויף דער יוניאָן פּרעס, מען זאָל קיין וואָרט ניט טאָרען שרייבען מיט וועלכע די בעלי בתים אַסאָסיאציע וועט זיין אומ־צופרידען“.

אין דער עפענטליכקייט.*) אויב עס טרעפט אבער, (נאַטירליך טרעפט דאָס זעלטען) אז א „טומעל מאכער" ווערט ערוועהלט אלס בעאמטער פון דער יוניאָן און לאָזט זיך ניט אָפּסטראשען פון קיינע געוואלט־מיטלען און שרייבט דאָך זיינע קריטישע בליקען וועגען די ווילקירליכע האנדלונגען פון די בעלי־בתים און געגען די אטאקראַ־טישע פירונגען פון די יוניאָן בעאמטע, דאַן ווערט אלעס וואָס ער שרייבט גאנץ איינפאך אריינגעוואָרפען אין קאָרב, אָדער אין בעס־טען פאל, אזוי צוקאליעטשעט מיט דעם „בלויען" בליישטיפט, אַז דער שרייבער אליין דערקאָנט ניט וואָס ער האָט געשריבען. ער מעג פּראָטעסטירען און שרייען געגען די דאָזיגע צענזור און אונ־טערדריקונג פון זיין פּארוויטאָגט הארץ, בלייבט ער בלויז ביי זיינע פּראָטעסטען און קלאָגעס אָן וועלכע עס איז רעזולטאַטען**).

*) אין דער „פריער אַרבייטער שטימע" פון 29טען נאָוועמבער 1913, אין אַן אַרטיקעל „אַ בריעף צו די „קלאָוקמאַכער" און אנדערע ארבייטער" שרייבט דר. הורוויטש: „ווען איך האָב זיך געוואָלט באַנו־צען מיט דער פּרעסע צו מעלדען די אַרבייטער אַלצדינג וואָס עס קומט פאָר אין דער יוניאָן, איז מ. לאָנדאָן, דער יוניאָן־אַדוואָקאַט געווען דאַ־געגען. איין מאָל איז ער געקומען צו א מיטינג פון דער קאָנפערענץ קאָ־מיטע וואָס האָט געדארפט פארהאַנדלען מיט די פאבריקאַנטען־אַסאָסיא־ציע און האָט געסטראשעט, אז ער וועט צוברעכען דעם אָפיס פון דער „נייער פּאָסט" (אָפיציעלע יוניאָן ציימונג) ווייל ער האָט פאַרלאַנגט צו וויסען וואָס פאר אַרטיקלען עס וועלען געדרוקט ווערען אין דעם נעקס־טען נומער. זיין מיינונג איז, אז די מיטגלידער דארפען וויסען וואָס ווייניגער מכח דעם וואָס עס טוט זיך אין דער יוניאָן".

**) אין דעם אָפיציעלען סעקרעטער־רעפּאָרט, זייט 13, אַרויסגעגעבען פון דער קלאוקאפּעריטארס יוניאָן לאָקאל 1, נויארק, אין יאָר 1916, קענט איהר לעזען ווי דער מחבר פון דיזען בוך באַקלאָגט זיך ווי פאָלגט: „ווען אונז (די עקזעקוטיווע קאָמיטע) וואָלט נישט אויסגעקומען צו פי־רען אַזאַ שווערען קאמף אין דער „קלאוקמאכער יוניאָן" פאר דאָס פרייע וואָרט אין דער „נייער פּאָסט" וואָס מיר פירען פון דער ערשטער מי־נוט אָן, וואָלטען מיר זיכערער געלאָזט הערען העכער אונזער שטימע פאר מעהרער דעמאָקראַטיע און פרייהייט פאר די מיטגלידער פון דער גאַנצער יוניאָן".

אַזאַ שיקזאל פון צענזור און אונטערדריקונג פון פרייען געדאנק האָט אויך מיטגעמאכט דער סעקרעטער ב. שעהן פונ'ם זעלבען לאָקאל יו־ניאָן פון די קלאוקמאכער ווי איהר קענט דאָס געפינען אין די „גערעכ־

ס'קומט פאר נאך ערגערעס, ווען עס מאכט זיך, אז א געווענ־
ליכער ארבייטער אדער גרופע ארבייטער וואגען זיך אנטקעגען צו
שטעלען געגען דער „דיסציפלין" פון דער יוניאן, (דאס הייסט בע־
אמטע) און טרעטען ארויס אויף די יוניאן־מיטינגען מיט זייער אפע־
נער קריטיק, אדער ניט קאנענדיג צוקומען מיט זייערע טענות צו
דער ברייטער מיטגלידערשאפט דורך זייער אפיציעלען יוניאן אר־
גאן, פארשפרייטען זיי א פראקלאמאציע אין דער עפענטליכקייט.
דאן ווערען אט דיזע „בונטאווטשיקעס" באהאנדעלט פון דער יו־
ניאן ביוראקראטיע שוין ניט מיט אזעלכע מילדע מיטלען. דא ווערען
שוין פון די בעאמטע אנגעווענדעט און באנוצט אלע פארפאלגונגס
און באשטראפונגס מיטלען, אום די ארבייטער „רעבעלען" צו „דיס־
ציפלינירען". קיין זאך איז ניט אויסגעשלאסען ווען מען זוכט
אזוינע ארבייטער צו „דיסציפלינירען". אבי עס זאל די בעאמטע
געלינגען (וואס איז פיל מאל דער טרויעריגער פאל) צו פארשטאפען
די אויערן פון די מאסען געגען דער שטים פון קריטיק.*) מען

טיגקייט" פון יולי 1921, דורך א קלאגע צום רעדאקטאר ווארום ער האט
אונטערדריקט זיינעם א באריכט פון א מיטינג אין קופער יוניאן, וואס
האט אנגערירט א וויכטיגען פונקט וועגען די שטעלונג פון די ארבי־
טער צום „מעמאראנדום אגרימענט" וואס איז געווען נוגע די אינטערע־
סען פון די ברייטע מאסען קלאוקמאכער.

אם קלארסטען ווערען ארויסגעבראכט די פריוהייטס־באשרענקונגען פון
ווארט און שריפט זייטענס די יוניאן־ביוראקראטיע דורך א רעזאלוציע,
וואס איז אריינגעבראכט געווארען פון א דעלעגאט פון לאקאל 1, א. ראטענ־
בערג, צו די 16טע קאנווענציע פון דער א. ל. ג. וו. י. אין יאר 1922. וועל־
בע מיר נעמען ארויס פון אפיציעלען רעפארט, וואס לעזט זיך ווי פאלגט:

„אין אמבאטראכט דאס די „גערעכטיגקייט" (אפיציעלער יוניאן אר־
גאן) ענטהאלט ניט קיין מיינונגס פארשידענהייט, אויסער פון רעדאקטאר
(און זיין גלייכען) אין אמבאטראכט, אז ס'איז לעבענסנויטווענדיג פאר
דער „אינטערנעשאנאל" אז ס'זאל זיין אן אויסטויש פון מיינונגען איבער
די באליסי און טעטיגקייט פון דער יוניאן. זיי עס באשלאסען אז די זייי־
טען פון אונזער צייטונג זאלען געעפענט ווערען צו די מיטגלידער פאר
פרייע דיסקוסיעס, וואס איז נוגע פראגען פון דער יוניאן." נאטירליך
איז דיזע, אזוי גוט ווי אלע פראגרעסיווע רעזאלוציעס, נידערגעשטימט גע־
ווארען.

*) אין „פארווערטס" פון 17טען סעפטעמבער 1918, געפינען מיר

שטעלט זיך פאר קיין זאך ניט אפ ווען מען וויל באשטראפען די „קיקערס" פאר דער חוצפה גאר צו וועלען אריינברענגען פרייע קריטיק און אן אפענהערציגען געדאנקען־אויסטויש אין דער יוניאן, — וואס איז אין גרונד גענומען אלס ארבייטער־בונד א פריוויליגע ארגאניזאציאן, וואס האלט זיך אויסשליסליך אויף אויף אט דער פריוויליגקייט און קאן דורך דעם, און נאר דורך דעם עקסיסטירען און זיך אנטוויקלען, — שטעלען זיך די בעאמטע ניט אפ פאר קיין געמיינהייטען, כדי דעם צוועק פון אליינהערשאפט צו דערגרייכען. דאס ווערט פון זיי געטאן ניט אזוי צו באשטראפען די שולדיגע, ווי אפצושרעקען די ברייטע מאסען, אז זיי זאלען זיך ניט צוהערען צו די מיינונגען פון דער אפאזיציע. פאר דעם צוועק לאזען די בעאמטע ניט פארדינגען קיין „האלל" (זאל) וואו די ארבייטער זאלען זיך קענען פארזאמלען אויסצוהערען די מיינונגען פון די „טומעל־מאכער" און זיך זעלבסט פריי אויסשפרעכען*) א. ז. וו.

נאטירליך דארט וואו דער זאל־אייגענטימער האט מער הכנסה פון די אפיציעלע יוניאנס ווי פון וועמען עס איז אנדערש צוליב די צענדליגע מיטינגען א מאנאט, וועט זיכער דער אייגענטימער — פונקט ווי די צייטונגס ארויסגעבער, ווי דער אויבענדערמאנטער

פאלגענדעס: „ביום לעצטען מיטינג פון די „פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען" איז פארגעקומען א דיסקוסיאן וועגען די אויפפירונג פון די יוניאן פירער. די דיסקוסיאן איז אנטשטאנען, נאכדעם ווי וויליאם דייוויס, דער דעלעגאט פון די „ווייט גודס יוניאן" האט באריכטעט וועגען אן אונטערזוכונג וואס איז געמאכט געווארען אין א געוויסער יוניאן, (צוליב פאליטיק האט מען ניט אנגעגעבען דעם נאמען פון דער יוניאן וואס איז דעם מחבר יא באקאנט.) דאס איז געווען די „טשילדרען שו וואָרקערס יוניאן" (קינדער שיך ארבייטער יוניאן) אויף קלאגען וואס מיטגלידער האבען געבראכט אויף זייערען א פירער. די קלאגען זיינען געווען אז ער איבערטרייבט מיט דעם סארט „דיסציפלין" וואס ער וויל איינפלאנצען, און אז ער טעראריזירט פשוט די מיטגלידער וואס טרעטען ארויס געגען דעם אופן ווי ער פירט די יוניאן".

*) אין דער „פרייע ארבייטער שטימע" פון 10טען אקטאבער 1914 שרייבט דר. הורוויטש ווי פאלגט: „ווען עס בילדעט זיך א גרופע יוניאן לייטע וואס ווילען בארופען אן אייגענעם מיטינג צו פראטעסטירען געגען די „מאשין" פון דער יוניאן, הייסט מען דעם „האלל" אייגענטימער זיי ניט ארייגלאזען אין זאל".

ביישפּיל האָט געוויזען, — זיך לאַנג ניט לאָזען בעטען און וועט די „טומעל מאכער" צו זיך אין זאל ניט אריינלאָזען, אָדער פארדינגען. אויב די אַרבייטער קריגען שוין יא א האַלל, האָבען די בעאמטע אנדערע מיטלען פון טעראר, ווי מיר וועלען ווייטער אויפוויזען, אום זייער צוועק פון צענזור און וואָרט־אונטערדריקונג צו דערגרייכען. אויב דאָס איז ווייניג, שליסען זיי זאָגאר אויס די מיטגלידער פון דער יוניאָן פאר׳ן זעלבען „פאַרברעכען" פון פרייער קריטיק, און לאָזען נישט צו די אַרבייטער־פארטרעטער צו די יוניאָן צוזאַמענפארען צו וועלכע זיי זיינען געזעצליך און דעמאָקראַטיש ערוויילט געוואָרען דורך די מאסע*)

---

*) אין דער „גערעכטיגקייט" פון 17טען יוני 1921, לעזען מיר אַן אָפיציעלען רעפּאָרט פון דעם גענעראל־קאָמיטעט פון די „דרעס און וויסט" אינדוסטריע" פאָלגענדעס: די „דזשאָינט באָארד" האָט באַשלאָסען אויסצושליסען א. וויסמאַן, טש. זימערמאַן, ד. פרידמאַן, ר. ניומאַן, מ. גוטערמאַן און ר. קונץ פון דער יוניאָן פאר א יאר צייט, און ד. אבער און ב. מילער פאר צוויי יאָר צייט". די אורזאַך פאר די אַגולנע אויסשליסונג פון דיזע אַרבייטער, דערוויסען מיר זיך פון דעם עדיטאָריעל אינ׳ם זעלבען נומער „גערעכטיגקייט" וואָס לעזט זיך צום טייל ווי פאָלגט: „דער אורטייל איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון א קאָמיטע, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען צו אונטערזוכען די „סקאַנדאַליעזע" אנגעלעגענהייט, וועלכע אייניגע יוניאָן לייט האָבען באַגאַנגען מיט דער פארשפּרייטונג פונ׳ם באַאייניגע „הענד־ביל" (פּראָקלאַמאציע), אין וועלכען זיי האָבען געזוכט צו באַשמוצען דעם שענעם נאָמען פון דער יוניאָן". (לעזט באַאמטע. מ. ר.)

וועגען אַן ענליכען ביישפּיל לעזען מיר אין „טאָג" פון 18טען אָקטאָבער 1916, וואו עס ווערט געמאָלדען, „אַז דעלעגאַט פּאולאַצקי פון לאָקאל 1 ווערט ניט צוגעלאָזען צו דער קאָנווענציע פון די „אינטערנעישאָנאל לײדיס גארמענט וואָרקער יוניאָן". דער קאָמיטעט האָט געגען איהם אויסצוזעצען, אז ער האָט געשריבען אין דער צייטשריפט מיט׳ן נאָמען „קלאוקמאכער" געגען די פירער פון דער יוניאָן, אַז זייערע האַנדלונגען זיינען אזוינע, ווי זיי וואָלטען געווען געדונגען פון די בעלי בתים. די דעלעגאַטען פון לאָקאל 1, וואָס האָבען פערטיידיגט זייער דעלעגאַט פּאולאַצקי האָבען גע׳טענה׳ט אז מען טאָר קיין דעלעגאַט פון דער קאָנווענציע ניט אויסשליסען צוליב מיינונגס־פרייהייט און אַז דער „קלאוקמאכער" איז אַרויסגעגעבען געוואָרען, ווייל די „נייע פּאָסט", דער אָרגאַן פון דער יוניאָן, איז פארמאכט פאר די געגנער פון די יוניאָן־אַדמיניסטראַציע. די טענה האָט אבער ניט געהאָלפען. די קאָנווענציע מיט׳ן אויסנאם פון

אַבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. פאר דער „חוצפה“, וואָס מאַנכע ארבייטער נעמען זיך אַרויסצוטרעטען אויף זייערע אייגענע יוניאָן־מיטינגען מיט אַ קריטישען געדאנק וואָס איז גאָר ניט קיין גע־פאר פאר די באַציאונגען צווישען די בעאמטע און די בעלי בתים, נאָר דריקען בלויז אויס אַן אנדער מיינונג געגען די האנדלונגען פון דער פירערשאפט בנוגע דעם אינערליכען צושטאַנד אָדער געבוי פון דער יוניאָן ווערען זיי אויסגעשלאָסען פון די פאַרוואַלטונגען און באַשטראָפט מיט געלט. וואָס אנבאַטרעפט די ווילקירליכע געלט־שטראפען און פארפאָלגונגען אין די גוי'אישע יוניאָנס פאר „מאַ־יעסטעט באַליידיגונגען“ ביי די פאַר־מיטינגען, איז עס פאר יעדען אַרבייטער אַ באַקאנטער פאקט, וועלכער איז שוין, דאכט זיך, גע־וואָרען אַ טראַדיציע אין דער אַרבייטער־באַוועגונג...*)

די דעלעגאטען פון לאָקאל 1, האָט באַשלאָסען דעם דעלעגאַט פאוולאָצקי ניט צוצולאָזען“.

*) אין „פּראָלעטאריער“ פון 1טען סעפּטעמבער 1920 געפינען מיר פאָלגענדעס: „אין דער קאַרפּענטערס יוניאָן פון פילאדעלפיא איז פאַר ריידען אַ וואָרט געגען די פירער, אַן ארבייטער מ. שטראָפירט געוואָרען מיט 65 דאָלאר, און אַ צווייטער אַרבייטער, מישקין איז אויסגעשלאָסען געוואָרען דערפאר פון דער יוניאָן; אַזוי ארום איז די פירער געלונגען צו פארמאכען דאָס מויל פון דער אָפּאָזיציע“.

איכ'ם זעלבען נומער „פּראָלעטאריער“, געפינען מיר ווייטער, „אַז די פירער פון דער יוניאָן באַנוצען זיך מיט פארשידענע מיטלען, געזעצ־ליכע און אומגעזעצליכע, ערליכע און געמיינע, צו באקעמפען די קריטיק פון די אַרבייטער. מען האָט אויסגעשלאָסען אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד פאר זאָגען דעם אמת צו די ארבייטער. מען האָט זאָגאר געוואָלט דורכשמוגלען אַ באַשלוס אויסצושליסען יעדען מיטגליד פון דער יוניאָן פאר באַלאַנ־גען צו אַ געוויסע „ליגע“, וועמעס אויפגאבע עס איז צו פאַרטיידיגען די רעוואָלוציאָנערע מעטאָדען פון יוניאָניזם“.

באַמערקונגסווערט איז דער פאקט אז דעם פאַרפאסער פון דיזען בוך, צוזאמען מיט נאָך צוויי ארבייטער, שטערענפעלד און פאדאוער, האָבען די פירער פון דער קלאוקמאכער יוניאָן געזוכט אויסצושליסען פון דער אָר־גאַניזאציאָן שוין אין יאר 1915, פאר דאָס אַרויסגעבען פון דער אויבענ־דערמאָנטער צייטשריפט „דער קלאוקמאכער“. אינטערעסאַנט איז אַז דער „סאָציאַליסט“ הילקוויט איז אויפגעטראָטען פאר די באַאמטע אַלס לאָיער, כדי אויפצוהענגען „אַ שלאָס אויפ'ן מויל“ אויף די „קיקערס“, אָבער אַ דאַנק די מיטגלידער איז דאָס דער ביוראָקראַטיע ניט געלונגען.

אינטערעסאנט איז, אז די יוניאָן־ביוראָקראטיע, זוכענדיג צו
באַרעכטיגען זייערע ווילקירליכע האנדלונגען אלס געזעצליך, טיי־
טשען אוים די געזעצען אזוי, אז ס'זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט
זייערע, אין די מערסטע פעלע פון זיי געמאַכטע קאָנסטיטוציעס.
אין אמת'ן געפינען זיך טאקע אין דיזע קאָנסטיטוציעס פּאַראַגראַ־
פען וואָס דייטען אָן אז פאר דער אָדער יענער קריטיק וואָס קען
אָנגרייפען דעם פּרעסטיזש און דעם שיינעם נאָמען פון דער יוניאָן
קען מען ווערען באַשטראָפט*) און וואָס איז שייך די געמיינהייטען
וואָס ווערען באַגאַנגען פון די בעאמטע געגען די יעניגע אַרבייטער,
וואָס פאַרשפּרייטען רעוואָלוציאָנערע יוניאָניסטישע ליטעראטור
צווישען די מיטגלידער אויב דער פּראָפּאַגאַנדיסט אליין באַלאַנגט
ניט צו איר, נאָר איז א מיטגליד פון אן אנדער ראדיקאַלער יוניאָן.
דיזע סאָרט געמיינהייטען טרעטען איבער אלע גרענעצען פון ברו־
טאַליטעט און גוואַלט. ניט נאָר וואָס מען לאָזט ניט אזא אַרביי־
טער אריין אין מיטינג־זאַל פון וועלכער ס'איז יוניאָן, נאָר מען גיט
אים נאָך פּשוט איבער אין די הענט פון דער פּאָליציי.**)

אויך וועגען ענליכע פאקטען פון־אויסשליסונג פון עקזעקוטיוו מיט־
גלידער אין דער „אמאלגאמייטעד יוניאָן" אין נויארק, אַזוי גוט ווי אין
קליוולאנד, מיט אנדערע פיער (4) עקזעקוטיוו מיטגלידער וואָס האָט
פּאַסירט פאַר דעם זעלבען „פאַרברעכען" פון פרייער קריטיק געגען די
פירער, לעזען מיר אינ'ם „קאַמף" פון 19טען נאָוועמבער 1920.

*) סעקציע 5 פון אַרטיקעל 9 פון דער „אינטערנײשאָנאַל לײדיס
גארמענט וואָרקערס" קאָנסטיטוציע, שרייבט פאר: „אַז יעדער ערוועלטער
בעאַמטער פון א לאָקאל יוניאָן קען באַשטראָפט ווערען פאר א האַנדלונג
וועלכע ערנידעריגט דעם כבוד אָדער קראַפט פון דער אָרגאַניזאַציע". סעק־
ציע 43 פון דער קאָנסטיטוציע פון די „בוט און שו וואָרקערס יוניאָן"
(שוסטער יוניאָן) זאָגט נאָך דײטליכער, „יעדער מיטגליד וואָס וועט
שריפטליך אָדער מינדליך וואַרפען א שלעכטען ליכט אויף די אָרגאַני־
זאַציע אָדער אויף אירע בעאמטע זאָל דיסציפּלינירט, באַשטראָפט, אָדער
אויסגעשלאָסען ווערען פון דער יוניאָן" א. ז. וו.

**) דער „אינדוסטריעלער אַרבייטער" פון 15טען אויגוסט 1920,
שרייבט פאָלגענדעס: „מיטגלידער פון דער „אמאלגאמייטעד" האָבען גע־
בעטען דעם אַרבייטער, ראָבערט עמעט א'בריען, א מיטגליד פון דער אינ־
דוסטריעלער יוניאָן נומער 573 פון דער „א. וו. וו." אַז ער זאָל העלפען
אָנפירען פּראָפּאָגאנדא פאר אן אינדוסטריעלע יוניאָן צווישען די מיט־

א דאנק אַט די דאָזיגע אונטערדריקונגען און פארפאָלגונגען געגען יעדען איינעם מיט א פרייען געדאנק ווערט ביי די אַרביי־טער באשאַפען אַזאַ טיפער אומצוטרוי און גיפטיגער האס געגען די וואָרט־פירער און בעאַמטע פון זייערע יוניאָנס, אַז די מיטגלי־דער באַשולדיגען די לעצטע אין איינפּאַכען פּאַראַט און פּראָוואָ־קאַציע אלס שפּיאָנען פון דער רעגירונג.*)

מען קען פארשטיין וואָסערע פאָלגען עס קען שוין אַרויסקומען פון די דאָזיגע פרייהייטס־באַשרענקונגען פון וואָרט און שריפט, און וואָס פאר א פאַרדאַרבענדע ווירקונג דאָס האָט אינ'ם לעבען פון דער אַרבייטער־באַוועגונג. אנשטאַט א פרייען געדאנקען־אויס־טויש, וואָס וואָלט אויסגעשליפען דעם באַוואוסטזיין ביי די מאסען

גלידער פון דער „אמאלגאמייטעד“. דעם 29טען יולי 1920 האָט ער ער־פילט די ביטע פון די אַרבייטער און האָט גענומען ליטעראַטור וועגען אינדוסטריעלען יוניאָניזם און איז אוועקגעגאנגען צו דעם אָפיס פון דער „אמאלגאמייטעד“ וואָס געפינט זיך אויף וואשינגטאָן סטריט 885. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין דורכגאנג און האָט גענומען טיילען די פּראָקלאמאציעס. ווען העלער, א בעאַמטער פון דער באָסטאָנער בראַנזשע פון דער „אמאלגאמייטעד“, האָט דאָס דערזען, האָט זיך אין אים דער־וועקט „הונדערט פּראָצענט אמעריקאניזם“, און מיט כעס האָט ער אים געהייסען אַרויסגיין פון זאַל. א'בריען האָט ניט געענטפערט קיין וואָרט אויף זיין זידלעריי און האָט פאַרלאָזען דעם זאל. נאָר דער בעאַמטער העלער איז מיט דעם ניט צופרידען געבליבען, ער איז אַרויס אין דרויסען און צוגערופען א פּאָליציי־מאַן און געהייסען ארעסטירען דעם געפער־ליכען „אַנאַרכיסט“, באָלשעוויק“, „א. וו. וו.“ דאָס זיינען זיינע אייגענע ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט דעם פּאָליציימאַן. אין פּאָליציי הויז האָט העלער געבראַכט געגען אָ'בריען א קלאַגע, אַז ער איז א געזעץ־ברעכער און א שטערער פון אונזער סאָציאלען סיסטעם“.

*) אין דער „גערעכטיגקייט“ פון 29טען אָקטאָבער 1920, ענטפערט דער רעדאַקטאָר אין בריף־קאסטען אַן אַרבייטער פאָלגענדעס: „וואָס אנ־באַטרעפט דעם באריכט וועגען דער „לוידיעס ווייסט יוניאָן“ אין פילא־דעלפיע איז דאָרט דאָ א געמיש פון פיל, וואָס איז אמת און פיל וואָס איז ליגען. עס איז ניט אמת, אַז אין די „גערעכטיגקייט“ ווערען גע־דרוקט בלויז באריכטען פון בעאַמטע, און אז די באריכטען פון זייטיגע אַרבייטער ווערען אריינגעוואָרפען אין קאָרב, אָדער דער רעדאַקטאָר זי־דעלט זיי נאָך גוט אָן, און מען שיקט די בריף צוריק אין פּאָסט ביורא, אום צו פּראָוואָצירען די שרייבער“.

און וואָלט אריינגעבראכט א קלאָרקייט אין זייערע קעפּ איבער אלע יוניאָן אנגעלעגענהייטען און דורך דעם שטאַרקער געמאכט די יוניאָן באוועגונג און געפירט איר פון ערפאָלג צו ערפאָלג, ווערט גאָר ארויפגעלעגט א „שלאָס אויפ'ן מויל" פון יעדען דענקענדען ארבייטער, און דאָס טרייבט אריין די „רענק און פייל" אין א פארביטערטער שטימונג פון צאָרן און האַס, וואָס באַשאַפט אין לאנגען רעזולטאַט א טעמפּע צוריקגעשטאַנענקייט ביי די ברייטע מאסען און די יוניאָן־באַוועגונג פאלט א דאנק דעם אריין אין דעם תהום פון רעגרעס און אינערליכער מאַכטלאָזיגקייט.

אינטערעסאנט איז, אז צוליב דעם אייביגען שרעק און ציטערן פאר די זיכערקייט פון קאָלעקטיווען אַפּמאַך, וואָס פאַרזיכערט די „פרייע ליבע" צווישען די בעלי בתים און די בעאמטע, ווערט די דאָזיגע צענזור איבער דער יוניאָן־פּרעסע ניט נאָר א שטערונג פאר די ארבייטער אליין, נאָר אויך אויף די פירער גופא היינגט דיזע צענזור פיל מאל ווי א שטיין אויף זייער האלז, וואָס שלעפּט זיי אין אַפּגרונט פון פאראַט. די קאַפּיטאליסטען ווידער, אויסנוצענדיג די דאָזיגע מורא פון זייערע לאָקייען, געהען אַזוי ווייט אין זייער חוצפּה, אז זיי דיקטירען דער יוניאָן, וואָס יא און וואָס נישט צו שרייבען אין זייערע אייגענע יוניאָן־אָרגאַנען.*) עס באַשאַפט זיך דורכדעם אזא לעכערליכע לאגע דאָס אפילו די „לאָיאַלע" פירער זעלבסט מוזען, — זייענדיג געצוואונגען דורך דעם דרוק פון די מאסען — שפּילען א פארשטעלטע פּאַיאַצקע ראָליע.

*) דר. הורוויטש אין דער „צייט" פון 6טען סעפּטעמבער 1920 שרייבט: „בשעת עס האָט זיך אָנגעהויבען דער שטרייט צווישען די בעלי בתים און דער „קלאוקמאכער" יוניאָן, האָבען זיך די בעלי בתים באַקלאָגט, אז דאָס אָפיציעלע וואָכענבלאַט פון דער יוניאָן שרייבט געגען דעם „פּראָטאָקאָל" (אָפּמאך) און געגען די בעלי בתים און העצט דערמיט אויף די ארבייטער. אין דעם אָפּמאך צווישען די בעלי בתים און דער יוניאָן איז קיין וואָרט ניט געווען וועגען א צענזור איבער דער יוניאָן פּרעסע. אָבער בראַנדייס האָט אויסגעפּשט'עלט אַז מען טאָר אין דער יוניאָן צייטונג אפילו קיין אָנצוהערעניש ניט געבען, אַז די יוניאָן האָט דאָס רעכט צו ענדיגען דעם אָפּמאך, אויב די בעלי בתים פאָלגען אים ניט אויס. אויף דעם אופן האָט דער גרויסער „אַרבייטער פריינד" (אין ארביטרייטאָר") געשאַפען א צענזור איבער דער אָפיציעלער יוניאָן פּרעסע".

און ריידען צו די יוניאָן־מיטגלידער אין רמזים, ווען זיי דארפען וואָס עס איז אנאָנסירען אין זייער אייגענע יוניאָן־צייטונג, וואָס איז פארבאָטען דורך דער צענזור פון די בעלי בתים...*)

אַלזאָ, ווי עס איז צו זעהן פון די געבראכטע פאקטען, הערשט אין דער ארבייטער־באַוועגונג אַזאַ צענזור איבער דעם פרייען גע־דאנק און קריטישען וואָרט, פונקט ווי אין אלע צייטען ביי יעדער הערשענדער דעספּאָטיע, וואָס האלט זיך אויף און רעגירט מיט דער מאכט פון פויסט און אוזורפּאציע. נאַטירליך, אונטער אַזעלכע אומשטענדען קען קיין רייד ניט זיין, אז די אַרבייטער זאָלען קומען צום וואָרט אויסצודריקען זייער פרייע שטים אימער די וויכטיגסטע לעבענס־פראגען פון זייער פאך בכלל און אין באדייטענטסטע פּראָבלעמען פון זייער אַרגאניזאַציע בפרט. מיר זעהען דאריבער, אז די גאנצע פאך־ליטעראטור איז דורך און דורך א פוסטע, איינ־האלטסלאָזע געלע אגיטאַציאָנס־שרייבעריי, וואָס האָט אויף אלע פראגען און רעפּאָרמען איין ענטפער: הורא! און הורא־יוניאָניזם! אז אויסנאם איז וואָס איר קענט געפינען אין די פאַך־צייטונגען נאָך די לאַנגווייליגע טרוקענע באריכטען וועגען דער רוטינער אַרבייט, וואָס דער אָדער יענער בעאמטער גיט איבער יעדע וואָך, מער אויס געוואוינהייט ווי צוליב נוצען, און חזר'ן איבער צום וויפילטען מאָל

---

*) אין דער „פרייע אַרבייטער שטימע" פון 31טען מאַי, 1913, לעזען מיר פאָלגענדעס: „אַ גרויסער פּראָצענט פון די קלאוקמאכער ווילען פייערען דעם ערשטען מאַי צוגלייך מיט אלע רעוואָלוציאָנערע אַרביי־טער, איז אבער די קלאוקמאכער יוניאָן אונטערוואָרפען אונטער דער צענזור פון „פּראָטאָקאָל" און קען ניט ערפילען אָפיציעל דעם פאַרלאַנג פון די מיטגלידער צו פייערען דעם ערשטען מאַי אויס דעם גרונד וואָס אין אָפּמאַך איז דער ערשטער מאַי ניט פאררעכענט פאר א יום טוב. וואָס טוען אלזאָ די פירער ווען זיי ווערען געשטעלט פאר אַזאַ דילעמא? טאָ הערט: זיי הויבען אָן צו פויקען און אַנאָנסירען אין א פייגען דיפּלאָ־מאַטישען טאָן, אז ס'איז זעהר וויכטיג, אז די ארבייטער זאָלען זיך באַ־טייליגען אין פאַראַד און באווייזען זייער מאכט. א וואָרט אבער וועגען ניט ארבייטען אין דיזען טאָג ווערט פון די פירער ניט דערמאנט, אַזוי איז, אי דער „וואָלף איז זאט און די ציג איז גאנץ": אי מען האָט זיך ניט איינגעריסען מיט די בעלי בתים, אי מען האָט ביי א געוויסען טייל פון די ארבייטער פאַרשטעלטערהייט אַרויסגענאַרט זייער קאמפּסלוסטיגקייט בלומרשט צו דעמאָנסטרירען".

זייערע זידלערייען אויף די בעסערע עלעמענטען פון דער יוניאָן*) און דערצו נאָך עטליכע סקאַרבאָווע אַרטיקלען פון פּראָפעסיאָנאַלע שרייבאַרעס. אַבער צי קענט איר פון אַזאַ פּרעסע באַקומען אַ קריטישען בליק וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דאָס אמת'ע פּולסירענדע לעבען פונ'ם אַרבייטער, וואָס זאָל אויפקלערען זיינע נויטען און וואָס זאָל ערפילען זיינע וואונשען און פאַרלאַנגען? יעס, דאָס איינציגע וואָס איר קענט יאָ געפינען איז: פאַרעכטערליכע ענטפערס אין די „בריף קאַסטענס", „שמועסען צווישען רעדאַקטאָר און לעזער" יעדע וואָך צו די בריף־שרייבער וואָס קומען פון די אַרבייטער, „אַז דאָס איז אַ פראַגע ניט צו פאַרעפענטליכען, נאָר צו דער לאָקאַל יוניאָן", „אַז דאָס איז טאַקע דרוקבאַר אַבער ניט לויט דעם געשמאַק פון רעדאַקטאָר" א. ז. וו., א. ז. וו. די איינציגע אָפּטיילונג פון די פּאַר־צייטונגען וואו די יוניאָן מיטגלידער קומען יאָ צום וואָרט (ריכטיגער, קאָנען ניט קומען צום וואָרט) איז דער קאָרב פון די רעדאַקציע... וואו אַלע טענות און קריוודעס ווערען אונטערדריקט און דער אַרבייטער פאַרשטימט. זאָגאַר אויסרעדען זיך דאָס האַרץ ביי די יוניאָן־פאַרזאַמלונגען וועגען די ליידען, וואָס די אַרבייטער קומט אויס דורכצומאַכען אַ העלפט פון זייער לעבען אונטער דער עקספּלואַטאַציע פון זייערע בעלי־בתים אין פאַבריק, קענען זיי אויך נישט, וואָרום אויך דאָ ווערט ער פאַרשריען און אויס־

---

*) אין דער „גערעכטיגקייט" פון 8טען אַפּריל 1921 געפינען מיר אין אָפיציעלען רעפּאָרט פון די „דרעסמאַכער יוניאָן" פאָלגענדען „בורקעט" געגען די יוניאָן מיטגלידער: „די שמוציגע ברואים, וועלכע רופען זיך רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָבען זיך אַריינגעכאַפּט אונטער דער הויט פון אונזער אָרגאַניזאַציאָנס קערפּער, אָט דיזע אינזעקטען זיינען ווידער אַרויסגעקראָכען פון זייער פאַרבאַהעלטעניש, און פאַרשפּרייטען אונטער דעם נאָמען פון „פּראָפּאָגאַנדאַ־ליגעס" און „קאָנסילס" (ראַטען) כאַאָס און טומעל צווישען די מיטגלידער, באַשאַפענדיג מיט זייער פאַרדאָרבענער, שמוציגער אַרבייט מיסטרוי צו די פירער פון דער יוניאָן".

וועגען אַ צווייטער זידלעריי לעזען מיר אין דער „גערעכטיגקייט" פון 7טען יאַנואַר 1921, אין אַן ענטפער פון רעדאַקטאָר צו אַן אַרבייטער ווי פאָלגט: „אַ יוניאָן קען ניט און טאָר ניט זיך רעכענען מיט דעם געשריי און געפילדער פון אַן אומוויסענדען „מאָב" (המון) און פון אַלערליי פלאַטקעמאַכער און רכילות טרייבער".

געלאכט פון די גרויסע און קליינע פאָליטיקאנטען, וואָס זיינען איי־מער און אייביג פארנומען מיט מאכען פאר זיך יוניאָן־פּאָליטיק און קאריערניזם. אויב עס געלינגט שוין ווענען פון דער „רענק און פייל“ יאָ זיך דורכצושלאָגען א וועג ביי א יוניאָן־מיטינג, און ער טרעט אַרויס מיט א שאַרפער קריטיק געגען די פירונגען פון די בעאַמטע, דאַן ווערען דיזע אַקטיווע קעמפּפער פאַרשריען אלס פּראָוואָקאטאָרס און שפּיאָנען וואָס זיינען אונטערגעקויפט פון די בעלי בתים צו צוברעכען די יוניאָן און פאַרניכטען די אַרבייטער־באַוועגונג.*) אַבער, ניט בלויז מיט'ן שרייען קומט די יוניאָן־ביור־ראָקראַטיע אָפּ פּטור צו ווערען פון אזעלכע פאר זיי געפערליכע קעמפּפער. מען באַשולדיגט אָן א גרונט גאנץ אָפט די באַטרע־פענדע אין פּראָוואָקאַציע און אין שפּיאָנסטוואָ, אבי דעם צוועק פון מאַכט־פאַרכאַפּונג צו דערגרייכען.**)

*) אין דער „גערעכטיגקייט“ פון 14טען יאנואר, 1921, קומט אַרויס דער רעדאַקטאָר מיט אן עדיטאָריעל וואָס לעזט זיך ווי פאָלגט: „צו די שפּיאָנעריי אין די יוניאָנס איז צוגעקומען די פּעסט פון פּראָוואָקאַציע, וואָס איז עס פאר א ברואה אָט דער פּראָוואָקאטאָר? די פּראָוואָקאטאָרס וואָס וויקלען זיך איין אין דעם מאַנטעל פון קאָמוניסטען רעוואָלוציאָ־נערען, ווענדען אָן זייער ערשטען מיטעל, וואָס זיי ערקלערען די פירער אלס רעאַקציאָנערען און ביוראָקראַטען. דאָס איז די טאַקטיק פון די בעלי בתים, וועלכע די דאָזיגע רעוואָלוציאָנערען קאָמוניסטען קענען זיין גוט בעצאָלטע פּראָוואָקאַטאָרס געדונגען פון די בעלי בתים צו שטירצען די יוניאָנס און פאַרניכטען די אַרבייטער באַוועגונג“.

**) אין עדיטאָריעל פון „אַדוועַנס“ (פאָרשריט) אָפיציעלער אָרגאַן פון די „אמאלגאמייטעד“ פון 4טען מערץ 1921 לעזען מיר פאָלגענדעס: „אין שיקאַגאָ האָט מען נאָר וואָס אַראָפּגעריסען די מאסקע פון איינעם וואָס האָט גאנץ ליבעראַל באַנוצט רעוואָלוציאָנערע פראַזען צו פאַרנאַרען די אַרבייטער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אז ער איז א שפּיאָן אין דינסט פון איינער פון די שפּיאָנען אַגענטורען.

וועגען דיזען בלבול שרייבט פ. קורינסקי אין „פּראָלעטאריער“ פון 15טען פעברואר 1921 ווי פאָלגט: „צום לאָקאל 39 פון דער „אמאלגא־מייטעד“ אין שיקאגא באַלאַנגט א מיטגליד ביים נאָמען גאָלדמאַן. א דענ־קענדער פעהיגער מענש. אין קורצען, א דענקענדער רעוואָלוציאָנערער אַרבייטער. און אלס אַזעלכען קומט אים אויס זעהר אָפט צו קעמפען געגען געוויסע מיינונגען פון די בעאַמטע פונ'ם אויבען דערמאָנטען לאָקאל. ווי אזוי זשע ווערט מען פּטור פון אַזאַ שייגעץ? טאָ, זאָרגט איך ניט, מענ־

שען זיינען פּעהיג אויף אַלעס, איבערהויפּט אַזעלכע ערפאַרענע פירער ווי א ראָזענבלום. אַפריער האָט מען אים א טאָפּ געטאָן ביים פולס, צי איז ניט אפשר זיין שאַרף בייסענדע קריטיק בלויז צוליב א „דזשאַב“? (אמת). אַז דאָס האָט ניט געהאָלפען, זיינען די פירער געפאַלען אויף א פּלאַן. און גלייך האָבען די פירער פאַרשפּרייט א קלאַנג אַז גאָלדמאַן איז א פּראָוואָקאַטאָר און אלס אַזעלכען אים באַהאַנדעלט. פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס איז בייזע, גיפטיגע פאַלשע קלאַנגען, אום פּטור צו ווערען ניט נאָר פון גאָלדמאַנען, וואָס איז בלויז ביי די פירער א ציל־ברעט, נאָר פון יעדען ראַדיקאַלען מענשען, יעדען רעוואָלוציאָנערען אַרבייטער, וואָס וועט וועלען עפּעס גוטעס אויפטאָן פאַר זיין יוניאָן און וועלען אַריינברענגען א נייעם געדאנק פאר די אינטערעסען פון די מיטגלידער“.

עס איז דאריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די דאָזיגע אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונג־פּאָליטיק געגען פרייען וואָרט און שריפט האָט באַשאַפען אַזאַ פאַר׳סמ׳טע אַטמאָספערע אין די יוניאָנס, אַז די אַרבייטער ווערען איינפאַך דערשטיקט, בלייבענדיג אַפּאַטיש טויט צו אַלע לעבענס־פראַגען פון זייער עקזיסטענץ, און צו אַלע פּאַסירונגען אין דער יוניאָן־באַוועגונג. זיי נעמען ניט דעם מינדעסטען אַנטייל אין זייערע אָרגאַניזאַציעס, אויסער ווען זיי ווערען אַרויסגעוואָרפען פון די פאַבריקען דורך א „לאָק־אויט“ פון די בעלי בתים; אָדער ווען זיי ווערען אַרויסגעשלעפּט דורך א הורא טרעוואָגע מצד פון די פירער דורך א גענעראַל סטרייק. ווייטער, ווערען די אַרבייטער־מאַסען אַזוי פאַרטומעלט און דערשלאָגען, אַז זיי לאָזען איבער די יוניאָן־פאַרוואַלטונג אין די הענט פון דער ביוראָקראַטיע, וואָס שאַלטעט און וואַלטעט איבער איר, ווי איר האַרץ גלוסט זיך.

און טאָמער נעמען זיך שוין די אַקטיווע מיטגלידער אַן מיט מוט און קוראַזש און ווילען איבערנעמען די פאַרוואַלטונג דורך א דעמאָקראַטישע וואַל, כדי צו געבען די מעגליכקייט די מאַסען אַז זיי זאָלען האָבען א פולע דעה אין דער יוניאָן און דערמיט באַשרענקען די מאַכט פון׳ם בעאַמטעטום, דאַן גורט די ביוראָקראַטיע אָן די לענדען און גיט זיי „איבער׳ן קאָפּ“, אַזוי, אַז די אידעע פון דעמאָקראַטיע ווערט ביי די אַרבייטער אויף א גאַנץ לאַנגע צייט אַרויסגעקלאַפּט פון זייערע קעפּ. און דאָס פאַרשטאַרקט ווידער אַמאָל די הערשאַפט פון די פירער אין דער יוניאָן־באַוועגונג, ווי מיר וועלען דאָס מיט פאַקטען אויפווייזען אין נעקסטען קאַפּיטעל.

פערטער קאַפּיטעל

די שטעלונג פון די יוניאָן־פירער צו דעמאָקראַטיע.

אום צו קריגען א ברייטען קאָנטראָל און אויסשפרייטען זייער הערשאַפט איבער די פאַרוואַלטונגען פון די יוניאָנס, כדי צו קענען אנגיין אומגעשטערט מיט זייער „פּאָליסי" פון „האַרמאָניע" צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט אין די באַציאונגען צווישען די בעלי בתים, האָבען די פירער פאַרוואַנדעלט די דעמאָקראַטיע און זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון די מאַסען אין די יוניאָנס אין א פאָרם און שווינדעל. די וואָס האָבען וועלכע עס איז ערפאַרונג אין דער יוניאָן־באַוועגונג פון אמעריקא און זיינען נאָך ניט קאָרומפּירט געוואָרען פון די קלאַסען־אינטערעסען פון דער אינדוסטריעלער ביוראָקראַטיע, האָבען זיכער באַאָבאַכטעט וואָס פאַר א „דעה" און פרייען אויסוואַל די מיטגלידער האָבען אין זייערע יוניאָן־אָרגאַניזאַציעס. מען רעכענט זיך איינפאַך ניט מיט זיי. פּונקט ווי די קאַפּיטאַליסטען רעכענען זיך ניט מיט זייער לוין שקלאַפען, די „הענט". און אויב די פירער רעכענען זיך שוין יאָ מיט זיי, איז עס בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיי דאַרפען ארויסקריגען די כלומר'שטע גוטהייסונג פון די מאַסען צו זייערע פערטיגע פּלענער וואָס זיינען באמת שוין לאַנג דורכגעפירט אין לעבען.

די דאָזיגע שטעלונג פון די פירער צו דאָס עלעמענטאַרע דעמאָקראַטישע רעכט פון די ארבייטער שפּיגעלט זיך אָפּ אויף אַלע געביטען אינ'ם לעבען און אין דער ארבייטער־באַוועגונג. ווייל אחוץ וואָס דער געבוי פון די יוניאָנס, א דאַנק דעם „קרעפט" (פאַך) סיסטעם, האָט צושפּאַלטען און צוברעקעלט די יוניאָן־באַוועגונג אין מאַכטלאָזע, צעריסענע טיילען פון פאַכען און פעכעלאַך, אָפּטויטענדיג די אָרגאַניש־פאַראייניגטע מאַכט פון אָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט, (ווי עס איז אָנגעוויזען אין ערשטען קאַפּיטעל פון צווייטען טייל) ווערען נאָך די פאַך־יוניאָנס צוזאַמענגעשטעלט אַזוי, אַז

זיי דריקען גיכער אוים דעם גייסט פון א ביוראקראטישער קאנצעפּציע פון א פּריוואטען כאראקטער, איידער א קאמפּס־ארגאניזאציע פון ארבייטער מיט א געזעלשאפטליכער באדייטונג.

נעמט למשל איינע פון די וויכטיגסטע זייטען פון א געזעלשאפטליכע אינסטיטוציע, די וואלען. אין די „ליבעראלע“ וועלט, זאגאר ביי די גאנץ מעסיגע דעמאקראטישע עלעמענטען, איז פּראפּארציאנאלע וואלען געווארען איינע פון די וויכטיגע רעפארמען אין זייער פּראגראם. ביי די יוניאנס אבער ווערען די וואלען דורכגעפירט דורך אזא רעאקציאנערען, אבסורדען סיסטעם, אז ווען אפילו די גרויסע מאיאריטעט זאל זיך באטייליגען אין די וואלען, וואלט דאס אויך געווען גיכער א קאריקאטור איידער א פרייער אויסוואל פון א דעמאקראטישער פאלקס־פארוואלטונג.

שטעלט אייך פאר: אן עקזעקוטיוו קאמיטע, וואס איז די העכסטע קערפּערשאפט פון א לאקאל יוניאן ווערען ערוויילט צו פינף (5) פּארטרעטער פון פינף (5) דיסטריקט מיטינגען פון דער באטרעפענדער שטאט, דאס מיינט א גלייכע צאל פון אלע ארטיגע מיטינגען. אויב עס מאכט זיך אז אויף איין מיטינג זיינען אנוועזענד פופציג (50) מיטגלידער און ביים אנדערען מיטינג געפינען זיך צען מאל פופציג מיטגלידער, האבען זיי דיזעלבע גלייכמעסיגקייט... און די זעלבע צאל דעלעגאטען צו פּארטרעטען זייערע אינטערעסען.*)

אט די דאזיגע, אדער ענליכע משונה'דיגע ארגאניזאציאנס־פארם, אז א לאקאל־יוניאן פון פיער הונדערט מיטגלידער און א לאקאל יוניאן פון צוועלף טויזענט מיטגלידער זאלען האבען דיזעלבע „גלייכמעסיגע“ צאל פּארטרעטער**) אין אלע „דזשאינט באארדס“,

---

*) דאס איז די פארמע פון דעם „דעמאקראטישען“ וואהל ביי דער „אינטערנייזשאנאל לידיס גארמענט װארקערס יוניאן“, וואס ציילט ביי הונדערט און פופציג טויזענט ארבייטער איבער'ן לאנד.

**) אין דער „קלאוקמאכער יוניאן“ נויארק, האט דער „באטאן“־(קנעפּיל) מאכער יוניאן, וואס ציילט ביי פיער הונדערט מיטגלידער, דיזעלבע פינף פּארטרעטער אין דער „דזשאינט באארד“ (צענטראל קערפּערשאפט), ווי די „קלאוק־אפּערייטארס יוניאן“, וואס צעהלט ביי צוועלף טויזענט מיטגלידער, א. ז. וו.

„דיסטריקט קאָנסולס“ א. ז. וו. איז עטאַבלירט כמעט אין אַלע אמעריקאַנער יוניאָנס אונטער דער פירערשאַפט פון דער „אַמע־ריקאַן פעדערײשאַן אָף לייבאָר“. מען קען זיך שוין פאָרשטעלען ווי גערעכט און דעמאָקראַטיש עס ווערען פארטיידיגט די ספּעצי־פישע אינטערעסען פון דער מיטגלידערשאַפט פון די גרויסע לאָקאַל יוניאָנס. ווען די פירער האָבען אין דער האַנט דאָס גלייכגעוויכט פון די פון זיי אָפּהענגיגע קליינע לאָקאַל יוניאָנס. עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס פילע מאָל ווען די פירער לוינט זיך נאָר אונטערדריקען זיי אין די צענטראַלע קערפּערשאַפטען די נייטבאַ־דערפטיגסטע רעפאָרמען פון די גרויסע לאָקאַל־יוניאָנס און דער־שטיקען די פאַרלאַנגען פון דער גרויסער מיטגלידערשאַפט.

נאַטירליך, אונטער אַזאַ סיסטעם קען קיין רייד ניט זיין, אַז די גרויסע מאַסען זאָלען זיך אין אַזאַ קאָמעדיע באַטייליגען. זיי לאָזען טאַקע די גאַנצע וואָל אין די מערסטע פאַלען, איבער צו אַ הייפעלע פּראָפעסיאָנעלע „פּאָליטיקאַנטען“ פון דער יוניאָן.*) אָבער דאָ, וואו עס קומט צו פאַרהיטען די אינטערעסען פון דער ביוראָ־קראַטיע און פאַרזיכערען זייערע „דזשאָבס“ (עמטער), דאָ פירען זיי שוין באַרייטוויליג דורך אַן אימיטאַציע פון „פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלען“, וואו יעדער לאָקאַל יוניאָן זאָל ווערען פאַרטראָטען דורך זיין באַרעכטיגטע צאָל געשעפט־אַגענטען. נאַטירליך ווערט דאָס געטאָן אום זיך צו באַוואָרענען ניט צו ווערען נידערגעשטימט דורך די ארבייטער. ווי אַזוי די פירער באַוואָרענען זיך איז גאַנץ איינ־פאַך: דאָס קאָמיטע (וואָס באַשטייט אימער פון די אַלטע בעאַמ־טע) וואָס דאַרף עקזאַמינירען די נייע קאַנדידאַטען ביי יעדען וואָל, זעהט שוין צו פּסל'ען דורך פאַרשידענע פוילע תרוצים אַזוי פיל נייע קאַנדידאַטען, אַז ס'זאָל אימער איבערבלייבען פאַר די לאָ־קאַלע יוניאָנס די נויטיגע פּראָפּאָרציאָנעלע צאָל קאַנדידאַטען, וועל־כע זיי זיינען באַרעכטיגט צו האָבען. דאָס פאַרזיכערט שוין דער

*) די „נייע וועלט“ פון 9טען סעפּטעמבער 1916 מאַכט אַ פּרוש אי־בער די וואַלען פון די „לײדיס און ווייסטמאַכער יוניאָן“ ווי פאָלגט: „אונזערע וואַלען אין די יוניאָנס זיינען ניט קיין אויסדרוק פון אמת'ער דעמאָקראַטיע, נאָר אַ פאַרס פון דעמאָקראַטיע, וואו די גרויסע מיטגלי־דערשאַפט באַטייליגט זיך ניט אין זיי“.

ביוראָקראַטיע גאַנץ גלייך צו די מיטגלידער שטימען פאַר אָדער געגען זיי, אַז פילע פון די אַלטע בעאַמטע זאָלען בלייבען אין אַמט. נאָך מער, אין מאַנכע יוניאָנס שאַפען די פירער אין גאַנצען אָפּ די וואַלען, באַרויבענדיג דערמיט די רעכטען פון פרייען אויסוואַל ביי די מיטגלידער און שטעלען אַן אַלע אָפּיציעל־באַצאָלטע בע־אַמטע דורך אַן אומדירעקטע וואַל.*)

וואָס אַנבאַטרעפט די הויכע בעאַמטע, אַזעלכע ווי פּרעזידענ־טען, גענעראַל סעקרעטערע, וויצע פּרעזידענטען א. ד. ג. זיינען פאַר זיי ספּעציעל באַשאַפען געוואָרען קאָנסטיטוציאָנעלע געזעצען, אַז זיי זאָלען ניט ערוויילט ווערען ביי אַ רעפערענדום פון די אַרביי־טער... דיזע סאָרט בעאַמטע האָבען די אויטאָקראַטישע פּריווילעגיע בלויז אויסגעקליבען צו ווערען ביי די פּעריאָדישע צוזאַמענפאָרען פון די אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס, זאָגאַר אַן די אומדירעקטע גוט־הייסונג פון דער מיטגלידערשאַפט.**)

אויב אָבער די אַרבייטער ווערען מיד און אומצופרידען מיט די דאָזיגע אויטאָקראַטישע פּאַראַגראַפען פון די פירער און פּרובירען זיך אָנשטרענגען אום דורכצופירען געוויסע רעפאָרמען אין דעם וואַהל־סיסטעם פון די יוניאָנס, כדי די מיטגלידער זאָלען ניט בלויז "צאָ־

---

*) אין דער „קלאוקמאַכער יוניאָן" זיינען פאַר יאָרען און יאָרען אַלע געשעפט־אַגענטען געוואָרען אָנגעשטעלט פון אַ „דזשאָינט באָאַרד"־קאָמיטע, און זיי פלעגען נאָכדעם גוטגעהייסען ווערען פון דער זעלבער „דזשאָינט באָאַרד'ס" אַלגעמיינעם פּלענאַרען מיטינג. די זעלבע יוניאָן „אַפּאָינטמענטס" איז אויך פאַר אַ צייט מיט יאָרען געווען אין די „לייַ־דים און דרעס" אינדוסטריע.

**) סעקציע 2 פון אַרטיקעל 3 פון די „אינטערנייִשאָנאַל לײדיס גאַר־מענט וואָרקער יוניאָן" קאָנסטיטוציע, זאָגט: „די גענעראַל בעאַמטע זאָ־לען ערוויילט ווערען ביים צוויי יערליכען קאָנווענציאָן און זאָלען האַל־טען זייער אַמט ביז וואַנען זייערע נאָכפאָלגער ווערען ערוויילט און איינ־געשוואוירען".

סעקציע 3 פון די „בוט און שו וואָרקערס יוניאָן" (שיך אַרבייטער יוניאָן) לויטעט: „אַז די גענעראַל אַדמיניסטראַציע פון דיזע יוניאָן זאָלען ערוויילט ווערען פון די קאָנווענציע, און שטעהן אונטער'ן קאָנט־ראָל פון די גענעראַל קאָמיטע".

דיזע אָדער ענליכע געזעצען געפינט איר אין די מערסטע קאָנסטי־טוציעס פון די אַמעריקאַנער יוניאָנס.

לען די מעה, נאר אויך קריגען די דעה", אום דערמיט אביסעל צו באגרענעצען די אליינהערשאפט פון די יוניאן פירער, דאן שלאגען זיי זיך אן אן דער „אייזערנער וואנט פון די ביוראקראטיע" (וואס שטעלען זיך אפילו ניט אפ פאר קיין מיטעל פון טעראר, ווי מיר וועלען דאס באווייזען ווייטער) וועלכע זוכט צו צערשטערען יעדען פארזוך פון די ארבייטער דורכצופירען וועלכע עס איז רעפארמען אין לעבען. ניט נאר וואס זיי האלטען זיך ניט צוריק פון א גוואלטזאמער אפשטעלונג פון א גאנצען וואל אין א יוניאן ערב דעם רעפערענדום וואוט פון די מיטגלידער*), אום אויף דאס ניי ארויפצונעמען א גרופע אפאזיציאנערען, וועלכע די פירער האבען דורך א פארזען דורכגעלאזט אויפ'ן שטים צעטעל, נאר זיי געהען אזוי ווייט אין זייער ווילקיר, אז זיי פסל'ען די וואלען פון גאנצע ארגאניזאציעס, אויב די מיטגלידער שיקען זעלטען ווען עס איז אריין א ראדיקאלע פארטרעטערשאפט צו פארטיידיגען זייערע אינטערעסען אין די יוניאנס.**)

*) די „צייט" פון 5טען מאי 1921 מעלדעט פאלגענדעס: „היינט האבען געזאלט פארקומען וואלען ביי דער „דרעס מאכער יוניאן נומער 22" פון דער „אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן" פאר א נייע עקזעקוטיוו־קאמיטע. די וואלען זיינען אבער אפגעשטעלט געווארען דורך דער אינטערנאציאנאלער קאמיטע, אונטער וועמענס אויפזיכט זיי קומען פאר. די אורזאך איז וואס א גרופע אונטער'ן נאמען די „פאבריק דעלעגאטען קאמיטע" האט פארשפרייט א פראקלאמאציע, וואו עס ווערען אנגעגעבען די נומערען אויף די שטימצעטלען אונטער איינצוואנציג נעמען וועלכע זיי ערקלערען פאר כשר'ע מענשען און רעקאמאנדירען די מיטגלידער פאר זיי צו שטימען, „באשמוצענדיג" נאך דערצו די פירער מיט דער באשולדיגונג, אז זיי באנוצען זיך ביי די וואלען מיט פאלשע, ניט כשר'ע מיטלען. אונטער דעם באפעל זיינען אונטערגעשריבען: לעפקאוויטש, וואגדער, ניגפא, קאפלאוויטש און ברעסלא, וועלכע בילדען די קאמיטע וואס פירט אן די וואלען, ערקלערענדיג, אז ס'איז נאך אמאל נויטיג צו עקזאמינירען אלע קאנדידאטען און דערפאר איז נויטיג דערוויל אפצושטעלען די וואלען".

**) אין „טאג" פון 11טען און 12טען פעברואר 1918, לעזען מיר אין אפיציעלען רעפארט פון דער „קלאוק אפערייטארס יוניאן" פון דער „אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן" פאלגענדעס: „דעם 27טען דעצעמבער 1916, ווען עס האט זיך געענדיגט די גראנדיעזע

אָבער דאָס איז ניט אַלעס. ווען די ביוראָקראַטיע פילט זיך געזיכערט אין איר הערשאַפט דערגרייכט איר חוצפה אַזוי ווייט, אַז זאַגאַר אַליין פירער, (מיט דער הילף, נאַטירליך, פון זיינע פּאַטריאַטען) — אויב עס געפעלען אים ניט די שוין געזעצליך־ערוויילטע פּאַרטרעטער צוליב זייער ראַדיקאַלע ריכטונג אין יוניאָניזם. — זאַגאַר ביז צו דעם העכסטען אינסטאַנץ פון דער יוניאָן. די

וואַל וואו געגויע צוויי טויזענט מיטגלידער האָבען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דער „קלאוק אָפּערייטאָרס יוניאָן" אַנטייל גענומען, האָט דער רעזולטאַט איבערגעשטיגען אַלע ערוואַרטונגען. ניט ווייניגער ווי צוואַנציג (20) ראַדיקאַלע נייע עקזעקוטיוו־דעלעגאַטען זיינען ערוויילט געוואָרען. דער דאָזיגער רעזולטאַט איז אָבער ניט געפעלען די אַלטע, דורכגעפאַלענע פירער און זיי האָבען באַשלאָסען צוליב א צוטשעפּעניש צו „קאָנטעסטען" (פּסלען) די וואַל און זיי האָבען אויף דעם גרונד זיך אַנטזאַגט איינצושווערען די נייע פאַרטרעטער. עס האָט זיך אָבער געפונען א געזעצליכער קאָנסטיטוציאָנעלער „קוואָרום" (צאָל) פון דער אַלטער עקזעקוטיוו קאָמיטע און זיי האָבען די נייע פאַרוואַלטונג איינגעשוואָרען. דערמיט אָבער האָט דער פאַרזוך מיט געוואַלט אַרויסצורייסען דעם מאַנדאַט פון די מיטגלידער זיך ניט געענדיגט. די דורכגעפאַלענע זיינען אַוועק צו די בעאַמטע פון דער „אינטערנעשאָנאַל" און אַריינגעגעבען א קלאַגע אויף די נייע עקזעקוטיוו קאָמיטע, אַז זי איז ניט געזעצליך ערוויילט געוואָרען, און אויף דעם גרונד האָבען זיי פאַרלאַנגט צו פּסלען די וואַלען פון די ניי־ערוויילטע פאַרטרעטער. די פירער פון דער „אינטערנעשאָנאַל", אויס האַס צו די „טומעל מאַכער", האָבען אָן וועלכע עס איז אונטערזוכונג צי די קלאַגע האָט א ממשות אָדער ניט, גלייך באַפוילען, ווי די צאַרען אין רוסלאַנד, אַז ס'זאָלען פאַרקומען נייע וואַלען. ווען די מיטגלידער האָבען דיזען באַפעל דורך א געהיימע אָפּשטימונג צוריקגעוויזען, האָבען די הויכע בעאַמטע פון דער „אינטערנעשאָנאַל" דעם גאַנצען לאָקאַל יוניאָן צוזאַמען מיט 12 טויזענט אַרבייטער אויסגעשלאָסען פון אינטערנאַציאָנאַלען פאַרבאַנד. נאַטירליך האָט זיך באַלד צופלאַקערט א ברודער־קריג אין דער גאַנצער קלאוקמאַכער יוניאָן פון נויאָרק, וואָס האָט אָנגעהאַלטען קנאַפּע צוויי יאָר".

וועגען א צווייטען ביישפּיל פון דעם זאָרט לעזען מיר אין דער „גערעכטיגקייט" פון 1טען אָקטאָבער 1920 פאָלגענדעס: „מיר, די גענעראַל עקזעקוטיווע פון דער „אינטערנעשאָנאַל" באַשליסען בטול צו מאַכען אייער באַשלוס פון „פאַבריק דעלעגאַטען סיסטעם" און באַפעלען אַז רעגולע געשעפטס־מיטינגען זאָלען גלייך איינבארופען ווערען, און דאָרט זאָלען געמאַכט ווערען נאָמינאַציעס און וואַלען פאַר א נייע עקזע־

„דזשאינט באַארד" — איבט ער אוים זיין אוזורפּאַטאָרישע מאַכט דורך סטראַשונקעס, אַז ער וועט פאַרלאָזען די יוניאָן און צווינגט אויף אַלערליי אופנים אַ גאַנץ נייע פאַרוואַלטונג פון דער יוניאָן. וועלכע די מיטגלידער האָבען געשענקט זייער צוטרוי אַנצופירען דעם קלאַסען־קאַמף געגען די עקספּלואַטאַציע פון די בעלי בתים אַז זיי זאָלען רעזיגנירען*).

כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַל באַזונדערס דורך פאָלגענדעס: מיטגלידער פון דער זעלבער יוניאָן האָבען פאַרלאַנגט ביי אַ צוויי־

זעקוטיוו־קאָמיטע". מיט דיזען באַשלוס האָט מען אויפגעלעזט אַ גע־זעצליך ערוויילטע עקזעקוטיוו־קאָמיטע פאַר דעם איינציגען פאַרברעכען וואָס ביי אַ געזעצליכען מיטינג פון פאַבריק־דעלעגאַטען דעם 8טען יולי 1920 האָט די עקזעקוטיווע רעקאָמאַנדירט — וואָס איז אויך פון די פאַרזאַמעלטע גוטגעהייסען געוואָרען — אַ נייעם פּלאַן, אַז די בעאַמטע זאָלען ערוויילט ווערען פון די פאַבריק־דעלעגאַטען און זאָלען זיין פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר אַלע זייערע האַנדלונגען און פירונגען צו דער מיט־גלידערשאַפט פון די „לײדיס ווייסט און דרעסמאַכער יוניאָן".

*) אין דער „פרייע אַרבייטער שטימע" פון 10טען אַפּריל 1920 גע־פינען מיר אַן אינטערעסאַנט שטיקעל נייעס וואָס לעזט זיך ווי פאָלגט: „אין וועבסטער האָלל, וואו עס האָט שטאַטגעפונען אַ מיטינג פון דער „דזשאָינט באָאַרד" פון דער „פאָריערס יוניאָן" האָט די גאַנצע „דזשאָינט באָאַרד" אַריינגעבראַכט איר רעזיגנאַציע, כדי דער גענעראַל בעאַמטער, קויפמאַן זאָל צוריק פאַרבלייבען אין דער יוניאָן. לויט קלאַנגען האָט דער בעאַמטער רעזיגנירט צוליב ניט איינשטימיגקייט צווישען אים און די ראַדיקאַלע דעלעגאַטען".

די דאָזיגע קלאַנגען זיינען אָבער שפּעטער אויפגעקלערט געוואָרען דורך אַ בריף פון מ. סוראָף, מיטגליד פון די גענעראַל עקזעקוטיוו אין „דזשאָינט באָאַרד" פאָריערס יוניאָן, ניו־יאָרק, וועלכען מיר געפינען אין די „פרייהייט" פון 1טען דזשולי 1922, וואָס לעזט זיך ווי פאָלגט:

„דעם 28טען מאַרטש 1920, האָט די גאַנצע „דזשאָינט באָאַרד" רעזיג־נירט, צו פאַרמיידען אַ ברודער־קריג, ווייל קויפמאַנ'ס מענשען האָבען אונז געשטעלט אַן אולטימאַטום: „אָדער קויפמאַן צוריק, אָדער אוים יו־ניאָן!". ניט קוקענדיג וואָס אַזאַ זאַך פּאַסירט דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע, אַז אַ קערפּערשאַפט פון צוואַנציג (20) מענשען זאָלען אוועק־געהן צוליב איינעם, האָבען די אַרבייטער ניט געהאַט קיין אָרגאַן צו דער־צעהלען דער אַרבייטער־וועלט דיזען אמת".

טער געלעגענהייט, אז דער דאזיגער פירער, צוזאמען מיט זיינע מיטהעלפער, זאלען רעזיגנירען, ווייל די ארבייטער זיינען מיד געווארען פון זייער טיראנייע און פארעטעריי, צוליב וועלכען עס איז זיי אויסגעקומען צו אפפערען און ליידען אין אן אויפגעבלאזענעם סטרייק דרייסיג וואכען, און וואס האט צו ענד זיך געענדיגט מיט א גרויסען דורכפאל, דאמאלסט האבען די דאזיגע פירער, ווי אלע זייער גלייכען, זיך אנגעכאפט אין די קאנסטיטוציאנעלע געזעצען פון דער יוניאן און גענומען דונערען אז דאס איז געגען די פירונגען פון דעמאקראטיע... און מיט אט דעם דאזיגען אויסרייד האבען זיי זיך אנגעקלאמערט אן די „דזשאבס“ (שטעלעס) און זיי ניט געוואלט אפלאזען, זאגאר געגען דעם ווילען און אונטער די גרעסטע פראטעסטען פון דער גרויסער מאיאריטעט מיטגלידער פון דער יוניאן.*)

*) אין „קאמף“ פון 21טען יאנואר 1921 לעזען מיר פאלגענדעס: „די ארבייטער וואס האבען מיט א קורצע צייט צוריק אפגעסטרייקט דרייסיג וואכען נאכאנאנד, זיינען געשוואלען געווארען פון הונגער און סוף כל סוף האבען זייערע פירער דעם סטרייק, ווי געוועהנליך, פארשאכערט. די ארבייטער האבען אנגעפאנגען צו פארשטעהן, אז אין זייער נידערלאגע, נאך אזא אפפערוויליגען קאמף זיינען שולדיג די פירער, און דריי גרויסע לאקאלס פון דער יוניאן האבען אנגענומען רעזאלוציעס, וואס האבען אויפגעפאדערט זייערע פירער צו רעזיגנירען“. אויף דעם דאזיגען אומצוטרוי־וואוט פון די מיטגלידער האט דער פרעזידענט קויפמאן, פון דער „אינטערנעשאנאל פאריערס (קירזשנערס) יוניאן“ ערקלערט בזה הלשון: „מיר האבען א קאנסטיטוציע און א באשטימטע ארדנונג ווי זיך צו פירען אין ארגאניזאציאנס־אנגעלעגענהייטען. מען קאן ניט ריידען פון פארלאנגען די רעזיגנאציעס פון איין אדער אלע בעאמטע פון דער יוניאן גלאט אין דער וועלט ארייז, ווייל די לאגע איז שלעכט א. ז. וו. ווי מען ווייזט אן. אויב די לאקאלס אדער איינצעלנע מיטגלידער האבען קלאגען געגען די בעאמטע, מוזען זיי די קלאגען מאכען, ווי אונזערע פארשריפטען צייגען אן: די קלאגען מוזען זיין באשטימטע און מען דארף ברענגען באווייזע אויף דעם. אויפהויבען אבער א באוועגונג אז אלע בעאמטע זאלען רעזיגנירען, ווייל זיי געפעלען ניט מער די מיטגלידער, איז ניט ריכטיג און איז געגען אלע פרינציפען פון א פראגרעסיווער ארגאניזאציע“. ווי געפעלט אייך אזא פארשריטליכקייט פון יוניאן פירער? דאס הייסט, אז ווען זאגאר אין בורזשואזע פארלאמענטען דרוקען די דעפוטאטען אויס אומצוטרוי צו די קאבינעטען און

אויב דאָס איז נאָך ווייניג, באנוצט די ביוראָקראטיע ביי פילע געלעגענהייטען איר גאנצע פינסטערע מאכט און איינפלוס פון דער מאשין־הערשאפט, און זי ווארפט גאָר ארויס אלע פארטרעטער פון די גרעסטע יוניאָן־אָרגאניזאציעס פון די צענטראלע פארבאנדען. אום דערמיט אָפּצושוואכען די אָפּאָזיציע און אויף דעם וועג לייכטער צו קענען באקעמפפען אלע דעמאָקראטישע פאָדערונגען פון די ארבייטער און די גוטע רעפאָרמען וואָס האָבען דעם צוועק אויסצובעסערען דאָס קאָרופטע, פארשימעלטע ביוראָקראטישע סיסטעם פון אליינהערשאפט פון דעם פירער־קלאס מיט זיין עגאָאיזם און קאריעריזם.*) אָט דער דאָזיגער רעאקציאָנערער קאמף ווערט פון

צווינגען זיי צו רעזיגנירען, האנדלען זיי געגען די פרינציפּען פון פּראָגרעס און דעמאָקראטיע...

*) אין דער „צייט“ פון 6טען אָקטאָבער 1920 ווערט געמאָלדען פאָלגענדעס: „די נויארקער צענטראלע אָרגאניזאַציע פון די „פּיינטערס“ (מאלערס) וועלכע איז באקאנט אונטער׳ן נאָמען „דיסטריקט קאָנסיל נומער 9“, און וואָס איז א טייל פון דער גרויסער „בראָדערהוד“ אָף פּיינטערס, דעקאָריטארס, פּייפּער הענגערס אָף אמעריקא“, מיט א מיטגלידערשאפט פון איבער 150 טויזענט איבער׳ן גאנצען לאנד, האָט מיט צוויי יאָר צוריק, ווען עס האָט זיך געגרינדעט אין אמעריקא דער „בילדינג טרייד קאנסיל“ וואָס האָט ארייגענומען כמעט אלע אַרבייטער פון דער בוי־אינדוסטריע, זיך אויך אָנגעשלאָסען אין דעם „קאָנסול“. באלד נאָך דער פאַרבינדונג, האָט די „פּיינטערס בראָדערהוד“ גענומען פאָדערען געוויסע רעפאָרמען אין דער פארוואלטונגס־פאָרם און פירונג פונ׳ם קאנסול. למשל, די „פּיינטערס בראָדערהוד“ איז ניט געווען צופרידען מיט דעם מנהג אָדער געזעץ, אז די עקזעקוטיוו־קאָמיטע פונ׳ם קאָנסול זאָל צוזאמענגעשטעלט ווערען נאָר פון באצאָלטע געשעפטס־אַגענטען פון דער יוניאָן און ניט פון דער אלגעמיינער מיטגלידערשאפט. די „פּיינטערס בראָדערהוד“ איז אויך געווען געגען דעם געזעץ, אז געשעפטס אַגענטען זאָלען ערוויילט ווערען אויף גאנצע דריי יאר. אָדער אַז די „בראָדערהוד“ האָט געפאָדערט, אז קאפּיעס פון די פּראָטאָקאָלען פון דער עקזעקוטיווס פארהאנדלונגען פונ׳ם קאָנסול זאָלען געשיקט ווערען צו אלע צענטראלע קערפּערשאפטען פאר גוטהייסונג, און ניט אַז בלויז איין קאפּיע זאָל ווערען געהאלטען אין דער ביורא פונ׳ם קאָנסול. ווען די „פּיינטערס בראָדערהוד“ האָט אלץ געפאָדערט, אז דאָס אלץ זאָל נאָכגעגעבען ווערען, האָט די ביוראָקראטיע פּשוט ארויסגעשטויסען די פארטרעטער פון די „פּיינטערס בראָדערהוד“ פון די זיצונגען פונ׳ם קאנסול. פון דאמאָלסט

דער יוניאן־ביוראקראטיע אנגעפירט אויף דער גאנצער ליניע אין אלע אמעריקאנער יוניאנס געגען יעדע פארשריטליכע רעפארם מצד פון די פראגרעסיווע עלעמענטען, וואס האבען די אפזיכט אויס־צוברייטען די דעמאקראטישע רעכטען פון די ארבייטער אין זייער אייגענע קאמפס־ארגאניזאציעס, וועלכע זיי האבען דורך גרויסע אפ־פערווילינקייט, און פיל מאל דורך בלוטיגע קאמפען, אויפגעבויט. וואס אמבאטרעפט אין די גויאישע יוניאנס, דארטען איז דאך סתם הפקר. אין יענע ארבייטער ארגאניזאציעס טוען די בעאמטע אפ וואס זייער הארץ געלוסט זיך. ווילען זיי, באשאפען זיי אייגענע געזעצען, אדער שאפען גאר אפ די אלע פראגרעסיווע געזעצען און מנהגים,*) וואס לאזען נאך איבער מער־ווייניגער א געוויסע דעה

אן האט זיך אנגעפאנגען דער ברודער קריג צווישען די „פיינטערס בראַ־דערהוד" און דעם „קאנסול", וואס ציט זיך אן אן ענד".

*) אין „פראלעטאריער" פון 15טען אקטאבער 1920, באקלאגט זיך אן ארבייטער, „אז דער לאקאל פון די „קארפענטערס" אין פילאדעלפיא האט געהאט זינט יארען־לאנג א געזעץ, אז די בעאמטע זאלען ערווילט ווערען אלע זעקס מאנאטען. עס איז אויך געווען א געזעץ, אז מער ווי איין יאר זאל קיין בעאמטער ניט טארען זיין אין אמט. האט אבער א קליקע פון פיער בעאמטע דיזע גוטע געזעצען אפגעשאפט, און וועלכער מיטגליד ס'האט זיך געשטעלט דאגעגען איז ניט זיכער געווען מיט זיין ארביט".

וועגען אן ענליכען בייספיל לעזען מיר אין „פראלעטאריער" פון 1טען פעברואר 1921 ווי פאלגט: „ביי א גענעראל מיטינג, וואס איז גע־ווען איבערגעפאקט מיט די מיטגלידער פון די מענער שניידער פון לאָ־קאל 143 פון דער „אמאלגאמייטעד" אין פילאדעלפיא, איז אנגענומען געווארען מיט גרויס באגייסטערונג א רעזאלוציאן, וואס האט געלויטעט, אז קיינע ארבייטס שטונדען און קיין געהאלט פון די ארבייטער זאלען ניט גערירט ווערען פון די בעלי בתים, אז ניט זאל די יוניאן ערקלערען א קאמף. דיזער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען דעם 16טען נאוועמ־בער. דעם 19טען נאוועמבער, מיט דריי טעג שפעטער, האבען די יוניאן בעאמטע ערלויבט די בעלי בתים אראפצונעמען 12 סענט פון יעדער וויסט געגען דעם באשלוס פון די ארבייטער".

וועגען נאך א פאקט פון דיזען סארט לעזען מיר אין דער „פרייהייט" פון 5טען מאי 1922, פאלגענדעס: „עס איז גענוג צו דערמאנען זיך די פאסירונג פאריגען יולי ווען די „לייבאר באארד" (רעגירונגס קאמיסיע) האט אפגעשאפט דעם 8־שטונדיגען ארבייטס־טאג. די „בראדערהודס" הא־

פאַר די מיטגלידער אין דער יוניאָן און זיי פאַרשטאַרקען דערמיט זייער ווילקירליכע מאַכט איבער די מאַסען, אום זיי וואָס זיכערער צו קענען באַהערשען און דיסציפּלינירען...

ווי ס'איז צו זען איז די דאָזיגע שטעלונג צו דעמאָקראַטיע און פאָלקס־פאַרוואַלטונג מצד פון די פירער אַזאַ, וואָס מאַכט אוממעגליך אַז די אַרבייטער זאָלען זיך קענען דעמאָקראַטיש באַטייליגען אין אינערליכען לעבען פון זייער אייגענער אָרגאַניזאַציע, ווייל זיי האָבען ניט די מעגליכקייט אויסצודריקען זייערע וואונשען און פאַרלאַנגען, קאָנען זיי ניט אויסבילדען קיין שטאַרקע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלען באמת קענען אָפּשלאָגען די אַטאַקעס פון די אַגרעסיווע, קאַמפּסלוסטיגע אַמעריקאַנער „באָסעס“ (בעלי־בתים) און וואָס ממש'דיגעם אויפטאָן פאַר די אויסבעסערונג פון די לעבענס־נויטען פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין קאַמף מיט'ן קאַפּיטאַל. פאַרקערט, דיזער אומדעמאָקראַטישער גייסט, וואָס באַהערשט די אַרבייטער־באַוועגונג, האָט אַריינגעבראַכט אַזאַ דעמאָראַליזאַציע אין די רייען פון דער אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט, אַז אין פילע פאַלען האָבען די יוניאָנס אויפגעגעבען זייער אומאָפּהענגיקייט דעם גאַנצען קיום פון אַ זעלבסטשטענדיגער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע, און די פירער שפּילען די פאַרעטערישע ראָלע פון וואַסאַלען צו די קאַפּיטאַליסטען און זיינען מקריב די קעפּ פון די אויסדערוויילטע אַרבייטער־פאַרשטייער, וואָס דינען טריי צו די אינטערעסען פון די אַרבייטער, אויפ'ן מזבח פון קאַפּיטאַל.*) מער

בען צושיקט אַ סטרייק־צעטעל, און איבער 94 פּראָצענט פון די באַן־אַרבייטער האָבען געשטימט פאַר אַ גענעראַל סטרייק. אַלעס איז געווען פאַרטיג. דער טאָג און די שטונדע פון סטרייק באַשטימט. מיט דריי טעג פריהער אָבער האָבען די „בראָדערהוד“ פירער אָפּגעהאַלטען אַ מיטינג און צוריקגערופען דעם סטרייק, כאָטש זיי האָבען ניט געהאַט קיין רעכט דערצו“. אָט דאָס הייסט 94 פּראָצענט דעמאָקראַטיע!

*) אָט וואָס מיר לעזען אין די „נייע פּאָסט“, אָפיציעלער אָרגאַן פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן פון 6טען פעברואַר 1914: „אונזערע דיפּלאָמאַטען, פירער פון די „אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן“, וועמענס גאַנצע פעאיגקייט באַשטעהט אין דעם, וואָס זיי זיינען פּערזענליך באַקאַנט מיט די פאַבריקאַנטען און קענען אויסבעטען קליינע טובות און וועמען די אַרבייטער־באַוועגונג איז אַריבערגעוואַקסען, האָ־

נאך, די יוניאן־ביוראקראטיע איז מאנכעס מאל אזוי אומפארשעמט,
ווען איר שטייט אין וועג א שטארקער און געפערליכער קעמפער
אלס דער שונא פון זייער רעאקציאנערער, קארופטער פאליטיק אין
דער יוניאן, אז זיי טרעטען ארויס גאנץ אפען מיט דער אומגע־
הערטער פארעטעריי און זאגאר האנט אין האנט מיט די פאברי־
קאנטען העלפען זיי פטור צו ווערען פון אן ארבייטער־פארשטייער.
וואס האבען א ראדיקאלע טאקטיק אין דער באציאונג צו די בעלי
בתים און א דעמאקראטישע טענדענץ צו די מאסען, כדי אים אומ־
שעדליך צו מאכען פאר די ביוראקראטיע אין דער יוניאן. זיי שטע־
לען זיך אבער ניט צופרידען מיט פאסיווע הילף ווי א וואונק, אז
די בעלי בתים זאלען פאדערען די אנטזאגונג פון דעם אדער יענעם
ראדיקאלען פירער, פארניכטענדיג דערמיט די דעמאקראטישע
פרייע אויסוואל פון די מאסען, נאר זיי, צוזאמען מיט דער גאנצער
יוניאן־ביוראקראטיע פון דער ארבייטער באוועגונג פון אמעריקא,
פאראייניגען זיך מיט די קאפיטאליסטען און ערקלערען אלע אינ־
איינעם אן אפענעם, אקטיווען קאמף געגען די ארבייטער, אויב זיי
שטעלען זיך איין פאר זייער טרייען, באליבטען פירער געגען דעם
וואונש פון די ארבייטסגעבער, וואס טענה'ן אז ער שטערט מיט זיין

בען גענומען פילען אז זיי פארלירען דעם באדען און אז זייער אויטא־
ריטעט פארשווינדט. זיי האבען דערפאר גענומען גראבען אונטער דעם
נייעם פירער, ביזנא. אנפאנגס האבען זיי נאך געזוכט אויפצוהאלטען
זייער פארשימעלטע אידעע, אז מיט זייער פערזענליכען איינפלוס אויף
די בעלי בתים וועלען זיי אויפטאן פאר די „קלאוקמאכער" וואונדערס.
ווען זיי האבען דערזעהן, אז די ארבייטער הערען זיך בעסער צו צו די
נייע ווערטער פון דעם נייעם בעאמטען ביזנא, האבען זיי גענומען שע־
דיגען זיין רעפוטאציע און פאר'מיאוס'ען און אויסלאכען אים פאר די
מיטגלידער. ווען דאס האט ניט געהאלפען, האבען זיי גענומען שרייען,
אז ער וויל פארניכטען די פאבריקאנטען־אסאסיאציע, (וואס וועט שטערען
די יוניאן) די פאבריקאנטען, וועלכע האבען געוואוסט, אז פאר זיי איז
בעסער צו האנדלען מיט די כשר'ע בעאמטע פון דער „אינטערנייישאנאל",
האבען פארשטאנען דעם וואונק פון די „אינטערנאציאנאל"־פירער, און
האבען געפאדערט ביזנא'ס קאפ. די פירער פון דער „אינטערנייישאנאל"
האבען גלייך נאכגעגעבען זייער פארלאנג, און צוזאמען מיט דער הילף
פון דער „דזשאינט באארד" פון דער „קלאוקמאכער יוניאן" האבען זיי
ביזנא'ן אוועקגעשיקט".

ראַדיקאַלער שטעלונג זייערע קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען און פאָדערען ער זאָל באַזייטיגט ווערען פון דער יוניאָן.*)

דער פּאַראַט פון די פירער איז צייטענווייז אַזוי גרויס, אַז זיי זיינען גרייט אפילו מיטצוהעלפען די קאַפּיטאַליסטען צו ערקלערען א „לאקאוט“ און אַרויסוואַרפען צענדליגע טויזענדער אַרבייטער, זייערע אייגענע מיטגלידער, — א דאַנק וועלכע די פירער ווערען דערהויבען צו זייער „גדולה און כבוד“ — אויפ׳ן גאַס און פאַר־אורזאכען אז זיי און זייערע פאַמיליעס זאָלען ליידען הונגער און נויט. אלץ איז כשר, אבי נאָר צוצוברעכען זייער קאַמפּס־באַרייט־קייט פאַר זייערע פונדאַמענטאַלסטע רעכט פון פרייער אויסוואַל, אומאָפּהענגיקייט און זעלבסטפאַרוואַלטונג.**)

---

*) אין דער „פרייע ארבייטער שטימע“ פון 29טען מערץ 1914 שרייבט דר. הורוויטש פאָלגענדעס: „וואָס איז דען געווען די קאָנפערענץ מיט גאָמפּערס׳ן, מיטשעל׳ן, שלעזינגער׳ן, זוסמאַנ׳ען, שלאָסבערג׳ן, ווייג־שטיינ׳ען פון די „פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען“ און אנדערע גרויסע יוניאָן פירערס? נישט קיין מיטעל צו באַאיינפלוסען די קלאוק־מאכער איז דאָס געווען, — ווארום, אויב דאָס איז געווען דער צוועק, האָט מען דאָך עס געדארפט טאָן פאַר׳ן רעפערענדום, (ווען זיי, די אַר־בייטער, האָבען דר. הורוויטש׳ן ערוויילט אלס הויפּט־בעאַמטען פון דער „קלאוקמאכער יוניאָן“ מיט א גרויסע מאַיאָריטעט. מ. ר.) נישט נאָכ׳ן רעפערענדום, — נאָר עס איז געווען א מיטעל צו באַאיינפלוסען די בור־זשואַזע עפענטליכע מיינונג צוגונסטען פון דער פאבריקאנטען־אַסאָסי־אציע“.

**) אין דער „פרייע אַרבייטער שטימע“ פון 4טען אַפּריל 1914, שרייבט דר. הורוויטש ווי פאָלגט: „דער אולטימאַטום“, וואָס די פירער פון דער גענעראל קאָמיטע פון דער „אינטערנעישאָנאל לאַדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן“ האָבען ארייגעשיקט צו דער „דזשאָינט באָאַרד“ פון דער „קלאוקמאכער יוניאָן“ וואָרענט זיי, אז „אויב איך (הורוויטש) וועל ניט באַזייטיגט ווערען ביז דעם 15טען יאנואר פון דער יוניאָן, ציט זי צוריק איר „גאַראַנטיע“ פון אָפּמאַך. דאָס וואָלט געגעבען דער פאַב־ריקאנטען־אַסאָסיאציע פאר דער וועלט דאָס געזעצליכע און דאָס מאָראַ־לישע רעכט צו סטראשענען, אז זי וועט אָפּברעכען דעם אָפּמאַך מיט דער יוניאָן, ווייל דער אָפּמאַך ווערט אָנגעהאלטען נור צוליב דער גאַראַנטיע פון דעם „אינטערנעישאָנאל“־פאַרבאַנד. און אָט דיזע אינטערנאַציאָנאַלע זאָגט, „אַז כל זמן איך בין דער פאַרטרעטער פון דער יוניאָן, קען זי פאַר׳ן אָפּמאַך ניט גאַראַנטירען, טאָ איז דאָך די אַסאָסיאציע גערעכט, ווען

דער פאקט, וואס דיזע „אומגעווינשטע“, ראדיקאלע ארבייטער־פארטרעטער ווערען ערווײלט דורך א רעפערענדום־וואוט ביי אַ אלגעמיינעם, געהיימען, דירעקטען וואל,*) האט פאר די יוניאן־ביוראקראטיע קיין באדייטונג, און וועט זיי נישט צוריקהאלטען מיט אלע אינטריגעם זיי צו פארטרייבען פון „זייער“ ארבייטער־באוועגונג. נישט נאר איינצעלנע פארטרעטער, זאנדערען גאנצע לאקאלע עקזעקוטיוו־קאמיטעם מיט א פרייען בליק אויפ'ן קלאסען־קאמף און ראדיקאלען יוניאניזם טיילען דעמזעלבען שיקזאל, ווי איך האב אויבען אנגעוויזען. און פונדעסטוועגען וועט איר הערען אויף אלע מיטינגען און לעזען אין אלע פאד־צייטונגען און אין אונזער אלגעמיינער „ארבייטער־פריינדליכער“ פרעסע; מילא, אין די גויאישע יוניאנס איז נאך ניט אלעס ווי געוואונשען, אבער די אידישע יוניאנס זיינען דאך „ראדיקאלע“, פראגרעסיווע ארגאניזאציעס, וואס צייכענען זיך אוים מיט „דעמאקראטיע“ און „פאלקסטימליכקייט“ פיל מער ווי אין די קאנסערוואטיווע יוניאנס פון דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא.

אז דאס איז ניט מער ווי א היפאקריטישע פרעטענזיע און א פאלשער אנשטעל, וועט יעדער דענקענדער, אויפריכטיגער באאבאכטער זיכער צוגעבען, ווארום נאך די פאקטען וואס איך האב געבראכט וועט יעדער זעהענדיגער מענש קאנען אויפצייגען וואס פאר

זי וויל ענדיגען דעם אפמאך. דאס זיינען נישט פראסטע סברות. הער ראזענפעלד פון דער פאבריקאנטען אסאסיאציע האט עס קלאר געזאגט פאר דער רעגירונגס קאמיסיע פון „אינדוסטריעלע באציאונגען“ דעם 16טען יאנואר. אט זיינען זיינע ווערטער: „ווי עס שיינט האט זיך דער אינטערנאציאנאלער פארבאנד, וועלכער איז דער גאראנטאר פון אונזער אפמאך צוריקגעצויגען אלס גאראנטאר, וואס דאס וועט מאכען פאר אונז פאר אן אוממעגליכקייט ווייטער אנצוהאלטען דעם פראטאקאל“. (סטענאגראפישער רעפארט, זייטע 207).

*) אין דער „פרייע ארבייטער שטימע“ פון 29טען מערץ 1914, שרייבט דר. הורוויטש: „אז ווען דער רעפערענדום איז געמאכט געווארען, האבען מיינע שונאים אין דער צייט פון וואל־קאמף ניט געזשאלעוועט קיין טינט אין „פארווערטס“ און אין דער „נייער פאסט“ צו מאכען אלערליי אטאקעס געגען מיר. דער רעזולטאט איז געווען אז זיבציג פראצענט פון די שטימען זיינען אפגעגעבען געווארען פאר מיר.“

א „דעמאָקראַטישער“ גייסט עס קאָן ווערן איינגעפלאַנצט צווישען די מאַסען, ווען די פירער האָבען אַזאַ שטעלונג צו די פונדאַמענטאַלע כללים פון דעמאָקראַטיע. און ווען די אַרבייטער האָבען אַזאַ דעה אין דער פאַרוואַלטונג פון זייערע יוניאָן אָרגאַניזאַציעס פּונקט ווי זיי האָבען אַ דעה איבער דער פּראָדוקט פון זייער אַרבייט אונטער דעם אויסבייטענדען סיסטעם פון קאַפּיטאַליסטישען פּריוואַט אייגענטום. יאָ, עס איז אמת: די „דעמאָקראַטיע“ פון די פירער אין די יוניאָנס, סיי אין די גויאישע, ווי אין די אידישע, איז אַזאַ, אַז זי לאָזט זיך זעהר גוט אָפּשפּיגלען אין זייערע אוממענשליכע וואולגאַרע באַציאונגען צו די מאַסען, און דאָס איז דער בעסטער צייכען פון זייער פינסטערער, רעאַקציאָנערער שטעלונג צו די פּרינציפּען פון פּאָלקסטימליכקייט און דעמאָקראַטיע, ווי מיר וועלען דאָס באַווייזען אין נעקסטען קאַפּיטעל.

פינפטער קאַפּיטעל.

די באַציאונגען פון די פירער צו די אַרבייטער און זייער ראָלע אין די יוניאָנס.

די סאָלדאַטסקע דיסציפּלין פון געהאָרכזאַמקייט און די אונ־טערטעניגקייט פון דעם הונדערט פּראָצענטיגען הורא־יוניאָניזם וואָס די פירער באַמיען זיך איינצופּלאַנצען צווישען דער אָרגאַני־זירטער ארבייטערשאַפט איז שוין אַלט באַקאַנט. אז דאָס איז אַ פאַקט, דאַרף מען לאַנג נישט זוכען צו באַווייזען. עס איז גענוג בלויז א קוק צו טאָן אין די געלע פאַר־צייטונג פון די יוניאָנס און אין די אַלגעמיינע, „סאָציאַליסטישע" פּרעסע, — וואָס האַלטען זיך פאר א גאַנצע מחותנת'טע מיט דער אַרבייטער־באַוועגונג — אין דער צייט פון א גרויסער פּאַסירונג, ווי למשל א גענעראַל סטרייק, אָדער אן אינערליכע יוניאָן־שטרייטיגקייט, און איר באַמערקט גלייך מיט וואָס פאר א „דיסציפּלין" פון סאָלדאַטשינע מען פאַרגיפטעט די קעפּ פון די מאַסען.

דער ערשטער געשריי וואָס די ביוראָקראַטישע דעמאַגאָגען לאָ־זען אַרויס אין אַזא צייט אום אַרויפצוואַרפען א פּחד אויף די ברייטע ארבייטער־מאַסען איז, אז זיי זאָלען זיך נישט צוהערען צום ראַדיקאַלען עלעמענט וועגען אירגענד וועלכע לעבענס־רעפאָרם אין דער יוניאָן. זיי סטראַשענען איין אז די „היצקעפּ" און „טור־מעלמאַכער" ווילען מיט זייער צושטערענדער ארבייט אין דער איצ־טיגער ערענסטער צייט, ווען די יוניאָן פירט א קאַמף, אָדער גרייט זיך צו פירען א קאַמף... מיט די בעלי בתים צוברעכען די יוניאָן און פאַרניכטען די אַרבייטער־באַוועגונג. מיט דעם דאָזיגען היי־פּאָקריטישען ליאַרם געלינגט דעם פירער־קלאַס (פאר זייערע אייגע־נע אינטערעסען נאַטירליך) פיל מאָל צו פאַרטומלען די מוחות פון די ארבייטער, און אריינצוברענגען א צומישעניש אין די רייען פון

די יוניאָן־מיטגלידער, אזוי, אז זיי זיינען ערפאָלגרייך געגוג אויפ־צוהיצען די ברייטע מאסען געגען די אקטיווע קעמפער אין דער יוניאָן. דערביי באַשאַפען זיי אזא פּאַניק וואו איינער הייבט אָן צו פאַרדעכטיגען דעם צווייטען, אז דער אָדער יענער איז טאַקע אויסען צוצוברעכען די יוניאָן, און צו טאָן שאדען דער זאך פון די אַר־בייטער פאר די אינטערעסען פון די בעלי בתים. ניט איין מאָל זיינען שוין א דאנק אָט דער גיפט פון א ליארם מיט „יוניאָן־גע־פאר", מיט וואָס די פירער באַנוצען זיך, די אַפּפערוויליגסטע קאמ־פען פון דער „רענק און פייל" פאר די בעסטע אינטערעסען פון די מאסען פאַרניכטעט און צונישט געוואָרען. אָט דאָס איז טאַקי די אורזאך ווארום די ביוראָקראטיע האלט אַזוי טייער דעם הורא־יור־ניאָניזם אלס די בעסטע גיפט־מישונג פאר אלע צייטען, ארויפצור־צווינגען אויף די ארבייטער־מאסען דורך זיין שעדליכע, איינשלע־פערנדע ווירקונג די הונדערט־פּראָצענטיגע דיסציפּלין.*)

עס איז אמת, אז פונ׳ם שטאַנדפונקט פון דער יוניאָן־ביורא־קראטיע מוזען זיי אין די אמעריקאנער יוניאָנס מיט זייער „פרי־דענס"־טאַקטיק צום קאַפּיטאַליזם האָבען א הונדערט פּראָצענטיגע קאַזאַצקע דיסציפּלין צווישען די מאסען. דאָס איז איינפאך דער־פאר, ווייל זיי מוזען זיין זיכער, אז די יוניאָן־לייט וועלען אָפּהיטען זייערע באַשטימונגען און באַפעלען און די אלע פונקטען פון די קאָ־לעקטיווע אָפּמאכען, — מעגען זיי אפילו זיין געגען די אינטערעסען פון די ארבייטער — אונטער אלע אומשטענדען און וועלען ניט ווי־דערשפּעניגען. דאן איז שוין גאנץ נאַטירליך, אז ווען מען זוכט

---

*) דער „פאָרווערטס" פון 1טען סעפּטעמבער 1917 שרייבט אין בע־צוג צו דעם קאמף פאר רעפאָרמען צווישען דער „קלאוק אפּערייטארס יו־ניאָן לאָקאל 1" אין דער „קלאוקמאכער יוניאָן" ווי פאָלגט: „מיר ווי־לען באמערקען, אז די טענה פון לאָקאל 1 אין בעצוג צו די רעפאָרמען וועגען לאָקאל 17 איז פאר זיך געגומען קיין פּוסטע טענה ניט, עס איז אַ וויכטיגע טענה. אין אלגעמיין מוז מען זאָגען, אַז אין קלאוק פאך ליגט אין דעם פּונקט א געוויסע אומנאַטירליכקייט. די לאגע פון עטליכע אפּע־רייטאָר לאָקאל יוניאָנס אין איין פאַך פון איין שטאָט איז ניט קיין נאָרמאלע און מוז געענדערט ווערען. אבער פריער פון אלץ קומט דיס־ציפּלין און נאָך אמאָל דיסציפּלין. שטעלען פאָדערונגען שמעקט מיט אויפשטאַנד און דאָס טאָר ניט זיין און טאָר ניט דערלאָזען ווערען".

איינצופירען אזא מעכאנישע דיסציפלין, אום איינצוברעכען אויף אזא אופן אזא פריוויליגע ארגאניזאציע, ווי די נאטור פון א יוניאן איז כדי די מיטגלידער זאלען בלויז שפילען די ראלע פון געהארכ־זאמע „שטרויענע סאלדאטען", דאן קענען די אויבערהערשער, די פירער, זיך נישט באציען צו די ארבייטער ווי גלייכע צו גלייכע. עס באשאפט זיך דאן א טיפער צווישענשייד צווישען די מאסען און די פירער, אזוי אז וואס ווייטער, אלץ שארפער טיילען זיך אויס צוויי געגענזעצליכע קלאסען אין דער יוניאן, נעמליך: דער קלאס פון „הארפאשניקעס" און דער קלאס פון פראפעסיאנעלע ביורא־קראטען. אט די צוויי קלאסען פארטרעטען צוליב זייערע קלאסען־אינטערעסען צוויי פארשידענע וועלט־אנשויאונגען אין זייערע באַ־ציאונגען צו די בעלי בתים, און דאס שפיגעלט זיך זאגאר אפ אין זייער גענדערטער פסיכאלאגיע, וואס אנטוויקעלט זיך מיט דער צייט ביי זיי, פונקט ווי ביי די פארשידענע געזעלשאפטליכע גרופען, אין קלאסען אין דעם באשטעהענדען קאפיטאליסטישען סיס־טעם. און דאס איז טאקי דער כאראקטעריסטישער שטריך אין דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג פון אמעריקא.

אז דאס זיינען ניט קיין פוסטע סברות, קענט איר באאבאכ־טען פון דעם גאנצען גערדאנקען־גאנג, וואס האט זיך אויסגעבילדעט ביי די פירער. זיי גיבען גאנץ אפענהערציג צו אין זייער שרייבען און אין זייערע רעדען, אז די ארבייטער — אין וועמעס נאמען זיי פארדירען און גלענצען — אונטערשיידען זיך פון זיי אין פיל הינזיכטען. ערשטענס, דורך די ערפארונג פון פארמיטלערשאפט, דיפלאמאטישען טאקט, ווייטזיכטיגע צוריקגעהאלטענקייט און סטראטעגיע... און צווייטענס, און דאס אלוויכטיגסטע: אין אינטע־ליגענץ...

אלזא, לויט דעם דאזיגען ביוראקראטישען בליק וועגען דעם ארבייטערס גייסטיגען צושטאנד. אליין איז שוין קיין זיך וואונדער ניט ווארום עס עפענט זיך וואס ווייטער אלץ א טיפערער אפגרונט צווי־שען די פירער און די מאסען. ספעציעל איז עס דער פאל אין די אמעריקאנער יוניאנס, ווי די יוניאן־ביוראקראטען לעבען אויס זיי־ערע יארען אין זייערע לעבענסלענגליכע אמטען, ווי אין די גוטע אלטע צייטען פון דעספאטישע דינאסטיעס... עס ווערט אונטער

אזעלכע אומשטענדען באגרייפליך פאר וואס ווען עס מאכט זיך וועלכע עס איז פראטעסט־באוועגונג צווישען די ארבייטער געגען אזעלכע אוטאקראטישע „פאראנדקעס“ אין די יוניאנס, באלוינען די פירער די מאסען מיט די פארשידענע עפיטעטען, ווי „אומציוויליזירטע בארבארען*) און באטראכטען זיי אין אלגעמיין ווי א ווילדען „מאב“ (פעבעל) וואס נויטיגט זיך אין א סאלדאטסקער דיסציפלין אום אים איינצוצאמען און באהערשען. די דאזיגע אנטיגאניסטישע באציאונג איז אזוי פארשארפט, אז די פירער פאנגען אן צו גלויבען, אז מען באדארף די ארבייטער ניט צופיל טרויען און מען קען זיי ניט איבערגעבען די וויכטיגע יוניאן־אנגעלעגענהייטען צו פארהאנדלען. צוליב דעם גרונד איז איינגעפירט אין די יוניאנס די באקאנטע „עקזעקוטיווע סעסיע“, ווען מען לאזט אפילו די אקטיווע טוער (פון די דורכשניטליכע ארבייטער איז דאך שוין אפגערעדט) נישט צו צו די פארוואלטונגס־מיטינגען פון דער יוניאן און מען פארהאנדעלט און מען באשליסט, אויסארבייטענדיג פארטיגע פלענער אן זייער וויסען. נאך מער, אין פילע מאמענטען זוכען די פירער זיך גאר אויסצובאהאלטען מיט זייערע קאנפערענצען, אז די ארבייטער זאלען זיך חלילה פון דעם נישט דערוויסען.**)

*) אין „פרייע ארבייטער שטימע“ פון 6טען מערץ, 1914, לעזען מיר: „א. ראזענבערג, דער דאמאלסטיגער פרעזידענט פון דער „אינטערנעישאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן“ האט געהאלטען פאר נויטיג צו כאראקטעריזירען די ארבייטער פון דיזער יוניאן, אז זיי זיינען ניט מער ווי א פינסטערער „מאב“ און „אומציוויליזירטע בארבארען“.

דאסגלייכען לעזען מיר אין דער „גערעכטיגקייט“ פון 18טען אקטאבער 1920, „אז די ארבייטער פון די „לײדיס ווייסט מאכער יוניאן לאקאל 25“ שטעלען מיט זיך פאר א גרויסען צוזאמענגעלאפענעם „מאב“.

**) די „פרייע ארבייטער שטימע“ פון 3טען יאנואר 1914, שרייבט: „אן איינלאדונג פאר א קאנפערענץ פון די „אינטערנעישאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן“ איז ארויסגעשיקט געווארען וואס לעזט זיך ווי פאלגט: „טייערער הער און ברודער: איר זייט הערצליך איינגעלאדען צו א קאנפערענץ פון יוניאן פארטרעטער, אום צו באטראכטען דעם איצטיגען קריזיס, וואס איז געקומען דורך דעם אויסוואל פון דר. הורוויטש, אלס הויפט בעאמטער פון דער „קלאוקמאכער יוניאן“. און דורך דאס ענטזאגען פון די פאבריקאנטען אסאסיאציע צו אנערקענען אים. דיזער קאנפערענץ וועט פארקומען דעם 27טען דעצעמבער. צווישען די אג־

אויב עס פאסירט זעלטען ווען, אז א געוויסע גרופע פון פראָגרעסיווע ארבייטער פאנגען אָן אויף זייער אייגענע איניציאַטיווע וואָס עס איז צו אונטערנעמען, אום אויפצואוועקען די מאסען פון דער טויטער אפאטיע און צו באוועגען די אַקטיוויטעט אין די יוניאָנס, ווערען זיי פון די פירער פארשפאָט און געמאכט צו נאַרען ביז וואנען עס געלינגט דער ביוראָקראטיע די ארבייט זייערע צו דיסקרעדיטירען אין די אויגען פון די מאסען און צו ענטמוטיגען און ענטווישען די אקטיווע טוער, אום זייער זעלבסטעטיגקייט צו צערשטערען*) כדי דערמיט אונטערצוהאקען די וואָרצלען פון גרוּפען־אָרגאַניזאַציע אין די יוניאָנס און דאָס פירט גאַנץ אָפט צו אָפּאָזיציע, וואָס איז א טויט־געפאר פאר די הערשאפט פון דער יוניאָן־ביוראָקראטיע.

וואָס איז שייך די באַציאונגען פון די פירער צו די דורכשניטליכע יוניאָן לייט, וואָס האָבען ניט קיין „פּול“ (פּראָטעקציע) זיינען זיי פון אַזאַ אוממענשליכען ערנידעריגענדען זארט, אז זיי ווערען באַהאַנדעלט פונקט ווי זיי וואָלטען געווען די ערגסטע שלעפּערס און נידעריגע ברואים, וואָס קומען אויסבעטלען א טובה פון פּריץ... דאָס איז א פאקט וואָס איז אלגעמיין באקאַנט צו יעדען אַרבייטער אין די יוניאָנס. און נאָך אלעם דעם קומט נאָך די ביוראָ־

וועזענדע וועט זיין פּרעזידענט גאָמפּערס, וויצע פּרעזידענט מיטשעל און דאַנקין פון די „אַמעריקאן פעדערײשאָן אָף לייבאר“. (נ. ב. צוליב אורזאכען וועלכע וועלען שפּעטער ערקלערט ווערען איז ראטזאם אַז איר זאָלט עס האלטען בסוד“). אונטערגעשריבען גענעראל סעקרעטאר דייטש פון דער „אינטערנײשאָנאל“.

*) אין „פּראָלעטאריער“ פון 15טען אָקטאָבער 1920, געפינען מיר פאָלגענדעס: „מיט א צוויי יאר צוריק האָבען זיך צוזאמענגענומען די פּראָגרעסיווע מיטגלידער פון די „קאַרפּענטערס יוניאָן“ פון פילאדעלפיא און אָנגעפאנגען א באַוועגונג צו גרינדען א שולע פאר טעכנישע וויסענשאפט און אלגעמיינע בילדונג־אַרבייט צווישען די מאסען. די יוניאָן פירער האָבען אבער געטאָן אלעס מעגליכעס צו שטערען אין די ארבייט און ניט דערלאָזט צו געבען קיין צימער פאר’ן קלאס, און אין אלגעמיין האָבען זיי פאר’מיאוס’ט די זאך און אָפּגעלאכט דערפון, כדי קיין שטראל פון ליכט זאָל זיך ניט אריינכאפּען אין די מוחות פון די ארבייטער. א דאנק זייער שעדליכער טעטיגקייט איז די גאַנצע זאך צו גרונד געגאַנגען“.

ראַקראַטיע אַרויס לויט איר היפּאָקריטישער דעמאַגאָגיע פון שטענ־דיגע טענות און קלאָג־לידער אין די פּאַר־צייטונגען און אויף די פאַרזאַמלונגען מיט דער פאַלשער באַשולדיגונג, אַז די אַרבייטער זיינען נאָך נישט קיין רייפע יוניאָן־לייט, אַז דער געזעלשאַפטליכער געפיל פון אָרגאַניזאַציע איז נאָך ביי זיי ניט אַנטוויקעלט א. ז. וו., א. ז. וו. זיי זיינען עס וואָס מוסר'ן נאָך די אַרבייטער וואָרום זיי אינטערעסירען זיך נישט מיט דער טעטיגקייט אין די יוניאָנס און זיינען גלייכגילטיג צו אַלע פּאַסירונגען אינ'ם לעבען פון דער אַר־בייטער־באַוועגונג.*)

אָבער וועגען די אמת'ע אורזאַכע מאַכען זיך די פירער „שטום און טויב". וועגען אָפּשטויסענדע, אויטאָקראַטישע באַציאונגען צו די מאַסען, — וואָס וואַקסען אַרויס פון זייערע קלאַסען־אינטערע־סען, פאַרטרייבענדיג די אַקטיווסטע עלעמענטען פון דער יוניאָן־באַוועגונג מאַכען זיי זיך ניט וויסענדיג. אַנשטאַט דעם באַשאַפען

---

*) אין אָפיציעלען רעפּאָרט פון 1916, אַרויסגעגעבען פון דער „קלאָוקמאַכער יוניאָן" אויף זייט 13 לעזען מיר פאָלגענדעס: „די דע־מאָראַליזאַציע אין דער יוניאָן איז שרעקליך טיף. דער אינטערעס און דער גלויבען פון די מיטגלידער צו דער יוניאָן זיינען אָפּגעשוואַכט. די מיטינגען זיינען אָרים באַזוכט. די ברייטע מאַסען זיינען גלייכגילטיג צו דער טעטיגקייט פון דער גאַנצער יוניאָן".

ווייטער: די „גערעכטיגקייט" פון 8טען אָקטאָבער 1920 שרייבט נאָך דויטליכער: „די אינטערנאַציאָנאַלע בעאַמטע ווייסען גענוי, אַז אין דעם מעכטיגען יוניאָן לאָקאַל 25 זיינען קוים דאָ א פּאָר הונדערט מענ־שען וואָס קומען אַמאָל צו א מיטינג. קוים א הונדערט וואָס זיינען פאַר־אינטערעסירט אַנטייל צו נעמען אין די וואַלען פון זייערע וויכטיגסטע בעאַמטע. און קוים עטליכע צענדליג מענשען וועלכע זאָלען זיך אַקטיוו באַטייליגען אין די פאַרשידענע יוניאָן אַנגעלעגענהייטען".

אין ענליכען ביישפּיל געפינען מיר אין „פּראָלעטאַריער" פון 5טען אָקטאָבער 1920, ווי פאָלגט: „דער קאַרפּענטער לאָקאַל יוניאָן נומער 1073 עקזיסטירט שוין 20 יאָר, אָבער פון א מיטגלידערשאַפט פון עלף הונדערט מאַן קומען צו די פאַרזאַמלונגען צוואַנציג מיטגלידער. ס'איז אייניפאַך וויסט און פּוסט. פרעגט אָבער די אַרבייטער וואָרום זיי באַזוכען ניט די יוניאָן מיטינגען, ענטפערט איינער, „איך האָס די פירער, ווי פּיאַוו־קעס". דער אַנדערער: „איך קען אויף זיי ניט קוקען". דער דריטער: אָבער צו וואָס נאָך? אַז אַלע ענטפערס זייגען פון זעלבען זאָרט".

זיי פון איין זייט די קינסטליכע מיטלען פון פארשידענע קאנצערטען און ספעקטאקלס וואָס קאסטען אַפּ טויזענטער און טויזענטער דאָלארס, און פון דער אנדערער זייט סטראשענען זיי די ארבייטער מיט פאַרשידענע שטראָף־מיטלען, כדי דורך דעם צוציען די מיטגלידער צו די יוניאָן־פארזאמלונגען. דער סך הכל איז אַז ביידע מיטלען העלפען אזוי ווי „א טויטען באנקעם“.*)

---

*) אין דער „גערעכטיגקייט“ פון 10טען דעצעמבער 1920, שרייבט ה. סקולמאן פון שיקאַגאָ פאָלגענדעס: „עס איז אמת, אז דער גרויסער עולם קומט זעלטען צו די יוניאָן פארזאמלונגען, מען האָט אבער ערווארט אז ווען א לאָקאל יוניאָן ארראנזשירט א מיטינג מיט רעדנער און זינגער זאָל דער עולם קומען אין די הונדערטער. אָבער ווי אומאנגענעם עס זאָל פאר אונז ניט זיין, מוזען מיר צוגעבען אז אויך ביי דיזען שעהנעם מיטינג האָט די מיטגלידערשאפט געגלאנצט מיט איר „אבוועזענהייט“.

אָדער אויף אן אנדער פלאץ אינ׳ם זעלבען נומער „גערעכטיגקייט“ געפינען מיר אין אן אָפיציעלען באריכט פון די „יוניטי האוז“ (זומער האָטעל) פון דער „לײדיס ווייסט יוניאָן לאָקאל 25“ אן ענליכע שטיקעל נייעס וואָס לעזט זיך ווי פאָלגט: „די אורזאכען פון דעם גרויסען געלט־פארלוסט וואָס מיר האָבען געהאט איז, וואָס דער פלאץ האָט ניט געהאט פאַרהעלטניסמעסיג גענוג באזוכער פון די אַרבייטער“.

אין אן אָפיציעלען באריכט פון די „סקוירט (קליידלעך) מאכער יוניאָן לאָקאל 23“ אין דער „גערעכטיגקייט“ פון 4טען מארץ 1921 לעזען מיר ווידער אן אינטערעסאנט שטיקעל נייעס פון אַן ענליכען איגהאלט, וואָס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאר׳ן גייסטיגען צושטאַנד פון די יוניאָנס. דאָרט שרייבט מען ווי פאָלגט: „דער פאַרדרוס אויף אונזערע מיטגלידער וועלכע זיינען פול איבעראל אין דער סאָציאליסטישער פּאַרטיי, אויף די מיטינגען פון „אַרבייטער רינג“, נאָר נישט ביי די יוניאָן מיטינגען, איז אַזוי גרויס, אז די עקזעקוטיוו האָט ווייטער גענומען טראכטען וועגען פלענער ווי צו פאַראינטערעסירען די מיטגלידער צו קומען צו די יוניאָן מיטינגען. עס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען אז יעדער מיטגליד זאָל זיין געצוואונגען צו באזוכען איין מאָל אין דריי מאָנאַטען א מיטינג פון דער יוניאָן, ווען נישט זאָל א שטראָף אַרויפגעלייגט ווערען, ווייל אלע אנדערע מיטלען: ווי שיקען בריף, לעקטשורס און דיסקוסיאָנען זיינען שוין אויספּרובירט געוואָרען און עס האָט ווייניג וואָס געהאָלפען“.

וועגען נאָך א כאַראַקטעריסטישען פאקט פון דיזען סאָרט לעזען מיר אין א רעקלאמע אין דער „פרייהייט“ פון 28טען יוני 1922 פון די „בראָ־

עס איז דאָך גאַנץ נאַטירליך, אַז די דאָזיגע כראָניש־פאַרגלי־וערענדע אַפּאַטיע פון די ארבייטער צו די יוניאָנס, וואָס האָט פאַרוואַנדעלט די גאַנצע אַמעריקאנער באַוועגונג אין אַ שטעהענדען זומפּ, איז אַ רעזולטאַט ניט נאָר פון דעם פאַרשימעלטען איבערגע־לעבטען פּאַד־יוניאָניזם, וואָס דינט ניט מער דעם צוועק פון קלאַסען־קאַמף, נאָר אויך פון דער אוממענשליכער אומטאָלעראַנטער באַצי־אונג צו די מאַסען. ווען איך זאָג, די גאַנצע אַמעריקאנער יוניאָן־באַוועגונג" איז דאָס פּשוט אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך. וואָרום אין די גויאישע יוניאָנס הערשט דאָך אַן אָפענע וואולגאַרע באַציאונג, אַ הפקר־גייסט. דאָרט געהט די יוניאָן־ביוראָקראַטיע אַזוי ווייט און איז אַזוי פרעך, אַז עטליכע באַאַמטע מיט אַ צענד־ליגע „פאַוואָריטען", זאָגאָר אין די „רעוואָלוציאָנערסטע" „וועסטערען פעדערייישאָן אָף מיינערס יוניאָן" זאָלען זיך אויסלאַכען און איגנאָ־רירען אַלע רעכטער פון דער ברייטער מיטגלידערשאַפט און באַהער־שען מיט אַן „אייזערנער דיסציפּלין" דאָס גאַנצע לעבען פון דער יוניאָן.*) טאָ ווי קען מען דען פאַרלאַנגען אַז ס'זאָל אַנדערש זיין? דער ערוואַקסענער מענש, ווי צודריקט זיין „איך" זאָל ניט זיין, און ווי דערשטיקט זיין ווידערשטאַנד זאָל ניט ווערען, האָט דאָך אַ מענ־שען־ווירדיגען פונק וואָס ברויזט אויף אַנטקעגען אַזעלכע ערנידע־רונגען און באַליידיגונגען מצד פון זייערע אייגענע פירער. זיי פי־לען בחוש, אַז זייער באַרוף איז רעספּעקטירט צו ווערען אַלס אַ גלייכער צווישען גלייכע און ניט אַז ער זאָל באַטראַכט ווערען פון אויבען אַרונטער. קיין אַנדערע, ווי בלויז קורצזיכטיגע, דיקקעפּיגע דעספּאָטען קאָנען ניט ערוואַרטען, אַז מענער און פרויען, וואָס האָ־בען קיין גלייכבאַרעכטיגקייט ניט און ווערען פאַרטריבען פון זייער

דערהויד אָף פּיינטערס, דעקאָריטאָרס און פּייפּער הענגערס אָף אַמעריקאַ" וואָס לעזט זיך ווי פאָלגט: „די מיטגלידער פון לאָקאַל 261 וועלען באַ־שטראָפט ווערען מיט ניין (9) דאָלאַר פאַר ניט קומען שטימען".

*) דר. הורוויטש אין „טאָג" פון 22טען סעפּטעמבער 1914, שרייבט: „אַ חברה פון עטליכע הונדערט פאַוואָריטען וואָס פּלעגען קריגען די בעס־טע „דזשאָבס" פון קופּער טראָסט, האָבען ביי יעדער וואַל אָפּגעטאָן אַלער־ליי קונצען, וואָס די קאַרופּטע אַמעריקאַנער „מאַשין" געברויכט, אום גישט צו פאָלגען דעם ווילען פון פאָלק".

זעלבסטטעטיגקייט, זאָלען פרייוויליג ארויסווייזען א באַרייטוויליג־
גע, מיזאַמע אקטיוויטעט אין דער יוניאָן־טעטיגקייט און דערמיט
מיטהעלפען אנטוויקלען און שטאַרקער מאכען די, פאַר זיי פרעמדע,
אָרגאַניזאַציע. אזא אָפּפערוויליגקייט קענען מענשען בלויז ארויס־
ווייזען, ווען זיי פילען זיך אין א געזעלשאַפטליכער אינסטיטוציע
„ווי ביי זיך אין דער היים". דאָס איז מעגליך נאָר דאָרט וואו זיי
קענען געפינען יענע פאַלקסטימליכע אַטמאָספערע און אידעאַלע באַ־
גייסטערונג, אויב איר ווילט, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד צו דער־
וואַרעמען דאָס געזעלשאַפטליכע געפיל פון סאָלידאַריטעט, אָט יע־
נעם געפיל וואָס סטימולירט דעם ווונש און פאַרשטאַרקט דעם
ווילען צו געגענזייטיגער הילף וואָס גלימערט אין די נאַטור ביים
מענשליכען מין אָבער אין דער אייז־קאַלטער אַטמאָספערע וואָס
הערשט אין די אמעריקאנער יוניאָנס, וואו די אומגלייכע, גרינג־
שעצענדע באַציאונג צו די אַרבייטער־מאסען, איז געוואָרען א טור־
גענד; וואו מען געטרויט נישט די אַרבייטער און מען שטערט זיי
אויף טריט און שריט זיך צו באַטייליגען אין זייערע אייגענע אנ־
געלעגענהייטען; דאָרט, פאַרשטייט זיך, אז דער סאָלידארישער גע־
פיל פון געגענזייטיגער מיטאַרבייטערשאַפט, מוז נאַטירליכערווייזע
אַטראָפירט ווערען, אַפּטויטענדיג יעדע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט
אין דער יוניאָן־באַוועגונג און פאַרוואַנדלענדיג איר אין א גרויסען
גולם, וואָס זשיפּעט קוים אָן א נשמה.*)

עס איז דאַריבער פאַלש און ניט אויפריכטיג מצד פון דער
ביוראָקראַטיע ווען זי פאַרגיסט קראָקאָדיל־טרערען אויף די אומ־
רייפע אָרגאַניזאַציאָנס פעאיגקייט פון די מאסען, ווייל זיי שפּילען
די אומבאַדייטענדע ראָלע אין די יוניאָן־אָרגאַניזאַציעס, ארויפוואַר־
פענדיג די לאַסט פון אקטיווער אַרבייט אויף א קליינע הייפעלע
מענשען וואָס מוז נעבאַך זיך אָפּפערען פאַר'ן וואוילזיין פון דעם ברו־

*) אין דער „צייט" פון 21טען יולי 1921, שרייבט נ. בעפעל פאָל־
גענדעס: „איינע פון די שיך אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס איז אפילו זעהר
שטאַרק... אין נאָרפאָלק קאָנטרי. אבער דאָס איז נאָר א שטאַרקייט הויפּט־
זעכליך פון צאָלען. דאָס איז א יוניאָן מיט א סך מיטגלידער און ווייניג
גייסט, וואו די פאַבריקאנטען האָבען א גאָר גרויסע דעה און דיקטירען
די באַדינגונגען אונטער וועלכע די אַרבייטער דאַרפען לעבען".

דער ארבייטאָרער... ניין, דאָס איז ניט די שולד פון די ארבייטער־מאַ־סען, וואָס לעכצען נאָך אן אמת׳ער, מאָדערנע יוניאָן־באַוועגונג, וואו זייער פאַראייניגטע מאכט זאָל זיין באַזירט אויף א סאָלידאריש גע־גענזייטיגען פונדאַמענט פון ברידערליכע באַציאונגען „פון איינעם פאַר אַלע, און אַלע פאַר איינעם". ניין, ניט אין זיי ליגט די שולד וואָס די יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקא איז אין אמת׳ן געוואָרען א מאַסען־באַוועגונג פון מתים. נאָר דאָס איז די ביוראָקראַטישע פירערשאַפט וואָס טראָגט די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם מי־זעראַבעלען צושטאַנד, וואו די אַרבייטער קענען זיך נישט באַטיי־ליגען אינ׳ם לעבען פון די יוניאָנס, וואו א קליקע פּאָליטישאַנס און קאַריערעסטען באַנוצען זיך גערען מיט דעם כדי צו אוזורפּירען די מאכט פון דער מאַיאָריטעט און שאַלטען און וואַלטען אין נאָמען פון פּראָלעטאַריאַט מיט דער הילף פון מאַשין־פּאָליטיק איבער דער אַמעריקאַנער ארבייטער־באַוועגונג, וואו די ארבייטער זיינען א דאַנק זייער דערשלאָגענקייט, בלויז די צושויער, אין אן אייגענער און פאַר זיי דאָך פרעמדער באַוועגונג, ווייל ניט זיי האָבען קיין צו־טריט און אויך ניט קיין נוצען פאַר זייערע לעבענס־פאַרבעסערונגען אין דעם שווערען, אומאויפהערליכען אַפּפערברינגענדען קאַמף מיט׳ן אַגרעסיווען פול־בלוטיגען גרויזאַמען אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם.

דריטער טייל.

ערשטער קאפיטעל.

מאַשין־פּאָליטיק און קאָרופּציע אין די אַמעריקאַנער יוניאָנס.

„מאשין־פּאָליטיק אין די קאָנסערוואטיווע אַמעריקאנער יוניאָנס — זאָגט דר. הורוויטש אין איינעם פון זיינע פּאַרטרעפליכע ארטיקלען*) איז נישט קיין אויסנאם, נאָר א סיסטעם וואָס איז באַגרינדעט אויף א גאנצע פילאָזאָפיע. דאָס איז דערפאר, ווייל די פירער גלויבען ניט אין סטרייק, זיי גלויבען אין דיפּלאָמאַטישע פּאַרהאנדלונגען, אין אגרימענטס מיט די אַרבייטסגעבער. כדי אבער אַן אגרימענט זאָל האָבען א ווערדע, מוזען די בעאַמטע האָבען מאכט צו גאראַנטירען פאר די בעלי בתים אז די אַרבייטער זאָלען אים האַלטען". אַלזאָ, ס'איז קלאָר אז אום די פירער זאָלען האָבען די מאכט איבער די ארבייטער איז מאשין־פּאָליטיק איינע פון די וויכטיגע מיטלען דערצו. די אורזאַך דערפון איז, ווי איך האָב שוין אנגעוויזען, ווייל די פירער ווילען זיך נישט פּאַרלאָזען אז די ברייטע מיטגלידערשאַפט וועט אויספאָלגען די פּונקטען פון די קאָלעקטיווע אגרימענטס מיט די אונטערנעמער. און די דאָזיגע אַגרימענטס מוזען אונטער אַלע אומשטענדען, צו די אַרבייטער ווילען אָדער ניט, אָפּגעהיט ווערען אלס גאראַנטיע פאר די „קאראבקע" פון די יוניאָנס". נאַטירליך, דאָ וואו עס ווערט די ברייטע מאסען ניט אַנפּאַרטרויט צו פאַרטרעטען זייערע אייגענע אינטערעסען קען שוין קיין רייד ניט זיין, אז זיי זאָלען צוגעלאָזט ווערען צו פּאַרוואַלטען די געשעפטען פון די יוניאָן־אָרגאַניזאַציעס.

---

*) „טאָג", 22טען סעפּטעמבער, 1914.

דער פועל יוצא פון דעם איז, אז די יוניאן־ביוראָקראַטיע באַגרענעצט אַזוי שטאַרק די גאַנצע זעלבסט־טעטיגקייט פון די אַרבייטער אויף וויפיל עס איז נאָר מעגליך. אַט אַזוי למשל פירען זיי איין די אומדירעקטע וואַלען דורך דעם וואָס זיי „אַפּאָינטען" (שטעלען אַן) וואו זיי קענען נאָר די בעאַמטע אין די יוניאָנס, וואָס זיי פירען איין די באַרימטע „עקזאַמינאַציעס" אום צו בראַקירען וועמען זיי גלוסט זיך נאָר, און אין יענע יוניאָנס וואו ס'איז שוין יאָ דאָ כלומרשטע דירעקטע וואַהלען דערלאָזען זיי נישט די איינפירונג פון איניציאַטיווע און „ריקאָל" (צוריקרופונג פון בעאַמטע) א. ז. וו., א. ז. וו.

מיט איין וואָרט, זיי שאַפען אָפּ אַלע מעגליכקייטען פון א וועלכען איז ממשות'דיגען קאָנטראָל פון די מאַסען.

אַבער אַזוי ווי די אַלע באַגרענצונגען גיבען פאַרט נישט קיין פולע זיכערקייט פאַר דער ביוראָקראַטיע, אַז זי זאָל זיך קענען אַרויסמאַכען אינגאַנצען פון דער וואַכזאַמקייט פון די יוניאָן־מיטגלידער, ספּעציעל פון די אַזוי פיל פאַרשריענע „טומעלמאַכער". דאָס הייסט פון די רעוואָלוציאָנערע דענקענדע אַרבייטער ; און אַזוי ווי די פירער קענען דאָך נישט צונעמען ביי די מאַסען אַלע זייערע אָרגאַניזאַציאָנס־רעכטען, ווי למשל, דאָס געזעצליכע שטימען ביי די פאַרזאַמלונגען געגען זייערע פאַראויס־אָנגענומענע באַשלוסען. ווייל דאָס וואָלט דאָך אַרויסגערופען צו אָפטע פּראָטעסט־באַוועגונגען און רעוואָלטען ; דערפאַר העלפען זיך די פירער אַרויס מיט דער באַרימט געוואָרענער אַמעריקאַנער ערפינדונג פון „מאַשין פּאָליטיק" : זיי פאַנגען דאָן אָן צו אַרבייטען מיט אַלע מיטלען פון זייער „מאַשין" אויף וועלכע זיי קענען זיך שוין פאָלשטענדיג פאַרלאָזען, אַז זי וועט „לאַנגזאַם אַבער זיכער" מבטל מאַכען דעם מינדעסטען קאָנטראָל פון די אַרבייטער.

די מיטלען פון מאַשין־פּאָליטיק, וואָס איז געוואָרען אַן אינסטיטוציע אין דער אַרבייטער־באַוועגונג פון אַמעריקאַ זיינען אומערשעפּליך און קענען אויסגעבערייט ווערען אויף דעם גאַנצען פעלד פון דער יוניאָן־טעטיגקייט און אויף אַלע געביטען פון אָרגאַניזירטען אַרבייטער־לעבען. וואָרום אחוץ דעם וואָס מאַשין־פּאָליטיק קען אָנגעפירט ווערען גאַנץ אָפען און אויף א גאַנץ „לעגאַלען" וועג,

ווערט נאָך א ריזיגע אַרבייט אַנגעפירט „הינטער די קוליסען“, פאַר־שטעלטערהייט. מען קען שוין פאַרשטעהן וואָסערע מיטלען עס קענען אין דער פינסטער באַנוצט ווערען, ווען די ביוראָקראַטען אלס אָרגאַ־ניזירטער קלאַס זיינען שוין געצוואונגען זיך צו באַהאַלטען פון דעם וואַכזאַמען אויג פון דער עפענטליכקייט. אזוי, למשל, שטעלען זיך די פירער קודם כל אלס די ערשטע אויפגאַבע צו שליסען אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט אלע לייכטגלויביגע, אומערפאַרענע פאַרטרע־טער אין די פאַרשידענע קאָמיטעס און אין די געזעצגעבענדע, אָדער עקזעקוטיווע, אויספירענדע קערפערשאַפטען פון די יוניאָנס. זיי ווענדען דאָן אָן אלע מיטלען פון פאַרשידענאַרטיגען כאַראַקטער, ווי איינרעדענישען, צוזאָגעכצען, און זאָגאַר סטראַשונקעס, אום אויסצואיבען זייער פאַרדערבליכען איינפלוס, כדי די נייע דעלעגאַ־טען זאָלען שטימען און מיטאַרבייטען מיט דער הערשענדער מאַכט ביי די וויכטיגסטע פראַגען און אנגעלעגענהייטען צו גונסטען פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע. אויף דיזען אומאָרענטליכען וועג, וואָס איז דאַכט זיך אין פלוג גאַנץ „געזעצמעסיג“ אבער פאַרט א קאָ־רופּטער וועג, געלינגט די פירער דורכצופירען אלע זייערע פלענער פאַר די אינטערעסען פון דער „מאַשין“. וואָס הערשט אין אלע אמעריקאנער יוניאָנס.

אָבער דאָס איז נאָך ווייניג. אחוץ, וואָס אויף אַזאַ אופן קאָנ־טראָלירען די בעאַמטע די מאַיאָריטעט דעלעגאַטען אין אלע קאָמי־טעס פון די יוניאָנס, ווענדען זיי אויך אָן ענליכע מיטלען, נאָר אויף א גרעסערען מאַסשטאַב צו באַהערשטען די מאַסען ביי די יוניאָן־פאַרזאַמלונגען. דאָס זעהט מען באַזונדערס בולט ווען די ביוראָ־קראַטיע דערפילט אז די פּראָגרעסיווע עלעמענטען האָבען אריינגע־בראַכט אָדער קלייבען זיך פאַרצוברענגען וועלכען עס איז נייעם אָרגאַניזאַציאָנס־פּלאַן אָדער אנדערע רעפאָרמען. נעמט, למשל, די באַוועגונג פאַר „די שאָפּ־קאָמיטעטען־פאַרוואַלטונג“ וואָס מיינט אין קורצען: אָפּצושוואַכען אביסעל דעם יוניאָן־ביוראָקראַטיזם מיט די נוצלאָזע אומצייליגע „דזשאָבס“ (שטעלעס) און ארונטערצושטעלען די יוניאָן־פאַרוואַלטונגען אונטער דעם אמת׳ען קאָנטראָל פון די אַר־בייטער, אריינברענגענדיג א דירעקטע, אָפּענהערציגע, נישט פאַר־דיפּלאָמאַטעוועטע... באַציאונג צו די בעלי בתים. אָדער נעמט די

רעפארמע איינצופירען דירעקטע וואלען פאר אלע גענעראל און לאקאלע בעאמטע מיט'ן רעכט פון „ריקאל“. אדער דאס איינפירען פון „פרייער פרעסע“ א. ז. וו. אין די אלע פעלען פאסירט, אז אזוי שנעל ווי די פירער דערפילען, אז אזעלכע פלענער האבען א גוטע געלעגענהייט אנגענומען צו ווערען פון די מיטגלידער, הייבען זיי אויף א טרעוואגע צווישען זייערע „פאטריאטען“, אז די „יוניאן“ שטייט אין געפאר, און זיי פאקען אן די מיטינגען מיט בראקירענדיג דערמיט ארייןצושיקען בעקערס... צו די מיטינגען פון שניידערס א. ד. גל. און אט דורך אזוינע און ענליכע מיטלען פון מאשין־פאליטיק געלינגט זיי דורכצואווארפען דיזע אדער ענליכע פארשלאגען פון די אקטיווע טוערס אין די יוניאנס.*)

אויב דיזע מיטלען זיינען נאך נישט גענוג, דאן זוכען זיי, ווי מיר האבען שוין געזעהן, אנצופילען אלע קערפערשאפטען פון די יוניאנס מיט זייערע „לאיאלע“ פאווארימען אום צו האבען די מאיאריטעט מיט זיך און צו קענען קריגען די ענטשיידונגס־מאכט ביי יעדער וויכטיגער פראגע, וואס קומט אויף אויפ'ן סדר היום פון דער יוניאן. האבען זיי דאס דערגרייכט, דאן איז פאר זיי שוין זעהר לייכט צו אוזורפירען אלע רעכטען פון די מיטגלידער און זיי פאלשטענדיג צו באהערשען. אלס גוטער ביישפיל קאנען דינען די

*) די „פונקען“ פון 22טען יולי, 1920, שרייבען: „ווען ענדליך ס'איז אויף דער פארזאמלונג פון דער „לידיעס וועיסט יוניאן“, דעם 8טען יולי, אריינגעבראכט געווארען פון דער עקזעקוטיווע און גוטגעהייסען פון א אומגעהייערע מאיאריטעט דער נייער פלאן, אז די פארזאמלונג פון פאבריק־דעלעגאטען זאל זיין די העכסטע קערפערשאפט אין דער יוניאן און אז די דאזיגע דעלעגאטען־פארזאמלונג זאל ערוויילען אלע באאמטע צו ווערען זיי זאלען זיין פאראנטווארטליך אלס די אויסדערווילטע דעלעגאטען פון אלע מיטגלידער, האבען די יוניאן פירער, וועלכע האבען א ווארט ניט גערעדט בלויז געפאדערט, אז לויט דער קאנסטיטוציע זאל דיזער פלאן גוטגעהייסען ווערען פון אן אלגעמיינעם מיטינג פון דער יוניאן מיטגלידערשאפט. דאכט זיך כשר. ווייסען מיר אבער, אז די יוניאן ביוראקראטיע מיינט בלויז ביי דיזער פארזאמלונג דורכצווארפען דיזען פארשלאג, ווייל אויף די אלגעמיינע מיטינגען זיינען אנגעפאקט מיט דער ביוראקראטיעס פאווארימען, מיט וועלכע זיי זיינען זיכער בטל צו מאכען דעם באשלוס פון די פאבריק־דעלעגאטען.

וואַלען: ווען עס קומט צו א וואַל־קאַמף, פאַנגט דאָן אָן צו אַרבייטען די „מאַשין" אין פולער קראַפט. מען ברענגט צונויף פון די פאַב־ריקען דורך ספּעציעלע איינלאַדונגען אַלע לייכטגלויביגע און מען רעדט זיי איין צו שטימען פאַר די קאַנדידאַטען פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע. דער שלאַגוואָרט איז ווי געוועהנליך, אַז די נייע קאַנ־דידאַטען פון דער אָפּאָזיציע זוכען צוצוברעכען די יוניאָן. עס ווע־רען נישט אויסגעשלאָסען אַלע מיאוס'ע מיטלען פון ראַסען־האַס און אַנטיסעמיטישע העצעס אַז די אָדער יענע נאַציע וואָס איז אין דער מאַיאָריטעט אין דער באַטרעפענדער פאַר־יוניאָן וויל אַרויס־שטופּען אַלע אַנדערע קאַנדידאַטען פון די קלענערע נאַציאָנס פונ'ם רעכט צו זיין פאַרטראָטען דורך אויסדערוויילטע פאַרטרעטער אין דער יוניאָן, ביז פאַרשידענע צוזאַגאַכצען און זאָגאַר סטראַשונקעס*) אָבי צו געווינען די „דזשאָבס".

אָבער דאָס איז ניט אַלעס. צו זיין נאָך זיכערער מיט'ן אויס־גאַנג פון די וואַלען, פאַנגען זיי אויך אָן צו באַנוצען אַלערליי שווינד־לערישע מעטאָדען: פון פאַלשע יוניאָן־ביכלאַך, צו שטימען עטליכע מאָל, צו ברענגען פרעמדע מענשען פון אַנדערע פאַכען, צו שטימען אָדער צייכענען די שטים־צעטלאַך, שטאָפּען די שטים־קעסטלאַך מיט זייערע אייגענע פאַלשע שטים־צעטלען; קורץ, זיי ווענדען אָן אַלע פאַרברעכערישע און אומערליכע מיטלען מיט וואָס אַלע קאָרופּטע

---

*) אין דער „וואַרהייט" פון 29טען יאַנואַר, 1914, לעזען מיר פאָל־גענדעס: „די קליקע, וויסענדיג אַז די „דזשאָינט באָארד" איז דער העכ־סטער און ווערטפולסטער אָרגאַן פון דער „קלאָוקמאַכער יוניאָן" וואָס קען העלפען אָדער צושטערען די אַרבייט פון דר. הורוויטש (דעם הויפּט באַאַמטען), האָבען זיי טאַקע געאַרבייט, אַז דער אויסגאַנג פון די וואַלען זאָל זיין פאַר זייערטוועגען. צו די געפעלשטע מיטלען פון אַ גאַנץ יאָר מיט'ן אָנצייגען אונטער פאַרשידענע סטראַשונקעס פאַר ווערען צו שטימען, אַראָפּצונעמען דעם אָדער יענעם פון דער אַרבייט, האָבען זיי נאָך צוגעלייגט עקסטרא מיטלען, ווי ברייגגען דורך בריף גאַנצע פאַבריקען מיט פאַטריאָטען, און דערציילענדיג די אַרבייטער פאַרשידענע מעשות, אַז די „טומעלמאַכער" ווילען צוברעכען די יוניאָן, מיט הורוויטש'ן בראש. אזוי ארום האָבען זיי ערפאָלגרייך „ערוויילט" כמעט אַלע אַלטע באַאַמטע און אַלע עקזעקוטיוועס, און אין די „דזשאָינט באָארד" פון דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן".

פארטייען פון דער בורזשואזיע פון ערגסטען פאליטישען זארט באנוצען זיך אויפצוהאלטען די הערשאפט פון רויב און עקספלואטאציע. אבער דענקט נישט אז די דאזיגע מאשין־פאליטיק איז פון א צופעליגען כאראקטער, ווארום ווען איך זאל וועלען אויסרעכענען אלע פאקטען, וואלט איך געקאנט אנפילען נאך אזא בוך מיט די בלויזע שווינדלערייען און פארברעכענס וואס קומען פאר אין דער ארבייטער־באוועגונג צו פאלשען די וואלען און אפנארען די ארבייטער אין די מערצאל אמעריקאנער יוניאנס.*) איך באגנוג זיך

*) דער „פארווערטס" פון 9טען אקטאבער, 1914, שרייבט אין באצוג צו א וואל קאמף פאלגענדעס: „אין דער פיינטערס יוניאן — האט מען זיך געקלאגט ביי דער קאנווענציע — ווערט מאשין פאליטיק אין די וואלען באטראכט פאר א פריוואט געשעפט, אזוי ווי פאליטישענס פון די קאפיטאליסטישע פארטייען באטראכטען די פאליטיק אין שטאט. דיזער שעדליכער באגריף וועגען פאליטיק אין ארגאניזאציאנס אנגעלעגענהייטען טאר מער ניט געדולדעט ווערען".

אין „פראלעטאריער" פון 15טען פעברואר, 1921, לעזען מיר פאלגענדעס: „ביי די מיטינגען פון דער „קלאוק־אפערייטארס יוניאן, לאקאל 1", פון דעם 22טען און 28טען דעצעמבער, 1920, איז פארגעלעזען געווארען א סטענאגראפישער רעפארט פון דער עקזעקוטיווע פון 1920 וואס לעזט זיך אין טיילען ווי פאלגט: „צוויי גרופען באאמטע האבען צוליב קאנקורענץ אריינגעבראכט אפיציעלע קלאגען איינער אויף די אנדערע, און באוויזען דורך עדות, אז דער וואל קאמף פון יאר 1918, איז געווען א שווינדלערישער. עס איז באוויזען געווארען, אזביידע צדדים האבען געפעלשט די שטימען, געשטאפט די שטים קאסטענס מיט בינטלאך שטים צעטלאך, געמאכט וואל געשעפטען („דיעלס"), א. ז. וו. פון דיזע אלע שווינדלעריען, צייגט ווייטער דער באריכט, האבען די באאמטע פון דער „אינטערנעישאנאל", אונטער וועמעס אויפזיכט דיזער וואל איז געפירט געווארען, גאנץ גוט געוואוסט און געמאכט דערפון א שוויג".

אין „פראלעטאריער" פון 1טען סעפטעמבער, 1920, לעזען מיר ווידער ענליכעס: „מיט איניגע מאנאטען צוריק האבען שטאטגעפינדען וואלען פאר באאמטע אין דער „קארפענטערס יוניאן", אין פילאדעלפיא, לאקאל 1073. סאציאליסטען, קאמוניסטען און אנדערע וואויל מיינענדע ארבייטער האבען זיך צוזאמענגערעדט און ארויסגעשטעלט א צעטעל מיט איינענע קאנדידאטען. די שטימצעטלאך זיינען געווען אין צוויי קעסטלאך. ווען מען האט אבער איבערגעציילט דעם ערשטען קעסטעל און ס'האט זיך ארויסגעוויזען אז די אלע אלטע באאמטע האבען ווייניגער מיט 120

בלויז צו ברענגען אַ געוויסע צאָל פאַקטען, אַזוי פיל אויף וויפיל מען קען זיך ערלויבען, אום דעם לעזער פּשוט ניט צופיל איינצור־מאַטערען... נישקשה, די דאָזיגע פאָרליגענדע פאַקטען צייגען, ווי מיר שיינט, אויך גאַנץ קלאָר, אז דאָס איז ניט קיין פאַסירונג פון אַ צופעליגען כאַראַקטער, נאָר אז דאָס איז אַ פּראָדוקט וואָס וואַקסט אַרויס פון דעם קאָרופּטען און פאַרברעכערישען סיסטעם, וועלכע די „מאַשין פּאָליטיק" ברענגט מיט זיך מיט אין דער גאַנ־צער יוניאָן באַוועגונג פון אַמעריקאַ.

אין אמת'ן זיינען דאָך דאָס מיטלען פון זעלבסט ערהאַלטונג... פאַר די ביוראָקראַטישע הערשאַפט זייערע, וואָרום קיין רעכטדענ־קענדער מענש וועט דאָך נישט באַהויפּטען אז אַזאַ פינסטער רע־אַקציאָנערע פּאָליטיק ווי אונדעמאָקראַטישע פירונגען, אומקלאָרע,

---

שטימען, האָבען זיי אָפען ערקלערט: „קינדער, איר מעגט שוין געהן שלאָפען, ווייל די צווייטע קעסטעל וועט שוין אונז געבען מיט 500 שטי־מען מער פון אייך". און אַזוי איז טאַקע געווען. וויצעלט מען זיך אין דער יוניאָן, אַז שטים צעטלאך זיינען געווען מיט עטליכע הונדערט מער ווי עס געפינט זיך מיטגלידער אין דער יוניאָן. פרעגט מען: ווי קומט עס? נון, אַלעס וואָס האָט מ'האָט געדאַרפט, איז צייגען אַ פּאָסט קאַרד, אַז איר זייט געלאַדען, און אַזוי ווי פּאָסט־קאַרדס איז געווען גרינג צו קריגען און פריינד האָבען זיי אַ סך, זיינען טאַקע די אַלטע סעקרעטערע און די איבעריגע באַאַמטע „ערוויילט" געוואָרען".

אינטערעסאַנט איז צו לעזען אין דער „גערעכטיגקייט" פון 29טען אָקטאָבער, 1920, פאָלגענדעס: „דער שרייבער פון די דאָזיגע ציילען האָט געהאַט אַ געלעגענהייט זיך נעהענטער צוצוקוקען צו איינער פון די גרעסטע יוניאָנס אין דער בוי אינדוסטריע. ער האָט געזעהן ווי די געשעפטס־אַגענטען קעניגען איבער די „רענק און פייל" און הערט דעם עולם בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל ס'איז נויטיג פאַר דער קומענ־דער וואַל אין דער יוניאָן. דער באַאַמטער איז אַ פּאָליטישען אין ערגס־טען זינען פון וואָרט און די „פּאָליטיקס" אין דער יוניאָן זיינען אויף אַ האָר נישט זויבערער ווי אין די קאָרופּטע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. צום ביישפּיל, „געפעלשטע" שטים־צעטלאך, „געשטאָפּטע" שטים קעסטלאך, געפעלשטע וואַלען, וואַל־אָפּמאַכען, „דיעלס" צווישען די פירער און איינ־צעלנע מיטגלידער — דאָס איז אַזאַ געוויינליכע וואַכעדיגע זאַך אין דער יוניאָן, אַז מען רעדט וועגען דעם אָן באַזונדערע אויפרעגונג, ווי פון אַ זעלבסט־פאַרשטענדליכער, אַלטעגליכער פּאַסירונג":

אוממענשליכע בעציאונגען צו די מאסען, די פערלייקונגען און צושטערונגען פון אלע עלעמענטארע רעכטען פון די מיטגלידער, וכדומה, וואס זיינען די אטריבוטען פון אמעריקאנער יוניאניזם, אז דאס אלץ זאל מאכען די פירער אזוי באליעבט און פאפולער, דאס זיי זאלען זיכער זיין מיט דעם אויסגאנג פון אן ערליכען, דעמאקראטישען וואל־קאמף. דער פאקט איז: ווען עס געלינגט נישט דעם בעאמטענטום זיינע פאלשע מעטאדען ערפאלגרייך דורכצופירען אין לעבען, דאן איז אימער דער רעזולטאט פון די וואלען, א גאנץ טרויעריגער פאר די יוניאן ביוראקראטיע.

זייער פעסימיסטישער טאן אין אלע רעדעס ביי די יוניאן־מיטינגען און אין די ארטיקלען אין די פאד צייטונגען, וואו זיי באקלאגען זיך שטענדיג אז די ארבייטער געטרויען זיי נישט, און קוקען אויף זיי ווי אויף פיינד, און די רעזולטאטען ביי די וואלען פון דער קלאוק־אפערייטארס יוניאן, פון די שניידער יוניאן, לאקאל 9, פון די דרעס מאכער יוניאן, לאקאל 22, אין די וואלען פון דער „שיקאגאער קלאוק־מאכער „דזשאינט־באארד", אין די וואלען פון דער קאנווענציע פון דער „אינטערנייציאנאל לײדיעס גארמענט וואַרקערס יוניאן", אין די יארען 1916־17 און אין יאר 1922, און דער רעזולטאט ביי די וואלען פאר פרעזידענט ביי דער „אינטערניי־שאנאל טיפאגראפיקאל (דרוקערס) יוניאן" אין 1920*), וואו די יו־ניאן־ביוראקראטיע איז געשלאגען געווארען, א. ז. וו., דאס אלץ צייגט דייטליך און קלאר ווי אומפאפולער און פארהאסט די פירער זיינען ביי די ארבייטער מאסען.

נאטירליך איז דאס נישט דער פאל מיט די ראדיקאלע, איבער־געגעבענע ארבייטער־פארשטעהער, ווען עס איז אליין צוואווידער צו זיין לעבענסלענגליכע באצאלטע „טשינאווניקעס..." ווען זיי ריידען מיר אבער נישט דא, ווייל די דאזיגע גנזעלשאפטליכע טוערס זיינען א זעלטענע אויסנאם אין דער יוניאן־באוועגונג פון

*) זעה דעם אויסצוג פון דער „פריוער ארבייטער שטימע" פון 12טען יוני, 1920, אין לעצטען קאפיטעל. און אין דעם באריכט אין דער „נייע וועלט־עמעס" פון 3טען מערץ, 1922, וועגען די וואלען ביי די „קלאוק־מאכער יוניאן" ווי די מאשין איז פאלשטענדיג געשלאגען געווארען.

אַמעריקאַ. איבעריגענס קענען אַזוינע טוערס זיך לאַנג נישט האַלטען אין אַמט, ווייל די יוניאָן ביוראָקראַטיע זאָרגט גענוג און ווענדעט שוין אָן אַלע מיטלען פון מאַשין־פּאָליטיק אום פּטור צו ווערען פון זיי אין דער יוניאָן באַוועגונג. מעהר נאָך, אום דיזען צוועק צו דערגרייכען, שטעלט זיך די ביוראָקראַטיע אפילו נישט אָפּ, ווען נויטיג, צוצוברעכען גאַנצע יוניאָן אָרגאַניזאַציעס*) אַבי

---

*) אין דער „וואָרהייט" פון 5טען יולי, 1914, געפינען מיר פאָלגענדעס: „די דעלעגאַטען פון די בעקער קאָנפערענץ אין ניו יאָרק האָבען איינע נאָך די אַנדערע ערקלערט: „אַז זיי וועלען ניט האָבען צו טאָן" (קנאָפּ מאַכער), לאָקאַל 66; („עמבראָידערי" (העפטער) אַרבייבאָוויטש, וויטאַשקין און קאָמפּאַניע וועלען זיך פון דאָרטען נישט ארויסציען. דעלעגאַט אסטערמאַן פון דער בעקער יוניאָן, לאָקאַל 104, האָט דערציילט, אַז אַלע אמת'ע יוניאָן־לייט זיינען געווען געגען דער אויסשליסונג פון די דריי בעקעס־יוניאָנס: נומער 87, 168 און 169 פון די „געווערקשאַפטען". אָבער די „מאַשין" אין קאַמף מיט די פּראָגרעסיווע עלעמענטען, האָט דאָס דורכגעפירט דורך אינטריגעס און פאַלשקייט.

אין דער „ציים" פון 6טען אָקטאָבער, 1920, לעזען מיר ווידער ווי פאָלגט: „אויף אַ מיטינג פון דער גענעראַל עקזעקוטיוו פון דער „אינטערניישאָנאַל לײדיעס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן", איז באַשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַ „דזשאָינט באָארד" פאַר דער גאַנצער „וויסט און דרעס" אינדוסטריע. די פּראַקטישע דורכפירונג פונ'ם באַשלוס וועט אָנגעהויבען ווערען אין עטליכע טעג ארום. עס וועט וועגען דעם צוועק גערופען ווערען אַ מיטינג פון פאַרטרעטער פון לאָקאַל 10 „קאַטערס" (צושניידער), לאָקאַל 25, (וויסט און דרעסמאַכער), לאָקאַל 58, („באַטאָן" (קנאָפּ מאַכער), לאָקאַל 66; („העמבראָידערי" (העפטער) אַרבייטער), לאָקאַל 89, (איטאַליענישע יוניאָן) און אויך פאַרטרעטער פון פּרעסער בראַנזשע פון דער „דרעס און וויסט" אינדוסטריע. אַלע דיזע לאָקאַל יוניאָנס וועלען צוזאַמענשטעלען די נייע „דזשאָינט באָאַרד".

וועגען דיזען אומשולדיגען באַשלוס לעזען מיר אין די „פונקען" פון 22טען יולי, 1920, ווי פאָלגט: „ווען מען נעמט אין אכט, אַז פּרעזידענט שלעזינגער רעדט הויפּטזעכליך וועגען דער אָרגאַניזאַציאָנס פאָרם, ווילען מיר פרעגען: „וואָס איז די לאַגע איצט אין לאָקאַל 25? און וואָס צווינגט די יוניאָן ביוראָקראַטיע אַזוי צו האַנדלען מיט איר ראַשלום בוים לעצטען גענעראַל עקזעקוטיווע מיטינג צוצורייסען לאָקאַל 25 אויף זיבען אָדער אַכט לאָקאַלען? אין קורצען איז די לאַגע אַזאַ: דער

אינאיינעם מיט דעם צו פערטיליגען די בעסטע עלעמענטען און ראדיקאלע פירער. וואס וואגען צו פראפאגאנדירען און דורך צו־פירען נייע אידעען וועלכע שטימען נישט מיט דער ריכטונג און טאקטיק דיזע האנדלונגען פון ברעכען יוניאנס צוליעב די באפעס־טיגונג פון מאשין הערשאפט אין די יוניאנס. איז דאס אויך נישט קיין נייעס. דאס פאסירט גאנץ אפט, ווען נויטיג איבעראל, אין דער אידישער פונקט ווי אין דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא, ווארום פונקט ווי ביי די יעזואיטען אזוי איז אויך ביי דער יוניאן־ביוראקראטיע וועלכע האט זיך אין דער יוניאן באוועגונג אנטוויקעלט אלס אן אינדוסטריעלע קאסטע, אז „דער צוועק הייליגט דעם מיטעל“. דאריבער, ווען מען דארף באזייטי־

ראדיקאלער עלעמענט איז פאראייניגט און דורך זייער פאראייניגונג און מיט זייערע אנשויאונגען, האבען די ראדיקאלען זיי שוין איינמאל גע־צוואונגען דאס אלע פראפעסיאנעלע באאמטע זאלען רעזיגנירען. פאר־אייניגט פירען זיי זייער קאמף פון איין זייט געגען די יוניאן ביורא־קראטיע, פון דער צווייטער — פאר דער איבערבויאונג פון זייער יוניאן אויף אזעלכע יסודות, אז זי זאל זיך פארוואנדלען אין א קאמפס ארגא־ניזאציע. מיט א קלארען באוואוסטזיין און רעוואלוציאנערען כאראק־טער, ווייל דער לאקאל איז פאראייניגט, איז גענוג אז דער ראדיקאלער עלעמענט זאל ארוין אין דער עקזעקוטיוו און די יוניאן ביוראקראטיע איז הילפלאז. דאס געפעלט אבער ניט די פירער, וועלכע קענען ניט אויף א פאראייניגטען לאקאל ארויפצווינגען אזוי גרינג זייערע באשלוסען. דאריבער איז אנגענומען געווארען דער באשלוס צוצוברעכען לאקאל 25 און דערמיט פארניכטען דעם ראדיקאלען עלעמענט, אויסראטען פראגרע־סיווע אידעען, פארניכטען אינאיינעם אויך די אייניגקייט פון דער גרויסער „לײדיעס ווייסט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 25“. דאס ווערט געטאן אום צו קענען איינהאלטען מיט מאשין פאליטיק די מאכט און פרעסטיזש, און אויך די עמטער פון דער יוניאן ביוראקראטיע“.

אינטערעסאנט איז אויך צו דערמאנען דעם ענליכען פאל פון דער „רעארגאניזירונג“ (אויסשליסונג) פון דער „קלאוק־אפערייטארס יוניאן לאקאל 1“, פון דער „אינטערנײשאנאל“ מצד דער זעלבער „קליקע“ אין יאר 1917, פאר דיזעלבע אורזאכע פטור צו ווערען אינאיינעם מיט דער פארניכטונג פון דער יוניאן פון די פראגרעסיווע ארבייטער, וועלכע איך האב פארגעבראכט אינ'ם פערטען קאפיטעל פון צווייטען טייל אין דיזען בוך.

גען דעם אונגעווינשטען עלעמענט מיט זיין „ראדיקאלען פאנאטיזם“, באטייליגען זיך אין דיזער „הייליגער“ ארבייט, פון די קלענסטע ביז די העכסטע פאליטישענס און „טשיעפס“ ווי דער פרעזידענט פון דער „אמעריקאן פעדערישאן אף לייבאר“*). קורץ.

*) אין באצוג צו „מאשין פאליטיק“ אין דער אלגעמיינער יוניאן־באוועגונג, שרייבט די „צייט“ פון 15טען סעפטעמבער, 1920, פאלגענדעס: „א נייע צענטראלע ארבייטער קערפערשאפט איז באשאפען געווארען אין גרויס ניו יארק, די „סענטראל פעדערייטעד יוניאן“ און די „ברוקלין לייבאר יוניאן“, האבען זיך צונויפגעגאסען אין איין קערפערשאפט, אונטער דעם נאמען „סענטראל טרייד ענד לייבאר קאנסול אף גרייטער ניו יארק ענד „וויסיניטי“ (אומגעגענד)“. אזוי וויכטיג איז געווען די געשעניש, אז פרעזידענט גאמפערס, דער קאפ פון דער „אמעריקאן פעדערישאן אף לייבאר“ האט זיך מטריח געווען אראבצוקומען אין ניו יארק און צו זיין פארזיצענדער אויף דעם מיטינג אויף וועלכען די נייע קערפערשאפט איז באשאפען געווארען. די „סענטראל פעדערייטעד יוניאן“ האט קיין באדייטונג נישט געהאט, על כל פנים, נישט אין די לעצטע יארען, מען האט פון איר כמעט ווי ניט געהערט. ערשט צולעצט האט זי אנגעהויבען ארויסווייזען סמנים פון לעבען. מען זאגט, אז דערפאר האט מען איר מקצר געווען די יארען, ווייל די „סענטראל פעדערייטעד יוניאן“ האט בכלל אנגעהויבען ארויסצווייזען „לינקערע“ טענדענצען; די „רעכטע עלעמענטען“ האבען זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירען מיט איר און די „לינקע“ האבען זיך אנגעהויבען ערלויבען זאכען, וועלכע איז גארנישט געפעלען געווארען דער אויבערהערשאפט. דאן האט מען צוזאמענגעפאקט צום מיטינג די „רעכטע“ דעלעגאטען, וועלכע האבען שוין לאנג פארגעסען דעם וועג צו דער צענטראלער ניו יארקער קערפערשאפט. די „רעכטע“ זיינען געקומען אויפ׳ן באפעל פון „אויבען“ און אפגעטאן וואס מען האט געדארפט. זיי האבען אראפגעזעצט די יעניגע וואס זיינען מיט „לינקע“ מיינונגען און ערקלערט די צענטראלע קערפערשאפט פאר געזונד און שטארק, לויט די פאדערונגען פון דער אויבערהערשאפט פון די „אמעריקאן פעדערישאן אף לייבאר“. אבער אום נאך זיכערער צו זיין מיט איר אז זי זאל ווייטער ניט אראפ פון וועג, ווען די „רעכטע“ וועלען אויפהערען צו קומען צו די מיטינגען, האט מען דאס באשלאסען אויפצולייזען די אלטע און א נייע צענטראלע קערפערשאפט צו גרינדען. ביי די מיטינגען האט גאמפערס פרעזידירט און געהאלטען רעדעס, באנוצענדיג זיך מיט ראדיקאלע פראזען געגען גרויס קאפיטאל. אבער נאך יענע „ראדיקאלע“ אויסדרוקען האט ער אליין באשטימט א

די פאליטיקס פון מאשין הערשאפט, האט אנגענומען אזא שעדליכען כאראקטער און האט זיך אנטוויקעלט צו אזא שרעקליכער מדרגה, אז זי גראבט אונטער דעם סאמען פונדאמענט פון אלע ארבייטער־ארגאניזאציעס, מיטברענגענדיג מיט זיך אזא געפערליכע קארופציע און פערעטעריי, דאס זי פער׳סם׳ט די אטמאספערע פון דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג ביז צום דערשטיקט צו ווערען. און קיין וואונדער ניט וואס די פאלקס־פארוואלטונג און דעמאקראטישע איינריכטונגען פון די ארבייטער ווערען ביי די פירער, מיט אזא פלאנמעסיגער סיסטעמאטישקייט פארניכטעט. ווארום דארט וואו „מאשין פאליטיק" פילט אויס דאס גאנצע לעבען פון די יוניאנס, מוז דאך נאטירליכערווייזע אריינטרעטען אזא הפקר־צושטאנד און אומפאראנטווארטליכקייט, וואס ס׳זאל זיך ענדיגען מיט קארופציע און פאראט. דארט וואו די בעאמטע זיינען פריי צו טאן אלע אומגערעכטיגקייטען איבער די קעפ פון די מיטגלידער, פעלט יענע געזעלשאפטליכע וואכזאמקייט פון די ארבייטער, וואס זאל קאנטראלירען אלע זייערע האנדלונגען און טאטען, וועלכע זיי באגען אין איהר נאמען און אין נאמען פון די יוניאנס.

מיר האבען פארצוברענגען פאקטען פונ׳ם בוך פון לעבען, וואס ציינען דאס כמעט אלע יוניאן ארגאניזאציעס פון אמעריקא זיינען דורכגעדרונגען מיט אזא קארומפירטען גייסט, און האבען באשאפען א מעגליכקייט פון אזעלכע שטוינענדע פארברעכענס און קארופציע, וואס האבען קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע

קאמיטע אויסצוארבייטען א קאנסטיטוציע. פון די פופצען (15) פירער, געהערען די ווייט גרעסטע מאיאריטעט צו די פינסטערסטע „פאליטישענס" אונטער די פירער פון ניו יארק".

אין דער „גערעכטיגקייט" פון 31טען דעצעמבער, 1920, לעזען מיר אין באצוג צו דיזער אנגעלעגענהייט פאלגענדעס: „אויף דער קאנווענציע פון דער „אמעריקאן פעדערײשאן אף לייבאר" אין סט. פאול, איז דאס פארטײג געמאכט געווארען דער פלאן צו פארניכטען די אלטע „סענטראל פעדערייטעד יוניאן" און גרינדען א נייע קערפערשאפט, וואס איז אן יעדען צווייפעל א באשעפעניש פון גאמפערס׳ן מיט׳ן צוועק אויסצופירען זיינע פאליטישע פלענער און טאקטיק. האלאנד, ברײדי, קעהא, טאבין, ברינדעל, א. ז. וו., זיינען עס געוועזן די מייסטערס".

פון דער ארבייטער־באַוועגונג איבער דער גאַנצער וועלט. און אויך דאַ איז עס ניט קיין אויסנאַם צו הערען אין אַ יוניאָן אַז מען האָט צופעליג געכאַפּט אַ באַאַמטען נעמענדיג כאַבאַר פון די בעלי בתים. פאַר פאַרקויפען אַ סטרייק, אָדער אַז אין יענע יוניאָן איז דערשטיקט געוואָרען אַ כאַבאַר סקאַנדאַל, פון יוניאָן פירער פאַר וועלען פאַרניכטען די גאַנצע אָרגאַניזאַציע. נייז, דיזע קאָרופּציע פון נעמען כאַבאַר און פאַרקויפען סטרייקס און אַנדערע פאַרברעכענס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַן איינגעוואָרצעלטען סיסטעם, ווייל שטענדיגע ערשיינונגען פון פאַראַט קומען פאָר כמעט אין אַלע יוניאָנס אין אַמעריקאַ. דער איינציגער אונטערשיד וואָס מיר זעהן יאָ אין דעם קאָרופּטען סיסטעם איז בלויז אין דער גרויס און אין פאַרנעם פון די כאַבאַר־סקאַנדאַלען אין די פערשיידענע יוניאָנס. אזוי, למשל, קענט איר זיך דערוויסען, אַז אין איין יוניאָן האָט מען געכאַפּט קליינע און גרויסע כאַבאַרניקעס*). און אין

*) אין „פּראָלעטאַריער" פון 1טען דעצעמבער, 1920, געפינען מיר פאָלגענדעס: „אין פילאַדעלפיע האָט פּאַסירט נישט לאַנג, דאָס מען האָט געכאַפּט אַן אָרגאַניזאַטאָר און אַ געשעפטס־אַגענט פון דער פרומער „אַמאַלגעמייטעד קלאָדינג וואָרקערס יוניאָן", נעמענדיג כאַבאַר פון בעלי בתים. פאַרשטעהט זיך, אַז דיזע פּאַסירונג איז פאַרשוויגען געוואָרען פון דער געלער „סאָציאַליסטישע" פּרעסע, וואַרשיינליך ווייל דאָס זענען געווען אייגענע כאַבאַרניקעס".

אָבער וועגען דעם גרעסערען כאַבאַר־סקאַנדאַל פון הערי קאָהן, האָבען שוין אַפילו די הויפּטלינגע פון די „אַמאַלגעמייטעד" צוליב מאַשין פּאָליטיק אויך ניט מער געקאָנט פאַרשווייגען און געמוזט ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט מיט דער באַשולדיגונג פון כאַבאַר פאַרברעכען געגען דעם געוועזענעם הויפּט פירער, הערי קאָהן. ווי מיר לעזען דאָס אין דער אָפיציעלער ערקלערונג פון ערען געריכט אין אַלע צייטונגען אין די מאָנאַטען יאַנואַר און פעברואר, 1922.

אין „פּראָלעטאַריער" פון 15טען פעברואר, 1921, לעזען מיר, „אַז באַאַמטע פון דער „דזשאָינט באָארד" פון די „קלאָוקמאַכער יוניאָן", ניו יאָרק, האָבען גענומען כאַבאַר פון די בעלי בתים פאַר זייערע אייגענע נוצען".

אין דער „פרייהייט" פון 2טען אפּריל, 1922, לעזען מיר: „אין דער וויטערס יוניאָן לאָקאַל 1, גייט אָן אַ ביטערער קאַמף זינט איניגע

דער צוויטער יוניאָן קענט איר געוואָר ווערען, אַז מען באַשולדיגט כמעט דאָס גאַנצע באַאַמטעטום אין כאַבאַר און אין פאַרברעכען*). אין מאַנכע יוניאָנס פּאַסירען אָבער אַזעלכע כאַבאַר געשיכטען, וואָס שטייגען אַריבער אַלע פאַנטאַזיעס פון מענשליכע פאַרברעכענס. כאַבאַר, וואָס זאָל דערגרייכען אין די הונדערטע טויזענדער, זאַגאַר מיליאָנען דאָלאַר און פערעטערייען, וואו עס זאָלען זיך באַטייליגען די גרעסטע הויפּטלינגע פון אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס. דאָס קען נאָר פּאַסירען אויף דעם זומפּיגען באָדען פון אַמעריקאַנער יוניאָניזם. און דאָך זיינען דאָס פאַקטען וואָס פּאַסירען גאַנץ אָפט אין׳ם לעבען פון די יוניאָן־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פּרייסעלט אויף די גאַנצע אַרבייטער וועלט פון אַמעריקאַ.**)

מאַנאַטען געגען דעם „באָס" פון דער יוניאָן, ביל לעימאַן, וועלכער איז באַשולדיגט אין באַשווינדלען דער יוניאָן אויף צענדליגע טויזענטער דאָלאַר. לעימאַן איז דער סעקרעטער־טרעזשורער פון דעם לאָקאַל און ווערט געשטיצט פון די אינטערנעישאָנאַל באַאַמטע און פון זיין עקזעקוטיוו באָארד.

לעצטען דאָנערשטאג אבענד איז אין האַרלינגטאָן האָלל אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ מיטינג פון אַרום 300 ווייטערס, אויף וועלכען אַ רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרען צו פאָדערען לעימאַנ׳ס רעזיגנאַציע, ווי אויך אַן אונטערזוכונג פון די ביכער. פאַר אַרויסשטעלען אַזאַ פאָדערונג זיינען 15 מיטגלידער אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער יוניאָן."

*) די „צוקונפט" פון יאַנואַר נומער, 1912, שרייבט: „גלייך נאָך דעם ווי דער סטרייק פון די בעקער אַרבייטער האָט זיך געענדיגט, האָבען זיך פאַרשפּרייט קלאַגען וועגען עפענטליכע באַשולדיגונגען געגען די פירער פון לאָקאַל יוניאָן נומער 100. דיזע באַשולדיגונגען האָבען אָנגענומען אַ באַשטימטע פאָרמע. עס איז אָפיציעל באַהויפּטעט געוואָרען פון די אַנדערע לאָקאַל יוניאָנס פון ניו יאָרק, אַז די באַאַמטע נעמען כאַבאַר ביי די בעלי בתים".

**) אין דער „גערעכטיגקייט", אָרגאַן פון דער „קלאָוקמאַכער יוניאָן" פון 17טען דעצעמבער, 1920, ווערט געגעבען אַ סך הכל פונ׳ם גרויסען כאַבאַר־סקאַנדאַל וואָס איז אויפגעדעקט געוואָרען פון די ניו־יאָרקער שטאָטישע אונטערזוכונגס קאָמיטע ביי די יוניאָנס פון די בוי אינדוסטריע, וואו ס׳זיינען פאַרמישט געוואָרען די הויפּט באַאַמטע: ברינדעל, פּעטער, שטאַטמילער, דזש. מאָרען, וויליאַם דארין און וויליאַם טשאַפּמאַן. און עס ווערט אַרויסגעבראַכט פאָלגענדעס: „פאַר פאַרקויפען

דאָס כאַראַקטעריסטישע אָבער איז וואָס די קאָרופּציע און כאַבאַר „פּעסט" האָט זיך שוין אַזוי איינגעגעסען אין דעם אָרגאַניזם פון דער אמעריקאנער אַרבייטער־באַוועגונג, דאָס דיזע פּאַר־

סטרייקס, פאַר ניט דערלאָזען צו סטרייקס, פאַר סטראַשענען חרוב צו מאַכען און דאַן גוט ווערען פאַר נעמען כאַבאַר פון די ארבייטער, פאַר ארויסגעבען יוניאָן קאַרדס, צו ערלויבען אַרביטער צו געהן ארבייטען".

„פאַר שדכ'נען „קאָנטראַקטען" צו אלערליי פאַבריקאנטען, א.ז.וו., דערוויסט מען זיך אַז די ברינדעל חברה האָט געמאַכט אין אַ קורצע צייט אַן ערך פון אַ געגויען מיליאָן דאָלאר אין כאַבאַר. אפילו ווען די ברינדעל באַנדע וואָלטען גענומען ווייניגער פון דער אָנגעגעבענע סומע, וואָלטען זיי אויך געווען כאַבאַרניקעס מיט אָ רעפּוטאַציע".

די „צייט" פון 24טען אָקטאָבער, 1920, רעדענדיג איבער דיזען כאַבאַר סקאַנדאַל, דערמאָנט אַז דאָס איז ניט דער איינציגער פאַל, ווייל סעם פּאַרקס, דער פירער פון די אייזענבאַן אַרביטער יוניאָן אין ניו־יאָרק, פלעגט זיך אויך לאָזען אָפּקויפען און פאַראַטען, און ער איז צום סוף פון 1903 פאַר'משפט געוואָרען צו לאַנגע יאָרען אין געפענגנים".

די „קאָל" פון 9טען אָקטאָבער, 1920, שרייבט: „וויליאם האָס, פּרעזידענט פון דער שיקאַגאָ דרוקערס יוניאָן לאָקאל דריי; דזש. קאפּס, פינאַנציעלער סעקרעטער פון דערזעלבער יוניאָן; וויליאם גערי, פראַנק ווינהייער, און אַנדערע, האָבען געמאַכט אַ באַשולדיגונג געגען פּרעזידענט בערי און אַנדערע באַאַמטע פון דער אינטערנאַציאָנאַלע דרוקער און העלפּערס יוניאָן, אַז זיי האָבען פאַרשווענדט די סומע פון צוויי הונדערט פערציג טויזענט (240,000) דאָלאר פון די יוניאָן־פאָנדען. די קלאַגע איז פון אַזאַ ערנסטען כאַראַקטער, אַז זי איז אריינגעבראַכט געוואָרען אין א געריכט צו א משפט, וואו זיי זיינען געפונען געוואָרען שולדיג".

אין „פאָרווערטס" פון 20טען מאי, 1921, געפינען מיר פאָלגענדע ניעס: „דורך די ניע אונטערזוכונגען פון דער לאָקוואוד קאָמיטע אין דער בוי אינדוסטריע איז נעכטען באַקאַנט געוואָרען אַ סענסאַציאָנעלער פאַקט: אַז עטליכע באַאַמטע פון דער „פּיינטערס יוניאָן" האָבען שטולערהייט געארבייט מיט ר. ברינדלען, דעם „בילדינג טרייד" פירער וואָס איז איצט אין געפענגנים פאַר נעמען כאַבאַר. זיי צוזאַמען מיט די בעלי בתים זיינען געווען אין אַ פאַרשווערונג אויפצורייסען די יוניאָן פון אינווייניג און אַז דערפאַר זאָלען זיי האָבען געקראָגען צוואַנציג טויזענט (20.000) דאָלאר".

און אָט וואָס מיר לעזען אין דער „צייט" פון 23טען יולי, 1921, וועגען פאַראַט אין דער מינען גרעבערס יוניאָן: „טאם ל. לואיס, גע־

ברעכענס ווערען שוין באַגאַנגען גאַנץ אָפען פאר די אויגען פון די פּאַסיווע, דערשלאָגענע מאסען יוניאָן־מיטגלידערשאַפט.*) מער נאָך. דיזע כאַבאַרניקעס — א דאנק דעם קארומפּירטען גייסט אין דער יוניאָן־באַוועגונג — האָבען נאָך אַזאַ אומגלויבליכע חוצפּה, אַז נאָכדעם ווי מען כאַפּט זיי ביי דער האַנט, קומען זיי אַרויס מיט א פרום פּנים און מאַכען דעם אָנשטעל פון מאַרטירער, אַפּעלירענדיג מיט קראָקאָדילען טרערען צו די אַרבייטער, אַז זיי זאָלען זיי העל־פען ריינוואַשען זייער אומשולד, וואָס איז נעבאך באַפלעקט געוואָרען דורך פאַלשע בלבולים מצד פון דער בורזשואַזיע. אָבער צום אומגליק געלינגט נאָר דיזע כאַבאַרניקעס מיט ריינע אָדער אומ־ריינע מיטלען צו באַאיינפלוסען די לייכטגלויביגע מוטלאָזע מאַסען.

וועזענער פּרעזידענט פון די „יונייטעד מיין וואָרקערס" יוניאָן איז איצט אַן אָנגעשטעלטער ביי איינער פון די קוילען קאָמפּאַניעס, האָט נעכטען פאַראַטען זיין אַמאָליגע יוניאָן פאַר דער רעגירונגס קאָמיטע, וועלכע זוכט אונטער דעם קוילען סטרייק אין „מינגאָ קאָונטי". די קוילען קאָמפּאַניעס האָבען לואיס'ן אַרויסגעשטעלט פאַר'ן הויפּט עדות".

וועגען נאָך א פאַראַט, איינס פון פילע, שרייבט דער „פאָר־ווערטס" פון יוני דעם 28טען, 1921, פאָלגענדעס: „די שרעקליכע באַ־שולדיגונגען וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען געגען דזשייק בילאָוו, גע־וועזענער פּרעזידענט פון דער סיגאַרען מאַכער יוניאָן, לאָקאַל 527, און איצט „אַמאַלגאַמייטעד סיגאַרען מאַכער", וועלכע מען האָט ניט געוואָלט גלויבען, זיינען באַשטעטיגט געוואָרען מיט דאָקומענטען, וועלכע אַלבערט ביילין, דער געוועזענער שפּיאָן האָט צוגעשטעלט די דאָקומענטען באַוווי־זען אַז ביללאָו האָט געהאָלפען די בעלי בתים צוברעכען סטרייקס. ער האָט געראַטען די בעלי בתים ניט נאָכצוגעבען, אויסזאָגענדיג זיי, אַז די יוניאָן איז שוואַך, די מיטגלידער צולויפען זיך, און אַז ער האָט שוין דיסקרעדיטירט דורך פּראָוואָקאַציע דעם באַאַמטען לוריע און טוט דאָס זעלבע מיט לינגפעלערען, און דערמיט זעהן צו שפּאַלטען און צו פאַר־ניכטען די יוניאָן".

*) אין דער „גערעכטיגקייט" פון 29טען אָקטאָבער, 1920, לעזען מיר: „אַז ס'איז פּונקט אַזוי נאַטירליך אין די יוניאָנס פון דער בוי אינדוסטריע צו פאַלשען די וואַלען, ווי ס'איז נאַטירליך, אַז געשעפטס־אַגענטען זאָלען קריגען א מטבע פון די בעלי בתים. אַ באַאַמטער וואָס נעמט ניט קיין כאַבאַר, ווערט באַטראַכט פאַר א „יאָלד" און מען טענה'ט אַז ס'איז נישטאָ גאָר אַזאַ באַשעפעניש".

אַז זיי פאַנגען אַן צו זאַמלען ריזיגע פאָנדען פאַר זייער פאַרטיידי־גונג אין געריכט, אום ריינצוואַשען זיי פון די קרימינאַלע פאַר־ברעכענס.*)

אָבער דאָס איז ניט אַלעס. דאָס קאָרופּטע סיסטעם איז שוין אַזוי איינגעפונדעוועט אין די אַמעריקאַנער יוניאָנס, אַז די כאַבאַר־ניקעס פילען זיך גאָר נישט אַזוי אומבאַקוועמליך אין דיזער פּאַרע־טעריש־פּאַרקויפליכער ראַליע, ווייל זיי ווייסען גאַנץ גוט אַז אפילו ווען זיי וועלען אויפגעדעקט ווערען און זייערע שיינע מעשים וועלען אויפגעדעקט ווערען, וועלען זיי פון דער אַרבייטער־באַוועגונג ניט פאַרטריבען ווערען. זיי ווייסען גאַנץ וואויל, אַז צוליב דעם אָדער יענעם תרוץ, וועלען זייערע קאָלעגען פון די קלענסטע ביז די העכסטע „הויפּטלינגען“ פון דער יוניאָן־באַוועגונג זיי „נישט

---

*) די „צייט“ פון 28טען נאָוועמבער, 1920, שרייבט: „עס איז באַקאַנט געוואָרען אַז ראָבערט ברינדעל, פּרעזידענט פון „בילדינג טרעידס קאָנסול“, וועלכער איז אָנגעקלאָגט אין אויסצאַפּען גרויסע סומען געלט פון די אַרבייטער אין דער בוי־אינדוסטריע און געגען וועמען ס'זיינען געבראַכט געוואָרען באַווייזע, אַז ער איז רייך געוואָרען פון נעמען שטוי־נענדע סומען כאַבאַר, דער דאָזיגער אַרבייטער־פירער האָט, מיט דער הילף פון זיין חברה איצט אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן צו זאַמלען אַ ריזיגען פאַר־טיידיגונגס פאָנד מיט וועמעס הילף ער האָפט צו קענען זיך באַפרייען פון די הענט פון געזעץ. דער פּלאַן איז גאַנץ איינפאַך: אַלע אַרבייטער וואָס באַלאַנגען צו די זיבציג יוניאָנס וואָס שטעלען צונויף דעם „ביל־דינג קאָנסול“ זאָלען טאַקסירט ווערען מיט צען (10) דאָלאַר יעדער. דאָס וועט אריינברייגען די סומע פון אַ מיליאָן מיט הונדערט און פופ־ציג טויזענט (1.150,000) דאָלאַר. מיט אַזאַ סומע האָפט ברינדעל וועט איהם אפשר ניט שווער זיין ארויסצודרעהן זיך פון געפענגניס. עס הערט זיך אַז דיזער פּלאַן האָט אַפילו באַגעגענט אַ שטאַרקע געגענרשאַפט צווישען די מיטגלידער, אָבער די מיטגלידער זיינען דאָך ניט מער ווי פּשוט'ע אַרבייטער, מיט וועמענס געגנערשאַפט די פירער רעכענען זיך זעהר ווייניג. דערפאַר אָבער זיינען די פירער, — ווי זיי אַליין זאָגען — איבערציוגט אַז זיי וועלען קיין שוועריגקייט ניט האָבען דעם פאַר־טיידיגונגס פאָנד צו שאַפען און דאַמאָלט זעהן „ריינצוואַשען“ ברינ־דלען מיט זיין, חברה“.

לאָזען פאַלען". אין געגענטייל, מען וועט מיט נאָך א גרויסער כונה זייערע מעשים פאַרשווייגען.*)

איך וואָלט געקענט ברענגען אזוי פיל פאַקטען פון דעם סאָרט וועלכע איך האָב אויפגעקליבען אין פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלען, אז ס'וואָלט מיר געקלעקט אויסצופילען א האַלבען בוך. איך רעכען אבער אז די אַנגעגעבענע פאַקטען וועלען זיין גענוג צו גיבען אן אָפּשפּיגלונג פון דעם ברייטען און אומגעהייער־גרויסען פעלד וואָס די קאָרופּציע און פאַרברעכענס פאַרנעמען אין דער יו־ניאָן־באַוועגונג פון אמעריקא און וואָס איז ניט פון א צופעליגען כאַראַקטער, נאָר וואָס איז געוואָרען א סיסטעם א דאַנק דער נאַטור פונ'ם פאַרשימעלטען פּאַר־יוניאָניזם**). די דאָזיגע פאַקטען, ווי

---

*) אין דער „גערעכטיגקייט" פון 3טען יוני, 1921, געפינען מיר פאָלגענדעס: „די סענטראַל טריידס לייבאָר קאָנסול" האָט באַשלאָסען צו אונטערזוכען די מעשים פון ברינדעלס „בילדינג טריידס קאָנסול". זי האָט וועגען דיזען באַשלוס געלאָזט וויסען די א. פ. אָף ל. און איהר געבעטען זי זאָל דיזע אונטערזוכונג גוטהייסען. אנשטאָט דעם האָט אָבער דער פּאָרזיצענדער פון דעם „בילדינג טריידס דעפּאַרטמענט" פון דער א. פ. אָף ל., דזשאָן דאָנלין, זיך אנטזאַגט צו ערלויבען אַזאַ אונטערזוכונג און נאָך גוט אויסגע'מוסר'ט דעם „סענטראַל קאָנסול" פאַר אונטערנעמען צו מאַכען אַזאַ אונטערזוכונג. און ווי עס ווייזט אויס וועט אַזאַ אונטערזוכונג ניט געמאַכט ווערען".

אין בעצוג צו דיזער אנגעלעגענהייט שרייבט די „צייט" פון 11טען אַפּריל, 1921: „מען האָט נאָך עד היום ניט געהערט קיין וואָרט פון פּראָטעסט פון די גרויסע פירער פון דער „אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָף לייבאָר". ס. גאָמפּערס, וועלכער וואַרפט זיינע טעגליכע בליצען קעגען די באָלשעוויקעס און ראַדיקאַלען, וועלכער האָט געבראָכען מיט דעם אמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל פון די יוניאָנס, ווייל ער איז צו ראַדיקאַל, דער זעלבער סעמועל גאָמפּערס האָט אָנגענומען א פולע מויל וואַסער און שווייגט און זאָגט קיין וואָרט ניט וועגען דער גרעסטער אומווירדיגקייט וועלכע איז געשעהן אין די רייען פון זיין אייגענע אָרגאַניזאַציאָן. דאָס באַווייזט די מאַכט פון ברינדעליזם אין דער אַרבייטער־באַוועגונג. דאָס צייגט, אַז דער ברינדעליזם וועט דאָ נאָך לאַנג לעבען".

**) אָט וואָס איר קענט לעזען וועגען די אורזאַכען פון קאָרופּציע און כאַבאַר אין די אמעריקאַנער יוניאָנס, אין דער „נייע וועלט עמעס" פון 10טען מערץ 1922, וואָס וואַרפט א העלע ליכט ספּעציעל אויף דעם אומגליקליכען צושטאַנד פון ברינדעליזם אין דער בוי־אינדוסטריע. „וואָס

עס שיינט מיר אמוויינינגסטענס, קענען מאכען יעדען דענקענדען ארבייטער זיך צו פאַרטראכטען. די רעזולטאַטען פון אזא כאַבאַר־סיסטעם וואָס קענען ארויסקומען פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער אין זייער קאמף מיט די בעלי בתים, קען מען זיך שוין אליין פאַרשטעלען. עס איז דארום קיין וואונדער ניט פאר וואָס עס הערשט אזא אַפּגעפרעמדטע, פול מיט פארדאכט, באציאונג פון די מאסען צו זייערע פירער, ווייל יעדער באַצאַלטער בעאמטער פון די יוניאָנס ווערט באַטראכט פאר א שותף אין דיזע קאָרופּציע. די אַטמאָספערע וואָס ווערט באַשאַפען דורך דיזע זינדיגע האנדלונגען און די אויפגעדעקטע כאַבאַר סקאַנדאַלען פון די פירער, מוז דאָך נאַטירליכערווייזע צושמעטערען יעדען געפיל פון רעספּעקט און גלויבען ביי די ארבייטער. געדעכט איז דר. הורוויטש מיט זיין אויסגעצייכענטער קריטיק אין באצוג צו דער קאָרופּציע אין די יו־

האָט געפירט צו כאבאר און דעמאָראַליזאציע אין דער בוי־אינדוסטריע? דערפאר ווייל אלע יוניאָן פירער זיינען כאַבאַרניקעס? ניין, די פירער אין די בוי אָרגאניזאַציעס זיינען די זעלבע מענשען ווי אַנדערע יוניאָן־פירער אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. די לאגע פון גרעפט און ברינדעליזם איז געשאַפען אין דעם כאַראַקטער פון דער אינדוסטריע און אין דער סטרוקטור פון דער יוניאָן.

אָט צום ביישפּיל קומט פאָר א דזשוריסדיקשאָנאל קאמף צווישען קאַרפּענטער און בלעכער, ווער עס האָט דאָס רעכט ארײנצוקלאפען אַ טשוואָק אין בלעכענע לייסטלאך, וואָס איז אָפּט פון האָלץ. די קאַרפּענטערס זאָגען: אלע מאָל איז עס געווען פון האָלץ. מיר קאָנען א טשוואק אויך ארײנקלאפען. די בלעכער אבער טענה'ן: עס איז פון בלעך, מיר דאַרפען עס טאָן. נו, אָט פאר אזא קלייניגקייט אָפּשטעלען אַרבייט פון אַ האלב מיליאָן הויז קאָסט גרעפט א פאָר טויזענט דאָלער און פאַרטיג. אָדער אן ארבייטער קומט אָן אויף א דזשאב און ער זוכט, אַז די יוניאָן באַדינגונגען זאָלען אָפּגעהיט ווערען. אַן אָרענטליכער אַרבייטער. דער קאָנטראַקטאָר, ווי נאָר ער דערשמעקט אַזאַ זאָגט ער אים אָפּ. דער ביזנעס אייזשענט דערהערט, קומט ער צום קאָנטראַקטאָר, שרעקט מיט אַראָפּנעמען אלע ארבייטער, קריגט ער אין האנט און ער מאכט א שוויג.

דער דאָזיגער אומנאַטירליכער צושטאַנד, דער פאַרשימעלטער, פאַרעלטערטער טרייד יוניאָן אויטאָנאָמיע, טרייד יוניאָן אַגרימענט, ביזנעס אוידזשענט באָסיזם, קאָנסערוואטיזם, איז די אורזאכע פון גרעפט און איז די אורזאכע פון דער איצטיגער ביטערער לאגע.

ניאנס*) ווען ער זאגט, אז „דארט וואו עס הערשט דאס סיסטעם פון ביוראקראטישער צענטראליזאציע, וואו די מאסען ארבייטער מוזען פאלגען בלינדערהייט זייערע פירערס, וואו עס איז ניטא קיין עפענטליכקייט, קיין פרייע פרעסע, וואו די אפיציעלע ארגאנען פון דער יוניאן זיינען פאקטיש די ארגאנען פון דער יוניאן ביוראקראטיע; וואו קיין שום קריטיק ווערט נישט צוגעלאזען אויף די שפאלטען פון די יוניאן־פרעסע; וואו די יוניאן מיטינגען זיינען ניט מער ווי א פארם; וואו מען פארשטאפט דעם מויל פון דער אפאזיציע מיט אלערליי פארלאמענטארישע קונצען, מיט „שלום דער דעבאטע", „פאינטס אף ארדער", (פונקט צו ארדנונג), און דערגלייכען, דארטען איז פאראנען א פרוכטבארער באדען פאר קארופציע. אויב די יוניאן בעאמטע מאכען אונטער אזעלכע אומשטענדען נישט קיין פאר דאלאר אן א זייט פון די בעלי בתים זיינען זיי אמת'ע מלאכים"...

אבער אזוי ווי די ארבייטער צווייפלען זעהר דורך די טרויעריגע ערפארונג אין דער מעגליכקייט אז ס'זאלען זיך געפינען מלאכים צווישען זייערע יוניאן־פירער... און פאנגען אן צו פראטעסטירען און ווילען אוועקמאכען מיט אזעלכע מעשים־טובים, צוזאמען מיט דעם קארופטען סיסטעם, ווייל זייערע ליידען געהען שוין אריבער די „ברעגען פון בעכער", ווערען זיי צוריקגעשלאגען מיט א גרויזאמער, בארמלאזער ברוטאליטעט און טעראר, ווי מיר וועלען דאס מיט פאקטען איבערצייגען אין נעקסטען קאפיטעל.

---

*) „צייט" פון 2טען נאוועמבער 1920.

צווייטער קאַפּיטעל.

פאַרפאַלגונגס־פּאָליטיק און דער טעראָר אין די יוניאָנס.

פּונקט ווי ביי אַלע דעספּאָטיעס איז די רויע גוואַלט איינס פון די מיטלען אויפצוהאַלטען די טיראַנישע הערשאַפט איבער'ן פאָלק. אזוי איז אויך דער שוואַרצער טעראָר און די פאַרפאָלגונגס־פּאָליטיק מעטאָדען ביי די יוניאָן־ביוראָקראַטיע אין אמעריקא צו באַהערשען די ארבייטער־מאַסען, אום זיי צו אונטערוואַרפען אונ־טער דער הונדערט פּראָצענטיגער יוניאָן „דיסציפּלין". נאַטירליך, דיזע מיטלען פון טעראָר באַנוצען די פירער נאָר דאַן, ווען אַלע מיט־לען פון מאַשין־פּאָליטיק האָבען ניט געהאָלפען אומשעדליך צו מאַ־כען די פּראָפּאַגאַנדע פון די „לינקע" און „טומעלמאַכערס". וועל־כע באַשאַפען די אומצופרידענע שטימונג צווישען די מאַסען, אום די פערטיגע באַשליסע און פּלענער פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע נידערצושטימען. מיינט אָבער ניט אַז דאָס איז חלילה אַ בייזוויליגע פאַרלוימדונג זייטענס די שונאים פון דער אַרבייטער־באַוועגונג.

דער בעסטער באַווייז פאַר דיזען טרויעריגען אמת איז דער אַר־טיקעל פון איזידאָר קאָהן, געוועזענער פּרעזידענט פון די „פאַר־איינינגטע אידישע געווערקשאַפטען" פון נויאָרק, וואָס ער האָט פאַר־עפענטליכט אין יאָר 1915*). וואו ער שרייבט אין זיין נאַאיווער אָפענהערציגקייט פאָלגענדעס: „ניט זעלטען זיינען די שרייבער פון פאָלקסשטימע מיט די הויך־קלינגענדע נעמען פון סאָציאַליס־טישער, אַנאַרכיסטישער און יוניאָניסטישער גרוס, וועלכע פּראָ־טעסטירען אזוי שטאַרק געגען די אומדעמאָקראַטישע און אומפּרינ־ציפּיעלע פירונגען אין די יוניאָנס די יעניגע, וואָס מאַכען דאָס

*) „פריע ארבייטער שטימע" פון 16טען יאַנואַר, 1915.

נויטיג, אז „שטאַרקע“ מיטלען זאָלען אָנגעווענדעט ווערען אין די
יוניאָנס“. כאָטש דיזע אָפיציעלע אינפאָרמאַציע וועגען די „גענג־
סטעריי“ אין די יוניאָנס, וואָס איז געגעבען געוואָרען פון אַזאַ פּראָ־
מינענטען הויפּט־פירער פון דער אַרבייטער־באַוועגונג האָט אַרויס־
גערופען אַזאַ גרימצאָרן ביי די איבעריגע יוניאָן־פירער, ספּעציעל
אויף דער אידישער גאַס, ווייסט מען דאָך און עס האָט געוואוסט
יעדער באַוואוסטזיניגער אַרבייטער, אַז דיזע „שטאַרקע“ מעטאָ־
דען ווערען אַלגעמיין באַנוצט אין אַלע יוניאָנס פון דער ביוראָקראַ־
טיע אין קאַמף געגען פּאָרטשריטליכען עלעמענט צו דערשטיקען די
שטים פון פּראָטעסט, וועלכע זיי ערוועקען ביי די ברייטע אַרביי־
טער־מאַסען. קיינע אָפּלייקונגען אין היפּאָקריטישע אַנשטעלען האָ־
בען ניט געקאָנט אָפּשוואַכען דעם צושמעטערטען איינדרוק, וואָס
דיזע כאַראַקטעריסטישע ערקלערונג האָט געמאַכט אויף די אַרביי־
טער וועגען איינער פון די טרויעריגסטע, אומגלויבליכע און דאָך
אמת'ע „איבלען“ פון דער יוניאָן־באַוועגונג. אָבער ניט אַלע מאָל,
דאַרפט איר וויסען, מאַכט זיך אַזאַ געלעגענהייט, אַז ס'זאָל זיך
אַרויסכאַפּען אַ נאַרישער „העלד“ און זיך אַרויסזאָגען מכח דער
הינטער־קוליסען פּאָליטיק פון די יוניאָנס. דאָס פּאַסירט גאַנץ
זעלטען. מען מוז וואַרטען ביסקעלוואַנען אַ געוויסע אויפטרייס־
לענדע פּאַסירונג זאָל פּאָרקומען אין געזעלשאַפטליכען לעבען, דאַן
ווערט אויפגעדעקט דער פּאָרהאַנג פאַר דער עפענטליכקייט. די
אורזאַך פון איזידאָר קאַהנ'ס ערקלערונג איז געווען וואָס צו יע־
נער צייט איז אָנגעגאַנגען אַ העפטיגע קריטיק אין דער פּרעסע גע־
גען דעם טעראָר און „גענגסטעריי“ אין די יוניאָנס, וואָס איז אויפ־
געדעקט געוואָרען צוליב דעם משפט וואָס דער אָרגאַניזאַטאָר פון
די „בוטשער“ (קצבים) יוניאָן, ב. זאַלמאַנאָוויטש, האָט אויפגענו־
מען געגען דעם טרויעריג באַרימטען „דאָפּי בעני“ פון דער אונטער־
וועלט, וואָס פלעגט מיט זיין באַנדיטען־באַנדע טעראָריזירען די אַר־
בייטער פון אַלע יוניאָנס. זייענדיג אַ מיטאַרבייטער פון דער יו־
ניאָן־ביוראָקראַטיע פלעגט ער שוין אויך איינצייטיג האַלטען אין
שרעק פילע פירער, וואָס האָבען אים נישט גענוג כאָבאַר געגעבען
פאַר זיינע „שטאַרקע“ אויפטואונגען אין די יוניאָנס, סיי געגען
בעלי בתים אין צייט פון סטרייק, און סיי געגען די „קיקערס“ וואָס

האָבען צופיל ווידערשפּעניגט די יוניאָן־ביוראָקראַטיע.*) דאָס האָט טאַקי געפירט צום משפט.

ווען אָבער דיזע סענסאַציאָנעלע געשעענישען געהען פאַרביי און אַלעס ווערט צוריק שטיל און נאָרמאַל, בלייבט דיזער טעראָר צושטאַנד דאָך איבער אין די יוניאָן־אָרגאַניזאַציעס ווי געוועזען, ווייל, אַזוי לאַנג ווי דער ווילען און וואונש פון פאָלק ווערט דערשטיקט די דעמאָקראַטישע פאָלקס־פאַרוואַלטונג פאַרניכטעט, ווען מאַשין־פּאָליטיק איז דער געזעלשאַפטליכער אויסדרוק פון וואַל־קאַמף־קאָ־רופּציע — אַ טוגענד און צוואַנג אַ מיטעל אויפצוהאַלטען די יוניאָן, ביז דאַן וועלען אויך הערשען מער אָדער ווייניגער פאַרפאָלגונגען און טעראָר אין די יוניאָנס, ווייל דאָס איז די לעצטע און איינציגע וואָ־פע קעגען די „טומעלמאַכער“ וואָס באַאומרואיגען מיט זייער „ראַ־דיקאַלען פאַנאַטיזם“ די יוניאָן ביוראָקראַטיע אין זייער העגעמאָניע איבער דער אַרבייטער־באַוועגונג פון אַמעריקאַ. עס איז דאָך גאַנץ נאַטירליך, דאָ ווי עס עקסיסטירט אַזאַ ביוראָקראַטישער רעזשים קע־נען דאָך די, אַזוי צו זאָגען, נעגאַטיווע מיטלען, פון מאַשין־פּאָליטיק ניט זיין די גאַנצע באַרואיגונגס־וואָפע איינצושטילען די אָנגעזאָ־מעלטע און וואַקסענדע אומצופרידענהייט פון די אַרבייטער. זיי מוזען דאַן לאַגישערווייזע אויך אָנווענדען די רויע גוואַלט אַלס אַ פּאָזיטיווע מעטאָדע, וואָס זאָל זיין בכח צו אונטערדריקען די רווישיגע פּראָטעסטען און מאַנכעס מאָל אָפענע רעוואָלטען, וואָס ברעכען אויס דאָ אָדער דאָרט פון גאַנצענע לאָקאַל יוניאָנס געגען דער ביוראָקראַטישער צענטראַליזאַציע אין דער יוניאָן־באַוועגונג.

דאַריבער זעהען מיר אַז די טעראָר־ און פאַרפאָלגונגס־פּאָלי־טיק איז אַ שטענדיגע ערשיינונג אינ׳ם לעבען פון די יוניאָנס, אַ

---

*) אין דער „װאַרהייט“ פון 28טען סעפּטעמבער 1914 גיט ב. זאַל־מאַנאָוויטש איבער אַ געשפּרעך צווישען אים און „דאָפּי בעני“, וואו דער לעצטער זאָגט פאָלגענדעס: „ווייסט דאָך — האָט ער מיר געגעבען צו פאַרשטעהען — ס׳איז דאָ גענוג וואָס פאַרגינען איך ניט אייערע „דזשאָבס“ אין דער יוניאָן. ווייסט דאָך די „טומעלמאַכער“, זיי ווילען אויך זיין סעקרעטערע און אָרגאַניזאַטאָרס. פאַרשטעהסט, ווען זיי ווייסען אָבער אַז איך בין אין דעם אויך דאָ, האַלטען זיי די מוילער. פאַר־שטעהסט?“

דאנק די אומערטרעגליכע באציאונגען פון די פירער צו די מאסען. און קיין וואונדער איז ניט וואס אונטער אזעלכע אומשטענדען פון ביוראקראטישע צענטראליזאציע מוזען די פירער זיך באנוצען מיט אלע מיטלען פון גוואלט און ברוטאליטעט אום צו באקעמפען די פראגרעסיווע עלעמענטען אין די יוניאנס. דא וואו זיי קענען ניט באזייטיגען די קריטיק פון די פראגרעסיווע ארבייטער און ראדיקאלע עקזעקוטיוו־פארטרעטער מיט די מיטלען פון מאשין־פאליטיק, פארפאלגען זיי די „רענק ענד פייל" מיט אלערליי צרות פון דיסקרימינירונג און נעמען פון זיי אין אלגעמיין צו די מיטלען פון מאכען א לעבען אין די פאבריקען.*) די דאזיגע פארפאלגונגען ווענדען זיי

---

*) די „פרייע ארבייטער שטימע" פון 29טען מאי 1920, שרייבט: „די פירער פון לאקאל 584 מילך „דרייווערס" (פורמאנעס) יוניאן האבען אויסגעשלאסען פון דער ארגאניזאציע א דוצענד ווידערשפעניגע מיטגלידער און צוגענומען פון זיי דאס ברויט, ענטזאגענדיג זיי פון דאס רעכט צו ארבייטען אלס יוניאן לייטע".

אין „פראלעטאריער" פון 1טען דעצעמבער 1920 לעזען מיר ווידער דאס זעלבע: „א יוניאן מאן מיט'ן נאמען גערמאנקע, וואס האט געהאט די העזה ארויסצוזאגען א קריטיש ווארט געגען די „אלטע גווארדיע", איז אויסגעשלאסען געווארען פון דער יוניאן, ניט קימערענדיג זיך צי ער וועט קענען מאכען א לעבען פאר זיין פרוי און קינדער."

אדער נעמט די ניעס וואס מיר געפינען אין דעם יאנואר נומער „צוקונפט" 1912: „די בעאמטע פארפאלגען און אונטערדריקען מיטגלידער, וואס וואגען זיך איינצושטעלען פאר גערעכטע פירונגען אין דער בעקער יוניאן פון נויארק."

אין „פראלעטאריער" פון 1טען אפריל 1921, לעזען מיר פאלגענדעס: „די ראדיקאלען האבען געוואלט מאכען אן ערקלערונג אין דער „סאציאליסטישער" צייטונג וועגען דעם שענדליכען קאמפיין פון די פירער פון דער „אמאלגאמיטעד" יוניאן לאקאל 89 אין שיקאגא געגען די ארבייטער, האט דער רעדאקטאר ניט געוואלט אננעמען, האבען דיזעלבע ארבייטער ארויסגעגעבען א פראקלאמאציע און זי צוטיילט צווישען די מאסען. האבען די פירער ארונטערגענומען פון די ארבייט אלע ארבייטער אויף וועמען ס'איז געפאלען א חשד, אז זיי האבען געטיילט דיזע פראקלאמאציעס. עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז א מיטגליד פון דער יוניאן, וועלכער האט גארניט געטיילט די פראקלאמאציעס איז ארונטערגענומען געווארען פון דער ארבייט און ער איז עטליכע וואכען ארומגעגאנגען לעדיג."

אָבער נישט אַן בלויז געגען איינצעלנע אָדער גרופּען־מיטגלידער. נאָר, אויב עס איז נויטיג ווארפען די פירער אגולנע אראָפּ מאַסען ארבייטער פון די פאבריקען, אבי צוצוברעכען דעם רוקען־ביין פון די קעמפער. דאָס ווערט געטאָן אזוי אָפען און מיט אזא אומגעהערטער גרויזאמקייט און אויף אזא ריזיגען מאסשטאב, וואו צענדליגע און הונדערטע, זאַגאר טויזענטער ווערען ארויסגעוואָרפען אין גאָס און ווערען בארמלאָז אויסגעזעצט צו הונגער און נויט מיט זייערע פאמיליעס. וואָס קען נאָר צוגעגליכען ווערען צו די רעפּרעסיעס פון רוסישען צאַריזם.*) ווי געזאָגט, זיינען זיי דאָס אימשטאנד צו טאָן, איינפאך דערפאר, ווייל זיי האָבען די עקאָנאָמישע מאַכט אין זייערע הענט, נישט דורך דעם כוח פון דער אָרגאניזירטער מיטגלידערשאפט און אַרבייטער־סאָלידאריטעט, — וואו אזעלכע רציחות וואָלט געווען אוממעגליך, — נאָר די עקאָנאָמישע מאכט ליגט ביי זיי אין די הענט, אַ דאנק דער מיטווירקונג פון די קאַפּיטאליסטען אלס קאָלעקטיווער שתוף צום אָפּמאך וועלכע זיינען אימער גערען צוצוהעלפען די לידערס אין קאמף געגען די אומצופרידענע, ווידערשפּעניגע אַרבייטער, אָפּשוואכענדיג דערמיט די אנגעהעריגקייט צו די יוניאָן פון די מאסען אין איין זייט, און האָבענדיג אין אויג צו יעדער צייט צוריק גוט באַלוינט צו ווערען מיט דעם, וואָס די פירער העלפען די בעלי בתים צוצוברעכען סטרייקס. וואָס טראָגען כלומרשט אַן „אומגעזעצליכען" כאַראַקטער אנדערזייטס. אַלזאָ, האָבענדיג די עקאָנאָמישע מאכט אַ דאנק דער

---

*) אין אָפיציעלען רעפּאָרט פון דער „קלאוקמאכער יוניאָן לאָקאל 1" לעזען מיר אין „טאָג" פון 11טען און 12טען פעברואר 1918, אין בעצוג צו דעם קאַמף וואָס איז אָנגעגאנגען צווישען דיזען לאָקאל יוניאָן מיט דער „קלאוקמאכער יוניאָן" פון נויארק פאָלגענדעס: „אין דער צייט ווען ארום און ארום האָט געבושעוועט דער שונא, באַנוצענדיג אלע מיטלען צו באקעמפען דעם רעוואָלטירענדען לאָקאל, אָנפאַנגענדיג מיט ליגנערישע העצעס, שפּיאָנאַזש און שלעגערייען, האָבען די פירער האַנט אין האַנט מיט די בעלי־בתים ערקלערט אַן אָגולנע קריוצונג געגען די אַרבייטער, מיטגלידער פון דער יוניאָן, און זיי אין די הונדערטע געוואָרפען פון די פאבריקען, דערפאר וואָס זיי האָבען סימפּאַטיזירט און מיטגעאַרבייט מיט'ן קעמפענדען לאָקאל יוניאָן זייערען אין קאמף געגען דער ביוראָקראַטיע פון דער קלאוקמאכער יוניאָן".

שותפות׳דיגקייט פון די בעלי בתים, צוליב די פּאַרעטערישע ראָלע אַלס סטרייק ברעכער־אַגענטור, וואָס די פירער שפּילען אין נאָמען פון די אַרבייטער, איז אַך און אַז ווי צו די וואָס טרעטען אַרויס אין אָפענעם רעוואָלט געגען די „באַנעפּייד“־אַנערקענטע באַוועגונג. דאַן ווענדען די אוזורפּאַטאָרס אַן מיט אַ שרעקליכער רציחה, פיל פּאַכיגע גוואַלט און טעראָר אַזוי אַז די אַרבייטער ניט נאָר וואָס זיי ווערען אַרויסגעוואָרפען פון די פאַבריקען. נאָר עס פּאַסירט אַז די פירער, צוזאַמען מיט די בעלי בתים, געדונגענע שלעגערס און די פּאַראייניגטע פינסטערע מעכטען, אונטער׳ן שוץ פון פּאָליציי און מיט דער טויט־שווייגענדיגע שטילקייט פון דער פּרעסע, וואַרפען זיך אַרויף מיט אַזאַ וואוט אויף די אַרבייטער אַז זיי ווערען איינפאַך געשלאַגען און גע׳ממת׳ט ביי זיך. אין זייערע אייגענע היימען*).

*) אין יאַר 1917, ווען די סיגאַרמאַכער יוניאָן האָבען ענדליך באַשלאָסען אָראָפּצוּוואַרפען דעם יאָך פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע, — דערצעהלען די אַרבייטער — וועלכע האָבען זיי געדריקט מיט אַלערליי באַשטייערונגען פון זייערע וואָלטעטיגע אָבער נוצלאָזע פאָנדען אָהן דער מינדעסטער באַשיצונג געגען דער עקספּלואַטאַציע פון די בעלי בתים האָבען זיי געגרינדעט אַ נייע יוניאָן אונטער דעם נאָמען „סיגאַרען מאַכער קאָנסול“. געגען אָט דעם „קאָנסול“, וואָס האָט גלייך אויפגענומען אַ קאַמף מיט די אויסבייטער פאַר די פאַרבעסערונגען פון די אַרבייטער אין די פאַבריקען, האָט די יוניאָן־ביוראָקראַטיע מיט׳ן „סאָציאַליסט“ מ. בראַון בראַש, האַנט אין האַנט מיט די בעלי בתים און „שטאַרקע“ ערקלערט אַ טויט־קאַמף אים צו פאַרניכטען. זיי האָבען מיט דעם שרעקליכסטען טעראָר איינפאַך גע׳הרג׳עט די אַרבייטער אין זייערע היימען, אין די פאַבריקען, ביז זיי האָבען ענדליך די אַרבייטער אויסגעמאַטערט אַזוי אַז זיי זיינען געצוואונגען געווען אויפצוגעבען דעם בראַווען און אָפּפערברענגענדען קאַמף וואָס זיי האָבען מאָנאַטען לאַנג געפירט אויף צוויי פראָנטען, אי געגען די קאַפּיטאַליסטען, אי געגען זייערע אייגענע יוניאָן־פאַרטרעטער. צו ענד האָבען זיי געמוזט דעם קאַמף אויפגעבען אונטער דעם דרוק פון הונגער, נויט און מערדערליכען טעראָר. אינטערעסאַנט איז וואָס איר קענט נישט געפינען אין קיין ציטונג, זאָגאַר נישט אין די „סאָציאַליסטישע“ און „אַרבייטער־פריינדליכע“ פּרעסע די מינדעסטע אינפאָרמאַציע וועגען דיזען שרעקליכען עפּיזאָד, וואָס זאָל באַלייכטען איינע פון די גרעסטע שוידערליכסטע טעראָר־פּאַסירונגען זייטענס דער יוניאָן־קליקע אין דער אַרבייטער־באַוועגונג פון אַמעריקאַ, מיט׳ן אויסנאַם פון

אָבער דאָס איז ניט אַלעס. צו „רעאָרגאַניזירען", דאָס הייסט, אויסצושליסען גאַנצענע לאָקאַלע יוניאָנס און אַרויסוואַרפען טויזענטע אַרבייטער פון די צענטראַלע פערבאַנדען און גרינדען נייע אויף זייער פּלאַץ, ערקלערענדיג אַ קאַמף מיט אַלע מיטלען פון טעראָר געגען די אויסגעשלאָסענע יוניאָנס אום זיי צו פערניכטען. דאָס איז ניט קיין נייעס אין'ם לעבען פון דער יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקאַ. און דערביי איז אין די דאָזיגע פערניכטונגס־קאַמפּען פאַר דער ביוראָקראַטיע ניטאָ קיין איין מיטעל פון גוואַלטאַט, וואָס זאָל פאַר זיי זיין צו געמיין. זיי געהען אין געגענטייל אַזוי

א בלאָסע, צודרעהטע שטיק „בייעס" אַז דער סטרייק פון סיגאַרען מאַכער קאָנסול איז פארשפּילט געוואָרען", וואָס איז ערשינען אין „פאָרווערטס", איז מער קיין אַנדייטונג נישט צו געפינען.

וועגען אַן ענליכע טעראָר־פּאַסירונג נאָר אויף אַ קלענערען אופן, לעז איך אין אַ פּראָקלאַמאַציע וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון דעם אַרבייטערס „קאָנסול" פון די „לייִדיס ווייסט און דרעס אינדוסטריע" וואָס געפינט זיך אין מיין באַזיץ פאָלגענדעס: „אין דער פאַבריק פון מ. אַלטמאַן, 25טע גאַס, נויאָרק, איז אַרויסגעקומען אַ סכסוך צוליב דעם וואָס דער פאַבריקאַנט האָט אָפּגעלייגט איין „קאַטער" (צושניידער) און דעם צווייטען „קאַטער" נישט. נאָך דעם ווי דער געקריוודעטער האָט אויפגענומען די פראַגע מיט די אַרבייטער פון פאַבריק ביי אַ מיטינג, האָבען זיי באַשלאָסען אַז ביידע אַרבייטער מוזען באַשעפטיגט ווערען און די אַרבייט זאָל גלייך צוטיילט ווערען. די אַרבייטער האָבען דיזען באַשלוס אונטער דעם ווירקונג פון „אַרבייטער קאָנסול" וואָס איז צו יענער צייט געגרינדעט געוואָרען פון די אַרבייטער פון פאַך, איבערגעגעבען צום פאַבריקאַנט דירעקט און זיינען מיט אים דורכגעקומען. דאָס האָט אָבער די יוניאָן־ביוראָקראַטיע ניט צופרידען געשטעלט. זיי האָבען ניט געוואָלט דערלאָזען אַז די אַרבייטער זאָלען פערהאַנדלען מיט'ן פאַבריקאַנט דירעקט, ספּעציעל אונטער די אינסטרוקציעס פון זייער „אומגעזעצליכען" „וואָרקערס קאָנסול". די יוניאָן בעאַמטע פון לאָקאַל 10 „קאַטערס יוניאָן" האָבען דעריבער באַשלאָסען דעם קאַטער צו באַשטראָפען; זיי האָבען דאַן ערקלערט אַ סטרייק געגען דעם ווילען פון די אַרבייטער, כדי דעם „קאַטער" אַראָפּצוּוואַרפען פון פאַבריק. ווען די איבעריגע אַרבייטער האָבען ניט געוואָלט פערלאָזען די פאַבריק, אויס סאָלידאַריטעט צום „קאַטער" וואָס איז געווען פולשטענדיג גערעכט, האָבען די פירער געדונגען „שטאַרקע" וועלכע זיינען באַפאַלען די אַרבייטער און דעם „קאַטער" אַזוי צושלאָגען, אַז זיי האָבען אים אויסגעהאַקט עטליכע ציין און אים ערנסט פאַרוואונדעט."

ווייט, ווי צו ברענגען בעוואפענטע שלעגערס, אבצוצרעכען מיטינ־
גען פון טויזענדער פאַרזאַמעלטע, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס
דאָס קען פאַראורזאַכען א בלוט־באַד וואו צענדליגע ארבייטער זאָ־
לען צוקאַלעטשעט און פאַרוואונדערט ווערען*). די דאַזיגע „שטאַר־

---

*) אין דער „פרייע ארבייטער שטימע" פון 29טען מאי 1920, גע־
פינען מיר אן ערקלערונג פון וויליאם קאָהן, פאָרזיצענדער פון דער דא־
מאָלסט געגרינדעטער „לייבאר און פארמער פאַרטיי" וואָס לויטעט ווי
פאָלגט: „די פאַסירונגען פון לעצטען פרייטאג מיינען בלויז אז אן אָר־
גאַניזירטע באנדע איז פארבערייט געוואָרען פון די יוניאָן־פירער פ.
ברוידי, דזשים האָלאַנד צו באַנוצען געוואלד און צו באַפאַלען אונזער
פארזאמלונג. באַוואפענטע מענער, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט באזוכט
קיין מיטינגען פון דער „סענטראל פעדערייטעד יוניאָן", זיינען גע־
בראכט געוואָרען אויף אויטאָמאָבילס צום מיטינג אין לייבאָר טעמפעל
און געסטראשעט די לעבענס פון פאָרזיצער פונ'ם מיטינג י. האנא און
עדוארד רוביקי".

אָדער נעמט א צווייטען פאַל פון דעם סאָרט: דעם 1טען סעפטעמבער
1917, ביי א מיטינג אין „טעמעני האָלל" פון דער „קלאוק אפערייטאָרס
יוניאָן לאָקאל 1", וואו עס זיינען געווען פארזאמעלט איבער 3000 מיט־
גלידער און האָבען פרידליך פארהאנדעלט די פראגע, צי זאָלען זיי יא
אָדער נישט זיך צוריק אָנשליסען אין דער קלאוקמאכער יוניאָן, האָבען
זיך ארײנגעריסען א באנדע „שטאַרקע" און באַפאַלען דעם עולם מיט קאַל־
טע געווער און גענומען שלאָגען רעכטס און לינקס, פאראורזאכענדיג אַזאַ
פאַניק, אז דער מיטינג איז אויפגעריסען און צושטערט געוואָרען. ווען ניט
דאָס אָנקומען פון פאָליציי, וואָלט דיזער ברוטאלער אָנפאל זיך געענדיגט
מיט א שרעקליכען בלוטבאד, וואו הונדערטע מענשען וואָלטען ערענסט
פארוואונדעט געוואָרען. אַזוי זיינען בלויז עטליכע אַרבייטער אָפּגעקו־
מען מיט קלעפּ. אינטערעסאנט איז אז דער ברוטאלער אָנפאל איז פאָל־
שטענדיג באקאנט די קלאוקמאכער אלס אן אָרגאניזירטע גוואלטטאט פון
געוויסע פירער אין דער קלאוקמאכער יוניאָן.

אָדער נעמט א דריטען פאל, וואָס איז אינטערעסאנט פאָרצוברײנגען.
דאָס איז אן „איבערפאל אויף א מיטינג, וואו עס זיינען געווען פאר־
זאמעלט „קלאוקמאכער", „לײדיס ווייסט און דרעסמאכער" און וואָס איז
אָפּגעהאלטען געוואָרען אויף דער פערטער גאַס אין יאָר 1919. דאָרט איז
פאַרהאַנדעלט און דיסקוטירט געוואָרען די פראגע פון „שאפּ סטיוארד"
באַוועגונג. פלוצלונג האָבען זיך באַוויזען א חוץ פראָפעסיאָנעלע
„שטאַרקע" אויך געוויסע פירער פון דער קלאוקמאכער יוניאָן און האָ־
בען פאראורזאכט א געשלעג, און דערמיט צושטערט דעם מיטינג, קרי־

סע וואַד ווערט ניט נאָר געבראַכט פאַר „ארבייט“ צו „טומעלדיגע“ מיטינגען, נאָר אויך צו גאַנץ פרידליכע מיטינגען. ווען די פירער געטרויען ניט, אַז „די רענק ענד פייל“ וועלען זיי ניט אויסנוצען צוריקצואוויזען די באַשלוסען פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע. דאָס ווערט געטאָן מיט דעם טאָפּעלטען צוועק: ערשטענס, אָפּצושרע־

גענדיג דערפאר באַצאָלט 60 דאָלאַר, לויט אַן ערקלערונג פון אַ צווייטען יוניאָן־פירער וואָס ער האָט געמאַכט ביי אַ יוניאָן מיטינג דעם 28טען דעצעמבער 1920.

אַזאַ ענליכער סקאַנדאַל, וואו אַ פארזאמלונג איז אָפּגעבראָכען געוואָרען דורך אַ געשלעג פון „שטאַרקע“ איז אויך פאָרגעקומען ביי אַ וואַל־מיטינג פון דער „קלאוקאָפּעריטאָרס יוניאָן לאָקאַל 1“ דעם 23טען פעברואר 1922, אין וועבסטער האָלל, ווי מיר קענען דאָס לעזען אין דער „נייער וועלט־עמעס“ פון 3טען מאַרטש 1922.

וועגען נאָך אַ בלוטיגען געשלעג, פאראורזאַכט פון יוניאָן־„שטאַרקע“ ביי אַן אָפּאָזיציע־מיטינג פון קלאוק־פּרעסער, וועלכע האָבען זיך פארזאַמעלט צו דיסקוטירען וועגען די אינערליכע „איבלען“ פון דער יוניאָן, לעזען מיר אין דער „פרייהייט“ פון 28טען יולי 1922 פאָלגענדעס: „דער מיטינג אין 96 קלינטאָן גאַס, וואו עס איז פארזאַמעלט געווען אַ 50 קלאוק־פּרעסער האָט זיך נאָך ניט געעפענט, האָט זיך אריינגעריסען אַ גרופּע „שטאַרקע“. איינער פון זיי איז צוגעלאָפען צו אַ פּרעסער און די איבעריגע האָבען זיך געוואָרפען שלאָגען מיט מעסערס, אַלע זיינען צוטריבען געוואָרען, און איינער פון די פארזאַמעלטע, מיט׳ן נאָמען שעכטער, איז פארוואונדעט געוואָרען אין אויג און איז אַוועקגענומען געוואָרען אין גאָווערניר האָספּיטאַל“.

די „ווארהייט“ פון 1טען יולי, 1914, שרייבט: „אַלס אַ באַוויז ווי אַזוי די פירער מיט זייער חברה האָבען אָרגאַניזירט צו באַפאַלען די בעקער־אַרבייטער, וועלכע זיינען אַ מאַיאָריטעט אין דער יוניאָן און זיינען געגען דער פירערשאַפט מיט זייערע פּאַראַנדקעס, האָבען די אַרבייטער געבראַכט פאָלגענדען פאַקט: געוועהנליך שטעהען די שטולען אין פארזאַמלונגס־זאַל אויסגעשטעלט געגענאיבער דעם פּאָרזיצענדען. ווען די ארבייטער זיינען געקומען צום לעצטען מיטינג, האָבען זיי די שטולען געפונען אויסגעשטעלט איינע אנטקעגען די אַנדערע. דער צוועק דערפון איז געווען, אַז די חברה זאָלען זיך אויסזעצען אויף איין זייט צו קענען זעהן ווער עס שטימט געגען די פירער און ווער האַלט מיט זיי, כדי מען זאָל גלייך קענען דערלאַנגען קלעפּ. דאָס איז געטאָן געוואָרען כדי זיי זאָלען ניט טרעפען אין דער סעמאַטאָכע אַן אייגענעם מענשען. ווען די ארבייטער האָבען פּראָטעסטירט געגען דיזע אויסשטעלונג, אָפּצושרע־

קען די ארבייטער, און צווייטענס, צו זיין זיכער מיט זייערע פון פאראוים פארטיגע פלאנען*).

אבער דאס איז נאך אלץ ווייניג. ווען די פירער דערזעהן, אז ביי דער אדער יענער יוניאן האבען זיך די מיטגלידער ארגא־ניזירט און זיינען ענטשלאסען אויף ווייטער ניט צו דערלאזען די ביוראקראטיע צו שאלטען און וואלטען אן דעם קאנטראל פון די ארבייטער; דאן ארגאניזירען זיי מיט דער הילף פון „שטארקע" בלוטיגע געשלעגען, וועלכע האבען דעם צוועק: צו טעראריזירען און צושטערען דערמיט די ארבייטער דורכצופירען זייערע באשלו־סען געגען דער קליקע־הערשאפט פון די פירער. דיזער טעראר איז ניט בלויז א באוואיגונגס מיטעל געגען די פראסטע מיטגלידער צווישען די מאסען. נאר אויך א גוטע וואפע וואס ווערט פון די פירער באנוצט און אנגעווענדעט געגען ראדיקאלע דעלעגאטען פון

קען די מיטגלידער צו שטימען לויט זייער פרייער מיינונג, האט זיך טאקי גלייך אנגעפאנגען דער געשלעג, וואס האט זיך געענדיגט מיט א פאגראם, וואו מען האט צובראכען טירען, צושמעטערט פענסטער און צו־קאליעטשעט צווישען פילע ארבייטער אויך אבראהאם לעווין און מ. שלע־זינגער, דעם סעקרעטער פון דער בעקער יוניאן".

*) די „צייט" פון 29טען אקטאבער 1920 שרייבט פאלגענדעס: „ווי אזוי ברינדעל מיט זיין חברה פירט אן זיינע מעשים אין זיין יוניאן פון דער בוי־אינדוסטריע, האט זיך אמבעסטען ארויסגעוויזען נעכטען, ווען די פארט־ארבייטער יוניאן האט אפגעהאלטען א מיטינג, דעם ערש־טען מיטינג זינט דער פארהער פון ברינדעלס כאבאר־סקאנדאל האט זיך אנגעפאנגען. ביי יעדער טיר איז געשטעלט געווארען א באנדע פון א צענדליג פערזאן. ברינדעל אליין איז אנגעקומען, ארומגערינגעלט מיט א גאנצער וואך, און ווי נאר ער האט זיך באוויזען אין זאל, האבען די חברה אנגעהויבען אים צו אוואצירען. אזוי ארום האט ברינדעל דורכ־געפירט אלעס און באוויזען אז דאס „פאלק" איז מיט אים".

גאנץ ריכטיג שרייבט די „צייט" אין עדיטאריעל פון 6טען אפריל 1921, „אז אט מיט דער קולאקען־קראפט האט ברינדעל מיט זיין חברה אונטערדריקט יעדע אפאזיציע, שטום געמאכט אלע געגנער, און דורכגע־פירט אלע רעזאלוציעס, וועלכע האבען פאראטען די ארבייטער און רע־גירט איבער די 115 טויזענד יוניאן מיטגלידער פון דער בוי־אינדוס־טריע. און אז אט די דאזיגע „שטארקע" פאליטיק איז געווען, איז און וועט בלייבען איינע פון די שענדליכסטע בלעטער אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג".

דער עקזעקוטיווע פאַרוואַלטונג און זאָגאַר געגען אַזוינע פּאַרטרעטער, וואָס וואַגען ווידערצושפּרעכען אויף אַ מיטינגען שטייגער די פּאָליטיק פון די פירער, און אויך געגען אַזוינע וואָס האָבען נאָר די חוצפה... זיך איינצושטעלען פאַר זיי און ניט דערלאָזען צו קיינע ברוטאַלע אָנגריפען געגען ערליכע אַרבייטער־פּאַרטרעטער, זיי אַלע האָבען אויסצושטיין דיזעלבע פאַרפאָלגונגס־צרות מצד דער ביוראָקראַטיע, ווי אין די אַלטע צייטען פון דער רוסישער טיראַניי*).

אַז דיזע טעראָריסטישע מיטלען פון גוואַלט זיינען ניט קיין אויסנאַם נאָר אַ סיסטעם כמעט אין אַלע יוניאָנס, און אַז די יוניאָן־פירער באַנוצען זיך מיט „שטאַרקע“ און אַלערליי „לומפּען־פּראָ־

*) אין דער „ווארהייט“ פון 14טען יולי 1914, לעזען מיר פאָלגענדעס: „פּאַלאַפּסקי באַהויפּטעט, אַז כאָטש ער איז אַ גוטער יוניאָן־מאַן, זיינען אבער די פירער פון דער בעקער־יוניאָן אויף אים אין כעס, ווייל ער פלעגט געגען זיי אַרויסטרעטען אויף די מיטינגען מיט׳ן שאַרפען וואָרט פון קריטיק, און האָט פּראָטעסטירט געגען זייערע מעשים. דאריבער האָט מען אים אנטזאגט פון זיין פּלאַץ וואו ער האָט געאַרבייט אין מ. הערבסט בעקעריי. דער בעל הבית איז געווען מיט זיין ארבייט צופרידען. ער איז אבער אנטזאגט געוואָרען אויפ׳ן באַפעל פון דעם יוניאָן־פירער. יעדען טאָג פלעגט ער — אַזוי שווערט ער — קומען אין דער יוניאָן און ווארטען מען זאָל אים געבען א נייעם פּלאַץ, ער זאָל קענען מאכען א לעבען. די איינציגע זיכד זיינע איז געווען, וואָס דעם 9טען מאי 1914 איז געווען א מיטינג פון דער עקזעקוטיווע. די מערסטע מיטגלידער באַלאַנגען צו דער „קליקע“. זיי זיינען עס וואָס האָבען געצוואונגען אונזער לאָקאל צוצושטעהן צו די הערשענדע באנדע און אַרויסטרעטען געגען זייערע ברידער פון די אנדערע לאָקאל יוניאָנס וואָס קעמפען געגען דער הערשאַפט פון מאַשין־פּאָליטיק. אין דער עקזעקוטיווע געפינען זיך אָבער עטליכע מיטגלידער וואָס האָבען ניט מורא צו זאָגען דעם אמת, צוליב דער אורזאך איז אויסגעבראָכען א ביטערער געשלעג. פּאַלאַפּסקי איז דאַן געווען אין דער יוניאָן „ווען ער האָט פּלוצלונג דערהערט א געשריי: „העלפט, מען ערמאָרדעט מיך!“ ער האָט אין דער שטים דערקענט, אַז מען שלאָגט דעם עקזעקוטיוו מיטגליד, וואָס קעמפט אימער געגען דער „קליקע“ און עפענענדיג די טיר, איז ער אריינגעלאָפען און געהאָלפען איינשטילען דעם געשלעג. דערפאר, זאָגט ער, האָט מען אים אויסגעשלאָסען פון דער יוניאָן, און מען לאָזט אים ניט מאכען קיין לעבען פון דער ארבייט. אייבראהאם גאָלדבלום און נאָך איניגע מיטגלידער האָבען געהאט דעם מוט צו שווערען אז אלץ וואָס פּאַלאַפּסקי דערצעהלט איז אמת.“

לעטאריער" פאר דעם היילינען צוועק אויסצוראטען ראדיקאלע אי־
דעען, צוזאמען מיט'ן פארטשריטליכען עלעמענט פון דער יוניאן
באוועגונג. דאס צייגט אם דייטליכסטען דער פאקט, אז ווען עס
ווערען וואו עס איז אויפגעדעקט אזעלכע טעראר־געשיכטעס פאר
דער עפענטליכקייט און מאנכע יוניאן פירער, צוזאמען מיט זייערע
„שטארקע" מיטהעלפער פאלען אריין אין די הענט פון געזעץ, דאן
טרעט ארויס כמעט די גאנצע יוניאן פירערשאפט אין א פאראיי־
ניגטען פראנט אין דער פארטיידיגונגס־ליניע, אום ריינצוואשען
די „אומשולדיגע מארטירער"־נעבאך, כדי זיי לייכטער צו קענען
ארויסדרייען פונ'ם געזעצליך פארדינטען שטראף*).

דער דאזיגער קולאקען־קולט איז שוין אזוי טיף איינגעוואר־
צעלט געווארען אי די צופוילטע רעאקציאנערע יוניאנס אין אמע־
ריקא, אז ס'איז שוין געווארען א מאדע פון א אלטעגליכען כא־
ראקטער דאס פילע וואל־קאמפיינס זאלען זיך ענדיגען מיט בלו־
טיגע סקאנדאלען, וואו א סך ארבייטער ווערען פארוואונדערט**).

---

*) אין דער „ווארהייט" פון 24טען סעפטעמבער 1914 געפינען מיר
פאלגענדע נייעס: „צו דער ערשטוינונג פון דער גאנצער ארבייטער וועלט
זיינען צום משפט פון דעם באוואוסטען באנדיט „דאפי בעני" מיט זיינע
קאלעגען, געקומען פילע פון די יוניאן־פירער עדות זאגען פאר זיי, און
האבען געזוכט זיי ריינצוואשען פון זייערע פארברעכענס. אזוי איז
אויפגעטראטען פאר זיי דער ארגאניזאטאר פון דער „קלוירקס" (פרי־
קאשטשיקעס) יוניאן, עפשטיין, וואלפע, געהילפס־סעקרעטער פון די „פאר־
איוניגטע אידישע געווערקשאפטען" גאפט און דוריאנאף. בעאמטע פון
דער „אינטערנעישאנאל פיינטערס יוניאן", און ריקלוט, פון דער אינ־
טערנאציאנאלער „בוטשער" יוניאן און אנדערע יוניאן פירער".

**) אין דער „צייט" פון 23טען יולי 1921, געפינען מיר פאלגענדע
נייעס: „לויט דער אינפארמאציע, וואס אונטער די אומשטענדען איז
געווען מעגליך צו קריגען, איז דער געשלעג ביי די וואלען פון דער „פיינ־
טערס" יוניאן, וואו עס זיינען פארוואונדעט געווארען דזש. וועלטנער און
דייוויד מעסאלד, וואס זיינען צוגענומען געווארען אין האספיטאל,
ארויסגעקומען דערפון וואס איין צד האט געוואלט אונטערדריקען די
רעוואלוציאנערע ארבייטער, וואס האבען זעהר העפטיג פראטעסטירט גע־
גען די בעאמטע וועלכע זיינען „ערוויילט" געווארען געגען די צופרי־
דענקייט פון די מאסען".

עס געהט אזוי ווייט, אז פילע ארבייטער קוקען איינפאך ארוים מיט צופרידענהייט אויף זייערע אייגענע דורכפאלען אום אוים פארצווייפלונג אויסצומיידען דיזע בלוטיגע געשלעגען, מיט וועלכע מען סטראשעט זיי, און פיל מאל מען פירט דאס דורך אין דער פראקטיק*).

אלזא, ווי שמערצליך און אומאנגענעם עס איז אט די אלע פאקטען ארויסצוברייגגען פאר דער עפענטליכקייט און ווי שטוינענד דיזע פאקטען און פאסירונגען זאלען נישט אויסקוקען פאר דעם זייטיגען מענשען וואס שטייט אויסער די רייען פון דער ארבייטער באוועגונג, זיינען דאס דאך טרויעריגע אבער אמת׳ע פאקטען, וועלכע פילע באוואוסטזיניגע ארבייטער מיט אפענע אויגען באאבאכטען אלס אן אומגליק אין זייערע יוניאָנס. אמת, דיזער איבעל פון שווארצען טעראר הענגט ווי א קללה אויף די ארבייטער ארגאניזאציעס, פון וועלכע די מערסטע פראגרעסיווע עלעמענטען האבען שוין ניט ווייניג געליטען, מיט זייערע פרנסות געאפערט, דאס געזונט גע׳פטר׳ט, דעם ערליכען נאמען פארשווארצט, א. ד. ג., דאך באמיען זיך פילע ארבייטער פון דער „רענק ענד פייל", אוים שאנדע פאר דער וועלט, דיזע סקאנדאלען אין דער שטיל צו דערשטיקען. זיי ווערגען זיך מיט דער צרה ווי מיט א כראנישער פאמיליען־קראנקהייט, פון וועלכער זיי קענען ניט פטור ווערען. זיי ווייסען אבער גאנץ וואויל, אז דאס איז ניט בלויז אן אומפארמיידליכע קראנק־

---

*) דער „פראָלעטאריער" פון 1טען סעפטעמבער 1920 שרייבט פאָלגענדעס: „אינטערעסאנט איז ווען אונזערע ראַדיקאלע מענשען האָבען דערהערט אז זיי זיינען דורכגעפאלען ביי די לעצטע וואַלען אין דער „קארפענטערס יוניאָן" אין פילאדעלפיע, איז זיי אַראָפ א שטיין פון הארצען. זיי האָבען זיך געריכט אויף הריגות אין פאל אויב זיי ווערען ערווילט", ווייל אין דער יוניאָן האָט מען צו טאָן ניט מיט קיין „דיפלאָמאַטישע פירער". „ווען איין מיטגליד האָט אָנגעהויבען פירען אן אָפאָזיציע האָט מען אים אָפען געזאָגט פאר אלעמען אין די אויגען: „יונגערמאן, דו וועסט פאלען דער ערשטער קרבן!" אין א פאָר טעג אַרום איז מען געקומען מיט א „וואראנט" און אים אַרעסטירט אין מיטען נאַכט. יענער האָט געמוזט אנטלויפען פון שטאָט, אַזוי ארום זיינען זיי פטור געוואָרען פון אַ געגנער."

הײם, אדער בלבולים אױסגעטראכט פון דער בורזשואַזיע און שונאים פון דער אַרבײטער באַװעגונג. װי די פירער װילן מאַכן דעם אײנדרוק װען מען כאַפּט זײ בײ דער האַנט; נײן, זײ װײסן אַז דאָס זײנען פאַקטן און פּאַסירונגען, װאָס זײנען געקומען אַלס פּראָדוקט פון דעם קאָרופּטירטן גײסט און פאַרברעכערישן סיס־טעם פון מאַשין־הערשאַפט פון דער יוניאָן ביוראָקראַטיע און אַ דאַנק דעם איז דאָס גאַנצע לעבן פון די יוניאָנס אין אַמעריקאַ פול מיט פּאַראַט, אינטריגעס און קאָרופּציע. נישט אומזיסט איז עס װאָס פילע זײטיגע מענשן װאונדערן זיך און פרעגן: װי אַזױ קאָן אין אַזעלכע ריזיגע, צאָלרײכע געזעלשאַפטליכע אינסטי־טוציעס װי די אַרבײטער אָרגאַניזאַציעס מיט צענדליגע טױזענ־טער דערװאַקסענע מענער און פרױען, אַזױנס פּאַסירן? דיזע צװײפלענדע פראַגען, ערליך געמײנט, קומען אָבער דאָך פון אומ־ערפאַרענקײט און אומבאַקאַנטשאַפט מיט'ן אינערליכן לעבן פון די אַמעריקאַנישע יוניאָנס, װאָס װערן באַהערשט פון אַ קאַסטע ביוראָקראַטן. װאָרום פּונקט, װי אַ קאַפּיטאַליסטישער שטאַאַט מיט זײן קאָמפּליצירטער, פאַרצװײגטער רעגירונגס־אַפּאַראַט פון געזעצן, אײנזײטיגער ערציאונג, רעליגיעזע פּאַראָרטײלן, הוראַ־פּאַטריאָטיזם, און ענדליך, די „פּראָטעקציע" פון רױער געװאַלט, בעמיעט זיך אײנצוצאַמען די פרײהײטן פון פאָלק און אונטער־דריקט זײנע פאַרלאַנגען און װאונשן צו גונסטן פון די אינטע־רעסן פון הערשענדן רױבער־קלאַס, אַזױ װירקן אױך אױס די פירער אין אַ מיניאַטור פּאָליטיק אין די יוניאָנס, דורך ענליכע מיטלען פון קאָנסטיטוציאָנעלע געזעצן, פּאַרלאַמענטאַרישע קונ־צן, קאָרופּטירטער ערציאונג, געלער אַגיטאַציע, הוראַ יוניאָניזם און טעראָר, ביז זײ שרעקן אַן די מאַסן און צאַמען אײן זײערע פרײהײטן, פאַרלאַנגען און װאונשן פאַר די קלאַסן אינטערעסן פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע.

װאָס אַנבעטרעפט די דעמאָקראַטיע און פרײען אױסװאַל פון די מיטגלידער און אַלע אַנדערע פרײהײטס־פּרינציפּן װאָס זײנען בלומער'שט גאַראַנטירט אין די קאָנסטיטוציעס און „בײ־לאָוס" (נעבען געזעצן) פון די „אױטאָנאָמישע" לאָקאַלע יוניאָנס, זײנען דאָס בלױז טױטע בוכשטאַבן אױפ'ן פּאַפּיר. קומט אָבער צום

ווירקליכען לעבען, בלייבען דיזע שיינע ווערטער פון דעמאקראטיע און ארבייטער סאָלידאַריטעט, וועלכע די פירער זשאָלעווען נישט צו באנוצען — פוסטע קלאַנגען, צו פאַרטומלען די קעפּ פון די ארבייטער מאסען, כדי זיי זאלען אזוי קלאָר נישט ארויסזעהן די קאַרופּטע מעשים און פאַרעטערייען, וועלכע די פירער באַגייען אין זייער נאָמען אונטער דעם צודעק פון יוניאָניזם.

אום גרינגער זיך צו מאכען א ריכטיגען באַגריף ווענען דעם, מיט וועלכע מיטלען די פירער באנוצען זיך ארויפצוצווינגען אויף די ארבייטער זייער הערשאַפט פון ביוראָקראַטיזם, וועט צום שלום זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען די פּאַרטרעפליכע כאראקטעריס־טיק פון דר. הורוויטש, מכח דיזען ענין. ער שרייבט: *) „ווען א יוניאָן־מאַן שטעלט זיך ריידען געגען די מאַשין, קריגט ער גע־בראכען די ביינער פון די „שטארקע“. ווען עס בילדעט זיך א גרופּע יוניאָן־לייט, וואס ווילען פאַרופען אן איינענע פאַרזאַמלונג צו פּראָטעסטירען געגען די מאַשין, הייסט מען דעם „האלל“־אייגענטימער זיי נישט אריינלאָזען אין זאַל. און כדי דער עולם זאָל זיך נישט „טומלען“, שיקט מען „שטארקע“ צו די מיטינגען פון דער יוניאָן. ווען עס הויבט זיך אן א פּראָטעסט באַוועגונג געגען די מאַשין, פעלשט מען די שטימען ביי די וואַלען, און די „שטאַר־קע“ קומען דאָן גאנץ גוט צוניץ. נאָך דיזע פּאַראַנדקעס נעהן שוין די ארבייטער נישט א צווייטען מאָל צו די יוניאָן מיטינגען“. א. ז. וו.

אט דאס זענען די רעזולטאַטען פון גאָמפּערסיזם, און אזא פּנים האט דאס די יוניאָן־באַוועגונג אין אמעריקא. ביי דער דאָ־זיגער נאָבעלער ארבייט פון קאָרומפּירען די יוניאָן־באַוועגונג און פּאַראַטען די ארבייטער — שטעהט די ביוראָקראַטיע חלילה ניט איינזאם. זי ווערט געהאָלפען ניט בלויז פון די קאַפּיטאַליסטען, — צו וועמענס גאָלדענעם קאָלב זיי דינען — נאָר זי ווערט נאָך געשטיצט און באשיצט פון דער זאָגענאַנטער „סאָציאַליסטישער“ און „אַנאַרכיסטישער“ פּראָפעסיאָנעלער „אינטעליגענץ“, וועלכע

*) „פרייע ארבייטער שטימע“ פון 10טען אָקטאָבער, 1914.

באשיצט זיי מיט דעם רויטען פאן פון „סאציאליזם“. אין דעם איז ניטא מער ווי געלע היפאקריטישע דעמאגאגיע פאר זייערע פער־זענליכע אייגענוצען און קאריעריזם. ווי מיר וועלען דאס אויפווייזען אין נעקסטען קאפיטעל.

דריטער קאפיטעל.

די יניקה פון דער קליקע־הערשאפט אין די אמעריקאנער יוניאָנס.

אויב איר דענקט אז די פירער אין די אמעריקאנישע יוניאנס
ווערען בלויז געשטיצט אויף אן אומדירעקטען אופן פון די קאפי־
טאליסטען, צוליב די געמיינזאמע אינטערעסען פון זייער „קאלעק־
טיוו־בארגעניננ“, דורך די „פראטאקאלען“ און אנדערע אפמאכען,
וואס האבען דעם צוועק אויפצוהאלטען דעם „פרידען און הארמא־
ניע“ צווישען קאפיטאל און ארבייט; אויב איר דענקט אזוי,
מאכט איר א גרויסען טעות. אמת, דיזע הילף איז איינע פון די
ארגאנישע שטיץ־פונקטען אויף וואס ס'האלט זיך דער אפארטו־
ניסטישער יוניאניזם אין אמעריקא. אבער דורך דעם אליין וואלט
נאך די פירערשאפט נישט געווען זיכער געגוג און אויך ניט גע־
קאנט האבען אזא מאראליש־גייסטיגען כח צו ווירקען אויף די
מאסען און ענטוויקלען אזא מורא'דיגע מאכט פון „קליקע“־הער־
שאפט איבער'ן לעבען פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט און
איר באהערשען. דאס איז ניט דער פאל. ווארום די ריזיקע און
די אומזיכערקייט פון דער אומדירעקטער בורזשואזער שטיצע,
וועלכע קומט ווי מיר ווייסען א דאנק דעם אומערזעטליכען דורשט
נאך פראפיט מצד פון קאפיטאל, ווייסט אויך די יוניאן ביוראקרא־
טיע אז זי איז א גרויסע, ווייל קאפיטאל לויט זיין נאטור קען פארט
נישט פארטראגען קיין „פריוהייטס“־באשרענקונגען פון עקספלו־
אטאציע. דאריבער זוכען די קאפיטאליסטען אימער און אייביג
זיך צו בעפרייען פון ארגאניזירטען דרוק פון די ארבייטער. יא,
זיי מאכען שלום מיט די „אומפארמיידליכע“ יוניאנס, צוליב די
„אייזערנע געזעצען פון דינאמיקס“. אבער אזוי שנעל ווי ס'איז
נאר מעגליך נוצען די בעלי בתים אוים יעדע געלעגענהייט צו בא־

קעמפפען די ארבייטער און פטור צו ווערען פון אלע יוניאנס, מעגען זיי זיין פון דעם קאנסערוואטיווסטען טיפּ אין דער „אמעריקאן פעדריישאן אף לייבאר“.

צוליב אט די אורזאכען איז א טעות צו דענקען, אז די אומדירעקטע שטיצע פון די בעלי בתים איז דער איינציגער קוואל פון וואנען די יוניאן־פירער שעפּען זייערע כחות. ניין, דא ווירקען אויך אנדערע פאקטארען פון גרויס וויכטיגקייט. וואס ווערען די סטאלבעס אונטערצוהאלטען די צופוילטע געביידע פון די פאר־יוניאנס אין אמעריקא. קודם כל, קריגען די יוניאן־פירער, ספּעציעל אויף דער אידישער גאס, די דירעקטע הילף פון דער געלער „סאציאליסטישער“ און „אנארכיסטישער“ פּראפעסיאנעלער אינטעליגענץ; (נאטירליך ניט פון אלע אן אויסנאם), נאכער פון אלע אנדערע קליינבירגערליכע, ליבעראלע עלעמענטען פון לאנד. די שטיצע פון די לעצטע, וואס ווערט זיי געגעבען, — א דאנק דעם ווילען צו באפרידיגען זייער קראנקען געוויסען פון סאציאלע־רע־פארמערס — קומט אין די פארמען פון כל׳ערליי פארמיטלונגען און פשרה מאכעריי. אט די דאזיגע אנביינערדיגע ליבעראלען, וועלכע ברייטען אוים זייער טעטיגקייט אויפ׳ן גרויסען פעלד פון אלע אמעריקאנישע יוניאנס, סאי ביי די גויאים און סאי ביי די אידען, זיינען דאס די וואס האבען צום לעבען געבראכט דעם זאגענאנטען צד פון „פּאבליק“ (פובליקום) אין די קאמפען צווישען קאפיטאל און ארבייט. זיי האלטען דאס אויף די נייע פילאזאפיע פון געזעלשאפטליכער פאראנטווארטליכקייט אין די שטרייטיגקייטען צווישען די ארבייטער און די קאפיטאליסטען פאר׳ן וואלזיין פון אלגעמיינעם „פובליקום“, וואס דאס איז ניט מער ווי א נייער שווינדעל צו שטיצען די קאפיטאליסטישע אויסבויטונג. די הילף פון די זאגענאנטע געלע „סאציאליסטען“ און „אנארכיסטען“, איז שוין אבער א פארשידענארטיגערע און פולזייטיגערע. דא ווערען שוין די יוניאן־פירער נישט נאר מיטגעהאלפען צו פירען דעם „קלאסען קאמף“ קעגען קאפיטאל, פאר וועלכען צוועק די דאזיגע „אויך סאציאליסטען“ באטייליגען זיך כלומר׳שט אין דער יוניאניסטישער באוועגונג, נאר דיזע „סאציאליסטען“ העלפען דירעקט מיט דער יוניאן ביוראקראטיע צו באהערשען און אונטער־

דריקען די ארבייטער מאסען. קודם כל באַרעכטיגען זיי אַדער אין בעסטען פאַל פאַרשוויינען זיי אַלע אוממענשליכקייטען און אומרעכטען וואָס די פירער באַגיין געגען דער מיטגלידערשאַפט אין די יוניאָנס. עס ווערט אפילו כלומר'שט צייטענווייז יאָ אויפגענומען די אַזוי גערופענע „קריטיק" געגען די פירונגען און טאַקטיק פון דער „אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָף לייבאָר", אלס אַ גאַנצעס. אַבער דאָס טראָגט בלויז אַן אַבסטראַקט־טעאָרעטישען כאַראַקטער, ניט ברענגענדיג די מינדעסטע נוצען אין דער פּראַקטיק פאַר די אינטערעסען פון די ארבייטער. אין אמת'ן איז דאָס נאָר אַ היפּאָקריטישער אַנשטעל צי פאַרבלענדען די אויגען פון די מאַסען, מיט דעם ארויסווייזען אַז צווישען סאָציאַליסטען און גאָמפּערסיסטען איז פאַראַנען אַ גרויסער אונטערשיד אין די גרונד פראַגען פון ארבייטער קלאַס. און דאָס איז ווי מען זאָגט די „צוקונפט מוזיק". וואָס מאַכט נאָך אַנגענעמענער די היינטיגע שמחות אויף די יוניאָן באַנקעטען. מיט אויסנאַם פון דער „קאָמוניסטישער פּאַרטיי", די „איי־דאַבעל־יו־דאַבעל־יו" און אַנדערע „לינקע" ראַדיקאַלען, איז אין דער ווירקליכקייט די שטעלונג פון די געלע „סאָציאַליסטען" צו דער אָפיציעלער יוניאָן־ביוראָקראַטיע אַ סימפּאַטישע. זייער קריטיק אַ פּוסטע און אַ פאַלשע, און זאָגאַר זייערע באַריכטען און אינפאָרמאַציעס פּאַרטייאישע*).

מער נאָך, ווען איר קוקט זיך גוט צו צו דער נאָענטער פאַרוואַנדשאַפט צווישען דיזער „סאָציאַליסטען" און דער יוניאָן־ביוראַקראַטיע, הערט איר אויך זיך צו וואונדערען פאַרוואָס זיי — וועל־

*) אין דעם פערטען בוך „שטרייטפראַגען פון סאָציאַליזם" זייט 204 שרייבט דר. הורוויטש פאָלגענדעס: „די רעפּאָרטס אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע וועגען דעם קאַמף (צווישען די מינען־אַרבייטער און זייערע פירער אין ביוט מאַנטאַנאַ פון 1914) זיינען געווען פּאַרטייאיש פאַר דעם פירער מאַיער און געגען די רעבעלען. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האַלט אימער פאַר יעדע יוניאָן רעגירונג און איז אימער געגען אַלע „בונטאָווטשיקעס", עס מאַכט ניט אויס פאַר וואָס זיי „בונטעווען" זיך. בפרט נאָך וואָס איז שייך צו די „איי־דאָבעליו־דאָבעליו" מוזען זיי דאָך געוויס זיין אומגערעכט, כאָטש, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פּרעטענדירט אָפיציעל אַז זי האַלט זיך כלומרשט נייטראַל."

בע זיינען אין פּרינציפּ כלומר'שט גוואַלדיג געגען דער וועלט־אנ־שויאונג און טאַקטיק פון די גאָמפּערסיסטען, — נעמען אזא פּאַ־רעטערישע שטעלונג אין לעבען פון די ארבייטער. דער פאַקט וואָס מיר טרעפען זיי אימער אויף דער זייט פון פיינדליכען לאַגער געגען די ארבייטער, ווען עס מאַכט זיך אַ געוויסע שטרייטיגקייט אין די יוניאָנס צווישען די פירער און די מאַסען, באַווייזט קלאָר, אַז דאָס איז נישט קיין צופאַל, נאָר אַ שטענדיגע ערשיינונג וואָס איז אַ פּראָדוקט פון זייער געמיינזאַמע קאַריערעסטישע אינטערע־סען. אזוי לאַנג ווי די יוניאָן־באַוועגונג פון אַמעריקאַ האָט גע־טראָגען אַ קליינלעך־דיגען כאַראַקטער, ווי אין די ערשטע צייטען פון די 90־גער יאָרען, האָבען נאָך די אמת'ע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען, ספּעציעל אויף דער אידישער גאַס, געווידמעט זייער סאָציאַלע דינסט פאַר'ן ארבייטער קלאַס, אַן דעם ענגען בליק פון אייגענוצען. אָבער זינט דעם יאָר 1910, ווען די יוניאָנס זיינען אויסגעוואַקסען גרויס און הויך אין צאָלרייכע ארבייטער אָרגאַניזאַ־ציעס און האָבען אַנגענומען אַ מאַסען־כאַראַקטער; ווען עס זיי־נען באַשאַפען געוואָרען ריזיגע יוניאָן קאַסעס, וואו עס שטראָמט אריין הונדערטע טויזענטער, זאָגאָר מיליאָנען דאָלאַרס; אַט פון דאָן אַן מערקען מיר שוין ווי אַ סך פון די געלע „סאָציאַליסטען" און „אַנאַרכיסטען" הייבען אַן זיך אריינצוניאַדען אין די יוניאָנס נישט בלויז מיט דער אַבזיכט פון „סאָציאַלען דינסט", נאָר מיט דער קרעמערשער אויסרעכענונג צו העלפען מעלקען די מעלקענ־דיגע קו... וואָס גיט אַ גוטע פּרנסה מיט אַ בכבוד'ן נאָמען אלס צוגאָב.

נישט אומזיסט שלאָגט איר זיך אַן אַז דיזע זאָגענאַנטע „סאָ־ציאַליסטען" ניט נאָר אין פאַרשידענע עמטער אלס הויפּט פירער פון דעם באַאַמטעטום, נאָר איר הערט שוין זאָגאָר אַז גאַנצענע אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס, ווי די „אינטערנעישאַנאַל לײדיעס גאַר־מענט וואָרקערס יוניאָן", „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס אָף אַמעריקאַ", א. ז. וו., זיינען „סאָציאַליסטישע" אָרגאַניזאַציעס מיט דעם „פּעטשאַט" (שטעמפּעל) פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקאַ. אַז דאָס איז אַ פּאַקט קענט איר באַמערקען פון דעם געלען „סאָציאַליסטישען גייסט" וואָס הערשט אין די דאָזיגע

יוניאָנס ערב יעדען פּאָליטישען וואַל־קאַמף. ווען איר קוקט אריין אין די יוניאָן־צייטונגען, וואַרפט זיך אייך גלייך אין די אויגען, ווי די דאָזיגע „סאָציאַליסטישע" יוניאָן פירער, האָבען אריינגעבראַכט זייער „פּאָליטישען שפּיל" אויך אין דער ארבייטער באַוועגונג.

איך נעם דאָ נישט אויף די פראגע וועגען דעם נוצען אָדער שאָדען פון פּאָליטישער אַקציאָן אלס קאַמפּס־מיטעל פון פּראָלעטאַריאַט. אגב האַלט איך אַז אינדוסטריעלע אַקציאָן פאַר פּאָליטישע צוועקען איז א פולווירקזאַמערער מעטאָד אין קאַמף מיט קאַפּיטאַליזם ווי דאָס „מאַכען דעם חשבון אָן דעם בעל הבית". (ד. ה. ציילען שטימען אָן רעזולטאַטען). ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטען־פּאַרלאַמענטאַריסטען. אָבער אויף וואָס פאַר אַן אופן און מיט וועלכע מעטאָדען און ווער זיינען דאָס די וואָס לייסטען די דאָזיגע פּאָליטישע דינסט פאַר'ן סאָציאַליסטישען פּאַרלאַמענטאַריזם אין די יוניאָנס? אויב איר זייט בעקאַנט מיט דעם, דאַן וועט איר גלייך באַגרייפען די אורזאַך פון דער לעבליכער קריטיק פון די „סאָציאַליסטען", אויף די פירונגען און טאַקטיק פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע. פאַר די וואָס זיינען פילייכט נישט באַקאַנט מיט די פאַקטען פון דעם „פּאָליטישען שפּיל" אין די יוניאָנס, וועט גענוג זיין אין קורצען צו זאָגען: אַז דער זאָרט „סאָציאַליסטישער" וואַל־קאַמף פון די יוניאָנס איז ניט מער און ניט ווינציגער ווי א קאָמעדיע און אַ שווינדעל, ווארום פון איין זייט ארבייטען דיזעלבע „סאָציאַליסטען" פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען פון די ס. פּ. און פון דער צווייטער זייט ארבייטען זיי אויך צו ערוויילען פּאָליטישענס, ווי א וויטמאַן, סוואַן, אָדער אונטערמייער פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. אין אַלגעמיין ווערט די גאַנצע זאַך באַטריבען צוליב א מאַטעריעלען אונטערשלאַק, און דאָס מיינט צו קריגען פּראָטעקציע ביי דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פאַר דעם אייגענוצען פון דער יוניאָן ביוראָקראַטיע.

אַלזאָ, די יוניאָן־פירער, וועלענדיג האָבען די מאָראַלישע באַשיצונג פון אַזאַ איינפלוסרייכער עפענטליכער מאַכט ווי די סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זשאַלעווען זיי ניט איר אַנטקעגען צו קו־

מען ערווארטענדיג מיט באלוינונג אויף צוריק. ווען עס מאכט זיך דער פאליטישער וואל־קאמף, קומען זיי גלייך ארויס מיט ריזיגע פאנדס, וואס די פירער קלייבען אין די פאבריקען און גיבען ביישטייערונגען פון די יוניאן קאסעס גופא, וואס דערגרייכט אין צענדליגע טויזענטע דאלארס*). זיי מאכען אויך פארשידענע אויפרופען צו די יוניאן מיטגלידער, אז זיי זאלען זיך אנשליסען אין די פרייוויליגע ארמייען פון „וואטשערס" (היטערס) אום אכטונג צו געבען ביים ציילען די שטימען, און אלגעמיין העלפען דעם וואל־קאמף פון די סאציאליסטען**).

די דאזיגע מיטווירקונג פון די יוניאן פירער איז ניט פון א צופעליגען כאראקטער: נאר דאס איז א פערמאנענטע, אפיציעלע מיטארבייטערשאפט, וואס ווידערהאלט זיך יאר איין יאר אויס ביי אלע פאליטישע וואל־קאמפען***). און כמעט אלע ארבייטער אר־

---

*) דער „פארווערטס" פון 10טען אויגוסט 1920, שרייבט: „די דזשאינט באארד פון דער „קלאוקמאכער יוניאן" און די „אמאלגאמייטעד קלאדינג וואָרקערס יוניאן" האבען געלאזט וויסען די סאציאליסטישע פארטיי, אז זיי שליסען זיך אן אן די זאמלונג פון הונדערט פופציג טויזענט דאלאר פאר די סאציאליסטישע פראפאגאנדע צום קומענדען וואל־קאמף פון שטאט נויארק".

**) די „גערעכטיגקייט" פון 10טען סעפטעמבער 1920, שרייבט: „זאלען די מיטגלידער פון אונזערע יוניאנס זיך אפרופען אלס פרייוויליגע. זאלען זיי קומען זיין די „וואטשערס" אז די שטימען זאלען ריכטיג געצעהלט ווערען. וואס מעהר אזעלכע פרייוויליגע עס וועלען זיך אפרופען, אלץ זיכערער וועט עס זיין, אז די סאציאליסטען וועלען ערווילט ווערען".

***) אין „פארווערטס" פון 30טען סעפטעמבער 1918, לעזען מיר פאלגענדעס: „יעדעס יאר העלפען די יוניאנס דעם וואל־קאמף פון דער סאציאליסטישער פארטיי. יעדעס יאר ווערען גערופען יוניאן־קאנפערענצען צו ראטיפיצירען די ס. פ. קאנדידאטען אלס זייערע קאנדידאטען. געווים, שוין לאנג צוריק, האבען אונזערע יוניאנס אויפגענומען די סאציאליסטישע פארטיי אלס דעם אויסדרוק פון זייערע פאליטישע שטרעבונגען. יעדער ארויסטריט פון דער ס. פ. איז אויך דער ארויסטריט פון די אידישע און פראגרעסיווע יוניאנס. די יוניאנס קומען מיט זייער געלט און זייערע מענשען און זייער גאנצען פרעסטיזש און שווערען געוויכט זיך צו שטעלען ביי דער זייט פון דער סאציאליסטישער פארטיי, און נעמען אויף זיין קאמף אלס זייער קאמף".

גאניזאציאנען מיט אויסנאם פון די סאמע קאנסערוואטיווע יוניאנס וואס פירען זייער אייגענע „עק פאליטיק" ביי די קאפיטאליסטישע פארטייען, באטייליגען זיך אין דיזער פאליטישער טעטיגקייט, שאפענדיג די פינאנציעלע שטיצע, אין די מערסטע פאלען מיט דעם גרעסטען ערפאלג. ווי ס'איז צו זעהן, ארבייטען דיזעביידע גרופען פירער „סאציאליסטען" און „גאמפערסיסטען", האנט אין האנט און איינע באמיט זיך דער צווייטער אפצודינען אויף א גאנץ פריינדליכען אופן פאר די געמיינזאמע אינטערעסען פון זייער פראפעסיאנעלען פירער־קלאס. ווי זאגט דארט א ווערטעל: „איין האנט וואשט די צווייטע". מערנאך, ווען די יוניאן־ביוראקראטיע, א דאנק איר זאגענאנטער פאליטישער טעטיגקייט, ערווערבט זיך די באשיצונג פון דיזע „סאציאליסטען", קען זי דאן מיט א גרעסערער חוצפה ריקזיכטלאז אנעמען די דירעקטע הילף פון די בעלי בתים, ווען ס'איז נאר נויטיג צו באקעמפען אן אפאזיציע, וואס אנטוויקעלט א צו גרויסע מאכט און באדראט די עקסיסטענץ פון דער „קליקע" אין די יוניאנס. ווייסענדיג אז דיזע „סאציאליסטען" וועלען אין זייער פרעסע ניט נאר טויט־שווייגען די רעפרעסיעס און גוואלט־טאטען וואס די יוניאן פירער באגעהן נעגען די אפאזיציאנעלע עלעמענטען, נאר זיי וועלען זיך נאך באמיען אויסצוטייטשען די דאזיגע האנדלונגען אזוי אז זיי זענען די סאמע נויטווענדיגקייט אליין אום אנצוהאלטען דעם „הונדערט פראצענטיגען יוניאניזם". און די פירער פארגינען זיך דאן אייכפאך אנצונעמען די אנגעבאטענע האנט, וואס די בעלי בתים זיינען גערייט אין געוויסע מאמענטען זיי אויסצושטרעקען, אבי צו באקעמפען און אויסצוראטען די אפאזיציעס, צוזאמען מיט די ראדיקאלע טענדענצען אין די יוניאנס. די יוניאן פירער טוען דאס דאן אויף אזא ציניש און אומפארשעמטען אופן, וואס שטייגט אריבער די גרענעצען פון פראוואקאציע און פאראט*). צו באקעמפען די ראדיקאלע

*) אין דער „ציוט" פון 8טען אקטאבער 1920 לעזען מיר פאלגענדעס: „די פיינטערס בראדערהוד" (מולארעס יוניאן) האט שוין לאנג פארדעכטיגט אז די איינגעשפארטע בעלי בתים פון דער „מאסטערס אסאסיאציע" ווערען געשטיצט פון א פאר הויפט־פירער אין „בילדינג טרייד קאנסיל". יענע ארבייטער־פירער זיינען שטענדיג געווען גרייט צו פאר־

און אפאזיציאנערען אין די יוניאנס, שטעלען זיך די פירער נישט נאר אב פאר ארגאניזירטער „סקעבעריי“ (סטרייקברעכעריי), וועלכע זיי ארגאניזירען צוזאמען מיט די בעלי בתים צו פארניכטען די קעמפענדע ארבייטער, נאר זיי שעמען זיך אפילו ניט נעמען דירעקטע פינאנציעלע שטיצע ביי די קאפיטאליסטישע אונטערנע־

ניכטען די גרויסע „פיינטערס“ יוניאן, וועמעס מיטגלידער זיי באַצייכענען אלס ראדיקאל און רעוואָלוציאָנער. עס האָט זיך אבער קיינעם נישט געגלויבט, אז די פירער פון „בילדינג טרייד קאָנסול“ זאָלען וואגען עס צו טאָן אויף אזא אומפארשעמטען וועג, ווי צו העלפען אין קריגען די דירעקטע הילף פון דער בעלי בתים אַסאָסיאציע, און צו שאַפען אן אייגענע „סקעב“ (סטרייקברעכער) יוניאָן, און אריינגעמען דיזע סטרייקברעכער אין דער משפחה פון די „בילדינג טרייד קאָנסולס“. וועגען די דירעקטע הילף וואָס די פירער נעמען פון די בעלי בתים דערוויסען מיר זיך דערפון, „וואָס די טעג האָט א גרויסע „פיינטער“ פירמע פאנאַנדערגעשיקט א צירקולאר צווישען די אַרבייטער, אָנבאָטענדיג אז זיי זאָלען אַריינטרעטען אין דער ניי־געגרינדעטער „יוניאָן“, וועלכע, ווי די פירמע מעלדעט, פארמאָגט שוין זעקס הונדערט מיטגלידער, און וואָס איז פאַרמירט געוואָרען אונטער'ן נאָמען „ניוארק פיינטער יוניאָן לאָקאל 1“.

וועגען אן ענליכען פאל שרייבט די „צייט“ פון 14טען דעצעמבער 1920 פאָלגענדעס: „אין יעדען קאמף האָבען די אָרגאניזירטע שניידער צו באַגעגענען די פאראייניגונג פון די בעלי בתים מיט די פירער פון דער „גארמענט וואָרקערס יוניאָן“. יעדעס מאָל ווען די בעלי בתים אונטערנעמען אן אַטאַקע געגען דער „אמאלגאָמייטעד קלאָדינג וואָרקערס אָף אמעריקא“ קומען די „כשר'ע פירער“ פון דער „גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן“ און שליסען א הייליגען בונד מיט זיי, צו באַקעמפען די אַרבייטער. עס איז זאָגאר באַקאנט געוואָרען דער פאקט, אז איינער פון זייערע אלטע זיילען איז איצט אָפיציעל פארבונדען מיט דער בעלי בתים אַסאָסיאציע אין קאמף געגען די שניידער.“

וועגען נאָך א פאַסירונג פון'ם זעלבען כאַראַקטער, לעזען מיר אין די „פרייהייט“ פון 18טען מאי, 1922, פאָלגענדעס: „טאָמאס הילי, דער פירער פון דער „מאַרין אינדזשינס אַסאָסיאציע“ האָט ערקלערט, אַז עס ווערט אָרגאַניזירט א פעדעראציע פון פארשידענע יוניאָנס פון די האפען אַרבייטער מיט'ן צוועק ניט צו דערלאָזען קיינע סטרייקס, ווייל די לעצטע יאָרען האָבען די האפען־אַרבייטער אָנגעפירט צופיל „אומגעזעצליכע סטרייקס און אָנגעמאכט פיל צרות די בעלי בתים. די נייע אָרגאַניזאַציע שטעלט זיך דעם צוועק, זאָגט הילי, צו באקעמפען דיזען ראַדיקאַליזם צווישען די האפען־אַרבייטער“.

מער, אויב זיי נויטיגען זיך אין דער ערשטער צייט פון זייער „הייליגען“ קאמף געגען די „רעבעלען“, וואָס וואגען ארויסצוטרעטען קעגען זייערע „אידעאלע פרינציפּען“ פון גאָמפּערסיזם. אין געגענטייל, זיי פאַרבאַרגען גאַר נישט פאַר די מיטגלידער, אַז זיי ווערען געשטיצט פון די קאַפּיטאַליסטען און געהן אריין אין די „אפּיסעס“ (ביוראָס), וואָס זיינען געדונגען פון די בעלי בתים*).

ווי ס׳איז צו זעהן פון די אַנגעגעבענע פאַקטען, זיינען עס צוויי קוואַלען פון וואַנען עס ציען זייער יניקה די „קליקעס“ אין דער יוניאָן־באַוועגונג. פון איין זייט ציט זי די דירעקטע און אומדירעקטע מאַטעריעלע הילף פון די קאַפּיטאַליסטען און פון דער צווייטער זייט ציט זי איר מאָראַליש־גייסטיגע שטיצע פון אלערליי קליינבירגערליכע ליבעראַלען, בורזשואזע רעפאָרמערס, געלע „סאַציאַליסטען“, „אַנאַרכיסטען“ און אַנדערע פּראָפעסיאָנאַלע „אינטעליגענטען“ וועלכע זיינען די איבערגעגעבענע לאַקייען ביי די קליקעס און האָבען זיך געשטעלט פאַר זייער אויפגאַבע צו פאַרדעקען אַלע געמיינהייטען, וואָס די יוניאָן פירער באַגייען אַנטקעגען די ארבייטער מאַסען. דורך דיזע מאָראַלישע באַשיצונג מצד פון די דאָזיגע „ארבייטער פריינדליכע“ און „אידעאַלע אַפּאָסטאַלען“, געלינגט עס דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע נאָך טיפער די ארבייטער גייסטיג צו פאַרקריפּלען און אריינצוברייגען אַזאַ שעדליכע

---

*) אין „פאָרווערטס“ פון סוף סעפּטעמבער 1917, שרייבט די „יונייטעד שו וואָרקערס יוניאָן“ אין איר אפּיל צו די שיך־אַרבייטער ווי פאָלגט: „די איצטיגע הויפּט צרה מיט די שיך־אַרבייטער פון נויאָרק, ספּעציעל פון ברוקלין איז, וואָס איצט — אַזוי ווי אלע מאָל — איז ווידער אונטערגעשפּרונגען א נייע „יוניאָן“. מיר מיינען, די „גודזשער יוניאָן“, צו וועלכער די בעלי בתים שיקען די ארבייטער. די שיך־אַרבייטער דארפען וויסען און פאַרשטעהן, אַז ווען די בעלי בתים שיקען אַזוי לייכט און מיט אַזאַ חשק זייערע אַרבייטער צו א יוניאָן, איז דאָס ניט גלאַט אוים ליבע אָדער אוים איינפאַכער אנערקענונג צו איהר“. דער פאַקט אָבער איז, אַז דער „אָפּיס“, וואוהין די בעלי בתים האָבען געשיקט די שיך־אַרבייטער נאָך „יוניאָן“־ביכלאך, וואָס האָט זיך געפונען אין וויוועריל גאַס, ברוקלין, ניו יארק, איז אָפּגעדונגען געוואָרען פון די בעלי בתים. דער פאַקט איז געוועזן אלגעמיין באַוואוסט צו די שיך־אַרבייטער פון פאַך.

דעמאראליזאציאָן אין די רייען פון די מאסען, אַז די אַקטיווע מיט־גלידער ווערן מ׳טושטש און קענען זיך קוים פאנאנדערקלייבן, ווער ס׳זיינען זייערע פריינד וואס שטייען צום דינסט פאַר דער אַרבייטער זאַך און ווער די שונאים. דאַריבער גײט אזוי לאנגזאם צו דער קריסטאליזירונגס־פּראָצעס אין דער אַרבייטער־באַוועגונג פון אַמעריקאַ, וואס זאָל אויסרייניגן די יוניאנס פון די אָפּאָרטוניסטישע פארפירער און אָפּזונדערן די אידיאלע און איבערגעגעבענע טוער, אזוי אַז די מאסען זאָלן וויסן אויף וועלכע וועלט זיי געפינען זיך.

צוליב די דאָזיגע אומנאָרמאַלע באַדינגונגען — ווי איך האָב אנגעוויזן אין דיזן בוך, — וואס האָבן זיך אנטוויקעלט פאַר יאָרן לאַנג אין די אַמעריקאַנישע יוניאָנס זיינען אנטשטאַנען אַזעלכע שווערע, נישט גינסטיגע אומשטענדן, אַז עס איז שווער און עס נעמט לאַנג אָפּצוראַמען דעם שטיינערנעם באָדן און מאַכן פּלאַץ פאַר א געהעריגע אָפּאָזיציאָנס־מאַכט, וואס זאָל זיין אין אמת׳ן בכח איבערצונעמען די לייטונג פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג, אונטער דעם קאָנטראָל און מיטאַרבייטערשאַפט פון די אַרבייטענדע מאסען. עס וועט אבער סוף כל סוף געשאַפן ווערן יענע מאַכט פון אויסגעפּרואווטע, אומערשראָקענע, אומאָפּהעניגע קעמפער, וואס זאָלן זיין גרייט מיט זעלבסטאָפּפערוויליגקייט, אוועקצושטעלן די יוניאָן־באַוועגונג אויף דעם אידעאַלן הויך פון אינדוסטריעלן, דעמאָקראַטישן יוניאַניזם, וואו ס׳זאָל אויסגעשמידט ווערן א פאַראייניגטע, סאָלידע, פּראָלעטאַריער־אַרמיי, אזוי אַז די מיטגלידער זאָלן אויפנעמען די שווערע, טאָגטעגליכע קאַמפן אויף אַזא רעוואָלוציאָנערן, צילבאַוואוסטן אופן, וואס ס׳זאָל ערציען און אויסמושטירן די עקספּלואַטירטע און אויסגעבויטעטע לוין־שקלאַפן אין קאַמפס־לוסטיגע, קאַמפס־באַרייטענדע באַטאַליאָנען, וואס וועלן זיין ראוי אויפצונעמען די אנטשיידענדע שלאַכטן פאַר די ענדליכע באַפרייאונג פון אַרבייטער־קלאַס, אין דעם קלאַסישן לאַנד פון אַמעריקאַנער רויבערישן קאַפּיטאַל.

ווי שווער און פול מיט אָפּפער דער רייניגונגס־פּראָצעס גײט צו, פונדעסטוועגן איז פאַרט אנטשטאַנען, ספּעציעל פאַר דער לעצטער צייט נאָך דער וועלט־מלחמה פון 1914־18, א ברייט־פאַר־

צווייגטע און מעכטיגע אָפּאָזיציאָנס־באַוועגונג אין דער ברייט און אין דער טיף, וואָס האָט זיך גענומען צו באַקעמפן אויף פאַר־שידענאַרטיגע אָבער קרעפטיגע אופנים דעם גאָמפּערסיסטישען פאַר־דאַרבליכען, אָפּגעלעבטען יוניאָניזם אין אַמעריקאַ. זי האָט באַפרוכט די אַרבייטערמאַסען מיט נייע אידעען, און האָט זיי אָנגעוויזען נייע, רעוואָלוציאָנערע מעטאָדען אין זייער טאָפּעלטען קאַמף: סיי גע־גען דעם אייביגען שונא — קאַפּיטאַל און סיי געגען זייער אינער־ליכען פיינד — דעם ביוראָקראַטיזם אין די יוניאָנס. זי האָט דורכ־געבראָכען אַלע הינדערניסע לאַנגזאַם אָבער זיכער אויפ׳ן וועג צום ערפאָלג, ווי מיר וועלען דאָס אויפצייגען אין נעקסטען און אין לעצטען קאַפּיטעל.

פערטער קאַפּיטעל.

די אנטשטייאונג פון אָפּאָזיציעס און זייער ווירקונג אויף די אַמעריקאנער יוניאָנס.

ווען איר בלעטערט דורך די געשיכטע פון דער אמעריקאנישער ארבייטער־באוועגונג, וויקעלט זיך פאר אייערע אויגען פאנאנדער א פּאנאָראמע פון אינערליכע מלחמות און צוזאמענשטויסונגען צווישען די פּראגרעסיווע און רעאקציאָנערע כחות אין די יוניאָנס וואָס האבען קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער־באוועגונג איבער דער גאנצער וועלט. די דאָזיגע קאמפּען זיינען נישט קיין רעזולטאטען בלויז פון קאנקורירענדע געגענזעצליכע אָפּאָזיציע־יוניאָנס, נאָר דיזע קאָנפליקטען זיינען כראָנישע ערשיינונגען, וואס קומען פאר צווישען די פארטשריטליכע און פינסטערע עלעמענטען דוקא אין די אייגענע ארבייטער־ארגאניזאציעס גופא. ספּעציעל זינט דעם יאהר 1881, ווען די „אמעריקאן פעדערייש‍אָן אָף לייבאָר" איז אנטשטאנען אלס א קאנקורענץ צו די „נייטס אָף לייבאָר" (ריטער פון ארבייט) וואָס האָבען עקזיסטירט אין דער פּעריאָדע פון 1869—1894, האָבען ניט אויפגעהערט צו ברויזען די אינערליכע שטרייטיגקייטען צווישען די ראדיקאַלע, אַקטיווע ארבייטער און דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע.

דער קאמף צווישען דיזע צוויי פארשידענע עלעמענטען וואָס געהט אייביג אָן, ווערט געפירט אויף דעם יסוד פון צוויי געגענזעצליכע וועלטאנשויאונגען. דאָס איז קודם כל דער קאמף קעגען דעם זומפּיגען באָדען פון דעם אמעריקאנער פאָך־יוניאָניזם מיט זיין „קאָנטראקט־סיסטעם" פון „פרייער ליבע" צווישען קאַפּיטאַל

און ארבייט וואָס איז עטאַבלירט געוואָרען אין דער „אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָף לייבאָר" פונ'ם ערשטען טאָג פון איר געבורט און וואָס ווערט אַזוי שטאַרק פאַרטיידיגט פון דער ביוראָקראַטיע, און באַקעמפט פון די „ריינק ענד פייל". אַחוץ דעם אבער זיינען עס די אומדעמאָקראַטישע פירונגען אין די יוניאָנס, אין די אוממענש־ליכע באַציאונגען צו די ארבייטער וואָס זיינען געוואָרען אַזוי צו־ווידער פון יעדען מענשענווירדיגען יוניאָן־מאַן, אַז דאָס אליין איז גענוג ארויסצורופען שטענדיג די שאַרפסטע געגנערשאַפט וואָס אקומילירט ביסלאַכווייז דעם צאָרן אין און אויפברויזענדע פּראָטעסט באוועגונג וואָס נעמט אָן די פאָרמען פון א פיינדליך־אינערליכער אָפּאָזיציע צו דעם ביוראָקראַטיזם אין די יוניאָנס.

אמת איז, אַז אונטער'ן דרוק פון דער ביוראָקראַטישע צענט־ראַליזאַציע וואָס הערשט אינ'ם ווירקליכען לעבען פון דער אַמע־ריקאַנער ארבייטער־באַוועגונג מיט דער ווילקירליכער מאַכט פון מאַשין־פּאָליטיק און טעראָר, ווערט טאַקי אין געוויסע מאָמענטען אונטערדריקט יעדער עפענטליכער ארויסטריט פון די אָפּאָזיציעס און די ארבייטער ווערען געצוואונגענערהייט אויף א געוויסע צייט שטיל און פאַרשטומט. אָבער דאָס איז נאָר א „שטילקייט פאַר א שטורם". עס געהט נאָר אוועק א שטיקעל צייט און א נייער פּראָ־טעסט אָדער אינערליכער רעוואָלט ברעכט אויס געגען די אוטאָ־קראַטישע פאַראַנדקעס נאָך מיט א שטאַרקערען אימפּעט, אַזוי אַז ס'נעמט ביי די מאַשין אוועק פיל מער ענערגיע און צייט אום איר צו דערשטיקען.

אַלזאָ, די דאָזיגע אינערליכע שטרייטיגקייטען קען מען קיינמאָל נישט צושרייבען צו „פּראָפעסיאָנעלע קיקערס" צוליב עגאָ־איסטישע רייבונגען פון איין און דעמזעלבען עלעמענט וואָס אַר־בייט בלויז פאַר'ן צוועק צו פאַרכאַפּען די מאַכט אין די יוניאָנס. ניין, דאָס זיינען צוזאַמענשטויסען וואָס וואַקסען ארויס א דאַנק דעם טיפען תהום וואָס ליגט אויסגעשפּרייט צווישען די „ריינק ענד פייל" און דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע. און דיזע קאַמפּען וועלען אַזוי לאַנג פאָרקומען ביסקעלוואַנען עס וועט אַריינטרעטען א ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער סטרוקטור פון די פאַך־יוניאָנס פאַר א ברייטער,

מעגליכקייט פאר די מאסען־זעלבסטטעטיגקייט און וואס וועט אוועק־מאכען מיט די רעאקציאָנערע, וואקלענדיגע מעטאדען אין קאמף מיט די קאפּיטאליסטען. איך רייד שוין נישט פון דער גרויסער און באשטימט אויסגעקריסטאליזירטער אָפּאָזיציאָנס־באוועגונג אין דער פארמע פון די „איי־דאָבעליו־דאָבעליו", וועלכע איז צום לע־בען געקומען אין יאר 1905. גוט אָדער שלעכט, די „איי־דאָבעליו־דאָבעליו" אלס א קאמף־ארגאניזאציע, אין געגענזאץ צום רעאק־ציאָנערען גאָמפּערסיזם, איז דער שטארקסטער אויסדרוק פון אָר־גאניזירטען פּראטעסט מצד דעם פּראטעטנעם אמעריקאנער פּרא־לעטאריאט געגען דער קללה פון פאך־יוניאָניזם. די דאזיגע מאכט־פולע גרויסע אָפּאָזיציאָנס־ארגאניזאציע וועלכע איז, ווי עס מוז צו איר קרעדיט געזאגט ווערען אויפ'ן באדען פון א קרעפטיגען, פּרינציפּיעלען קאמף געגען די רעאקציאָנערע, אָפּגעלעבטע פארמע פון פאך־יוניאָניזם פון „א. פ. אָ. ל." איז אימער געשטאנען אין פראנט איז אבער נישט די איינציגע געגנערישע קראפט וואס האט זיך פארמאסטען צו פירען אן אָפענעם קאמף מיט דעם אלטען און אָפּגעלעבטען אין דער יוניאָן־באוועגונג פון אמעריקא. ווען מיר קוקען אריין טיפער אינ'ם לעבען פון דער ארבייטער־באוועגונג, זע־הען מיר ווי עס ברויזט אן אומאויפהערליכער אינערליכער קאמף וואס פארנעמט וואס ווייטער אלץ א ברייטערען פעלד, און וואס פאנגט אן צו ווערען א געפאר פאר דער „קליקע"־הערשאפט פון דער יוניאָן־ביוראָקראטיע.

די בעסטע ביישפּילען פון דיזער אלץ שטייגענדער אָפּאָזיצי־אָנס־שטימונג זיינען די צאָלרייכע „פּראָפּאָגאנדא־ליגס", „יונייטעד לייבאָר קאָנסולס", „בילדונגס־פעראיינען" און דער „אנארכיסטי־שער טרייד יוניאָן פארבאנד" וואס האבען די לעצטע צייטען אויס־געשפּרייט א ברייטע נעץ אין די אמעריקאנישע יוניאָנס, ספּעציעל אין די אידישע, און וואס האבען אן אלגעמיינע און אויסשליסליכע אויפגאבע צו „בויערען פון אינווייניג", און דאס מיינט פון די סאַ־מע ווארצלען אונטערצוגראבען דעם פונדאמענט פון דער רעאקציאָ־נערער ביוראָקראטיע, צוגרייטענדיג א באדען פאר נייע אידעען פון רעוואלוציאָנערען יוניאָניזם וואס ברענגט גוטע פרוכט, און צווינגט פילע פאך־יוניאָנס צו „אמאלגאמיישאָן" און „אינדוסטריא־

ליזם".*) נאטירליך, אין דעם פולסירענדען לעבען פון דער אָרגאניזירטער ארבייטערשאפט מיט צאָלרייכע מאסען פון מיליאָנען ארבייטער מיט זייערע פארשידענע אומשטענדען און כאראַקטער מוז אויך דער קאמף אָננעמען פארשידענע פאָרמען, זיך צופּאסענדיג צו יעדער באזונדערער אומגעבונג און ארטיגע אומשטענדען. אזוי למשל, אין דער יוניאָן קעמפען די ראדיקאלע ארבייטער געגען דאָס אויפגעבען פון דער אומאפהענגיגקייט פון דער אָרגאניזאציע צו די

*) אין די „פרייהייט" פון 23טען מאי 1922, לעזען מיר פאָלגענדעס: „אין דאלאס, טעקסאס, איז ניט לאנג אָפּגעהאלטען געוואָרען די קאָנווענשאָן פון דער „בראָדערהוד" פון באן און שיף און פראכט ארבייטער. די קאָנווענשאָן האָט זיך געשטעלט אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון אינדוסטריעלען יוניאָניזם און האָט אָנגענומען צוויי רעזאָלוציעס וועגען דעם. איין רעזאָלוציע פאָדערט צו פאראייניגען אלע אייזענבאן „בראָדערהודס" און טראנספּאָרט ארבייטער אין איין גרויסע יוניאָן, און א צווייטע רעזאָלוציע זאָגט זיך אַרויס פאר אינדוסטריעלע יוניאָנס אין דער גאנצער אמעריקאנער ארבייטער־באַוועגונג, אנשטאָט די איצטיגע פאך־יוניאָנס.

וועגען אן ענליכען פאקט לעזען מיר אין דער „פרייהייט" פון 6טען אויגוסט, 1922, פאָלגענדעס: „נעכטען האָט זיך פאַרענדיגט די ערשטע פאראייניגונגס קאָנווענציע פון די טעקסטיל יוניאָן פון אמעריקא אין ניו יאָרק. די דעלעגאטען וואָס האָבען פארטראָטען איבער הונדערט טויזענט מיטגלידער פון די פאָלגענדע ניין (9) יוניאָנס, ווי די אמאלגאמייטעד טעקסטיל וואָירקערס, אמעריקאן אַסאָסיאיישאָן טעקסטיל קאָרפּאָריישאָנס, אַרט וואָירקערס, אמאלגאמייטעד ליעס אפּעריטאָרס, באדי בריסעלס וויווער אַסאָסיאיישאָן, אינטערנעישאָנאל ספּינערס יוניאָן, אמאלגאמייטעד ניטגודס וואָירקערס יוניאָן, לום פיקסערס נעישאַנאל אסאָסיאיישאָן, פילאדעלפיע לום פיקסערס יוניאָן, זיינען זיך צוגאַנגען, פילענדיג אז עס איז געלייגט געוואָרען א פונדאמענט פאר איין גרויסער יוניאָן וואָס זאָל אָרגאניזירען און באַשיצען די אינטערעסען פון דעם קרוב צו א מיליאָן ארבייטער פון דער טעקסטיל אינדוסטריע אין אמעריקא".

„די ניועס, שרייבט די „פרייהייט" פון 8טען יולי 1922, איז ערפרייענד דערמיט, וואָס דאָס איז שוין דער צווייטער פאַל היינטיגען זומער וואו יוניאָנס פאַראייניגען זיך. די ערשטע זיינען געווען די פארשידענע שוך־אַרבייטער יוניאָנס, וואָס האָבען זיך אָרגאַניזירט אויף די פאראייניגונגס־קאָנווענציע אין מאי 1922 אין באָסטאָן, אונטער דעם נאָמען „די אמאלגאמייטעד שו וואָרקערס אָף אמעריקא".

בעלי בתים מצד פון די פירער, און זיי זוכען אינגאנצען אראפצו־
ווארפען די דאזיגע פירער פון זייער גדולה אלס פארשטעהער און
פארקעמפפער פאר דער ארבייטער זאך, וועלכע זיי פאראטען ווי
דאס איז געווען דער פאל אויף דער קאנווענציע פון דער „אינטער־
נײשאנאל ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן“ אין יאר 1914*).
קומט אבער אין אזא יוניאן וואו די „מאשין“ איז אזוי איינגע־
פונדעוועט, די פירערשאפט אזוי קארופט, אירע מיטלען אזוי גרוי־
זאם און נידעריג, אז די מאסען קענען געגען די פארפאלגונגס־פא־
ליטיק און טיראניי „געזעצליך“ דורך א וואל־קאמף זיך נישט העל־
פען, דאן ווענדען די ארבייטער אן, צו דער אלגעמיינער פארוואונ־
דערונג, דיזעלבע מיטלען אין קאמף געגען דער ביוראקראטיע, וואס
זיי ווענדען אן געגען אלע באדריקער פון זייערע פאליטישע פריי־

*) די „נייע פאסט“, אפיציעלער ארגאן פון דער „קלאוקמאכער יוניאן“
פון 19טען יוני 1914, שרייבט פאלגענדעס: „דער דעלעגאט פון דער
„ריפער מאכער יוניאן“ לאקאל 17, וועלכער האט געהאלטען די שטארקס־
טע פארטיידיגונגס רעדע פאר דער אלטער אדמיניסטראציע פון דער „אינ־
טערנײשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן“ האט גלייך אין אנ־
פאנג פון זיין רעדע ערקלערט, אז ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער איז
אן אנהייגנער פון די אלטע באאמטע, וועט ער דאך שטימען געגען זיי,
ווען זיין וועלען בעשליסען צו בלייבען אין אמט, ווייל ער איז א פאר־
טרעטער פון די ארבייטער וואס האבען אים געשיקט צו דער קאנווענציע
אויסצופירען דעם וואונש פון די וואס האבען אים געשיקט, און ער
ווייסט אז די מאסען זיינען געשטימט געגען די אלטע בעאמטע“. דיזע
רעדע האט כאראקטעריזירט די לאגע ווארום דער אויסגאנג פון די וואה־
לען האט עס קלאר געצייגט, אז די אלטע אדמיניסטראציע האט געכאפט
אזא מפלה, אז די גרעסטע מאיאריטעט מיט'ן פרעזידענט און סעקרעטער
זיינען דורכגעווארפען געווארען פון די דעלעגאטען, וועלכע זיינען גע־
ווען געבונדען דורך א פארפליכטונג צו די ארבייטער“.
אינטערעסאנט איז אויך צו ברענגען דעם פאלגענדען אויסצוג פון
דער „פרייע ארבייטער שטימע“ פון 12טען יוני 1920, וואס לויטעט ווי
פאלגט: „מארסען סקאט איז דורכגעפאלען אלס פרעזידענט פון דער „אינ־
טערנײשאנאל טיפאגראפיקעל יוניאן“ (שריפטזעצער פארבאנד), מאק־
פארלאנד, דער ליבלינג פון דער „רענק ענד פייל“ איז ערוויילט געווארען
מיט 25,905 שטימען. די מפלה פון מארסען סקאט איז די מפלה פון
דער מורא'דיגער מאשין וואס איז זייט יארען אנטוויקעלט געווארען אין
דיזער „אינטערנײשאנאל טיפאגראפיקעל יוניאן.“

הייטען און געגען דער עקאָנאָמישער שקלאַפעריי, נעמליך דעם אַל־
טען אויסגעפּרובירטען מיטעל פון סטרייק.*) א שאַד כ׳לעבען.
וואָס דער דאָזיגער קאמף־מיטעל ווערט נישט פּאָפּולער ביי די אַר־
בייטער, אַז זיי זאָלען זיך וואָס אָפטער באנוצען מיט אים. ווארום
אויב דער דאָזיגער מעטאָד איז גוט געגען די בעלי בתים, טאָ פאר־
וואָס זאָל ער נישט זיין גוט קעגען זייערע טרייסטע משרתים פון
דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע ? אין געגענטייל, ווען דאָס וואָלט גע־
ווען דער פאַל, דאַן, שיינט מיר, וואָלט עס זיכער פיל אָפּגעשוואכט
די זעלבסטהערשאפט פון דער ביוראָקראַטיע און נעבראַכט די יו־
ניאָן־באַוועגונג צו יענער שטופע פון געזעלשאַפטליכער פאראנט־
וואָרטליכקייט, צו וועלכער אַן אמת׳ע ארבייטער־אינסטיטוציע איז
באַרופען צו זיין.

אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין, ווייזען אַלע סימנים, אַז די
אָפּאָזיציאָנעלע באַוועגונג דרינגט וואָס ווייטער אַלץ מער דורך אויך
די צוריקגעשטאַנענסטע ארבייטער־באַוועגונג פון דער וועלט — די
אַמעריקאנער יוניאָן־באַוועגונג — און כאַפּט ארום ניט נאָר איינ־
צעלנע לאָקאַלע יוניאָנס אָדער גרופען פון ארבייטער אין די ראַמען
פון דער אָפיציעלער באַוועגונג, זאָנדערען עס ווערען אויך פיל מאָל
אריינגעצויגען גאַנצענע אינטערנאַציאָנאַלע פארבאַנדען מיט זייערע

*) אין דער „פרייער ארבייטער שטימע“ פון 29טען מאַי 1920 לע־
זען מיר פאָלגענדעס: „ווען די יוניאָן־באַאַמטע האָבען אויסגעשלאָסען
פון דער אָרגאַניזאַציע א דוצענט ווידערשפּעניגע מיטגלידער און זיי ענט־
זאָגט פון דאָס רעכט צו ארבייטען, האָבען די ארבייטער פון דער „מילך
דרייווערס יוניאָן“ ערקלערט א גענעראַל סטרייק, וואָס האָט פּאַראַליזירט
דעם גאַנצען מילך־פּאַרקער אין נויאָרק. די אַרבייטער האָבען געפאָ־
דערט, אַז די אַנטזאָגטע מיטגלידער זאָלען צוריק אָנגעשטעלט ווערען אויף
זייערע פּלעצער, און אַז אַלע בעאַמטע פון די לאָקאַלע יוניאָנס זאָלען באַ־
שטראָפט ווערען, דאַן וועלען זיי זיך צוריקקערען צו דער ארבייט, און
דאָס האָט געווירקט: דער „אומגעזעצליכער“ סטרייק איז אין צוויי טעג
צייט געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג, און די פינף טויזענט „סטרייקער“
האָבען זיך צוריקגעקערט צו דער ארבייט, נאָכדעם ווי דער וויצע פּרעזי־
דענט וויליאם קעהא פון דער „אינטערנעישאָנאל בראָדערהוד“ האָט איינ־
געוויליגט אויפצונעמען אַלע קלאַגען געגען די באַאַמטע פון לאָקאַל יו־
ניאָן נומער 584“.

יענדליגע טויזענדע אָרגאַניזירטע ארבייטער אין קאמף פאר אמת'ע דעמאָקראַטישע פרייהייט אין די יוניאָנס. אזוי למשל האָט דער דרוק פון די מאסען אויסגעאיבט זיין געוויכט, אז די „אמאלגאמייטעד מעטאל וואָרקערס אָף אמעריקא" וועלכע בעשטעהט פונ'ם אָפגעשפּאָלטענעם טייל פון דער „אינטערניישאָנאל אסאָסיאיישאָן אָף מאַשיניסטס" און דער „בראָדערהוד אָף מעטאל וואָרקערס" זאָלען זיך אָפּטיילען פון דער אָפיציעלער באַוועגונג און בילדען א מעכטיגע אינטערנאַציאָנאלע אָפּאָזיציע־יוניאָן אין דיזער אינדוסטרי. דעסגלייכען איז דער פאל מיט אנדערע יוניאָנס, ווי די „וועסטערען פעדעריישאָן אָף מיינערס", אָדער אפילו „די יונייטעד שוה וואָרקערס אָף אמעריקא". איבעריגענס וואָס איז מכח דער „אמאָלגאָמייטעד קלאָדינג וואָרקערס אָף אמעריקא?" צי קען מען ז. אויך ניט צורעכענען פאר איינע פון יענע אינטערנאַציאָנאלע אָפּאָזיציאָנס יוניאָנס וואָס האָבען זיך אָפגעשפּאָלטען פון דער „אמעריקאָן פעדערייאָן אָף ליבאָר" אין 1914? דער פאקט איז דאָך, אז זי ווערט נאָך דערפאר ביז היינטיגען טאָג באַטראַכט פאר ניט „כשר" אין דער „אָפיציעלער" באַוועגונג און ווערט אלס אזעלכע באַהאַנדעלט און באַקעמפּט!

אָט די דאָזיגע אינטערנאַציאָנאלע פארבאנדען, וועלכע שטעהען אויסערהאלב דער אָפיציעלער באַוועגונג, האָבען שוין אויפגעטאָן איין גוטע זאָך מיט דעם וואָס זיי האָבען אוועקגעמאכט מיט דעם שעדליכען פאראורטייל וואָס מען האָט געזוכט איינצופלאַנצען, אז עס איז ניטאָ קיינע אויסזיכטען ווען עס איז צוצוברעכען דעם רוקען־ביין פון דער „אַמעריקאַנער יוניאָן־ביוראָקראַטיע" און אויפבויען א וועלכע ס'איז ממשות'דיגע אָפּאָזיציאָנס־באַוועגונג געגען דער שטאַרקער און מעכטיגער „מאַשין" פון דער „אמעריקאָן פעדערייאָן אָף ליבאָר". מיר זעהען דאָך פונדעסטוועגען אז עס איז שוין אזוי ווייט דערגאַנגען און אין די לעצטע צייטען איז שוין אפילו רייף געוואָרען דער באָדען צו גרינדען אן אלגעמיין נאַציאָנאלען פארבאנד אין קאָנקורענץ צו דעם גאָמפּערסיסטישען פארבאנד. די „אַמעריקאָן ליבאָר אלייענס", אָדער לעצטענס די „טרייד יוניאָן עדיוקיישאָנאל ליעג" וואָס האָט פאר אירע רעוואָלו־

ציאָנערע אויפגאַבען ווי אירע גרונד־פּרינציפּען שרייבען פאָר*):
„אָפּצושאַפען דאָס קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם דורך דער אויפשטע־לונג פון אַן ארבייטער סאָוועטען־רעפּובליק, צו פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון די ארבייטער אין זייער קלאַסען־קאַמף, און צו באַקעמפען די רעאַקציאָנערע פּאָליטיק אין דער אַמעריקאַנער אר־בייטער באַוועגונג" א. ד. ג. ווען מיר זאָלען נאָך צורעכענען די ארבייטער רעוואָלטען אין דער פאָרמע פון נישט כשר'ע סטרייקס, ווי נעמען „וואַקאַציע", ווי די ארבייטער רופען עס, דורך אזעלכע ריזיגע אָרגאַניזירטע מאַסען און די שליסעל אינדוסטריעס פון לאַנד, ווי די אייזענבאַן ארבייטער, מינען גרעבער, „יאַרדס" ארבייטער און האַרט ארבייטער, פון יאָר 1919-20 ווי איך האָב שוין אַנגעוויזען, וועט דאָס בילד זיין פאַרפול. און מען קאָן מיט זיכערהייט באַהויפּ־טען, אַז דאָס אייז פון דער רעאַקציאָנערער יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקא איז שוין געבראָכען.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. צו דעמאָנסטרירען דעם אָפּאָ־זיציאָנס־גייסט וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אויסצובילדען אין דער אַמעריקאַנער ארבייטער־באַוועגונג, וואָס איז געוואָרען די טרייד־קראַפט און באַוועגט די ארבייטערשאַפט אין דער ריכטונג פון רע־וואָלוציאָנערען יוניאָניזם, איז דער בעסטער באַווייז די ווייט פאַר־צווייגטע באַוועגונג אין די רייען פון „דער ראַנק ענד פייל" און פילע אַמעריקאַנער יוניאָנס — פאַר די „שאָפּ דעלעגאַטען סיסטעם". די דאָזיגע שאָפּ דעלעגאַטען באַוועגונג, — וואָס איז אויך איינע פון די גרויסע רעזולטאַטען פון דער וועלט־מלחמה פון 1914-18 און פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע פון 1917, האָט אין זיך ניט נאָר יענע פענאָמינעלע, גרויסאַרטיגע איינגענשאַפטען פון רע־וואָלוציאָנערען יוניאָניזם וואָס באַפרידיגט יעדע אָפּאָזיציע פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען, זאָנדערען דאָס דאָזיגע „שאָפּ דעלעגאַ־טען סיסטעם" איז איינע פון די מאָדערנסטע און רעוואָלוציאָנערס־טע פאָרמען פון ארבייטער־יוניאָניזם וואָס איז לויט איר סטרוק־טור, טאַקטיק און ציל די נייע וועלטאַנשויאונג אין עקאָנאָמישען קאַמף פון ארבייט געגען קאַפּיטאַל און וואָס וועט זיכער פאַרנעמען

*) „עמעס" פון 12טען אויגוסט, 1922.

דעם פלאץ פון די אלטע פארשימעלטע פארמען פון גאמפערסיזם אין אמעריקא און פון קאנסערוואטיווען יוניאניזם... פון געלען אינ־טערנאציאנאל. אז דאס דאזיגע שאפ־דעלעגאטען־סיסטעם אנט־האלט אלע עלעמענטען פון רעוואלוציאנערען עקאנאמישען קאמף; אז זיין סטרוקטור אין פארמע פון ארגאניזאציע איז געבויט אויף דעם פרייהייטליכען באדען פון דעצענטראליזאציע וואס ווערט צו דער זעלבער צייט אויסגענוצט אויף דעם קאמף־אופן, א דאנק זיי־נע אינדוסטריעלע ליניעס, אין קאמף געגען די קאפיטאליסטען, און איז צוגענגליך און ניט אין ווידערשפרוך צו אלע רעוואלוציאנערע גרופען און פארטייען פון אלע ריכטונגען. דאס אלץ צייגט דער פאקט אז אלע: די אנארכיסטען,*) אינדוסטריאליסטען און קאמו־ניסטען ביז די רעוואלוציאנערע יוניאניסטען האבען אדאפטירט דאס שאפ דעלעגאטען סיסטעם אלס די מעגליך־בעסטע ארבייטער ארגאניזאציע וואס איז בכח דורך אירע דעמאקראטישע איינריכ־טונגען און רעוואלוציאנערע יוניאן פרינציפען**) אריינצוציען די

*) לעזט דעם באניפעסט פון דער אנארכיסטישער קאנווענשאן אין פילאדעלפיע אין יאר 1921, און דעם באריכט פון ר. ראקער, פון אינ־טערנאציאנאלען אנארכיסטישען קאנגרעס אין בערלין, דייטשלאנד, אין דער „פרייע ארבייטער שטימע" פון 1טען מערץ, 1922.

**) אין מאנאטליכען בולעטין פון יאר 1921, ארויסגעגעבען פון די שאפ דעלעגאטען ליג פון די „לידים גארמענט אינדוסטריע" לעזען מיר פאלגענדע פרינציפען ערקלערונג:

„דיזע ארגאניזאציע האט זיך געשטעלט פאר איר ציל הויפטזעכליך צו פראפאגאנדירען די אידעע פון שאפ־דעלעגאטען סיסטעם. דאס מיינט, אין קורצע „טעזיסען" אט וואס:

1) איבערצובויען אין די ראמען פון די יוניאנס, די ארבייטער ארגאניזאציעס, אויף אינדוסטריעלע יסודות, וואס זאל אפראמען די קינסטליכע פארצאמונגען פון לאקאלס און לאקאלאך, וועלכע צושפליטערען די כוחות פון די ארבייטער אין קאמף קעגען די קאפיטאליסטען.

2) אויפצובילדען קאמפס־ארגאניזאציעס, וואס זאלען געבויט ווע־רען דורך די ארבייטער פון פאבריק, וועמעס פארשטייער, די שאפ דעלע־גאטען און שאפ־קאמיטעס, זאלען ווערען דער אוואנגארד פון די מאסען, כדי סאלידאריש זיך צו באטייליגען אין די טעגליכע פראגען און סכסוכים מיט די בעלי בתים, אונטער דער קאנטראל פון דער ארגאניזא־

ברייטסטע מאסען אין דער אַקטיוויטעט פאַר דער אַרבייטער באַוועגונג און דערמיט אויסצובילדען זייער קלאַסענבאַוואוסטזיין אלס אַוואַנגאַרד און עקאַנאָמישען קאַמף געגען די עקספּלואַטאַציע און אויסבייטונג פון די קאַפּיטאַליסטען.

עס איז אויסער די גרענעץ פון דיזען בוך, אַז איך זאָל טעאָרעטיש דורך א ברייטען אַנאַליז אַרויסברענגען און ווייטע דעטאַלען דעם געבוי, די טאַקטיק און ציעל פון דעם שאָפּ דעלעגאַטען סיסטעם אלס אַ געגענזעצטע וועלטאַנשויאונג, פּאַראַלעל צו דעם פאַר־יוניאַניזם פון דער פאַרגאַנגענהייט... וואָס איך האָב באַצוועקט מיט דעם אויפוואַרפען די אויבען אַנגעגעבענע שטריכען פון דער דאָזיגער שאָפּ־דעלעגאַטען באַוועגונג, איז נאָר אַרויסצוברייגען דעם פאַקט פון איר אָפּאָזיציאָנעלער אַנטשטעהונג אויס דער פאַרגליווערענדער יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקאַ, און אָנצייגען אויף אַט דער באַוועגונג וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט ווי א וואַלד־פייער פון איין עק לאַנד ביז׳ן צווייטען, וואו עס זיינען נאָר פאַראַן אָרגאַניזירטע אַרבייטער, ווי למשל: בוי־אַרבייטער אין סאַן פראַנציסקאָ, אין דער וועסט, אָדער ביי די מעטאַל־אַרבייטער פון דער איסט; אָדער ביי די נאָדעל־אַרבייטער פון די נאָרד.*) דאָס צייגט אַז עס

ציע. דאָס איז געצילט צו באַזייטיגען די מעגליכקייט פון ביוראָקראַטיזם, וואָס האָט זיך נאַטירליכערווייזע אַנטוויקעלט א דאַנק דעם פּראָפעסיאָנעלען קלאַס פון באַאַמטענטום מיט זייערע „קלאַסענאינטערעסען“ און ריזיגען קאָסט פון גוט באַצאָלטע סאַלאַרים, אַפּ... עס, און ...נוצעליגע קלויקס.

3) אָפּצושאַפען די פאַרהייליגונג פון די „קאָלע... ...אגריי...“ אלס א שטענדיגע אינסטיטוציע, וואָס איז דער פּראָדוקט פון דער גע... דיפּלאָמאַטיע פון די קאָנסערוואַטיווע פירער, וואָס פאַרשטאַרקט בלוי... די מאַכט פון קאַפּיטאַל, און שוואַכט אָפּ דעם קלאַסענבאַוואוסטזיין פון די מאסען, פאַרניכטענדיג איבערהויפּט די אַרבייטער־סאָלידאַריטעט.

4) דורך קאָלעקטיווע אַקציאָן פון איין אָרגאַניזירטער אינדוסטריע, צו שטיצען די צווייטע פאַר׳ן צוועק צו פאַרשטאַרקען די פּאָזיציע פון אַרבייטער־קלאַס.

*) וועגען דעם אויפשוואונג פון דער „שאָפּ דעלעגאַטען באַוועגונגען“ שרייבט ס. פאַרבער אין די „פרייע אַרבייטער שטימע“ פון 18טען אוי־

באוועגט זיך דאך אין די יוניאַנס פון אמעריקא אויף דעם וועג פון פראַגרעס.

לויט אלע אויסזיכטען, און נאך דער איבערגעגעבענער און אָפּ־פערוויליגער טעטיגקייט און פּראָפּאַגאַנדא מצד פון אלע בעסטע און אַקטיוויסטע כחות אין דער רייע פון פּראַגרעסיווע ראַדיקאַלע ארבייטער אין די יוניאַנס פאר די פאַרווירקליכונג פון דער דאָזיגער „שאַפּ סטיוארד" אידעע, וועט זיך דיזע באַוועגונג קרוינען אין לאַנ־גען רעזולטאַט מיט דעם בעסטען ערפאָלג.

האַבענדיג דיזע קאָלאָסאַלע אָפּאָזיציאָנס־מאַכט געזעצט אין באַוועגונג, קען מען קוקען מיט אויגען פול מיט האָפנונג אויף די פרוכטבאַרע טעטיגקייט פון די ראַדיקאַלע עלעמענטען פון אלע שאַ־טירונגען, וואָס פאַרשפּרעכט גרויסע רעזולטאַטען אין דער צוקונפט פון דער אמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג.

אלזא, אויך דאָ האָט די אָרגאַניזירטע ארבייטערשאַפט אָנגעה־הויבען זיך אָפּצוטרייסלען פון די פּירער – פאַרפירער וואָס האָבען איר דעם יאָך פון קאַפּיטאַליזם שווערער געמאַכט, און זיך גענומען באַפרייען פון די טאַפּעלטע קייטען סאַי אויפ'ן גוף דורך די בעלי בתים, און סאַי אויף איהר נשמה דורך דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע. און די צייט איז שוין ניט אַזוי ווייט, ווי די פּעסימיסטען גלויבען, אַז דער גאַנצער אמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך אינגאַנצען באַפרייען פון דער ביוראָקראַטישער קאַסטע און אַרויסטרעטען אויף דער געזעלשאַפטליכער ארענע אין א פאַראייניגטען באַנד אלס א

גוסט 1922 פאָלגענדעס: „די שאַפּ־דעלעגאַטען אידעע האָט געפונען א גרויסע צאָל אָנהענגער אין אזא רעספּעקטאַבעל אָרגאַניזאַציע ווי די מאַ־שינ־יסטען יוניאָן אין גאַנצע ניין (9) לאָקאַלען פון פאַרשידענע שטעט, האָבען באַשלאָסען איינצופירען די סיסטעם. פון די אידישע יוניאָנס איז אָפּגערעדט. די „קאַפּענמאַכער" האָבען עס לעגאַליזירט, „די מאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס" האָט די פראַגע שוין אויפגענומען אויף צוויי קאָנ־ווענציעס, און ווען סוף כל סוף אויך איינפירען ביי פילע אַנדערע יוניאָנס זיינען דיזע פראַגעס אויפ'ן טאָגעס־אָרדנונג, און וואָס ווייטער מוז די פראַגע אויפקומען אלץ אָפטער, וועיל דער לעבען אליין שטופּט אַרויס די פראַגע אין פאָדערגרונד".

פרייוויליג־געשלאָסענע אַרמיי אונטער דער לייטונג פון אמת־רע־וואָלוציאָנערע פירער און זיך אָנשליסען אַן דעם פאָרווערטס־מאַרש פון פראָגרעס, אום צוזאַמען מיט'ן אינטערנאַציאָנאַלען רעוואָלוציאָנערען פראָלעטאַריאַט דורכצופירען די היסטאָרישע מיסיע פון פאָליטישע פרייהייט און עקאָנאָמישע גלייכהייט.

שלום־וואָרט.

מיט די פאַקטען וואָס איך האָב פאַררעגיסטירט אין דעם דאָ־
זיגען בוך האָט זיך נאַטירליך ניט געקאָנט אויסשעפּען דער גאַנצער
מאַטעריאַל איבער די אַלע פראַגען. דער דאָזיגער מאַטעריאַל לאָזט
זיך בכלל ניט אויסשעפּען, פּשוט דערפאַר, ווייל די יוניאָן־באַוועגונג
אַלס אַ לעבענדיגע אינסטיטוציע, וואָס איז איינע פון די וויכ־
טיגסטע זייטען אין געזעלשאַפטליכען לעבען פון אַרבייטער קלאַס,
ברייגנט מיט זיך אַרויס יעדען טאָג פון איר עקזיסטענץ אַלץ נייע
פּאַסירונגען און אַלץ פרישע געשעענישען, וואָס זיינען ווערט פאַר
יעדען סאָציאָלאָגישען באָאָבאַכטער צו פאַרצייכענען אויף זיין גע־
ביט, אום צו קאָנען ציען שלום־פאָלגערונגען פאַר דעם אָדער יענעם
באַטרעפענדען ווערק. עס איז דארום ניט מער ווי נאַטירליך, אַז
אויך די פאַקטען וואָס איך האָב צוזאַמענגעקליבען זאָלען אַנט־
האַלטען ניט אַלע מאַטעריאַלען וואָס קאָנען דינען פאַר אַ פאַרענ־
דיגטע אַרבייט. דאָך, דער מאַטעריאַל וואָס איך האָב באַאַרבייט,
גלויב איך, איז גענוג געווען אום צו וואַרפען אַן אָפּשטראַלונג אויף
די שאַטענדיגע זייט פון דער אַמעריקאַנישער אַרבייטער־באַוועגונג
און אַרויסצוצייגען די העסליכע פּלאָג פון ביוראָקראַטיזם, פון וועל־
כער דער אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט קומט אויס אַזוי שרעק־
ליך צו ליידען אַלס אַ רעזולטאַט פון „טרויסטלאָזען פאַד יוניאָ־
ניזם.

דער אויפמערקזאַמער לעזער האָט זיכער באַמערקט אַז איך
האָב אָנגעפאַנגען מיט דער באַלייכטונג פון דער טעאָרעטישער
אויפפאַסונג פון די וואָרטפירער און לייטענדע גייסטער פון דער
יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקא און אָנגעוויזען טריט ביי טריט דעם
שעדליכען און אַבסורדען שטאַנדפּונקט סיי אין דער טעאָריע, סיי
אין דער פּראַקטיק פון דעם כאַראַקטעריסטיש־רעאַקציאָנערען גאָמ־
פּערסיזם. אין אמת׳ען איז דאָך געווען אויך וואָס אָנצוציינען, דיזע

„קעמפּער“ מיט זייער „פּיור ענד סימפּעל טרייד יוניאַניזם“ וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דעם „פילאָזאָפישען“ שטאַנדפּונקט פון אַ קרעמער, האַלטנדיג פאַר זיך בלויז דעם „וויכטיגסטן“ ציל צו דערגרייכן דעם באַרימטן אידעאַל פון „אַמעריקאַן סטענדאַרד אָף ליווינג“... אויפ׳ן באַזיס פון „אַן ערליכן טאָג אַרבייט פאַר אַן אַנשטענדיגן טאָג לוין“. אַן וועלכע ס׳איז העכערע סאָציאַלע אידעאַלן, וואָס זאָלן קענען באַגייסטערן די אַרבייטער־מאַסן אין זייער פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף מיט דעם מעכטיגן קאַפּיטאַליזם פון אַמעריקאַ פאַר אַ שענערע און מענשליכערע עקזיסטענץ אין דער צוקונפט, — זיי אַליין זיינען דאָך די גרעסטע טראַגעדיע פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטערשאַפט. און איך האָב ווייטער אָנגעוויזן, אַז אַט די יוניאָן־פירער אַרויסגעהענדיג פון דיזן ענגהערציגן שטאַנדפּונקט מיט זייער קרעמערישן פּראָגראַם, האָבן לאָגישער־ווייזע שוין געמוזט אַדאָפּטירן אַזאַ נעבאַכדיגע טאַקטיק אום צו פאַרזיכערן זייערע יוניאָן־געשעפטן וואָס זאָל ניט אַוועק ווייטער פון שתדלנות־פּאָליטיק פון אויסווירקן ביי זייערע הערן־קאַפּיטאַליסטן יענע לעבליכע פאַרבעסערונגען פאַר׳ן אָרימען יוניאָן־מאַן, דעם האָראָפּאַשניק, וואָס האָבן אין דער ווירקליכקייט קיין ממשות ניט פאַר די אינטערעסן פון די אַרבייטער.

ווען די פירער האָבן דאָס נישט געקאָנט אויסווירקן מיט גוטן האָבן זיי אין זייער גרימצאָרן געסטראַשעט און געוואָרענט ביז זיי האָבן זיך געכאַפּט צו דער „וואָפע“ פון „ברוגז“ זיין אויפ׳ן פיינד און באַלוינען די „פריינד“, און גענומען זיך נאָכשלעפּן מיט זייער „עק פּאָליטיק“ ביי יעדער פּאָליטישן וואַל־קאַמף פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, און טאָמער איז חלילה פון דיזע אַלע פּאָלאַטיוועס גאָר נישט ניט אַרויסגעקומען, און די אַרבייטער האָבן ניט נאָר נישט געקראָגן וועלכע ס׳איז פאַרבעסערונגען, נאָר זיי האָבן נאָך פאַרלאָרן זייערע עראָבערונגען און „סטאַנדאַרטס“ וואָס זיי האָבן געהאַט געוואונען פריהער, אַ דאַנק די בלוטיגע קאַמפּען דורך גענעראַל סטרייקס פול מיט הונגער און פּיין, ווי דאָס האָט געוויזן די „באַרמלאָזע קאַפּיטאַליסטישע מלחמה פאַר׳ן „אָפּען שאָפּ“ אַזוי גלענצענד אין די יאָרן 1920-22, אַרויסרופענדיג יוניאָן נאָך יוניאָן אויסצוגווייז אויף דעם אָפּענעם שלאַכט, און מאַנכע פון

זיי איינגאנצען פארניכטעט, ווי שוין אנגעוויזען, און אריינבייי־טשענדיג מיט דעם קנוט פון הונגער דעם אמעריקאנעם פראלע־טאריאט און דער אלטער שקלאפעריי פון פאר די מלחמה יארען. דאן האבען די פירער דיזע מפלות אראפגעשלונגען ווי ביטערע פי־לען, זיך טרייסטענדיג מיט „חלשות־טראפען“, אז דאס איז נאך „גם זו לטובה“, „ס'האט נאך ערגער געקאנט זיין ווען די ארבייטער האלטען נישט אוים“...

אויב אבער די ארבייטער־מאסען פארלירען זייער שקלאפען־געדולד און פאנגען אן צו רעוואלטירען געגען דיזען שקלאפען־צו־שטאנד און ווילען מער זיך ניט באנוצען מיט די דאזיגע מעטאדען פון די פירער מיט זייערע פארשידענע קרומע „אישום“ פון „סטענ־דארד אף פראדאקשאן“, וועלכע מאכט זיי צו פארלירען זייער לוין און זייערע שטונדען מיט דער גוטהייסונג פון די יוניאן־ארגאני־זאציעס, און זיי טרעטען ארוים אין אפענעם קאמף אפצושלאגען די ברוטאלע אנגריפען פון די קאפיטאליסטען, דאן טרעטען די פי־רער, צוזאמען מיט די בעלי בתים און מיט געדונגענע אגענטען, אונטער'ן שוץ פון דער רעגירונג, ארוים געגען די ארבייטער, מיט דעם געשריי פון „אומגעזעצליכע“ סטרייקס און טרייבען זיי צוריק צו דער ארבייט. כדי אבער די יוניאן־פירער זאלען קאנען דורכ־פירען זייער אויפגאבע: צוצוהעלפען די בורזשואזיע צו האלטען די ארבייטער אין קנעכטשאפט, האבען זיי אויפגעשטעלט אזא געביי פון די יוניאנס מיט די צענדליגע און הונדערטע פאכען און פא־בעלאך, וואו יעדער לאקאל ציט פאר זיך, אז די ארבייטער זיינען איינפאך צומישט, ניט פארשטעהענדיג איינער דעם צווייטען, און דאס פאראורזאכט די שארפסטע שטרייטיגקייטען צווישען די פי־רער פון די יוניאנס דורך די זאגענאנטע „יורסדיקציע“־קאמפען. ווען איין גרופע פירער וויל האבען א דעה אויף דעם פאך, און יענע גרופע פירער וויל האבען א דעה אויף יענעם פאך, ביז זיי פירען ענדליך צו צו דעם אז זיי רייצען אויף די ארבייטער פון איין פאך צו ברעכען די סטרייקס פונ'ם צווייטען פאך צום גרעסטען שאדען פון אלע ארבייטער, און די יוניאן־ביוראקראטיע ניצט דאס אוים צוצוטרעטען און פארניכטען אלע עלעמענטארע, דעמאקראטישע רעכטען פון די ארבייטער. זיי דערגרייכען עס דורך די ביורא־

קראטישע צענטראליזאציע וואס זיי האבען איינגעפירט אין ווירקליכען לעבען דורך די צענטראלע פארבאנדען איבער די קעפּ פון די לאקאלע יוניאנס, וואס זיינען כלומרשט געבויט אטאנאמיש אויף דעם זאגענאנטען „פעדעראליסטישען“ פּרינציפּ וועלכער בלייבט אבער אין דער ווירקליכקייט אימער א טויטער בוכשטאב אויפ׳ן פּאפּיר.

די דאזיגע שטעלונג פון די פירער צו דער דעמאקראטיע, וועלכע זיי האבען פארוואנדעלט אין א שפּאט, גיט זיי נאך דערצו די בעסטע געלעגענהייט צו ערציען די ארבייטער אין אזא קארומפּירטען גייסט פון הורא־יוניאניזם, אז די מיטגלידער ווערען פארוואנדעלט אין איינפאכע אטאמאטען אין די הענט פון די פירער, וואס רעדען פאר זיי, שרייבען פאר זיי און טוען אפּ אלע אומגערעכטיגקייטען אין זייער נאמען, ניט צולאזענדיג די ארבייטער אויסצודריקען אפילו זייער פרייע מיינונג אויף די יוניאן־מיטינגען און אין דער פּרעסע, וועלכע איז פאר זיי באגרענעצט און פארבאטען.

אונטער אזעלכע אומשטענדען, פארשטעהט זיך, אז די פירער הייבען אן צו קוקען אויף די מאסען ווי אויף א „מאב“ וועמען מען דארף ניט דינען, נאר וואס מען דארף פירען און באהערשען, באציענדיג זיך טאקי צו אים ווי צו אן אונטערגעווארפענעם קלאס פון א נידעריגען שטאנד. דאס בריינגט פארשטענדליך שוין אויך מיט אלס א נאטירליכע פאלגע א טויטענדע גלייכגילטיגקייט וואס דריקט זיך אויס אין די פּארמע פון א פּאסיווען באיקאט ביי די באליידיגטע מאסען, וועלכע לאזען איבער א דאנק זייער מענשענווירדיגען אינסטינקט די גאנצע יוניאן־טעטיגקייט אין די הענט פון א קלייזעל פּאליטיקאנטען, און די יוניאן־ביוראקראטיע נוצט עס ווידער אמאל אויס פאר אירע אינטערעסען. ביי אזעלכע באדינגונגען, ווען פון צענדליגע טויזענטער ארבייטער באטייליגען זיך נאר אין די יוניאנס נאר עטליכע הונדערט מענשען, איז עס א כלל אז ס׳מוז זיך אנטוויקלען א מאשין־פּאליטיק מיט וואס די הערשענדע מאכט אפּעלירט אנצוהאלטען איר קליקע הערשאפט איבער די מאסען. ווען די דאזיגע מיטלען פון מאשין־פּאליטיק וואס באשאפט א פּרוכטבארען באדען פון שווינדעל און קארופּציע העלפען ניט, געהען שוין די פירער א טריט ווייטער, און ווענדען דאן אן גוואלט

און טעראָר, אום צוריק צו שלאָגן דעם פאַרזוך פון דער „רענק ענד פייל" — וואָס מוז אלס געזעלשאַפטליכער עלעמענט פאַראינטערעסירט צו שטיין אין פראָנט פון דער יוניאָן־טעטיגקייט, איבערצונעמען די העגעמאָניע איבער די אָרגאַניזאַציאָנס פאַרוואַלטונגען און צו דינען די אינטערעסן פון די אַרבייטער מאַסן, פון וועלכע זיי זיינען אויך אַ טייל.

דיזע גוואַלט־מיטלען פון טעראָר, וואָס רייסן אויף די אויגן פון דער וועלט און באַשאַפן פּראָטעסט־באַוועגונגען און פיל מאָל גרויסע רעוואָלטען זייטענס די אַרבייטער, פאָדערן שוין אויך פון איין זייט אַ פאַרפאָלגונג פּאָליטיק אום דיזע צוזאַמענשטויסונגען צו אונטערדריקן און אַ דרויסענדיגע מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילפע פון דער אַנדערער זייט. די ערשטע הילף ציען די יוניאָן פירער פון די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער אלס זייערע קאָלעקטיווע פאַרבינדעטע צום אינדוסטריעלן קאָנטראַקט... און קלייןבירגליכע בורזשואַזע ליבעראַלן וואָס זיינען די קאַפּיטאַליסטישע לאַקייען און געזינונגס חברים גיבן די צווייטע שטיצע פון אַ מאָראַלישן כאַראַקטער. אויך ניצן די פירער אוים די „אויך מיר סאָציאַליסטישע" און „אַנאַרכיסטישע" אינטעליגענץ פאַר וועמענס געמיינזאַמע צוועק — דער קאַריעריזם. עס אַרבייטן צוזאַמעןביידע פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן.

אַלזאָ, פון דעם דאָזיגן איבערבליק איז צו זעהן, אז די פאַקטען, וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט, זיינען, דאַכט זיך, גענוג געווען אויפצואווייזן די פילע רינגען פון דער שווערער קייט, וואָס איז פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע אַרויפגעוואָרפן געוואָרען אויף די אַמעריקאַנער אָרגאַניזירטע אַרבייטערשאַפט און וועלכע האַלט אים געפּענטעט דעם קערפּער און גייסט, אַזוי אז עס איז פאַר אים שרעקליך שווער צו מאַכען אַ שריט פאָראויס אויפ'ן וועג פון רעוואָלוציאָנערן פּראָגרעס. איך האָב אָבער אויך אָנגעוויזן אין קורצע אָבער דייטליכע שטריכען, אז די אַרבייטער, אַ דאַנק דער קאַטאַסטראָפישער אויפטרייסלונג וואָס די וועלט מלחמה האָט פאַראורזאַכט, מיטברייננגענדיג מיט זיך אַזאַ שרעקליכען צוזאַמענברוך פון דער קאַפּיטאַליסטיאָער ווירטשאַפט און קאָנוואַלסיווע אויסברוכען פון לאַנג־דויערענדע עקאָנאָמישע קריזיסן, האָט אויך

אריבער געווארפען פון יענעם זייט ים אן עפּידעמישע אומרו, וואס האט אפילו דעם אויף טויט דערשלאגענעם אמעריקאנער פּראלעטאריאט אויך אנגעשטעקט און לאזט שוין אים מער ניט ליגען אין זיין „הינער פּלעט". וועקענדיג און רופענדיג אים ארויסצוטרייסלען דעם יאך פון דער קאפּיטאליסטישער עקספּלואטאציע און אויסצורייניגען די רייען פון דער יוניאן באוועגונג פון אלע אפּארטוניסטישע פירער־פּארפּירער וועלכע פערראטען זיינע אידעאלען און די אידעאלען פון אלוועלטליכען פּראלעטאריאט פון דער סאציאלער רעוואלוציע. אין דעם באהילפיג צו זיין איז די איינציגע און הייליגסטע פליכט פאר יעדען מוטיגען ראדיקאלען טוער פון אלע שאטירונגען וואס איז נאר ניט קיין לאקיי ביי דער פּראפעסיאנאלער יוניאן־ביוראקראטיע. וואס עס איז געבליבען צו טאן איז אויפצוהאלטען די רעוואלוציאנערע דערוואכונג און העלפען אלס אומאבהענגיגע קעמפער מיט פּראפּאגאנדע און טאט, צו רייניגען די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג פון דיזע אלטע, אבגעלעבטע פארמען, צוזאמען מיט זייערע אונטערשטיצער. און דאן וועט דער ענטשיידענער זיג פון דער סאציאלער רעוואלוציע אלס די באפרייאונג פון דער מענשהייט זיין געזיכערט.

ע נ ד.